STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00668

R. AB

Zalman Yizhak Anokhi

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Ethel Rose Bolton
in memory of
Saul Bolton

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. י. אנכי

ר' אבא און אַנדערע כתבים

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

90

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו
פֿאַרלאַגס-לייטער:
אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון די דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

ז. י. אנכי

ר׳ אבּא
און אנדערע כתבים

איינלייטונגס־ווערטער:
א. קריב און א. ש. יוריס

אילוסטרירט דורך
ב. קראַטקא

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס־איירעס 1953 — תשי״ג

(אַרויסגעגעבן מיט דער פינאַנסיעלער הילף פון דער ייִדישער פאָלקס־באַנק)

דאָס דאָזיקע בוך איז געדרוקט געוואָרן אין חודש יוני 1953, אין דער
דרוקעריי פון ברידער זלאָטאָפּיורא — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס איירעס

אינהאַלט

***	VII
דער דיכטער פון ר׳ אבא — א. קריב	XI
מיט ר׳ אבא אין אַרגענטינע — א. ש. יוריס	XXVI
ר׳ אבא	35
אַ נייער ניגון	50
ר׳ בער	59
אַמאָליקער בטחון	70
מען רופט	75
מען רופט צום רבין	81
אַמאָליקע שמחות	90
עס איז אַ שרפה	105
ר׳ אלחנן	119
אליהו דער שוחט	137
אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל	157
דאָס אייניקל	171
חלומות	181
אלול	193
עטעלע, די גאָלדענע פאַווע	240
ביכער־רשימה	290
פרעסע־שטימען	293

**
*

ז. י. אנכי (זלמן־יצחק אַראָנסאָן) איז געבוירן געוואָרן י״ז תמוז 1878 אין דער שטאָט ליאַדי (ווייסרוסלאַנד), שטאַמט פון אַ באַוווסטער חסידיש־רבנישער משפחה. זיין פאָטער, אַ ברודער פונעם קיִעווער רב, איז געווען רב און ראש־ישיבה אין ליאַדי.

ז. י. אנכי האָט געלערנט אין די ישיבות פון ליאַדי און טעלז און ביי די מוסרניקעס אין סלאָבאָדקע.

קומענדיק אין שפּעטערדיקע יאָרן קיין אָדעס, איז ער אַרעסטירט געוואָרן פאַר זיינע פאַרבינדונגען מיט די אַנאַר־כיסטישע קרייזן און איז אָפּגעזעסן אין די תפיסות פון אָדעס און ווילנע.

ז. י. אנכי, אַ יוגנט־פריינט פון ר׳ הלל צייטלין, י. ח. ברענער און א. נ. גנעסין, האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט דער חסידישער פּאָעמע אין העברעיִש „הינוקא״, וועלכע ער האָט אין יאָר 1903 פאַרעפנטלעכט אין „השלח״. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ רייע אַנדערע העברעיִשע שאַ־פונגען און אין יאָר 1905 האָט ער אָנגעהויבן שרייבן ייִדיש. ווי עס גיט־אָן זלמן רייזען אין זיין „לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור און פרעסע״, איז דאָס געשען איבערהויפּט אַ דאַנק

י. בערשאַדסקי און ד״ר יוסף לוריע, דעם רעדאַקטאָר פון „דאָס אידישע פאָלק״, ווו עס זענען דערשינען אנכים דערציי־לונגען „אליהו דער שוחט״, „חיים וואַלטערמאַן״, „מאניע״, „גבריאל״, און שפּעטער האָט ער שוין סיסטעמאַטיש פאַר־עפנטלעכט זיינע שאַפונגען אין פיל אַנדערע יידישע ליטעראַ־רישע אויסגאַבעס.

דאָס פּאָפּולערסטע ווערק פון ז. י. אנכי איז דער ציקל מאָנאָלאָגן אונטערן נאָמען „ר׳ אבא״, וואָס ער אַליין פלעגט אויף אַ העכסט־מייסטערהאַפטן אופן פאָרלייענען. אַן אויסגע־צייכנטער קענער פון ליטווישן חסידות, האָט אנכי אין דער געשטאַלט פון ר׳ אבאן אַרויסגעבראַכט אַ פּרעכטיקע כאַראַק־טערפולע פיגור און אויף אַן אומעטיק־האַרציקן, ראָמאַנטישן אופן פאַרבייגעפירט טיפּן פון דער אונטערגייענדיקער פאַר־צייטיקער פרומער וועלט.

מיט די רעציטאַציעס פון זיין „ר׳ אבא״ און פון אַנדערע זיינע ווערק האָט ז. י. אנכי באַזוכט די וויכטיקסטע יידישע צענטערן פון אַמאָליקן רוסלאַנד און שפּעטער אויך אין אויס־לאַנד. אין יאָר 1911 האָט ער צום ערשטן מאָל באַזוכט ארץ־ישראל און די דאָזיקע נסיעה געשילדערט אין דער דערציילונג „אונדזער לאַנד״, וואָס איז איינע פון די ערשטע בעלעטריסטישע שילדערונגען פון דעם נייעם יידישן לעבן אין דער יידישער ליטעראַטור.

די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און פון דער גרויסער רעוואָלוציע האָט ער פאַרבראַכט אין רוסלאַנד, ס׳רוב אין קרים, ווו ער האָט געשאַפן אַ רייע גרעסערע ווערק, צווישן אַנדערע די דראַמע „עטעלע״, וואָס ווערט צום ערשטן מאָל געדרוקט אין דעם דאָזיקן בוך.

אין די יאָרן 1923 און 1924 האָט ער באַזוכט אַרגענטינע, אורוגוויי און בראַזיל, ווו ער איז מיט גרויס דערפאָלג אויפגעטרעטן מיט פאָרלעזונגען פון זיינע אייגענע ווערק.

ז. י. אנכי האָט געהערט, נעבן פרץ הירשביינען, ה. ד. נאָמבערגן און לעאָן כאַזאַנאָוויטשן, צו די ערשטע באַרימטע יידישע שרייבער, וואָס האָבן באַזוכט די נייע, דאַן נאָך אַזוי יונגע, יידישע ישובים אין דרום־אַמעריקע.

ווײַלנדיק אין אַרגענטינע האָט ער אין „די אידישע צייטונג״ פאַרעפנטלעכט אַ רייע פון זיינע נייע שאַפונגען, צוו. אַנד. „אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל״ און זיין פאָעמע אין פראָזע „אלול״.

נאָכן צוריקקומען פון דרום־אַמעריקע האָט ז. י. אנכי סוף 1924 זיך באַזעצט מיט זיין משפּחה אין ארץ־ישראל, ווו ער האָט איבערגעזעצט אויף העברעיש זיין „ר׳ אבא״ און אַנדערע ווערק און אויך אָנגעשריבן אַ רייע אָריגינעלע ווערק אין העברעיש צוו. אַנד. די דראַמע „הבית״, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אויף דער העברעישער בינע.

זיינע ווערק אין יידיש און אויך אין העברעיש זענען עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן און האָבן געהערט צו די פּאָפּולערסטע ווערק פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור.

„ר׳ אבא״ איז אויך דערשינען אין אַ דייטשער איבערזעצונג אין דעם שאָקען־פאַרלאַג אין בערלין.

„ר׳ אבא איז אילוסטרירט געוואָרן דורכן באַרימטן מאָלער ב. קראַטקאָ. מיר ברענגען די דאָזיקע אילוסטראַציעס אין דעם דאָזיקן בוך לויט דער אויסגאַבע פון ב. שימינס „וועלט־ביבליאָטעק״, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1911.

ז. י. אנכי איז געשטאָרבן אין תל־אביב א׳ חשון 1948 און מיר פֿאַרעפֿנטלעכן דעם אויסוואַל פֿון זײַנע כתבים אין אונדזער ביכער־סעריע צו די 30 יאָר נאָך זײַן באַזוך אין די ישובים פֿון דעם דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט — ווי אַ דערמאָנונג און באַערונג פֿון דעם אַזוי פּאָפּולערן און באַליבטן ייִדישן שרײַבער.

די רעדאַקציע

בוענאָס־איירעס, יוני 1953



ج. ا. علو

א. קריב

דער דיכטער פון ר׳ אבא

אַמאָל, ביי ייִדן, פלעגט מען אָנרופן מחברים מיט די נעמען פון די ספרים זייערע, ווו זיי האָבן אַריינגעלייגט זייער גייסט און זייער נשמה. אין דער נייערער ליטעראַטור האָט קיין שום ספר נישט זוכה געווען, אַז דער נאָמען זיינער זאָל זיך צוקלעפּן צום מחבר. נאָר איין שרייבער איז געווען, טאַקע אנכי, וואָס זיין נאָמען און דער נאָמען פון זיין העלד זע־נען ביי אונדז אַזוי צונויפגעפּאַלן, אַז ווען מען פלעגט זיך טרעפן מיטן מחבר, האָט נישט ווייניק אַ צאַפּל געטון אויף דער ליפּ דער נאָמען ר׳ אבא. אָט־אָ די זעלטענע דערשיינונג זאָגט עדות וועגן אַן אויסערגעוויינלעכן באַהעפט צווישן דעם מענטש און זיין שאַפונג. ווייל אַקוראַט ווי עס איז געווען אַ ר׳ אבא פון אנכי, איז געווען אויך אַן אנכי פון ר׳ אבא, און איינער האָט געגעבן השארת־הנפש דעם צווייטן.

דער ליטעראַרישער האָריזאָנט, צו וועלכן אנכי האָט געהערט, האָט אונדז אָפּגעווייטערט. זיינע ליכטיקע שיינען זענען נעכטיקע. זיינע וואָלקנס פּאַרטונקלען נישט מער קיין שטיק הימל איבער אונדזערע קעפּ. אָבער אין יענעם האָריזאָנט זענען פאַראַן שטיקער פון אַזאַ גלאַנץ, וואָס דער אונטערגאַנג וועט פאַר אונדז נישט האָבן קיין שליטה איבער אים — דער גלאַנץ פון „אַמאָל ביי ייִדן״. און אנכי איז צוזאַמען מיט אַנדערע איינער פון די, וואָס האָבן אָט דעם גלאַנץ אויפגעהאַנגען אויף אונדזער ליטעראַרישן האָריזאָנט.

אָבער די קאַפּיטלעך ר׳ אבא זענען נישט בלויז באַהאַרצטע שטיקער

פון „אַמאָל ביי ייִדן‟. ר׳ אבא אַליין איז אי אַ באַזינגער אי אַ באַוויינער פון דעם „אַמאָל ביי ייִדן‟, און דאָס איז דער מער אין אים אַנטקעגן די אַנדערע ליבלעכע און טייערע לייטזעליקער פּונעם עבר צווישן אונדזערע שרייבער, וואָס ער שפּרייט־אויס די פּראַכט פון זיין דור אויף דער בימה פון די דורות און רופט אויס: אדרבא, טוט נאָר אַ קוק און איבערצייגט אייך! ער האָט געזען און געוווסט וואָס ער זעט: דער דור, וואָס קומט, אַנטלויפט און פאַר די פיס ליגט אים באַהאַלטן דער באַרג־אַראָפּ. ער האָט אָבער אויך פאָרויסגעפילט און נישט געוווסט וואָס: אַרום איז שוין אַרומגעגאַנגען אַ שטאַרקער מורמל וועגן דער כלומרשטער ירידה פון זיין לעבן, פונעם לעבן פון זיין גאַנצער סביבה, וואָס ער איז אין איר געווען בלויז איינער פון די מיטלמעסיקע. און ר׳ אבא לייקנט אָפּ מיטן גאַנצן קול און מיט דער פולער נשמה דעם בלבול. ער דערציילט מיט התלהבות, שרייט מיט געזאַנג, אַז נישטאָ קיין פולער און שלימותדיקער לעבן ווי דאָס לעבן פון אָט דעם אַלטן ייִדישן דור, וואָס חסידות האָט אים באַנייט און פאַרטיפט די ברונעמער און אָנגעזעטיקט דאָס האַרץ און די נשמה, אַריינגעבראַכט קינדהייט אין דער עלטער און דערנענטערט הימל צו דער ערד און ערד צום הימל. אָבער ר׳ אבא ווייסט גוט, אַז זיין השתפכות הנפש פועלט נישט און זיין אויסטענהן זיך האָט נישט דעם כוח אָפּצושטעלן דעם צייט־גייסט. זיין לעבן איז געבענטשט געוואָרן מיט מים חיים, אָבער נישטאָ קיין וואַסער צו פאַרלעשן די שריפה, וואָס זיינע אַלטע אויגן זעען אַרום. און אין דער דאָזיקער טראַגישקייט גייט אויין יענער לעצטער ייִדישער דור, וואָס האָט נאָך געהאַט גוטע צייטן אין די אַלטע היימען.

צי עקזיסטירט נאָך ערגעץ־ווו אַ ר׳ אבא, אָט ווי ביי דעם מחבר זיינעם? ווער ווייסט. אָבער אין עולם האמת זענען אויך פאַראַן געשטאַלטן פון דער ליטעראַטור, און דאָרט לעבט און לייכט אנכיס ר׳ אבא, און ממילא וועט אויך דער נאָמען פון זיין מחבר דאָרט זיין פאַרקניפּט אינעם בונד פון לעבן.

אומעטום, ווו ער איז אָנגעקומען פון וואַנדער־וועגן צו זיינע נשמה־ברעגן, האָט ער גיך ווי אַוועקגעשטעלט אַ מצבה.

אָבער אויך אויף זיינע אָפּגעריסענע בלעטער זענען אָנגעצייכנט עטלעכע הויפּטשטריכן פון די גייסטיקע וואַנדערונגען פון אַ סך ייִדישע שרייבער און אינטעליגענטן אין יענער צייט.

געווען אַמאָל, ווי באַוווּסט, אַ מאַן, וואָס האָט זיך געלאָזט אויף מערב־זייט, כדי צו דערגיין צו עק מזרח. און אין מיטן וועג האָט ער אַנטפּלעקט אַ נישט־באַקאַנטן קאָנטינענט. ביי אונדז האָבן אַ סך זיך אַרויסגעריסן צו אַנטפּלעקן אַ נייע ערד און אַ נייעם הימל, און צום סוף זענען זיי צוריק־געקומען און האָבן מיט גרויס האַרצקלאַפּעניש אַנטדעקט די ערד און דעם הימל פון זייער אויסגאַנג־אָרט. צו זיי האָט אויך געהערט אנכי.

ער איז געווען איינער פון אַ דור שרייבער, וואָס האָבן אָנגעהויבן מיט אַ בין־השמשות־געזאַנג פון אַן איבערגאַנג־צייט. אַ סך גוטע יונגע־לייט אונדזערע, אידעאַליסטן, האָבן זיך דעמאָלט אָפּגעריסן פון אונדזער אַלטן ברעג, כדי צו דערגיין צו נייע באַהאַלטענע תחומים; אָבער אין יענעם געאיילטן אָפּפאָר האָט דאָס האַרץ נישט קלאָר געזאָגט, וואָס עס איז דער געגאַרטער ברעג. דאָס האַרץ האָט זיי געטראָגן און נישט געוווּסט וווּהין געטראָגן. דער אונטערגאַנג הינטער זיי איז פאַר די זין פון יענעם דור געווען עפּעס דורכויס זיכערס, אָבער דער אויפגאַנג פאַר זיי איז געווען אַ מין אומקלאָרע נבואה פונעם האַרצן, און איז על־פּי־רוב נישט מקויים געוואָרן. אַ סך יידישע יונגעלייט, וואָס דער ווינט האָט דעמאָלט פאַרטראָגן, האָט פאַרשלעפּט דער שאָטן און נישט דאָס ליכט. זיי זענען אַוועק פונעם היימישן טיש און די פרעמדע וועלט האָט זיי נישט פאַר־בעטן צו קיין שום אַנדערן טיש. זיי זענען אַרויס זוכן זייער לעבן און דער גאָט פונעם לעבן האָט פון זיי פאַרבאַהאַלטן זיין פּנים. אָט די פאַר־וואָגלטע, פאַרמשפּטע נישט צו שטעלן זיך קיינמאָל אויף די פיס, האָט דעמאָלט די ליטעראַטור אַריינגענומען אין איר טרויעריקן געצעלט.

אויך ז. י. אנכי האָט געהערט צו די וואַנדערער און זוכער, צו יענע וואָס וואָגלען „צווישן הימל און ערד", צווישן שמאַכטונגען פון דער נשמה און שמאַכטונגען פונעם האַרץ, וואָס האָבן געצויגן אַהער און גע־צויגן אַהין, אָבער ביז צו אַ זעטיקן קוואַל, ביז צו אַ „קרעניצע" פון מים חיים איז ער נישט דערגאַנגען. און פון אַלע געשטאַלטן, וואָס ער האָט באַשריבן אין יענער תקופה, פון דעם העברעישן „ינוקא" ביז וואָל־טערמאַן און אַנדערע, איז נישטאָ אפילו קיין איינע, וואָס האָט געהאַט אַן אויסלייז. זיינע טויבן, אַרויסגעשיקטע צו אונדזער אַלטן תחום, האָבן נישט געפונען פאַר זיך קיין רו און אויך נישט געבראַכט קיין שום זיתים־בלעטל אין מויל. אַ טייל פון זיי גליווערן איינגאַנצן אָדער גליווערן האַלב אין אַ פרעמדער און קאַלטער וועלט. האָט ער זיך ווידער געווענדט מיטן

פנים צום פאַרלאָזטן ברעג און ווידער געפונען די וואַרעמע סטרעפּע פאַר זיין נשמה און דאָרט איז פון אים אָפּגעפאַלן דאָס אויסערלעכע פאַר־גליווערטע הייטל פון אנכי־וואָלטערמאַן און ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט דער תוך פון אנכי—ר׳ אבא.

נישט ווינציק האָבן, ווי ער, זיך אומגעקערט מיט ליבשאַפט און לייטזעליקונג. אמת, דאָס ראָד פון דער צייט האָט זיך נישט צוריקגע־דרייט מיט זיי. און די, וואָס זענען אַוועק פונעם טאַטנס טיש, זענען נישט צוריקגעקומען צו דעם טיש ממש; זיי האָבן בלויז ווידער געשפּירט, אַז יענער טיש איז געווען געדעקט צו ברכה. און דער גרעסטער פון די ליטעראַרישע צוריקקערער איז געווען י. ל. פּרץ.

אָבער אנכי האָט פאַר זיך אַנטפּלעקט נישט בלויז דעם וועג אַראָפּ צום פייערל פון אַמאָליקע טעג, נאָר אויך דעם וועג אַרויף צום ליכט פון קומענדיקע טעג. ער האָט געהאַט דעם זכות צו זיין פון די, וואָס האָבן געשריבן די ערשטע בלעטלעך פון ארץ־ישראל אין באַנייונג. אָבער אויך אין זיין דערציילונג „אונדזער לאַנד״, וואָס האָט מיט אַזויפיל יאָרן צוריק געבערענגט די לייענער פון גלות דאָס ליד פון ארץ־ישראל אין ראָמאַנטישע קלאַנגען, איז צווישן די פלאַנצער און פאַרטיידיקער אויך פאַרזעצט אַ ייִד פון ר׳ אבאס שטייגער. און ביידע וואַרעמע סטרעפּעס פון דער ייִדי־שער נשמה — „אַמאָל ביי ייִדן״ און „אונדזער לאַנד״ — צעקושן זיך ביי אים אין ליבשאַפט און ברכה.

אין זיינע לעצטע יאָרן האָט זיך פון אים אָפּגעשיילט דער שריפט־מענטש און איבערגעבליבן איז אין זיין ריינקייט און איינפאַכקייט דער פאָלקס־מענטש, דער וואָס איז געווען מיט זיין פּען בעת ער האָט גע־שריבן די בעסטע שאַפונג זיינע. זיין האַרץ איז געווען פול מיט אהבת ישראל, ווי דער פּשוטער טייטש איז, אין נוסח פון „אַמאָל ביי ייִדן״, און אהבת ארץ־ישראל. צו אַלט איז געווען אָט דאָס האַרץ צו דערגרונטעווען אַלע פּירוד הלבבות פון כל המינים. עס האָט געקלאַפּט אין טאַקט פון דער אַלטער תמימות און אין טאַקט פון די אַלטע ליבעס.

***

ווער עס קען דעם שרייבער אנכי נישט בלויז לויט זיינע באַקאַנטע שאַפונגען, וועט זיין איבערראַשט, אַז ער וועט אין דער זאַמלונג שריפטן

זיינע געפינען נישט בלויז צוגאָב־שטריכן צו זיין פּאָרויסגעזעענער גע־שטאַלט, נאָר אויך שטריכן, וואָס עס זעט אויס, אַז זיי זענען איר סותר. און נישט גרינג וועט אויסגעהאַקט ווערן פאַר ז. י. אנכין די קורצע פאָרמולע, ווי ס'איז פאַר אונדז איינגעוויקלט דער תמצית פונעם שריי־בערס אייגנטימלעכקייטן. פאַרשידענע שטראָמען גייען אום אין זיינע שריפטן. אָט איינע טראָגן מיט זיך גרויס דביקות, אַ גרויסן אַני מאַמין; די אַנדערע ווידער — זוכענישן און טראַכטונגען. פאַראַן אין זיינע כתבים אי אַ קוש פון כלות־הנפש פאַר אונדזער אַלטער וועלט, אי אַ פרימאָרגן־קוש פאַר דער נייער יידישער הויה, אי נשמה־אויסגיין פון צווישן־דעמערונג.

מיט די מענטשן פון זיין דור איז אנכי אומגעגאַנגען אויף דער גרע־נעץ פון צייטן בייטן זיך. און דער אַנהייב זיינער איז געווען גע־ווענדט נישט צום אידעאַלן און ראָמאַנטישן, נאָר דווקא צום איינגעבראָ־כענעם, צום אויסגייענדיקן אין דער יידישער גאַס. דאָס אויג האָט אַרום זיך געזען איינבראָך אין די מויערן, נפשות געשטרויכלטע, פאַרוויאַנעטע צווייגן. אָבער אַז דאָס אויג האָט זיך פאַרטיפט, האָט עס געזען אַלטע וואָרצלען פאַרשטעקטע אין טיף פון ערד, וואָס וועלן נישט אויפהערן אַרויסלאָזן נייע און פרישע וואָרצלען צו גאָטס הימלען.

***

מיט אַ העלד פון דער ראַסע פון נחמן אין פייערבערגס „וווהין", האָט אנכי אָנגעהויבן — מיט איינעם אַ מורד פון אונדזער אַלטן תחום, אַ מענטש מיט אַ גרויסער נשמה, וואָס האָט געדאַרפט ווערן אַ וועג־ווייזנ־דיקער ליכט־טורעם און איז געוואָרן אַ פאַלנדיקער שטערן. אין די שרשים פון זייער נשמה און אינעם גורל פון זייער לעבן איז פאַראַן גרויס נאָענטשאַפט צווישן דעם רבינס „ינוקא" און נחמן דעם רבס. בלויז דאָס אומרו־וואָרפעניש פון דער אויפגעשטורעמטער נשמה צווישן דער וועלט פון ישראל סבא און דער דרויסנדיקער וועלט, וואָס האָט בשעתו גע־מאַכט פייערבערגס „וווהין" פאַר דער צענטראַלער דערציילונג אין אונ־דזער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך צו יענער צייט געדרייט אַרום דער דאָזיקער אַקס — האָט דער „ינוקא" נישט פאַרמאָגט ווי יענער. פון דעם וואָס עס איז אַנגעוווּנקען אין אנכיס דערציילונג, און דאָס איז מער ווי דאָס אויסדריקלעכע, דאָס אַרויסגעזאָגטע, לערנען מיר, אַז זיין „ינוקא"

איז נישט איינער פון די, וואָס האָבן געזען אַ וועלט אַ פאַרעלטערטע און פאַרקריפּלטע ביי אונדז און אַ שיינע, לייטישע וועלט ביי די אַנדערע. זיין יסוד איז מער ניטשעאַניש אידער בערדיטשעווסקיש. די שיינע וועלט איז נישט בנמצא אויך דאָרט, „אויף יענער זייט טייך", זי איז בכלל נישט פאַראַן, מ'דאַרף זי ערשט באַשאַפן, און ווייל ס'איז נישטאָ אַ וועלט פון איין זייט און אַ וועלט פון דער אַנדערער זייט, איז נישטאָ קיין כף־הקלע פון דער פראַגע „וווהין". דער ינוקא איז אַ מענטש פון „ברי" (אויף וויפל ער זאָגט עס אַרויס דייטלעך) און נישט פון „שמא". ער טראָגט מיט זיך נייע לוחות אַנשטאָט די פון זיינע אבות, וואָס ער האָט צעבראָכן. און פונדעסטוועגן איז ער נישט געוואָרן קיין וועגווייזער פאַרן דור, נאָר זיין וועג האָט זיך איינגעבראָכן. ער גופא קלערט אויף דעם דורכפאַל פון זיין לעבן אויף אַזאַ שטייגער: „איך האָב זיך איבערצייגט, פנחס, אַז איך בין באַשאַפן געוואָרן בלויז פאַר דער נייער וועלט, איך בין געבוירן גע־וואָרן צו ליגן אין אירע אָרעמס און נישט זי צו באַשאַפן".

דער דאָזיקער קורצער ווידוי באַזייטיקט די טיטאַנישקייט, וואָס איז אַנגעוווּנקען אין דער געשטאַלט פונעם ינוקא. אָט דער העלד, ווי די איבעריקע העלדן, וואָס זענען אויפגעקומען אין אונדזער ליטעראַטור נאָך דער השכלה־צייט, איז, הייסט עס, בלויז אַ קרבן פון זיין שוואַכקייט און נישט אַ קרבן פון זיין גבורה. אין זיינע אבות האָט ער מורד געווען, אָבער ער ברענגט נישט אויף קיין כוח צו ווערן איינער פון די אבות פון דער וועלט, וואָס ער האָט אין זיין זעונג. און נאָך מער, אַז ער פאַלט אַרויס פונעם לעבנס־בונט פון זיינע אבות, פאַלט ער אַרויס פונעם לעבן בכלל, נישט האָבנדיק אפילו געפאַלן אין קאַמף קעגן אים. ווייל דער זין פון קאַמף פון טאַטעס און זין איז, אַז די זין ווערן זעלבשטענדיק, כדי צו ווערן טאַטעס פאַר אַ נייער תקופה. עס זענען אָבער פאַראַן נפשות, וואָס ווערן געבוירן אַלס זין פון אבות, וואָס זענען נאָך נישט געבוירן געוואָרן. צו זיי געהערט אויך אנכיס ינוקא.

אַ סך שרייבער אין יענער צייט האָבן באַמערקט די יוירנדיקע כוחות צווישן אונדז ביי זייער אומקום און נישט ביי זייער באַפרוכפּערונג. ס'איז אַ טראַגישער שטריך ביי אַלע העלדן פון אונדזער ליטעראַטור, אַז אַ נייער ברעג האָט צו זיי געוווּנקען פון דער ווייטנס און על פּי רוב איז דער צייכן פון אומקום געווען איינגעקריצט אויף זייער שטערן. בלויז איצט, נאָך עטלעכע צענדליק יאָרן, מעגן מיר באַמערקן, אַז נישט אומ־

זיסט האָבן די טרוימער געטרוימט און די קעמפער געקעמפט. נישטאָ קיין בלישטש, וואָס איז נישט געוואָרן קיין אש תמיד; נישטאָ קיין קערנדל זאָמען, וואָס איז געפאַלן אין דער שטיל, עס זאָל דערפון קיין געוויקס נישט האָבן אויפגעגאַנגען. און אפילו די אַפּאָריסטישע פסוקים וואָס דער ינוקא זאָגט אין זיין לעצטער שעה ווי אַ צוואה פון זיין לעבן: „זיי האָבן באַשאַפן שיינע און הייליקע הימלען — זאָלן זיי אויך באַשאַפן אַ שיין און הייליק לאַנד. דאָס פאָלק ישראל האָט באַשאַפן גאָט, דאַרף עס איצט אויך באַשאַפן דעם מענטש" — זיי זענען נישט געבליבן קיין יתומים. וואָרום אין דער אמתן, מיר האָבן באַקומען קינדער וואָס ווערן אבות פאַר נייע דורות, און זייער גאַנג אין לעבן איז צו באַשאַפן „אַ שיין און הייליק לאַנד".

די שטורמישע געשטאַלט, מיט וועלכער אנכי האָט געעפנט זיין בלאַט אין אונדזער ליטעראַטור, איז געבליבן פאַראיינזאַמט אין זיין שאַפונג, אָבער שטריכן ציִען זיך פון איר אויך צו זיינע וויטערדיקע דערציילונגען. אָט איז אַ רב ביי יידן און בעל־מדרגה — „ר' אלחנן", — וואָס עס האָט זיך אים אין האַרצן פאַרגנבעט אַן אומקלאָר פרעגעניש איבער די דרכים פונעם רבונו של עולם אין זיין וועלט און איבער דער וועלט גופא... עס איז ביי אים אָפּגענומען געוואָרן די גרויסע זיכערקייט פון זיינע גרויסע פאָרגייער, וואָס ער שטרעבט צו זיין ווי איינער פון זיי... דער סוד פון דער הויה ליגט שווער אויף ר' אלחננען און פלעכט אין אים יענע עצבות, וואָס האָט שוין אין זיך עפּעס פון דעמעריקייטן פון די העלדן, וואָס אויסער זיין מחיצה. ער ציט זיך צו הויכע מדרגות, אָבער פאַר זיינע פיס ליגט די סכנה פון פאַלן. אין ר' אלחננס נשמה שפּראָצט נישט ווויסנדיק די שפּאַרונע, וואָס האָט זיך צעעפנט ביי יענעם ינוקא און שוין אין אים איז פאַרבאַהאַלטן דער ערשטער אויפפלאַץ פון אַן איבערגאַנגס־דור.

און אַזוי ווי אַן אויפבליץ פון אַן אַנדערן שטייגער ניי נשמה־לעבן פינקלט אויך אין „אליהו דער שוחט", וואָס עס דערוואַכט אין אים עפּעס אַ חוש, דערווייל נאָך אַ באַהאַלטענער און פאַרשעמטער, צום שיינעם און אַ מין דורשטיקייט צו אים, אָבער דאָס מיאוסע נעמט אים אַרום. אָט די נשמה איז שענער איידער איר סביבה, זי איז אָבער צו שוואַך צו מאַכן אין איר דעם מינדסטן איינבראָך, עס זאָל איר לויזער ווערן, און ווערט אין איר אויפגעפרעסן. די דערציילונג וואָלט געווען וואָגיקער, ווען דער דערציילער וואָלט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער זייט פון זיין העלד, וואָס צאַפּלט זיך אַרויסצובאַקומען אַ קאַפּ פון זיין ענגשאַפט; ווען עס וואָלט

אין דער דערציילונג געצאַפּלט ליבע צו אים. אָבער אַקוראַט ווי עס איז דאָ נישט פאַראַן אינעם פּנים פונעם שטעטל קיין שום חן־פּינטעלע, האָט דער דערציילער אויך דעם מענטשן פון זיין סיפּור נישט צוגעטיילט קיין חן — נישט געמאַכט אים פאַרן חן־פּינטעלע פונעם שטעטל. ווי ווייט איז נאָך דער פּאַרפּאַסער פון „ר׳ אבא“ פון זיין אייגענעם קרייז, ווי נאָענט איז דער שרייבער פון פּרצעס חדר צום תחום פון מענדעלע מוכר ספרים! די פאָלקסטימלעכע סטרונע, וואָס וועט שפּעטער אַזוי ליבלעך זיך לאָזן הערן ביי אנכין — זי שלאָפט נאָך.

אין אַן אַנדערער ריי דערציילונגען ברענגט אונדז ז. י. אנכי צו נפשות, וואָס האָבן שוין איבערגעטראָטן דעם תחום פונעם שטעטל און האָבן אין פלוג אויפגעבונדן די קניפּ, וואָס האָבן באַשווערט זייער פאַרגיין. זיי זענען אָבער נישט געקומען צו קיין תקומה, ווייל אין זייער לעבן איז געווען אַן עקורה, נאָך וועלכער עס איז קיין לינדערונג נישט געקומען. אָט די יידישע יונגעלייט האָבן זיך אָפּגעשיידט פון זייער היימישן ציבור און זענען נישט געוואָרן קיין פולע בירגער אין אַן אַנדערער וועלט; זיי זענען אויסגעריסן געוואָרן פון זייער פלאַנץ־ערד, דאָס יידישע שטעטל, און האָבן נישט געלאָזט קיין וואָרצלען אין קיין שום אַנדערן באָדן. די אמונה פון די אבות און דער בטחון פון די אבות האָבן זיך פון זיי אָפּ־געטון און דער אָפּגעליידיקטער חלל האָט זיך פאַר זיי נישט אויסגעפילט און איז געבליבן אַן אויפגעשפּאַרטער. אָט אַזעלכע זענען די אָפּגעריסענע העלדן, אָן אַן אחיזה, אָן די יסודות פון לעבן, וואָס האָבן זיך אַ געוויסן צייט־אָפּשניט באַזעצט אין אונדזער ליטעראַטור אין ביידע לשונות. דאָס זענען מענטשן פון בין־הזמנים — אַ באַגריף וואָס איז נישט סינאָנים מיט מענטשן פון איבערגאַנג. ביי די פאַרשידענע איבערגאַנג־מענטשן באַרירן זיך אָדער ראַנגלען זיך אין דער נשמה דאָס אַלטע מיטן נייעם און דורך זיי שטעלט די צייט אירע טריט פון תקופה צו תקופה. אָבער אַנדערש זענען די מענטשן פון בין־הזמנים, וואָס זענען בלויז אַ סטאַציע אינעם גאַנג פון די דורות, וואָרום זיי זענען אויסגעהוילט פון אַלט און ניי אינאיינעם. די מענטשלעכע הויה, ווי די נאַטור, האָט נישט ליב קיין פּוסטן חלל און אַ נשמה, וואָס איז נישט אויסגעפילט — איז אַ חלל פון אַ נשמה. דאָס איז דער כלל: ווער עס פאַלט אָפּ פונעם בוים פון די צייטן, דער פאַלט אָפּ פונעם בוים פון לעבן.

די פאָרשער פון אונדזער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט האָבן אונדז נישט

צו וויסן געטון, וויפל עס זענען געווען די פליגלמאַנס און וואָלטערמאַנס און וואָסער פלאַץ האָבן זיי פאַרנומען אין אונדזער לעבן. אָבער אונדזערע שרייבער האָבן זיי געשענקט מער אויפמערקזאַמקייט איידער זיי האָבן געשענקט די קאַמף־מענטשן ביי אונדז, וואָס זענען אָן אַ ספק געווען מער און בילכער איידער יענע. ווייזט אויס, אַז שרייבער האָבן זיך גענומען צו די דאָזיקע דעמערונגס־מענטשן, די יתומים פון די דורות, בלויז צוליב דעם, וואָס אין אַ געוויסער באַציִונג זענען זיי געווען פון איין מין מיט זיי. און דעריבער פילט זיך אין אַ סך דערציילונגען, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אָט די אָנגעוויטיקטע נפשות, אַ ליריש־אויטאָביאָגראַפישער עלעמענט.

די שענסטע פון אנכיס דערציילונגען פון דעם שטייגער איז די צאַרטע דערציילונג „ווינטער". און די תפילה פון קראָן, דעם העלד פון דער דאָזיקער דערציילונג: „גאָט פונעם לעבן, ווייז מיר דיין אמתדיקן פנים", — איז אויך די שטומע תפילה פון זיינע ברידער פון דעם אייגענעם מין אין טייל אַנדערע דערציילונגען, וואָס זיי אַלע פאַרקוקן זיך אין דעם רעטעניש און זין פונעם לעבן, און אָט דאָס פאַרקוקן זיך איז זיי געוואָרן אַ נשמה־פיין און נשמה־געראַנגלעניש, וואָס גראָבט אונטער זייער וועלט. פון דעם „ינוקא" אָן און ווייטער האָבן אנכיס מענטשן די אייגנשאַפט, וואָס זיי קענען נישט אָננעמען די מתנות פונעם לעבן, וואָס דער גאָט פונעם לעבן האָט זיי פון זיי פאַרבאַהאַלטן. דערין האָט זיך אפשר אָנטפּלעקט דער חבדישער שורש פון דעם שרייבער ווען ער האָט פאַרוויילט ביי נפשות, וואָס דער דעקאַדאַנס פון דער דעמער־צייט האָט זיי אָנגערירט.

„צווישן הימל און ערד" האָט אנכי אָנגערופן זיינע דערציילונגען, און דער דאָזיקער אויסדריק שוועבט אויך אַרום אין די דערציילונגען גופא. זיין שטייגער איז צו זען די זאַכן אין זייער מעמד לגבי דעם הימל אויבן און דער ערד אונטן. און אין דער אמתן באַקומט זיך פונעם תמצית פון זיינע דערציילונגען דער כלל, אַז די מענטשן, וואָס די הימלען איבער זיי זענען שלאַבעריק געוואָרן, ווערן יתומים אויך אויף דער ערד.

***

אָבער אנכי איז נישט געבליבן צווישן די, וואָס אונטער וואַקלענדיקע הימלען. ער איז צוריקגעקומען צו ייִדן, וואָס לעבן און לייבן, ייִדן

וואָס הימלען און הימלען איבער הימלען שפּרייטן זיך איבער זייערע קעפּ און דערפאַר זענען זיי זין ביים גאָט פונעם לעבן אויך אויף דער ערד. אָנשטאָט די פּרעגער און אויסגעלעגקטע פונעם שטעטל, האָט ער זיך געווענדט צו די מענטשן ממש, וואָס האָבן געשאַפן דעם ריטם פון שטעטלשן לעבן און זענען פון אים אויסגעוואַקסן. אָנשטאָט די זאַנגען פּאַזע וועג האָט אים זיין אויג פאַרטראָגן צום תבואה־פעלד גופא, און אינעם תבואה־פעלד האָט ער טאַקע אויפגעטון גרעסערס איידער ביי די איינציקע זאַנגען. דווקא אין מרחקים, הינטער ימים, האָט אנכי געשריבן זיין „אלול“, ווו ער האָט זיך אָפּגעווענדט פון די נאַקעטע און בלאָנדזשענ־דיקע נשמות און האָט צוגעלייגט האַרץ און אויער צום דופק פון דער גרויסער און גאַנצער נשמה, די נשמה פונעם פאָלק, די נשמה פונעם פאָלק, וואָס האָט געהויזט אין אונדזערע אַלטע היימען.

„אלול“ איז נישט בלויז אַ טייל פונעם יאָרלויף. „אלול“ איז אַ באַזונדערע סטרונע אין דער נשמה פונעם פאָלק. צוויי תקופות אין ייִדישן לוח זענען געהייליקט פאַר אויסרייניקונג און באַנייונג: די תקופה פון ניסן און די תקופה פון אלול. איינע איז באַשטימט אונדז אויסצורייניקן און באַנייען דעם אַרום, און איינע — אויסצורייניקן דאָס פּנים, צו לייטערן די מחשבות און די מעשים, אָפּצושווענקען פון דער נשמה דעם שטויב פונעם לעבן. סיי דער פרילינג און סיי דער האַרבסט, דער אויף זיין ווינטל, און דער אויף זיינעם, זענען געקומען צום ייִדן אויפמונטערן אים, אויפוועקן אים, און ביידנס געבאָט האָט מען געהערט און געפאָלגט.

נישט איינמאָל איז באַשריבן געוואָרן די ייִדישע פּסח־צייט, וואָס קומט מיטן פרילינגס־ווינטל. און אָט פּירט אונדז אנכי מיטן אַנדערן ווינט, דעם האַרבערן און שטרענגערן. אויך דאָ „איז געוואָרן אַן אַנדע־רער ווינט אַרום“, און אָט דער ווינט נעמט אַרום יעדעס נפש פונעם בית־המדרש־זיצער ביז דעם דאָרפס־גייער. דאָס ייִדישע שטעטל ווערט טאָפּלט ייִדיש, פאַרגייט צום סאַמע אָקס אין דער נשמה.

און אונטערשטרייכן דאַרף מען, אַז די שטעטל־ייִדן ביי אנכין זענען נישט אָפּגעשיידט פון דער נאַטור אַרום, ווי מען האָלט ביי אונדז פון תמיד. די שטעטלשע מענטשן קוקן זיך איין אין דער נאַטור, וואָס רינגלט זיי אַרום פון אַלע זייטן, און הערן זיך איין אינעם שמועס פון ווינטן און גראָזן אוןביימער לויט זייער שטייגער. די נאַטור באַקומט אין זייער נשמה אַ ייִדישן פּירוש, זיי לייען איר זייער נשמה. אין אָט דער פאָלקס־

טימלעכער אויפפּאַסונג איז נישט די האַרבסטיקע נאַטור וואָרפט עצבות אויפן האַרצן, נאָר אויף זיי ביידן פאַלט אַן ערנסטקייט פון איין מקור. עס קומט אָן אַ יום־הדין אויף אַלץ, וואָס אין דער וועלט, און דערפאַר ווערט שטאַרקער דאָס געפיל פון ברידערלעכקייט נישט בלויז צווישן מענטש און מענטש, נאָר אויך צו אַלע איבעריקע באַשעפענישן פונעם רבונו של עולם. און וווּנדערלעכע שמועסן הערן די ווענט פונעם בית־מדרש פון אַלטע ייִדן אלול־צייט בין־השמשות. אָט דערציילט איינער וועגן אַ גרעזל, וואָס קלאָגט זיך פאַרן צווייטן, אַז עס ווערט אַלץ פאַרוויאַנעטער און אפשר וועט עס נישט זוכה זיין צום יום־הדין. איז אַרויס אַ בת־קול און האָט געזאָגט:

„ווייך גרעזל, גרעזל פונעם פעלד, מ׳האָט געהערט דיינע תרעומות, איך וואָרף אויף דיר אַ פאַרוויאַנעט בלעטל פון אַ בוים. אונטער אים וועט דיר וואַרעם זיין און וועסט לעבן און מיט אַלע ברואי־עולם וועסטו קומען פאַרן יום־הדין״.

וויפל ייִדישע נאַטור־פּאָעזיע, אַדורכגענומען מיט רחמים פאַר אַלע ברואים, איז דאָ אין דעם קליינעם פרק־שירה, וואָס אנכי האָט אונדז געבראַכט פונעם פאָלקס־מויל.

דער נייער גייסט, וואָס האָט אַרומגענומען אנכין אין „אלול״, איז דערגאַנגען צו זיין בולטסטן אויסדרוק אין זיין „ר׳ אבא״. דאָ האָט דער דערציילער כמו אַוועקגעלייגט די פעדער פון דער האַנט און דאָס וואָרט האָט באַקומען אַ ייִד פונעם אַלטן דור, ער זאָל אַליין רעדן פאַר זיך און פאַר זיין דור. דער אַלטער חסיד ר׳ אבא, וואָס דערציילט נאָכאַנאַנד ווי עס איז געווען פאַרצייטנס, איז נישט קיין קינסטלער־דערציילער, ער איז זיך מער מתלהב ווי ער רעדט, אָבער פון זיין מויל זינגען אַרויס דורות דאָס געזאַנג פון זייער לעבן! פון זיין מויל דערציילן זיי ווי אַזוי פאַר זיי איז אָפן געווען אַ דערקוויקנדיקער קוואַל, וואָס טרינקט אָן די נשמה און מאַכט זיך פאַראיינוועגס צעזונגען און דערהויבן. אָבער ר׳ אבאס שמועס הייבט זיך אָן דווקא מיט ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מער צום גוף איידער צו דער נשמה, און נישט וויסנדיק דערציילט ער אויך וועגן קעגנזייטיקן באַריר פון הימל און ערד.

אין „אלול״ פירט אַריין דער חסיד ר׳ נטע קלאַנגען פון שמחת־הנפש אין דער מינארער שטימונג פון די אלול־טעג. און די שמועסן פון ר׳ אבא

ברייטערן אויס יענעם מאָטיוו ר׳ נטעס און לאָזן אים באַהערשן אַלע טעג פון יאָר און אַלע ספערעס פון לעבן. ר׳ אבאס געזאַנג איז דער געזאַנג פון הויכן מאַזשאָר פון דער יידישער נשמה, וואָס ווערט פול איבער די ברעגעס פון רעליגיעזע קוואַלן. און לאָ־די וואָס די דאַזיקע יידן דערגייען צו דער סאַמע רוחניותדיקייט נאָר יינגלוויז, גייען זיי נישט אַרויס פון כלל יינגלישקייט אויך אין דער עלטער, און גראָע לייט געפינען נאָך צייטן און סיטואַציעס פאַר פריילעכער קונדסעריי. מ׳האָט זיך געפּלעגט צו קלאָגן, אַז אונדזער לעבן יאָגט אָן אַ זיקנה אויפן ידישן יינגל און קינד. און אָט האָט דאָס חסידות געשאַפן אַ נוסח פון לעבן, וואָס איז געוועזן אַ מחיצה פאַרן גייסט פון זיקנה אויך אין איר צייט.

אָבער פונעם מויל פון ר׳ אבאס, וואָס ער זינגט דעם גרויסן שיר־מזמור פאַר דעם „אַמאָל ביי יידן״, שלאָגט אויך אַרויס דער גרויסער געשריי ביים אַנבליק פונעם דור, וואָס קומט ירשענען זיין דור. ר׳ אבא זעט מיט אַלע זיינע חושים אַ שוידערלעך פאַלן. און דאָס דאָזיקע פאַלן באַשטעטיקט זיך אונדז אין אנכיס כתבים גופא. אַז מיר וועלן צוריק־קומען פון דער דאַזיקער חסידישער וועלט צו די מענטשן אין די דער־ציילונגען „חיים וואַלטערמאַן״, „מאַניע״, „מיט דער וואַנט״ — וועלן מיר אויך פאַרשטיין ר׳ אבאס רוף: „אַ שריפה!״

דער געזאַנג פון אונדזער אַלט לעבן איז געזונגען געוואָרן אין ר׳ אבאן פון פולן האַרצן און נשמה, אויפן דרך פון „כל עצמותי תאמרנה״, — און דווקא דערפאַר האָט ער אָפּגעקלונגען אינעם חלל פון אונדזער לי־טעראַטור מיט ווינציק עכאָס.

צוויי שולעס, אַ שטייגער, בית־שמאי און בית־הלל פון אונדזערע דורות, האָבן מיר אין דער ליטעראַטור: בית־מענדעלע און בית־פּרץ. בית־מענדעלע האָבן געזען אין אונדזערע שטעטלעך אוממענטשן און קליינע מענטשעלעך. בית־פּרץ האָבן געקוקט און געזען דאָרט די יידישע נשמה אין איר פּראַכט. די העברעישע ליטעראַטור האָט געפּסקנט אירע דינים לויט בית־מענדעלע, און קלאַנגען פון בית־פּרצס געזאַנגען זענען אין איר געוועזן אין חרם — על־כל־פּנים זענען זיי אין איר אָפּגעלאָזט.

דער פּאַרפאַסער פון ר׳ אבא איז אַ מענטש פון בית־פּרץ, אָבער פּרץ אַליין האָט אויך אויסגעקוקט יחידים פון דור, יידישע פּערזענלעכקייטן אויף די העכסטע מדרגות. ביי אנכין זעען מיר יענע וואָס ציען זייער שפע פון די בעל־השפעות אין פאָלק, די יידן אויף וועלכע עס פאַלט

דאָס ליכט פון יענע „הויכע בערג", ווי פרץ רופט עס. נישט צו די אײנציקע און גרויסע מענטשן, נישט צו די אײנציקע און גרויסע שעהן האָט דער פאַרפאַסער פון „ר' אבא" געהויבן זײנע אויגן. ער ווײזט אונדז די הויך פונעם קו־המשוה פון ייִדישער שלימות אין אַ חסידיש שטעטל נוסח חב"ד.

***

ייִדישע שלימות! — דער דאָזיקער אויסדרוק פאַלט נאָך ווי אַ פרעמדער קלאַנג אינעם הערשאַפטס־תחום פון מענדעלעס בית־המדרש; נאָך דאָ אַ סך העברעיִשע מענטשן, וואָס זעען אין אָט דעם באַגריף אַ נעגירונג לגבי דעם נײַעם ארץ־ישראל. אַקוראַט ווי נאָר מענדעלעס אויפפאַסונג פון דער פאַרגאַנגענהײט איז עס די כשרע מזוזה צו דער סוכת־דוד, וואָס ווערט ווידער אויפגעשטעלט; אַקוראַט ווי פרצעס „גאָלדענע קײט" איז נישט מסוגל אַרויסצוברענגען נײַע רינגען; אַקוראַט ווי ר' שלמה נגיד און יחזקאל גאמבינער פון שלום אַש וואָלטן געווען אַ פסול אין דער משפחה, און נאָר פישקע און סענדערל מיט זײערס גלײכן האָבן זוכה געווען צו זײַן אבות פאַר די בויער און אויפריכטער פון ארץ־ישראל! מאָדנע, ווי ווײַט ס'איז אונדז געוואָרן דער פשוטער אמת, אַז גרינגער איז צו פאַרוואַנדלען גאָלד פון דער פאַרגאַנגענהײט אין גאָלד פון דער צוקונפט, אײדער צו פאַרוואַנדלען פסולת אין גאָלד!

דעריבער לאָמיר דאַנקבאַר זײַן יענעם שרײַבער, וואָס האָט דורך זײַן שאַפונג צונויפגעפירט גאָלד מיט גאָלד און דער געזאַנג פון „אַמאָל בײַ ייִדן" קומט זיך בײַ אים צונויף מיט נײַעם געזאַנג אין ישראל. אנכי איז עס יענער שרײַבער, וואָס האָט אונדז בײַ די לעצטע קלאַנגען פון אַ ייִדישער וועלט בײַם אויסגײענדיקן טאָג אירן געבראַכט ערשטע קלאַנגען פון זמרת הארץ. אין „אונדזער לאַנד" — אײנע פון די ערשטע דערצײלונגען וועגן ייִדישן דאָרף אין לאַנד — זענען מיט אַ ליבנדיקער האַנט אײַנגעוועבט געוואָרן אַ סך פעדים פון אונדזער באַנײַטער הויה: נאַיִווע און פאַראײַנוועגס זינפולע דאָרפישקײט, אידיליע אַרומגעשטעלט פון אַלע זײַטן מיט סכנות, גבורה און צאַרטקײט, טעג אין די פעלדער און נעכט אויפן שײַער און געגנאָד פונעם צובונד און פעסטקײט פונעם צובונד, וואָס אָט די מענטשן האָבן באַנײַט מיט זײער „ערד פון בונד". און איבער דעם איז אין דער דערצײלונג אויסגעגאָסן אַ שאַרפע שפּירונג,

אַז די ערד אונטן און די הימלען אויבן היטן נאָך אויף זייער אוראַלטן סוד. „צי וועבן זיך אונטער די הויכע און טיפע נאַכטיקע הימלען נייע אמונות? צי בענקען די אור־אַלטע שטיינער אין די טאָלן און אויף די בערג נאָך זייערע נביאים און משיחים?" דאָס יונגע דאָרף איז נאָך איינ־געהילט אין דעם גאַנצן זעלטענעם חן, אין דער גאַנצער מאַיעסטעטישער גרויסקייט, וואָס אינעם וווּנדערלעכן וואָרט־פּאָר ארץ־ישראל.

דער צווייפטרעף פון „ר' אבא" און „אונדזער לאַנד" אין די כתבים פון איין שרייבער האָט אַ וויכטיקן באַטייט. די בײדע באַהאַרצטע זאַכן געהערן צו דער קאַטעגאָריע, וואָס מען רופט ראָמאַנטיש, און עס ציט זיך טאַקע דאָ אַ באַהאַלטענע רער פון דער ראָמאַנטיק פונעם חב"דישן שטעטל צו דער ראָמאַנטיק פונעם העברעישן דאָרף, וואָס האָט אויפ־געבליט אין יהודה. און אין דער ארץ־ישראלדיקער דביקות פון ר' נחום, וואָס איז אים איינגעקנוילט אין איין אַלעמאַליקן געדאַנק: „אונדזער לאַנד, אונדזער לאַנד, ארץ־ישראל" — איז נישט שווער צו דערקענען אַ גלגול פון דער אַלטער דביקות פון ר' אבא. און אַפילו יענער אַרבעטער, וואָס זאָגט ביי אנכין ערגיץ אַנדערש (אין דער פּיעסע „דאָס הויז" — „אחדות העבודה", ה—ו, 1930): „אין מיטן נאַכט פאַרלאָז איך מיין בעט און די ווענט פונעם צריף און לויף אַרויס.. קיין ארץ־ישראל.. איך בין נישט בכוח צו האַלטן אין מיר מיין ליבע צו ארץ־ישראל..." — האָט אין זיך דעם יסוד פון ר' אבא. ווייל דאָס פּיזיקאַלישע געזעץ וועגן דער אומ־וואַנדלונג פון דער ענערגיע פון איין פאָרם אין דער אַנדערער איז פאַראַן אויך אין דער געשיכטע. און דער ברען פון די דורות פאַר אונדז איז דער ברענשטאָף, וואָס מיט זיינע כוחות ווערט געבויט און אויפגעריכט ווערן דאָס נייע ארץ־ישראל.

אַ נעט סימבאָליש שטיק איז „עטעלע" („די גאָלדענע פאַווע"). אַ מעשה מיט אַ צאַרט מיידל פון אַ גוטער משפחה, וואָס איז געקומען צו גאַסט צו אַ משפחה פון דזשעגעכץ־פאַרקויפער, און ברענגען ברענגט זי מיט זיך אַ ליד אַ וועגן דער גאָלדענער פאַווע. און אַ וווּנדערלעכע השפעה גייט אַרויס פון דעם גאַסט אויף דעם גאַנצן אַרום און אַ נייער גייסט, אַ מילדער גייסט, האָט אַרומגענומען די מגושמדיקע גאַסטגעבער, אַקוראַט ווי אַ שכינה פון יום־טוב וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער גאַנצער שטוב. אָבער אַז דאָס מיידל האָט געמוזט פאַרלאָזן די שטוב, האָט דאָס הויז אויסגעטון דעם יום־טובדיקן איינהיל און די מענטשן זענען צוריק

אַריבער צו זייער קליינקעפּלדיקייט, צו זייערע קליינע קריגערייען און אַלץ איז אַוועק צוריק צום אַלטן — וואָכעדיקע אַלטקייט.

דאָ איז דער תמצית פון אַ מענטשלעכן אני מאמין. אפילו צו די, וואָס זענען מטופל מיטן דזשעגעכץ פון לעבן, טרעפט זיך, אַז עס קומט צו זיי די גאָלדענע פּאַווע און גיסט אויס אויף זיי איר גאַנצע איידלקייט און גלוסטיקע שיינקייט. אָבער פאַרשיידן זענען די גאָלדענע פּאַוועס — יעדער דור האָט זיך זיין גאָלדענע פּאַווע.

און דאָס שיינע און דאָס באַשטענדיקע אין אנכיס שריפטן איז, וואָס ער האָט געשריבן וועגן מענטשן, וואָס אַ גאָלדענע פּאַווע שוועבט איבער זיי. אין דעם וואָכעדיקן לשון פון דער ליטעראַטור רופט מען עס ראָמאַנטיק.

חשון תש״ו.

א. ש. יוריס

מיט ר׳ אבא אין ארגענטינע

אָקטאָבער 1923. די שיף „וועסטריס" ברענגט מיך נאָך א צוואנציק־טאָגיקער נסיעה פון ניו־יאָרק קיין בוענאָס־איירעס, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן. עס ווארטן מיך אָפּ א סך חברים און חברות, וועלכע איך האָב געזען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן. מען פירט מיך אין א יידישן האָטעל, וואָס הייסט, לויט דעם נאָמען פון זיין בעל־הבית: „האָטעל חסיד". דאָרט איז פאר מיר צוגעגרייט דאָס שענסטע צימערל „סאַליטאַ", מיט אַ פענצטער צו דער גאס, — און נישט אין הויף אריין כמנהג אלט־שפּאַניש — אַרגענטינישע אכסניות. דעם ערשטן ברייטן און ברייט־האר־ציקן ברוך הבאָ — שלום־עליכם, מיט א צעשטראַלט גוטמוטיקן פּנים און אַ קינסטלער־גלאַנץ אין די אויגן באקום איך פון אַ שכן, וואָס האָט געוווינט פונקט אלס „ערשטער שכן" רעכטס פון מיין צימער, פּשוט א וואנט מיט אַ וואנט: זלמן איציע אנוכי, מיט וועמען איך האָב מיך אַזוי דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן באקענט. אין דער ווייטער־ווייטער אַרגענ־טינע איינמאָל באַקענט, — און עס האָט זיך פארבונדן און איז פארחתמעט געוואָרן אויף תמיד אַ פריינדשאַפט אויף אַ גאַנץ לעבן, וואָס האָט זיך נישט פאַרענדיקט מיט זיין לעצטן אָטעם־צוג, — אַ פריינדשאפט, וואָס געהערט אַליין דער אייביקייט...

מיט דעם כוח פון ערשטן ווארעמסטן שלום עליכם פון ר׳ אבאָ...

***

מיין ערשט קבלת פּנים אין דעם זעלבן האָטעל. עס באגריסן חברים, וועלכע קענען מיך נאָר פון „שרייבן", אָבער נישט פון „רעדן", און

נישט פון זען. עס באַגריסט איין „איינציקער״, וואָס איך קען אים פון אייראָפּע, פון מיינע סטודענטישע יאָרן אויף דעם ווינער אוניווערסיטעט, וועלכן איך געדענק גוט פון זיינע פייערדיקע דיסקוסיעס מיט זיינע פּאַר־טיי־קעגנערס, אלזאָ מיט אונדז פּועלי ציון — אַן אַמאָליקער פירער פון די ס. ס. (ציוניסטן־סאָציאַליסטן), וועלכן איך קען און געדענק — אָבער וועלכער קען מיך נישט, האָט מיך קיינמאָל נישט געקענט, און איז נישט מחויב מיך צו געדענקען: אַ שכן ווידער פון אנוכי אין האָטעל, אויך אַ וואַנט מיט אַ וואַנט: לאַצקי בערטאָלדי. מילא: וואָס זיי האָבן אַלע גערעדט לכבוד אַ גאַסט, וואָס קומט פון מרחקים: פון אייראָפּע, אַמעריקע און ארץ־ישראל גם יחד, — געדענק איך היינט קיין וואָרט נישט, — דאָס גע־הערט געוויס צום אַרכיוו פון דער אַרגענטינישער פּועלי־ציון־פּאַרטיי און פון אונדזער וועלט־באַוועגונג. וואָס אָבער עס האָט גערעדט זלמן איציע אנוכי געדענק איך צו גוט, הגם איך געדענק נישט: קיין וואָרט, קיין אות, אָבער אויך איין זאַך געדענק איך גוט — צו גוט. די צע־שטראָלטע הארציקייט, מיט וועלכער ער האָט באַגריסט א פּאַר אים ווילד־פרעמדן מענטשן, אָבער הארציק־נאָענטסטן, ווייל אַ „ייד פון ארץ ישראל״, דאָס קען מען קיינמאָל אין לעבן נישט פאַרגעסן, ווייל דאָס איז תיכף געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון אייגן הארץ.

מיט דעם כוח פון דער צעשטראַלטער הארציקייט פון ר׳ אבאַ צו אַלעמען: די פאָטערלעכסטע הארציקייט פון ר׳ אבאַ...

***

„דריי ברידער זענען מיר געווען״ — אין איין און דער זעלבער צייט אין דער ווייטער אַרגענטינע; שוין איינמאָל די אמתע „טראַיקע״: לאַצקי בערטאָלדי אלס שליח פון „ווערעליף״, דער פאַרלויפער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין די ענינים פון הילף פּאַר דאָס הונגעריקע אייראָפּעיִשע יידנ־טום, און זיך אָנגעשטויסן אויף קעגנער אָן אַ צאָל, עפּעס אויף דעם יסוד פון דער ווילדסטער „עלילת דם״, נוסח יעווסעקציע. איך בין געקומען אלס שליח פון פּועלי ציוניסטישן וועלט־פאַרבאַנד און אלס גאַסט, ספּע־ציעל איינגעלאַדן, פון דער אַרגענטינער פּאַרטיי פּועלי־ציון, — און גע־טראָפן דאָרט א חוץ דער אייגענער פּאַרטיי, נאָך דריי ציוניסטיש־סאָציא־ליסטישע „קעגנערישע״ פּאַרטייען: אויף „לינקס״, די „לינקע פּועלי ציון״

און אויף רעכטס די „צעירי ציון" (צ. ס.) און אויף רעכטער פון זיי די „התאחדות" — תיכף אַריינגעפאַלן אין אַ „מלחמת אַחים" מיט זיי. אָבער איך האָב זיך גאָר באַזונדערס אָנגעטראָפן אויף אַ ווילדע סעקטע, די ווילדסטע אויף מיינע וואַנדערונגען פון ביידע זייטן פון אַטלאַנטיק: די אַרגענטינישע יעווסעקציע. סאָציאָלאָגיש קרעמער און הויזירער, — אפילו גרויס־סוחרים און גרויס־פאבריקאַנטן, — אָבער אידעאָלאָגיש די בלינדס־טע שונאי־ציון און די פאַנאַטישסטע חובבי־מאָסקווע גם יחד. און עס האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אַ „שנאת חנם" און „מלחמת אחים" אין וואָרט און שריפט און „טאַט". עס איז שוין פון לאַנג אַריין אין דער געשיכטע פון אַרגענטינישן יידנטום די באַרימטע „שלאַכט ביי גאַריבאַלדי", דאָס הייסט, די שלאַכט אויף מיין פאַרזאַמלונג אין „סאַלאָן גאַריבאַלדי" פאַר און בשעת און נאָך מיין לעקציע „ארץ ישראל און די סאָציאַלע רעוואָלו־ציע". כמנהג יידישע פאַרזאַמלונגען איז מען גאָר שנעל אַריבער שוין בשעת דער עפנטלעכער דיסקוסיע נאָך מיין לעקציע, — הגם מיט אַ „פרייען וואָרט" אויף פאַר די קעגנערס — פון וואָרט צו „האַנט"־אַרגומענטן. און כמנהג זיד־אַמעריקע, ווו די צעשפּילטע שפּאַניש־אינדיאַנישע בלוטן צינדן זיך אָן גאָר שנעל, איז מען באַלד אַריבער צו אַן אמתער שלאַכט: די ווייבער מיט שירעמס און פעכערס, די מענער מיט מעסערס און רעוואָלווערן. עס האָט דערביי פאַרלוירן דאָס לעבן איינער פון די טייערסטע און טרייעסטע חברים.

מיר האָבן אַלע געוויטיקט איבער דער „מלחמת אחים" און „שנאת חנם" צווישן ברידער־פּליטים, געקומען פון דער פאַרבלוטיקטער אייראָפּע צו געפינען אַ מקום מקלט און מקום מנוחה אין דער ווייטער אַרגענטינע. מיר האָבן געוויטיקט אַלע איבער די צעפלאַקערטע ליידנשאַפטן פון אַ משוגע־מטורפדיקן „קין והבל"־קאַמף אויף פרעמדער ערד...

ווער עס האָט אָבער אַממייסטן געוויטיקט און געבלוטיקט, — אָבער אויך געטרייסט און געמונטערט, — וואָס האָט נישט געוווסט און נישט גע־וואָלט וויסן פון ברודער־קאַמף און ברודער־שנאה, און גערופן צו שלום און אחדות, געבייזערט זיך און געצאַרנט אויף אונדז אַלעמען, פריינד און פיינט, — און אַרומגענומען אונדז אַלעמען, דעם כל עם ישראל דאַרגנטינה און געטוליעט צו זיין האַרצן — איז געוועזן זלמן איציע אנוכי.

מיט דעם כוח פון אַ ליבע, וואָס איז פאַרויסגעגאַנגען און האָט פאַרויס־

געלויכטן ווי אַן עמוד האש און ווי אַ סנה, וואָס וויל קיינמאָל נישט אויס־לעשן זיך.

מיט דעם כוח פון פלאַם־פייערדיקייט צו יעדן רב ישראל „אהבת ישראל"....

מיט דעם כוח פון דעם ייִדישן „אהבת ישראל" פון ר' אבאַ.

***

ער איז געקומען ווי אַן „אומבאַקאַנטער דיכטער". גאָר ווייניק האָבן זיין נאָמען געוווּסט, נאָך ווייניקער געקענט זיינע ווערק, אַ פּשיטא שוין: „ר' אבאַ". און אויב מען קען אַמאָל אָנווענדן מיט רעכט און אָן גוזמאָ דעם צעזאַרישן זאַץ: „געקומען, געזען, געזיגט", איז עס ווי צוגעמאָסטן צו זלמן איציע אנוכי. געקומען צו פליִען „די גאָלדענע פּאַווע"", אויסגערעדט נאָר איין זאַץ בשעת זיין „ר' אבאַ"־פּאָרלעזונג אין אַ ריזנזאַל אין בוענאָס־איירעס פאַר א טויזנטער־קעפּיקן עולם — דעראָבערט אין איין הרף עין: טויזנטער ייִדישע נשמות. איבער שטעט און שטעטלעך, איבער קאָלאָניעס און פאַרמעס אין די ווייטע פּאַמפּאַס פון אַרגענטינע האָט געלויכטן דאָס געזיכט פון אנוכי ווי אַ ליכטיק צעשטראַלטע זון און עס האָט געשאַלט דאָס וואָרט פון ר' אבאַ, ווי א ליכטיקע ירושה פון אַ ישראל בעל־שם־טוב און לווי יצחק בערדיטשעווער — און פאַרגאָסן און איבערגעלאָדן מיט גוטס־קייט און הארציקייט, מיט ריינקייט און שיינקייט, — און איבער אלץ מיט ייִדישקייט. איבער שטעט און דערפער האָט ער געוואַנדערט ווי אַ „גוטער ייִד" מיט זיין ר' אבאַ־תהילימל: אַ תהילים־ייִד, און ייִדן האָבן זיך ביי אים געפרעגט עצות ווי ביי א רבין, א צדיק. און פאַרצאַפּלטע מאַמעס אין ווייטע פאַרוואָרפענע ישובים האָבן ביי אים געבעטן הילף פאַר זייערע האלב־פאַרזעסענע טעכטער. „אַי, אַי, ר' אבאַ, איר פאָרט דאָך עפּעס אַרום איבער דער וועלט, אפשר האָט איר באַגעגנט עפּעס אַזוי אַ „פּעפערל" פאַר מיין בת־יחידה?"... און עס באַקלאָגן זיך ביי אים פאַרזאָרגטע קאָלאָניסטישע טאַטעס אויף דער היינטיקער ייִדישער יוגנט, וואָס וויל נישט וויסן פון קיין גאָט און קיין שבת: „ר' אבאַ, גיט אַן עצה, אז זיי האַלטן נישט פון קיין שבת, טאָ ווען בייטן זיי אַ העמדז?"

עס האָט זיך געטראָגן די געשטאַלט פון ר' אבאַ־אנוכי איבער שטעט און שטעטלעך אין דער ווייטער אַרגענטינע, איבער דערפער און ישובים.

און געטרייסט און געוואָרעמט, דערפרייט און געלייטערט, אַ וועקער און מונטערער און א פאַריייניקער פון כל עם ישראל פון אַרגענטינע... זיי האָבן אַלע דערפילט, אַז אנוכי און ר׳ אבא איז דאָך איין אומצעררייסבאַרע גע־שטאַלט, איין ליכטיקע „הארציסימא״ („נפשיסימא״)־געשטאַלט, אַ רעפּרע־זענטאַטיווע פּאַטריאַרכאַלע געשטאַלט אין דעם נוסח פון אונדזערע ליכטיקע אָבות. ר׳ אבאָ איז נאָר „לשון יחיד״ פאַר דעם רבים „אָבות״. און אַז דאָס איז אין איינקלאַנג מיט דער שענסטער יידישער טראַדיציע, וואָס אידענטי־פיצירט דעם מחבר מיט דעם חיבור, ביז צו דער אבסאָלוטער פאַרוועקסלונג. ווייל דער חיבור איז דאָך וויכטיקער ווי דער מחבר, ווייל דער חיבור איז דאָך די אומשטערבלעכקייט, בשעת דער מחבר איז דאָך שטערבלעך, און אומשטערבלעך נאָר אַ דאַנק דעם חיבור. טאָ צו וואָס זיך רופן מיט דעם שטערבלעכן נאָמען, ווען מען פאַרמאָגט צומאָל שוין ביי לעב־צייטן דעם אומשטערבלעכן. אזוי רופט מען: דער „מורה נבוכים״ — אַנשטאָט רמב״ם, דער „אל כוזרי״ אַנשטאָט יהודה הלווי, דער „שולחן ערוך״ אַנשטאָט יוסף קארו.

אַזוי האָט זיך איינגעקריצט אין די הערצער און נשמות פון גאַנצן אַרגענטינישן יידנטום אָן שום אויסנאַם, אָן שום חילוק פון פּאָליטישע פּראָ־גראַמען: זלמן איציע אנוכי אַלס דאָס שטאַרקסטע דערלעבעניש, אַלס דאָס יידישסטע דערלעבעניש אויף פּרעמדער ערד. אלס דערלעבעניש פון נשמה־ריינקייט...

מיט דעם כוח פון דער ריינקייט פון זיין נשמה — דער קרישטאָל־ריי־נער נשמה פון ר׳ אבא...

**
*

נאָך אַ יאָר פון „ידיד־נפש״־פריינדשאַפט האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג קיין ארץ־ישראל. אנוכי האָט זיך נאָך אַריינגעכאַפּט אויף אַ חודש צייט קיין בראַזיל און אין „ר׳ אבאָ״־פאַרלעזונג דעראָבערט א נייעם יידישן שבט פאַר זיך. מיר האָבן אָפּגעמאַכט, אַז אין ריאָ דע זשאַניירא באַגעגענען מיר זיך, און אנוכי וועט מיט אונדז שוין ווייטער פאָרזעצן זיין אויסגע־בענקטע נסיעה קיין ארץ־ישראל. אָבער אַנשטאָט אנוכי אַליין, האָט אונדז אָפּגעוואַרט אַ מאַסע יידן אין ריאָ דע זשאַניירא, אַראָפּגעשלעפּט פון שיף און געבראַכט אין דער היים פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין בראַזיל

צו אַ פייערלעכן קבלת־פנים פאַר מיר און מיין באַגלייטערקע, — אויך אַ דעראָבערונג פון אַרגענטינע, — און אַ „צאתך לשלום" פאַר ר' אבא. דעם קבלת־פנים פאַר מיר דעם „אומבאַקאַנטן שליח" פאַר דעם בראַזיליענער ייִדנטום האָט „פּראָוואָצירט" אנוכי. דער קבלת־פנים איז אַ דאַנק אנוכין געווען אַזאַ האַרציקער, אַז ער האָט מיך און אים פאַרבונדן צו אַן אייביקער פריינדשאַפט און דאַנקבאַרקייט צו איינעם פון די טייערסטע און האַרציקסטע ייִדישע שבטים אין דער ייִדישער צעזייטקייט אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

דאַן זענען מיר שוין צוזאַמען געפאָרן איבער דעם גרויסן אַטלאַנטיק. עס איז געווען אַ פאַנטאַסטישע רייזע. טעג און נעכט צווישן הימל און וואַסער, צוואַנציק טעג און צוואַנציק נעכט. ווייט פון ישוב, ווייט פון ייִד, אָבער דאָס זענען געווען טעג און נעכט מיט זלמן איציע אנוכי. עס האָט אַמאָל געזאָגט סאָקראַטעס, ווען אַלע שילער האָבן אים בשעת א פילאָסאָפיש־מאָראַלישן געשפּרעך פאַרלאָזן און עס איז געבליבן נאָר איין תלמיד פּלאַטאָ: איין פּלאַטאָ איז מיר געוניג און ווילגעפעליק... צו זיין מיט אזא ייִד ווי זלמן איציע אנוכי, „רעקטע" ר' אבא, צוואַנציק טעג און צוואַנציק נעכט אין איין מחיצה, הייסט זיין מיטן ייִדישן פאָלק און זיינע שענסטע טראַדיציעס, וואָס ציען זיך פון די פריסטע קדמונים פון צייט, און פאַרלויפן זיך אין די ווייטסטע מרחקים פון רוים... פון לעתיד לבוא...

און ווער עס האָט נישט געזען די ברענענדיקע בענקשאַפט אין זיינע אויגן צו ציון, האָט קיין ציון־בענקשאַפט נישט געזען. ווי אַלע שיבת־ציון־באַוועגונגען וואָלטן זיך צוזאַמענגעפּרעסט אין זיינע בלוטן. איין קליינקייט: עס פאָרט ר' אַבאָ קיין ארץ־ישראל... צי קאָנט איר פאַרשטיין וואָס דאָס מיינט: ר' אבאָ קיין ארץ־ישראל, — סוף כל סוף...

אַזוי האָט ער געצונדן אין די ווייטע פּאַמפּאַס פון אַרגענטינע און טשילע, אורוגוויי און בראַזיל די הערצער מיט א ברענענדיקער בענקשאַפט קיין ציון...

מיט דעם כוח פון דער שענסטער ליבע אין דער מענטשלעכער און ייִדישער געשיכטע, מיט דעם כוח פון חיבת־ציון... מיט דעם כוח פון חיבת־ציון פון ר' אבאָ...

***

איצט איז זיין נשמה געוויס אין ליכטיקן גן־עדן — ווייל וואָס אומ־

שטיינס געזאָגט זענען געווען זיינע שטערבלעכע רעשטן, וועלכע די ערד, די ארץ־ישראל־ערד, האָט אין זיך אויפגענומען — דאָך נישט מער ווי א צעברעכלעכער מלבוש פאר דער ליכטיקער נשמה...

און אויב עס איז פאַראַנען אַ ליכטיקער גן־עדן, קומט ר׳ אבא־אנוכין דער ליכטיקסטער מזרח־פּלאַץ...

צוליב זיין ריינקייט און צניעות...

אויב — קען דען זיַין א צווייפל, אז עס איז דאָ אַ ליכטיקער גן־עדן?!

דערציילט מען דאָך וועגן א וויכוח צווישן א חסיד און מתנגד וועגן דעם עצם קיום פון גן־עדן. און ווען דער מתנגד האָט אָפּגעפרעגט און צע־קלאפּט אלע אַרגומענטן פון חסיד — האָט דער חסיד אַרויסגענומען זיין וויכטיקסטן אַרגומענט, וואָס האָט געווירקט און באַזיגט דעם מתנגד ווי אַן אַטאָמישע באָמבע: „— נו, און דער אָפּטער?״ אזא ליכטיקע נשמה ווי די פון דעם אָפּטער רב מוז האָבן אַזאַ וווינונג נאָך זיין נפטר־זיין ווי דעם גן־עדן, — איז בכן דער וויכטיקסטער אַרגומענט פאר דער עקזיסטענץ פון א גן־עדן בכלל, — האָט געמוזט אפילו אָט דער פאַרברענטער מתנגד און אַפּיקורס צוגעבן:

איז בכן אויך ר׳ אבא — ר׳ אנוכי דער וויכטיקסטער אַרגומענט, אַז עס איז דאָ אַ גן־עדן.

ווייל „— נו, און ר׳ אַבאָ?״

וווּ דען קען רוען אין אַלע אייביקייטן אַריין די ליכטיקע נשמה פון דעם מחבר פון ר׳ אַבאָ?

נאָר אין ליכטיקן גן־עדן...



ר' אבּא...



האַ?... וואָס זאָגסטו?... לאַנג געזען זיך... יאָ... לאַנג... לאַנג... זייער לאַנג געזען זיך... אַוודאי אַ יאָר צען, אויב איך האָב קיין טעות נישט... יאָ... אוי־אוי־אוי...

— וואָס זאָגסטו?... האַ?... וואָס מאַכט זי?... וואָס מאַכט זי?... אוי־אוי־אוי — פרעג נישט... ווער עס לעבט — לעבט, און ווער נישט — נישט... אונדז צו לאַנגע יאָר!...

— אוי־אוי־אוי, כאָטש גוט, אַז מען האָט פאַר וועמען דאָס האַרץ אויסצודערציילן... נישט אַמאָליקער ר׳ אבא — גאָר נ׳שט אַמאָליקער!... ווער און וואָס בין איך איצטער?... אַ בן־שבעים... אַן עבר־בטלניק... אויס באַלעבאָס, אָן אַ דעה און אָן אַ פריסטאַניצע... אָפּט... אָפּטמאָל טרעפט, אַז דאָ... דאָ אין בית־המדרש, ווו מיר זיצן איצט, דאָ אויף דעם בענקל בלייב איך נעכט־קן אויך... נישט אַמאָליקער ר׳ אבא — גאָר נישט אַמאָליקער!... וואָסי?... דו האָסט נישט געהערט?... מען האָט נאָך דיר נישט דערציילט?... איך האָב דאָך אַלץ אַוועקגעגעבן אים, מיין זון. און איך אַליין געפין זיך דאָך איצטער ביי אים... ביי מיין זון... אוי־אוי־אוי... עס איז

דאָך לשון הרע... רייד אויף אַן אייגענעם זון... פּאַרט אַן אייגן קינד... אָבער ביטער, ברודער, ביטער!... ער האָט אַלץ פאַרפּלוטעוועט, פון אַלץ האָט ער געמאַכט תחת חרב. הייגט מכוח מיר אַליין... איך האָב צו אים גאַרנישט!... נעבעך פאַרצרותדיק, פאַראָרעמט... אָבער פאַר דיר מעג מען דאָך זאָגן... וואָס דו זאָלסט נישט טון — איז נישט אַזוי... ווי דו זאָלסט נישט שטיין און זיצן — איז אַלץ נישט... און וואָס דו זאָלסט נישט רעדן — איז אַלץ נאַריש... אַן איבעריקער, אַ נישט נוצלעכער פאַר אַלעמען... אוי־אוי־אוי... ביטער... ביטער...

און זינט זי איז געשטאָרבן הער איך, אַז זי שלעפּט מיך צו זיך... צו זיך... אוי־אוי־אוי, נישט אַמאָליקער ר׳ אבא — גאַרנישט אַמאָליקער!...

האָ? וואָס זאָגסטו?...

— איך געדענק נאָך ווי איצטער, אַמאָל... אַמאָל... אַז ר׳ אבא איז נאָך געווען ר׳ אבא... אַז איך בין נאָך געווען איך... אַז זי האָט נאָך געלעבט... אַמאָל... אַמאָל... וואָסי? — איך האָב דאַן געוווּסט פון וואָס?... איך האָב עפּעס געוווּסט פון שלעכטס?... צי איך האָב דעמאָלט געדאגהט מכוח וואָס?... דער בית־המדרש, משניות, די גמרא און די מעמדות, און ווידער דער בית־המדרש, משניות, די גמרא און די מעמדות, און אָבער דער בית־המדרש, משנ־ות, די גמרא און די מעמדות, און וואָס נאָך?... און איך פרעג ביי דיר, וואָס האָב איך געדאַרפט נאָך וויסן?... וואָרום וואָס האָט מיר געפעלט?... וואָסי?... די בעלת־שפעטע איז דאָך זי געווען... סיי מיט דעם גוי, סיי אין שפּייכלער, סיי אין שטוב, זי... זי... אַלץ זי... אירע בריהשאַפט, אירע צדקות, הייגט אירע גוטסקייט!... וואָסי? — און וויפל יתומות האָט זי התונה געמאַכט... און וויפל אָרעמע לייט האָט זי דעם לעבן דערהאַלטן?... עס פלעגט טרעפן, איך זע זי האַלט שוין אַ קליין טיכל אין האַנט און גייט.

—וווהין, לאה, וווהין איז דאָס? פלעג איך פרעגן.

— אָט, אבא, פלעגט זי שמייכלען — וואָס האָט דאָס צו דיר? מיש זיך נישט, אבא, אין מיינע געשעפטן. דו קענסט לייבל זעלדעס? — בנ האָט זי אַ טאָכטער און די וואָך איז ביי איר חתונה. אָדער — דו קענסט זלאַטע סאָסיעס? — זי איז קראַנק און זי מוז האָבן אַ ציג...

— אָט אַזוי שטענדיק, שטענדיק... אירע צדקות!... אירע גוטסקייט!... האָ?... וואָס זאָגסטו?...

ר׳ אבא

— און אַמאָל... אַז איך בין נאָך געווען איך... אוי — אוי — אוי... הערסטו דאָך אַ מענטש... אַ מענטש זאָג איך דיר, — איז אַ נאַר... איך האָב דעמאָלט אַליין נישט געוווּסט ווי גוט מיר איז... איך געדענק... זומער... איך פלעג אויפשטיין... — זומער האָב איך געהאַט אַ טבע אויפשטיין מיטן פאַסטוך גלייך — איז כ׳פלעג אויפשטיין... פלעג אָפּגיסן נעגל־וואַסער. פלעג אַרויס־גיין אין עס־צימער. אין צימער איז ל׳כטיק, ריין, צוגעקליבן. זאָג איך זיך מיר ברכות הויך, אויפן קול. אָפּגעזאָגט ברכות, פלעג איך זיך מיר אָנ־שטעלן דעם סאַמאָוואַר. ביז וואַנען דער סאַמאָוואַר וועט פאַרטיק ווערן פלעג איך זיך מיר אַרויס אויפן גאַניק. נעבן גאַנ׳ק איז זיך אַ גרויסער פלאַץ מיט גרינע גראָז באַוואַקסן. און אי די שטוב, אי דער גאַנצער פלאַץ אַרום דער שטוב — איז עס דיינע... אייגענע... שטייסטו זיך אַזוי אויפן גאַניק אַ ווײַלע און קוקסט... גייסטו דערנאָך אין שטוב אַריין טיי טרינקען. און אַמאָל — אַ זיסע גלאָז טיי, אַמאָל — מ׳ט מילך — אַ בהמה איז ביי אונדז תמיד געווען און אַ שאַרפע! — ווי איך האָב געוואָלט, ווי עס האָט זיך מיר געגלוסט. — וואָסי?... און דערנאָך אַ פּאָר פּרקים משניות, מעמדות. אַמאָל — אַ שטיקל גמרא אויך. אַזייגער האַלב אַכט פלעג איך זיך מיר אונטערוואַרעמען דעם סאַמאָוואַר פאַר איר... פון אירטוועגן... זאָל זי אויך האָבן אַ גלעזל וואַרעמס, ווען זי׳ וועט אויפשטיין... און איך פלעג זיך מיר אַוועקגיין אין שול אַריין. און וואָסי?... מען האָט זיך ווען געשטעלט אין שול זאָגן איזהו אָן מיר? אָן ר׳ אבאן?... וואָסי?... און איך פלעג קומען אין שול: „ר׳ אבא, ר׳ אבא איז געקומען״ — פלעגן אַלע ווערן צופרידן. פלעג איך זיך מיר אָפּזאָגן מה טובו, איזהו און אַמאָל אַליין ביים עמוד ביז ברכו, אַמאָל אָן אַנדערן געשיקט — ר׳ אבא איז געווען ר׳ אבא!... נאָכן דאַווגען פלעג איך מיר קומען אַהיים און עס פלעגט שוין זיין אָנגעגרייט קאַרטאָפל. אַמאָל מיט פּוטער, מיט סמעטענע, אַמאָל מיט הערינג... וואָסי?... זי פלעגט מיר זשאַלעווען, צי עס איז חלילה נישט געווען. וואָסי?... און דערנאָכדעם — ווייטער אין בית־המדרש, ווייטער אַ בלאַט גמרא... דערנאָך מיטיק. און אַ גלעזל וואַרעמס נאָך מיטיק — אַ „הליאַך״ איז תמיד אין אויוון געשטאַנען! — און פאַרן שלאָף, אַלע ביינאַכט, אַלע ביינאַכט אַ גלעזל מילך, אַמאָל — צוויי גלאָז מילך. וואָרום וואָסי?... זי האָט געזשאַלעוועט, צי עס איז חלילה נישט געווען?... און וואָס האָט מיר געפעלט, און מכוח

וואָס האָב איך געדאַרפט דאגהנען דאָן?... האַ?... וואָס?... וואָס זאָגסטו?...

און ווער האָט דאָס געקענט קלערן, אַז איך... איך... איך דער בעל־מיחוש, דער שלאָפער — איך האָב אַלע מאָל, נאָך פון די יונגע יאָרן אָן געהאַט אַ מיחוש; עפּעס די קאָפּ... דער זייט... — איז איך... איך וועל בלייבן לעבן און זי... זי...

איך געדענק נאָך ווי איצטער... אָט ווי נעכטן וואָלט דאָס געטראָפן... עפּעס מיט אַ טאָג פריִער האָב איך זיך געפילט נישט אין גאַנצן. עפּעס נישט ביי זיך. עפּעס די ביינער ברעכן, דער קאָפּ, און דערהויפּט דאָס האַרץ... דאָס האַרץ... עפּעס אָט, אָט עס פאַלט אַרויס. אַ האַרץ... אַ האַרץ — איז אַ זייגער... איך האָב געפילט עפּעס אין האַרצן טיאָך, טיאָך, טיאָך, אָט, אָט איך חלש... אָט, אָט און דאָס אָרט ווו עס ליגט דאָס האַרץ וועט ווערן פּוסט... פּוסט... אי״ך געדענק, איך בין יענעם טאָג צו מנחה און מעריב אויך נישט געגאַנגען... און זי:

— אבא, אבא, וואָס איז דיר? וואָס טוט דיר ווייי? נעם, נעם עפּעס אין מויל, אבא, אַ גלעזל וואַרעמס מיט מאַלינעס, אַ גלאָז מילך, אפשר אַ הון קוילען?... אבא... אבא אַהער, אבא אַהין... אבא... אבא...

אירע גוטסקייט!

— עט, — מאַך איך — גאָרנישט, עס וועט אַריבערגיין. עפּעס די האַרץ אָט, אָט זי גייט אויס.

און זי:

— ניין, אבא, מען דאַרף נישט פאַרלאָזן. אבא, אבא, נעם עפּעס אין מויל...

אירע גוטסקייט... אירע גוטסקייט!... אוי — אוי — אוי — אוי...

אין אָוונט, איך האָב זיך אָנגעטרונקען מיט טיי מיט מאַלינעס און האָב זיך געלייגט אָפּרוען. זי האָט מיך וואַרעם איינגעדעקט, נאָר עפּעס עס האָט זיך נישט איינגעשלאָפן. און זי זיצט נעבן מיר און טרעט נישט אָפּ פון בעטל.

— לאה, — זאָג איך איר, — גיי, גיי טו וואָס אין שטוב. נישט זיי אַזוי צעטראָגן... גאָרנישט... ס׳וועט איבערגיין... גאָרנישט... ווייס איך, אָט די האַרץ, די האַרץ עפּעס ווי זי פאַלט אַרויס...

און זי — ניין. טרעט נישט אָפּ פון מיר.

— וואָס דאגהסט זיך אַזוי מכוח מיר, — שמייכלט זי זיך — איך בין דאָך עפּעס אַ געזונטע.

אין מיטן בין איך זיך אַנדרימלט געוואָרן, איינגעשלאָפן. און איך כאַפּ זיך אויף — ס׳איז שוין געווען היפשער טאָג. — ערשט זי, לאה, זיצט נעבן מיר. איך געדענק... איך האָב זיך אַפילו אָנגעבייזערט אויף איר:

— סטייטש — מאַך איך — לאה, אַ גאַנצע נאַכט ביסטו געזעסן נעבן מיר, איך בין דען אַזאַ חולה מסוכן?

— אַט, — זאָגט זי מיט איר שמייכל — און פון וואַנען ווייסטו, אַז איך בין געזעסן אַ גאַנצע נאַכט? גאָר אַ נייעס... איך ווייס... אַזוי... הער, און וואָס מאַכסטו היינט?

איך האָב זיך דווקא געפילט עפּעס ווי בעסער. איך האָב זיך אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, בין מיר אויפגעשטאַנען, אָפּגעזאָגט ברכות, אָפּגעטרונקען טיי און אַ פּאָר גלאָז מילך אויסגעטרונקען, אויך אַ פּאָר אייער סמיאַטקע אויסגעזופּט. איך האָב אַפילו נישט געוואָלט... פאַרן דאַוונען... נאָר זי... נו, און אַהין, אַהער און בין זיך מיר אַוועק אין שול דאַוונען. זי האָט אַפילו ביי מיר געפרעגט: אפשר וועל איך נישט גיין אין שול, וואָרום פאָרט אַ קצת חולה, נאָר איך האָב זיך אויסגעלאַכט און בין מיר אַוועק.

אַ נאַרישקייט געדענקט זיך. יענעם טאָג איז געווען עפּעס אַן אורח אין שול, אַ בעל־יאָרצייט... בכלל געדענק איך יענעם טאָג משונה פּינקטלעך... אַלץ, אַלץ, איטלעכע קלייניקייט אַפילו און עפּעס ווי אַט, אַט... אַט האָט דאָס געפּאַסירט, אַלץ אַזוי קלאָר, געדענקט זיך מיר... איך געדענק, אַז איך בין אַרויס פון טיר, זאָגט זי מיר מיט אַ המצאה:

— מיט דער רעכטער פוס.

אירע המצאות!...

יאָ, בין איך געקומען אין שול און האָב זיך אָנגעהויבן צו ווערטלען מיט דעם אורח. איך האָב אַנדערש נישט געוואָלט לאָזן אים צום עמוד ווי ער זאָל נישט צוזאָגן אַ גאַנצע קוואָרט משקה און ער האָט אַלץ געאַמפּערט זיך מיט מיר. לסוף זאָגט ער:

— אָבער זאָל זיין נישט ווי איר און נישט ווי איך — איך גיב צוויי קוואָרט און דווקא בחיר.

מ... אַ חכם און אַ גביר עצום!

נו, מען האָט זיך געשטעלט דאַוונען. און אין מיטן דאַוונען, אַרום תחנון איך הער — עפּעס אַ ראַזרוך אין שול. נאָר וואָס קערט דאָס אָן צו מיר? שטיי איך זיך מיר אומגעקערט מיט דעם פּנים צום וואַנט און הער זיך צו חזרת הש״ץ. ערשט מען גייט צו צו מיר.

— ר׳ אבא, לאה רופט אייך...

מיר איז פּלוצים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אי׳ך בין גאָר מבוהל געוואָרן און אין האַרצן ביי מיר האָט זיך ווי עפּעס אָפּגעריסן... אין מיטן דאַוונען... סטייטש, לאה וועט שיקן רופן מיך אין מיטן דאַוונען אַהיים... לאה... מיך אין מיטן דאַוונען... כאַפּ איך דאָך שוין מסתמא אויף גיך אַראָפּ פון זיך דעם טלית מיטן של ראש, און מיטן של יד אויפן האַנט לויף איך ווי אַ משוגענער אַהיים. איך קום צו צו דער שטוב — גאַנצע רעדלעך מיט מענטשן שטייען אַרום; שכנים, באַקאַנטע, גוטע פריינד און אַלע אומעט׳ק, מיט פאַרדראָסיקע פּנימער, צעטראָגענע. איך פרעג: „וואָס איז דאָס?... האָט רחמנות, זאָגט, וואָס האָט דאָ געטראָפן?!״ מען שווייגט... „געוואַלד, בעט איך זיך, האָט רחמנות, זאָגט, וואָס, וואָס איז דאָס?״ אַלע שווייגן און קוקן אויף מיר מיט רחמנות, לויף איך דאָך אַריין אין שטוב. ערשט — וואָס זאָל זיין?... זי ליגט אויפן בעטל, דאָס פּנים אירס איז בלאַס ווי ביי אַ טויטן און זי אי׳ז שוין אביסל נישט ביי־זיך. איך האָב זיך אַ קער געטון צום רופא, וואָס איז געשטאַנען נעבן בעטל, און ער האָט אויף מיר אַ בליק געטון, ווי איינער זאָגט: איר זעט דאָך. און וואָס זאָל זיין?... איך האָב באַלד, תיכף, תיכף פאַרשטאַנען. איך האָב זיך אַוועק־געשטעלט נעבן בעטל און שטיי און טרערן גיסן זיך... איך שטיי און אי׳ך וויין און וויין... אין דערינען האָט זי זיך ווי אויפגעכאַפּט עפּעס ווי פון אַ שווערן שלאָף. האָט אַ לאַנגן בליק געגעבן אויף מיר.

— אבא, — מאַכט זי מיט אַ שוואַכער שטימע קוים וואָס מען האָט געהערט.

— וואָס? — פרעג איך.

— אבא, וואָס וויינסטו? — פרעגט זי.

— ניין, — ענטפער איך, — איך וויין נישט, — און טרערן כליפּען ביי מיר אין האַלדז.

— ניין, — זאָגט זי, — אבא, דו וויינסט.

— איך ווייז נישט, — זאָג איך נאָכאַמאָל און טרערן גיסן זיך, גיסן זיך פון די אויגן.

— אבא, אבא... — מאַכט זי, — אבא, דו ווייִנסט...

דאָ האָב איך שוין נישט געקענט... נישט געקענט איינהאלטן זיך און איך האָב זיך פונאַנדערגעכליפעט אויפן קול... ביטער... ביטער... האָ?... וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר?... איך וויין... איך וויין איצט אויך... פערציק יאָר, ברודער... פערציק יאָר געלעבט צוזאַמען... אַ וואָרט אויף אַ וואָרט נישט פאַרביטן... פערציק יאָר... פערציק יאָר...

— ווי אַזוי, — זאָג איך איר, — זאָל איך נישט וויינען... לאה...

— אבא, — מאַכט זי, — אבא, אַ מענטש דאַרף אַלע מאָל זיין אַ מענטש, מען דאַרף זיך שטאַרקן... מן הסתם וויל ער אַזוי... אבא...

זי... זי האָט מיך געטרייסט — אַ מאַנסבילשער קאָפּ!

אין מיטן איז זי ווייטער עפּעס ווי נישט ביי־זיך געוואָרן. ניין!... שטאַרבן איז זי געשטאָרבן ביים זינען, מיט אַ דעת. וואָלט איך אַזוי שטאַרבן מיט אַזאַ דעת ווי זי...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך ווידער אויפגעכאַפּט.

— אבא, — מאַכט זי צו מיר אומעטיק, — איך וועל עפּעס האָבן פון דיין לערנען און דאַווענען אויף יענער וועלט?...

— לאה, — האָב איך זיך פונאַנדערגעוויינט, — עס איז דאָך אין גאַנצן דיינע, אין גאַנצן דיינע... דו... דו האָסט דאָך מיך מפרנס געווען... דו... דו... אַלץ דו... אין גאַנצן דיינע...

דערנאָך האָט זי געבעטן, אַז איך זאָל מיט איר זאָגן ווידוי, און דווקא איך זאָל מיט איר זאָגן ווידוי האָט זי געוואָלט. דווקא איך — און נישט קיין אַנדערער... דווקא איך...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— דווקא איך!...

ג קואטקא

— און בכלל... עס איז נישט דאָס... נישט אַמאָליקע יאָרן!... איך רעד שוין נישט וועגן זיך, וועגן מיין לעבן גופא, וועגן דעם, ווער ב'ן איך אַמאָל געווען און ווער בין איך איצטער. איך רעד בכלל... בכלל — נישט אַמאָליק לעבן און נישט אַמאָליקע מענטשן... גאָרנישט דאָס — אָבער לגמרי נישט!... אוי־אוי־אוי...

וואָס זאָל איך דיר זאָגן?... דו ביסט דאָך נאָך אַ יונגערמאַן, וואָרום וויפל ביסטו אַלט? אַרום ארבעים, דאַכט מיר? האַ?... יאָ?... הייסט עס, אַנטקעגן מיר ביסטו נאָך גאָר אַ יונגערמאַנטשיק, אָבער איך... איך גע־דענק נאָך גאָר אַמאָליקע מענטשן — אַן אַנדער דור געווען, אַן אַנדער דור!... דאַן, אַמאָל, איז טאַקע געווען אַ דור פון מענטשן מיט גרויסע קעפּ, מיט הייסע הערצער, מיט אמונה טאקע און בטחון און מיט אַ סך עבודה... מ'מע...ע — אַן אַנדער דור, אָבער לגמרי אַן אַנדער דור!...

האַ, וואָס זאָגסטו?...

אָט, למשל, רב ישראל... שוין דאָ, גאָר דאָ אין די לעצטע יאָרן. און אי איך אי דו, אי דאָס גאַנצע שטעטל, אַלע, אַלע האָבן דאָך אים געקענט. נו?... און ווער איז געווען רב ישראל? דאַכט זיך, מער נישט ווי אַ ייִד אַ סוחר, אַ ייִד אַ קרעמער. נו — אַ גרויסער קרעמער, דערצו אַ

גרויסער עושר אויך. אָבער... און ער איז דאָך געווען בראשו ורובו, דאַכט זיך, אַריינגעטון אין קראָם, אין געשעפט. און מען פלעגט דאָך דערציילן אויף אים, אַז אפילו אַ גראָשן־זאַך פלעגט ער נישט דערלאָזן, אַז עס זאָל אַוועקגיין לאיבוד בנוגע צום געשעפט. נייןּ! — בנוגע צו אַ דבר צדקה איז דווקא געווען ביד רחבה און וואָס הייסט ביד רחבה, ממש הויפנס, הויפנס געלט געשאָטן, ווו מען האָט נאָר באַדאַרפט. און איך פרעג ביי דיר, אדרבא, ווו כאַפּט מען איצט נאָך אַזאַ ייִדן?... עס איז דאָך ממש אַ פאַרגעניגן צו דערמאָנען זיך וועגן אַזעלכע ייִדן... און איך געדענק נאָך אים, רב ישראלן פון דער יוגנט אָן, וואָרום מיר זענען דאָך אָנגעקומען ביידע פאַר איידימס אַהער אין איין צייט, און עפּעס תיכף זענען מיר געוואָרן אוהבים נאמנים.

איך געדענק נאָך ווי איצטער... איך בין דאָך דעמאָלט אָנגעקומען אַהער פאַר אַן איידעם צו מיין שווער, צו ר׳ מאָטעלען, הייסט דאָס. אַ מי־טעלער באַלעבאָס, נאָר אַ בר־אורין און זייער אַן אָנגענומענער אין שטעטל און ער, ר׳ ישראל, איז דאָך אָנגעקומען צו ר׳ לייבן. ר׳ לייב איז דאָך דעמאָלט געווען דער גרויסער נגיד און דער גרויסער למדן און מיט דעם גרויסן שם אויף דער וועלט פאַר זיין אָרנטלעכקייט און זיין גרויס קלוג־שאַפט, מ... — ער איז געווען אַ מדינה־חכם!... אמת, אַפילו, זיינע געשעפטן אויף קלאָר האָט קיינער נישט געוווּסט, זיין געלט האָט קיינער נישט גע־ציילט, מען פלעגט מער נישט ווויסן, אַז ער פאָרט אַלע יאָר אין ניזשנע... נאָר די פירונג, דער פאַראַד!... יאָ... היינט פאַרשטייט מען דאָך, אַז ר׳ לייבס איידעם באַדאַרף זיין אי אַ למדן, אי אַ גרויסער חכם, אי... — מיט אַלע מעלות! און כך הוה — ר׳ ישראל איז טאַקע דאָס געווען... און אַז ער איז אָנגעקומען אַהער, האָט ממש דאָס גאַנצע שטעטל גערעשט... איך געדענק נאָך ווי איצטער... דער רב אונדזערער, ר׳ בער עליו השלום, ער איז דאָך געווען דער גרויסער ערלעכער ייִד, נאָר אין דער יוגנט איז ער קיין גרויסער למדן נישט געווען. דערנאָכדעם ערשט, אויף די עלטערע יאָרן, אַז ער איז געזעסן יום ולילה און האָט געלערנט, האָט ער געקראָגן זיין גרויסן שם אויף דער וועלט... יאָ... איז האָט ער זיך אַ ביסל דער־שראָקן פאַר ר׳ ישראלן. נו... קען מען זאָגן?... פאָרט אַ יונגערמאַנטשיק און אַזאַ גרויסער למדן און ער אַ רב... ע... מאַכט דאָך נישט אויס!... איז ר׳ ישראל דעם אַנדערן שבת נאָך דער חתונה אין שול נאָכן דאַוונען

אינדערפרי צוגעגאַנגען צום רב — וואָרום ער האָט תיכף פאַרשטאַנען די מעשה — און מאַכט צו אים אַזוי, בדרך הלצה:

— רבי, איך פאַרשטיי נישט?... רייכער מעג איך זיין פאַר אייך און... גאָר אַ נייעס! — אַ רב איז אַ רב און אַ גבירס אַן איידעם איז אַ גבירס אַן איידעם...

ס׳מאַכט דאָך נישט אויס, דער רב איז דאָך געווען גאָרנישט קיין נאַר... און דערצו דער גרויסער ערלעכער ייִד און אַ חסיד אויך. — מאַכט ער:

— אויב אַזוי, רעכן איך טאַקע היינט גיין אויף ברכה צום גבירס איידעם, און האָבן זיך בײדע פונאַנדערגעלאַכט...

אַמאָליקע יאָרן!...

יאָ... איז וואָס האָב איך דיר געוואָלט דערציילן?... יאָ!... מכוח דעם... ס׳איז אַפילו אַ נאַרישקייט, נאָר איך געדענק דאָס נאָך ווי איצטער... און ווען מיר פלעגן זיך טרעפן, איך מיט ר׳ ישראלן, פלעגן מיר זיך דערמאָנען אָן דעם... דאָס האָט געטראָפן אַ יאָר אָנדערטהאַלבן נאָך אונדזערע חתונות. מיר זענען נאָך דאַן געווען יונגעלייט, און וואָס הייסט יונגעלייט? — איצט אין די צייטן וואָלטן מיר נאָך געהייסן יונגע ייִנגלעך... כע—כע—כע — וואָרום סך הכל בין איך דעמאָלט אַלט געווען אַרום ניינצן־צוואַנציק יאָר, און ער, ר׳ ישראל, אויך קרוב אין די יאָרן... איז פאַרנאַכט בין מנחה למעריב פלעגן מיר זיך בײדע דורכגיין שפּאַצירן חוצן שטעטל, אָט דאָ נישט ווייט. דעם פּריצס וואַלד איז נאָך דאַן געווען נישט קיין אויסגע־האַקטער... דער טאָל דערבײַ איז נאָך דאַן געווען אַ טיפערער און דאָס טייכל איז נאָך נישט געווען פאַרוואַקסן ווי איצטער... ס׳איז געווען אַ פאַר־געניגן ממש צו שפּאַצירן דאָרטן! דו ווייסט דאָך? עס פלעגן דאָך אָנפאָרן צו אונדז די גבירים פון גאַנצן געגנט אויף זומער. יאָ... איז בין מנחה למעריב פלעגן מיר זיך שפּאַצירן אַ חוצן שטעטל. מען חזרט זיך אַ מאמר חסידיש. אַמאָל איך, אַמאָל ער, און מען גייט זיך אַרום... איינמאָל, מיר גייען שוין צוריק אין שטעטל, און טאַקע שוין גאָרנישט ווייט פון שטעטל, ערשט מיר האָבן דערהערט עפּעס גראָבע קולות... עפּעס אַ שכורן געזאַנג. מיר גייען אָפּ נאָך אַ פאָר טריט — ערשט וואָס זאָל זיין? אַ פאָר שכורע פּויערים גייען פון שטעטל אַנטקעגן אונדז און מען שרייט, מען זינגט אָט עפּעס פון זייערע ניגונים, אַ מין זייערער אַ ניגון ווי „דעווקאַ“... וואָס

זאָל זיין? — אַ פּויער אַ שכור!... נו, הייגט וואָס טוט מען? אַ גוי איז דאָס, שכור איז דאָס אויך, נו, איז פּגיעתן רעה... ר׳ ישראל האָט אַפילו געוואָלט גיין ווייטער:

— גאָר, — מאַכט ער, — קום — מיר זענען דאָך געווען אויף „דו״ — ממה נפשך, מיר וועלן זען.

נאָר איך האָב עפּעס פּחד געהאַט:

— וואָס הייסט, — מאַך איך, — מיר וועלן זען? מיר וועלן טאַקע הערן אויך...

ר׳ ישראל האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— נו, — זאָגט ער, — וועלן מיר זיי זאָגן דעם פּסוק: רשע למה תכה רעך?...

— אָבער זיי פאַרשטייען דאָך נישט קיין לשון קודש, — שטיי איך און המצאה זיך און טרייסל זיך פאַר שרעק.

— נו, — מאַכט ער, — וועל איך זיי זאָגן אויף פּראָסט ייִדיש: דו, חמור איינער, געגוג אַז דו לעבסט אויף דער וועלט, אַז דו טרעטסט מיט דיינע גראָבע לאַפּטשעס די כנפי השכינה — שלאָגסטו זיך נאָך...

הקיצור, אַ המצאה אַהער, אַ המצאה אַהין, עס איז נישט גוט. נו, איז געבליבן, אַז מען זאָל אַרויפכאַפּן זיך אויף אַ בוים און וואַרטן ביז די פּויערים וועלן פאַרבייגיין. גיין אין וואַלד אַריין איז שוין געווען שפּעטלעך און יונג איז מען געווען, חסידים איז מען — שטיפער, מילא איז געבליבן אַזוי צו טון. נו, איז מען אַרויפגעקראָכן אויף אַ בוים, פריִער איך, נאָכדעם ער, און מען זיצט אויף אַ צווייג פונעם בוים... זיצט מען... און מען חזרט שטילערהייט אַ מאמר פון רבין... דערווייל איז שוין געוואָרן שפּעטלעך; דער הימל האָט זיך אויסגעשטערנט, די לבנה האָט זיך שוין אויך באַוויזן צווישן זיי, אין דער גאַנצער געגנט אַרום איז געווען שטיל. עס האָט זיך מער נישט געהערט דאָס טייכל דערביי און די זשאַבעס, וואָס ווי אין פּרק שירה ווערט געבראַכט, זאָגן זיי אַלע זומער פאַרנאַכט שירה... און אין האַרצן קלעמט עפּעס... קלעמט... דאַכט זיך וואָסי וואָס? דער ריח פון די גראָזן איז טאַקע מחיה נפשות, און עס איז, דאַכט זיך, אַזאַ פאַר־געניגן... אַזאַ פאַרגעניגן — זומער פאַרנאַכט חוצן שטאָט!... נאָר... מעריב־צייט... תפילה בציבור... ע... מען איז דאָך אַ ייִד... און אַז עס קומט די

צייט פון דאַוונען, איז... מאָנט דאָך... עס מאָנט... — דאַוונען־צייט!... יאָ... זיצט מען זיך... און אין גאַנצן אַרום איז שטיל... די נאַכט קומט שוין אָן... אין מיטן קערט זיך צו מיר אום ר׳ ישראל מיט אַ טרויעריקן פנים:

— אבא, דו הערסט?

איך הער זיך צו גוט, נאָר איך ווייס נישט וואָס ער מיינט.

— וואָס זאָל איך הערן? — מאַך איך שט־ל.

— הער זיך צו גוט, — מאַכט ער, — פון דאָרטן, ווו דער בית־המדרש איז... ווו די פייערלעך זעען זיך...

— יאָ, — זאָג איך, — איך הער... מען דאַוונט אין שול מעריב, „שמע ישראל“ זאָגט מען...

— און דעם פויערס געזאַנגען הערסטו אויך?...

— איך הער, — האָב איך געשאָקלט מיטן קאָפּ...

— אבא, — מאַכט ער מיט התלהבות, — וואָס פאַר אַ סבלן ער כביכול איז... אבא... איך קען נישט איינרוען... יידן דאַוונען און דער שכורער געזאַנג... „שמע ישראל“ און... אבא... און ער ליידט דאָס... ער איז דאָס סובל... אבא...

און פון גרויס התלהבות, ווען נישט איך, וואָלט ער אַראָפּגעפאַלן פון בוים... קוים, קוים, וואָס איך האָב אים צוגעהאַלטן...

יאָ... אַמאָליקע יאָרן!... עפּעס, אַז איך דערמאָן זיך אין יענע יאָרן, וואָלט איך מכוח זיי גערעדט און גערעדט, דערציילט און דערציילט, טאָג און נאַכט... און מיר וואָלט קיינמאָל נישט מיאוס געוואָרן... עפּעס מען פאַרגעסט זיך דעמאָלט אָן אַלץ, וואָס מען זעט איצטער פאַר די אויגן... אוי־אוי־אוי — אַמאָליקע יאָרן!... נאָר נישט דאָס בין איך אויסן צו דער־ציילן דיר... איך וויל דיר זאָגן אַנטקעגן ר׳ ישראלן... יאָ... זענען דאָך ביי ר׳ ישראלן געווען אַלערליי צייטן אין זיין לעבן; גוטע און שלעכטע, און ווייטער שלעכטע און גוטע... עס איז דאָך אויך געווען ד׳ צייט, ווען זיין שווער ר׳ לייב איז מיט אַמאָל אויס תקיף געוואָרן, און ער, ר׳ ישראל, האָט געמוזט אַריינמישן זיך אין געשעפט, און לסוף איז ער דאָך טאַקע אַריין אין געשעפט בראשו ורובו. ער האָט דאָך געמאַכט די קראָם און האָט דאָך אָנגעהויבן זייער מצליח צו זיין, ביז וואַנען ער איז עולה געוואָרן

צו זיינע גרויסע עשירות... און אַ חוץ דער קראָם האָט ער דאָך געהאַט נאָך גרו׳סע עסקים; ער פלעגט דאָך אַרומפאָרן אין מרחקים; אין סמאָ־לענסק, אין וויטעבסק, אין כאַרקאָוו, אין מאָסקווע, און אויך אין אויס־לאַנד... וואָס? — עפּעס אַ קלייניקייט זיינע געשעפטן!... יאָ... און פונדעסט־וועגן איז ר׳ ישראל געווען ר׳ ישראל... דאַכט זיך אַז דו זעסט ר׳ ישראלן אין גאַס, גייענדיק מיט אַ סוחר אָדער מיט אַ סרסור... אָדער ווען דו זעסט ווען ער שטייט אי׳ן זיין קראָם... און מען פלעגט זאָגן אויף אים, אַז אין געשעפט־זאַכן איז דאָס געווען איין בריה, איין קלוגער, און אַזוי איבער־געגעבן צו זיי... און דאָך...

איינמאָל... שבת־צונאַכט — שבת־צונאַכט פלעג איך אַלע מאָל אַריינ־גיין פאַרברענגען צו ר׳ ישראלן. מען זיצט, מען טרינקט אַ גלעזל וואַרעמס, מען רעדט מכּוח דעם רבין, מכוח אַ מאמר חסידיש, אָדער אַמאָל אַזוי, גלאַט געשמועסט; וועלט־זאַכן. דאָס איז געווען אָט, דאָ נישט לאַנג, אין זיינע לעצטע יאָרן. בין איך געקומען צו ר׳ ישראלן, אי׳ך בין זיך אַריין אין שטוב, אַריין צו אים אין זאַל — ער האָט דאָך געוווינט אין גרויס עשי־רות — און איך האָב אים נישט געפונען. איך קוק זיך אַרום ערשט דערביי אין אַ צימער. די טיר פון צ׳מער איז געווען אַ ביסל אָפן, ער זיצט און איז פאַרטיפט אין די גרויסע ביכער פון זיין געשעפט. נו, טומלען אים אַ קאָפּ, ווען ער איז פאַרנומען? — האָב איך זיך גענומען אַ ספר און האָב מיר מעיין געווען. אין דערינען איז זיך אַריין זיין פלונ׳תטע, ר׳ לייבס טאָכטער. זי איז דאָך אויך געווען די גרויסע ערלעכע ידענע און זייער אַ קלוגע. און מיר האָבן זיך אַ ביסל דורכגעשמועסט. נאָכדעם איז זי אַוועק. דער קאָפּ האָט עפּעס מיר וויי געטון, און איך האָב עפּעס געפוילט זיך קוקן ווייטער אי׳ן ספר. זיץ איך אַזוי און קוק זיך אויף ר׳ ישראלן. און ער האָט דאָך געהאַט אַ מאָדנעם הדרת פנים: זיין גרויסער שטערן, אויף וועלכן עס איז געלעגן דער „צלם אלהים״, היינט זיין גאַנצער פנים... יאָ... זיץ איך אַזוי און קוק אויף אים, ווי ער זיצט אין זיין זיידענער יאַרמולקע — אין שטוב פלעגט ער שטענדיק אומגיין אין אַ זיידענער יאַרמולקע, וואָס ער האָט אַליין געבראַכט פון אויסלאַנד — און איז פאַרטיפט אין די חשבו־נות. אין מיטן, עפּעס גאָר, דאַכט זיך, כּלאַחר יד האָט ער אַרויסגענומען זיין זילבערנע שמעק־טאַבאַק־פושקע צו נעמען אַ שמעק טאַבאַק און האָט

זיך עפּעס שטאַרק פאַרקוקט אויף דער פּושקע. קוק איך אויף אים און ער קוקט אויף דער פּושקע. און ער קוקט און קוקט אויף איר און זיין שטערן ווערט עפּעס שטאַרק פאַרטיפט אין מחשבות. און אַט אַזוי קוקנדיק אויף דער פּושקע, האָט ער אין דערינען אָנגעהויבן צו חזרן דעם רבינס אַ מאמר, וועלכן, מיט אַ קליינער צייט פריִער, האָט ביי אונדז אין שטעטל איבערגע־חזרט דער „בעל־משפיע", וועלכער איז דורכגעפאָרן. דער מאמר איז טאַקע זייער אַ טיפער. עס רעדט זיך מכוח דעם, וואָס אין שמע ישראל רופן אָן די ייִדן דעם „הויה" כביכול בשם „אחד" און דאָס וואָס די גמרא זאָגט, אַז חותמו של הקב"ה איז „אמת" און עס ווערט אַרומגעקלערט דאָרטן, אַז וויבאַלד נאָר אמת מוז זיין אחד און אחד איז שוין אמת... איז... ע... זיצט ער זיך אַזוי און דרייט די פּושקע און דרייט זיך און קוקט אַזוי מאָדנע אויף איר און חזרט זיך פאַרטיפטערהייט דעם מאמר און זיין פּנים ווערט אַלץ פון מינוט צו מינוט מער פאַרטיפט, מער פול מיט התלהבות פון שמחה, אַט ווי עפּעס אַ נייע מחשבה איז אַריינגעפאַלן ביי אים אין מוח אַריין... און פּלוצים פאַרטיפן זיך מאָדנע זיינע אויגן און ער הויבט אָן טענהן צו זיך אַליין:

— ר' ישראל, געוויס אַזוי... אמת... אמת... אמת — מוז זיין איינער!... וואָרום... אָט, למשל, אָט די פּושקע... אַז איך זאָל וועלן זאָגן „שקר", קען איך דאָך זאָגן, אַז די פּושקע איז אַ צוויי קאַנטיקע, אַ דריי קאַנטיקע, אַ פינף קאַנטיקע, אַ צען קאַנטיקע, אַ הונדערט קאַנטיקע, אַ... אַ... אַ... טויזנט קאַנטיקע — נישטאָ קיין גבול און קיין סוף צום שקר!... און „אמת" — אַ פיר קאַנטיקע... אמת — איז איינער... אחד... אחד... איין אמת... ד' אחד!...

און ער האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש, און האָט אַוועקגעלאָזן די ביכער מיט די חשבונות מיט דעם גאַנצן האַק און פּאַק, און האָט אָנגע־הויבן צו זינגען און איז זיך אַוועק אַליין אַ טענצל איבערן צימער, און וואָס הייסט אַ טענצל?... אַט ווי אַ גרויסער חסיד קען... און מיט מוראדיקע התלהבות... איך זאָג דיר, אַז ווען דאָס וואָלט געזען אַ מתנגד, זאָג איך דיר, אָדער אַזוי ר' ישראלס אַ באַקאַנטער סוחר צו אַ סרסור זיינער, וואָלט ער נישט געגלויבט, וואָס די אויגן זיינע זעען. אָדער ער וואָלט קלערן, אַז ר' ישראל איז משוגע געוואָרן. סטייטש ר' ישראל דער פּקח; ר' ישראל

ר׳ אבא

דער סוחר, ר׳ ישראל דער קרעמער... און אין מיטן דערינען?!... און איך זאָג דיר, וואָס הייסט מיט התלהבות... ער טאַנצט... טאַנצט... און זינגט און טענהט צו זיך מלא שמחה:

— ר׳ ישראל, לעבעדיקער!... ר׳ ישראל, אַן אמת — איז איינער!... איין אמת... איין אמת... ד׳ אחד...!... לעבעדיקער, ר׳ ישראל... לעבעדיקער!!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— אַמאָליקע יאָרן!...



א נײַער ניגון

וואָס זאָל איך דיר זאָגן? — איך רעד מיט דיר, איך דערצייל דיר פון אַמאָל, פון אַמאָליקע יאָרן און עפּעס עס קלעמט, עס קלעמט מיר דאָס האַרץ...

אַז איך דערמאָן זיך וועגן דעם אַמאָל... אַמאָל... ווערט דאָך מיר אַזוי הימלעך, פריילעך און וואַרעם. וואַרעם ווערט דאָך מיר אין האַרצן. אָבער איך פרעג ביי דיר: ווו נעמט מען איצט אַן אַמאָליקן ייִדן? ווו?... ווו זענען עס איצט אָט די אַמאָליקע ייִדן מיט די שיינע, לאַנגע בערד און פּיאות, מיט דער התלהבות אין זייערע פּנימער, מיט דער היץ, מיטן ברען, מיט דעם פייער אין האַרצן, מיט דעם גרויסן בטול־היש ביי זיך, סיי דאָס גאַנצע חומרדיקע לעבן און מיט דעם גרויסן בטחון און אמונה... ווו?... אַז איך טו ווען אַ טראַכט וועגן אַן איצטיקן ייִדן, איז אַ שוידער לויפט דורך איבער

מיינע ביינער... איך זאָג דיר, ממש אַ שוידער, אַ פראָסט. עפּעס אַזוי קאַלט, אַזוי קאַלט... אוי־אוי־אוי...

אמת. דאָס עצם לעבן, אַ״ן גשמיות הייסט עס, איז דעמאָלט אויך גע־ווען נישט קיין אַי־אַי. וואָס זאָל זיין? — דאגת פּרנסה. היינט דער עול הגלות גופא. וואָרום וואָסי? מען איז דאָך אין גלות... טאַקע אין פינצטערן און ביטערן גלות... היינט די גזירות רעות... דאָ אַ גירוש, דאָ אַ בלבול, דאָ גלאַט פון העלער הויט הויבט אויף עשו זיין גרוי־סע, גראָבע, האָריקע האַנט... יאָ... אמת... אָבער עס איז דאָך געווען מער כוח אין זיך... מער פייער אין האַרצן... און דאָס גשמיותדיקע, חומרדיקע לעבן האָט מען דאַן געקענט מבטל זיין. און וואָס הייסט מבטל זיין? — טאַקע מבטל געווען ממש בתכלית הביטול... וואָס זאָל זיין? אַז מען לעבט, דאַרף מען אָפּקומען... אָבער דער עיקר איז — אַ גאָט האָבן מיר. און יידן זענען מיר... כע־כע־כע... אוודאי אַזוי: אַ גאָט האָבן מיר און יידן זענען מיר!...

וואָס דאַרפסטו אַ סך? אָט לאָמיר נעמען איינעם פון די אַמאָליקע יידן. אָט, למשל, ר׳ מאָטע. — שוין אונדז צו לאַנגע יאָר — דו האָסט דאָך אים געקענט ווען ער א״ז שוין געווען אין די עלטערע יאָרן. איך האָב דאָך אָבער אים געקענט ווען ער איז נאָך אַ יונגערמאַנטשיק געווען. יונגערמאַנ־וויז האָט ער דאָך געוווינט אויפן ישוב. אָט דאָ אַ וויאָרסט פיר פון דאַנען. זיין פאָטער איז דאָך דאַן רייך געווען. האָט ער אים אַ קרעטשמע גענומען און האָט אים דאָרט באַזעצט. נאָכדעם ערשט, אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען זיין פאָטער האָט אָנגעהויבן אַראָפּ פון מעמד און אים אַליין איז אויך זייער נ״שט געגאַנגען, האָט ער זיך באַזעצט ביי אונדז אין שטעטל. און ביי אים, ביי ר׳ מאָטען הייסט עס, איז דאָך געווען אַלערליי צייטן: גוטע און שלעכטע און וייטער גוטע און ווייטער שלעכטע. און טאַקע גאָר, גאָר גוטע און גאָר, גאָר שלעכטע. און פונדעסטוועגן איז זיך ר׳ מאָטע אַלע מאָל געווען ר׳ מאָ־טע — ר׳ מאָטע!...

איך געדענק נאָך אָט ווי היינט וואָלט עס געטראָפן. איינמאָל, דאָס איז געווען ווען ער האָט נאָך אויפן ישוב געוווינט, האָט ער געקויפט תבואה. פּלוצים זענען די מקחים פון תבואה אַראָפּגעפאַלן, אָבער אַזוי, אַז ער האָט געהאַלטן בדיל־הדל צו ווערן. האָט פון דעם דאָס גאַנצע שטעטל גערעשט. און עס האָט טאַקע אַלעמען זייער פאַרדראָסן. בכלל, אַז אַ ייִדן

גייט נישט — פאַרדריסט עס. הייִנט בפרט ר׳ מאָטען! סטייטש, ר׳ מאָטע, אַ דערבייאיקער ישובניק, אַזאַ ייִד און אַזאַ נדבן. וואָרום אַז ער פלעגט קומען צו אונדז אין שטעטל, איז ווו נאָר מען האָט געדאַרפט: אַ הכנסת כלה, לחם אביונים, אַזוי אַן אָרעמען ייִדן אָדער פאַרן בית־המדרש, מען דאַרף האָבן אויף ווינטער האָלץ — אומעטום די גרויסע, די שיינע נדבות. ממש אַן אָפּענע האַנט! — אַלעמען האָט עס דאַן אָנגערירט. באַגעגן איך אים דאַן אין גאַס. ער איז עפּעס גראָד דעמאָלט ביי אונדז אין שטעטל געווען. ווי־לט זיך מיר טרייסטן אים. גיי איך צו אים צו און זאָג אים:

— ר׳ מאָטע, נישט זייט אַזוי צוטראָגן. אין לעבן טרעפט אַלץ.

שטייט ער אַזוי און קוקט אויף מיר.

— עט — זאָג איך — אייער פאָטער איז דאָך רייך, וועט ער אייך צוהעלפן.

טוט ער אַ שמייכל. נעמט מיך אָן ביים לאַץ און מאַכט צו מיר:

— ר׳ אבא, נישט זיין אומרויק. נישקשה. איך אַליין זאָרג גאָרנישט. איר זאָגט דאָך, איך האָב אַ רייכן טאַטן. הייִנט מה דאָך, אַז איך האָב צוויי רייכע טאַטעס...

קוק א־ך דאָך אויף אים און וווּנדער זיך. וואָס הייסט צוויי?

— ר׳ אבא, — מאַכט ער, — וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? — אַוודאי צוויי... און דער טאַטע אין הימל... דער רבונו של עולם... נישקשה, ער קען צוהעלפן... ער קען... ער קען...

— אַגב — מאַכט ער ווייטער — אויב „ער" וויל נישט העלפן, דאַרף מען נישט. איך האָב זיך מיינס אָפּגעטון. מען דאַרף מפרנס זיין אַ ווייב און קינדער — האָב איך פון מיין זייט אַלץ געטון צוליב דעם. האָב תבואה אויך געקויפט. דאָס א׳בעריקע איז שוין שייך צו אים... צו אים... און אין זיינע הנהגות מיש איך זיך נישט... ניין...

אַמאָליקע ייִדן!...

יאָ, איז וועגן ר׳ מאָטען. ר׳ מאָטע איז דאָך געווען אין זיינע יונגע יאָרן אַ גרויסער למדן, אַ בקי אין ש״ס און פוסקים און איז דאָך . געווען דער פייערד־קער חסיד. אַליין איז ער געווען אַ הויכער מיט אַ שוואַרץ פאַרוואַקסן פּנים. אַ פּנים מיט באָרד און פיאות. און מיט אַ פּאָר שוואַרצע,

פאַרטראָגענע אויגן. און תמיד איז ער דאָך געווען פאַרקלערט, פאַרטראַכט ווי נישט אויף דער וועלט. וועגן זיין פאַרטראַכטקייט דערציילט מען דאָך גאַנצע מעשיות.

מען דערציילט דאָך אויף אים, אַז איינמאָל, ווען ער האָט נאָך אויפן ישוב געוווינט, דאַן ווען ר׳ מאָטע איז נאָך אויפן ישוב געזעסן, האָט ער דאָך נאָך זייער אַ סך געלערנט. און דערהויפּט לערנען איז ביי אים דאַן געווען אינדערפרי. איז איינמאָל, אַ זומער אינדערפרי, איז ער זיך אַזוי ווי אַלע מאָל אויפגעשטאַנען זייער פרי און האָט זיך געזעצט לערנען. און אַז מען זיצט זיך און מען לערנט, זומער אינדערפרי, ביי זיך אין שטוב. איז מען דאָך אָנגעטון נור אין ארבע כנפות, אויפן קאָפּ די שלאָף־יאַרמולקע, דורך אין פעדערן, נאָך אין די שיך און זאָקן און מען זיצט און מען לערנט. אין מיטן דערינען האָט אים עפּעס אַ פויער אַ רוף געטון פון שטוב אַרו׳ס — ער האָט געבראַכט אַ וואָגן תבואה צו פאַרקויפן. האָט ער פאַר־מאַכט די גמרא, האָט אינעווייניק, אין דער גמרא, אַריינגעלייגט זיין טיכל, עס זאָל זיך נישט פאַרמישן ווו ער האַלט און איז אַרויס אָנקוקן די תבואה. מיט דעם פויער איז ער עפּעס נישט מושוה געוואָרן אין מקח. דער פויער איז זיך אַוועקגעפאָרן ווייטער און ער א׳ז זיך געבליבן שטיין נעבן זיין שטוב. און אָט אַזוי שטייענדיק נעבן שטוב, האָט ער זיך מיט אַמאָל דער־מאָנט, אַז ער דאַרף וואָס נויטיק מעין זיין אין אַ ספר און דער ספר איז דווקא ביי אים נישטאָ. איז וואָס זאָל זיין? איז ער זיך אַזוי אַוועק, אָט ווי ער שטייט, גלייך אין שטעטל, אַ וו׳אָרסט פיר, אין בית־המדרש אַריין, איינקוקן זיך אין ספר. ביי אונדז אין שטעטל האָט מען זיך פאַרוווּנדערט. עס איז דאָך זומער, אין שטעטל שטייט מען דאָך אויף פרי. אויפן גאַס איז וואַרעם, ליכטיק. און זומער האָט דאָך אין זיך אַ טבע, אַז עפּעס עס שלעפּט, עס ציט אין דרויסן, אין גאַס אַרו׳ס. וואָרום עס איז דאָך רעכט, אַז דו זאָלסט זיך זומער אַ גאַנצן פרימאָרגן אָפּשטיין זיך אויפן גאַניק, אָדער אַ פאַרנאַכט אַדורכגיין זיך חוצן שטעטל אויך. היינט דער אַמאָליקער וואַלד ביים שטעטל. דאָס טייכל. איז עפנט מען זיך אויף די טיר און מען שטייט אויפן גאַניק, אָדער מען עפנט או׳ף אַ פענצטער, מען שטעלט אַרויס דעם קאָפּ און מען קוקט זיך... ערשט מען זעט, עס גייט זיך אַזוי ר׳ מאָטע איבערן גאַס, כמעט אַ הוילער. נאָר אין ארבע כנפות, מיט דער שלאָף־

יארמולקע אויפן קאָפּ און נאָך אין שיך. ער גייט זיך אַזוי. זייער פאַר־טראַכט, גלייך אין בית־המדרש אַריין.

מען קומט אין שול צום דאַווגען, מען געפינט ר׳ מאָטע שטייט זיך נעבן אַלמער ספרים פאַרטיפט אין אַ ספר.

— ר׳ מאָטע, — מאַכט מען צו אים — ר׳ מאָטע, וואָס איז מיט אייך?

טוט ער זיך אַזוי קאַלטבלוטיק אַ קוק אויף אַלעמען און וווּנדערט זיך:

— וואָסי? — זאָגט ער — וואָס זאָל זיין? איך האָב געדאַרפט וואָס מעיין זיין אין אַ ספר. ביי זיך האָב איך אים נישט, בין איך אַהער געקומען.

— אָבער — מאַכט מען צו אים — זעט ווי איר זענט אָנגעטון.

דאַן האָט ער זיך ערשט געכאַפּט וואָס מיט אים איז. גאָרנישט, ס׳מאַכט נישט אויס. מען האָט תיכף געקראָגן פאַר אים אַ סורדוט, אַ היטל און אַ פּאָר שטיוול.

נאָר נישט דאָס בין איך אויסן צו דערציילן דיר. דערהויפּט וויל איך דיר דערציילן ווי אַזוי אַן אַמאָליקער ייִד האָט געהאַט בכוח מבטל צו זיין דעם חומר, הייסט עס דאָס גשמיותדיקע לעבן. אַמאָליקע יאָרן, זאָג איך דיר, האָט מען עס געקענט זען אויף יעדן טריט און שריט. וואָרום וואָסי? עס איז עפּעס אַ נייעס געווען צו זען ווי אַ ייִד, למשל, לויפט זיך האַסטיק אין גאַס. דאָס היטל אויפן קאָפּ איז ביי אים פאַרדרייט. דער קאָפּ איז צעטראָגן, צעדולט, פאַרהאַוועט. ער לויפט פאַרביי אַ בית־המדרש און טראַכט, דאַכט זיך, דערביי נור פון דאגת פרנסה וועגן, פון וואָס צו פאַר־דינען ווו, וואָרום טאַקע? עפּעס אַ קלייניקייט דאגת פרנסה!... און אין מיטן דערינען דערהערט ער פון בית־המדרש אַ קול וואָס לערנט און ער שטעלט זיך אָפּ, ער גייט שוין נישט ווייטער... וואָרום טאַקע, אַז מען גייט וועגן פאַרביי אַ בית־המדרש און דו דערהערסט פון בית־המדרש ווי מען לערנט דאָרטן, ווערט דאָך דיר טאַקע דאַן אַזוי וואַרעם אויפן האַרצן, אַזוי גוט, ממש אַ מחיה נפשות... נו, און ער פאַרגייט שוין אויך אין בית־המדרש אַריין. פאַרגעסט אַלע דאגות, אַלע צרות. גלייכט אויס דאָס היטל אויפן קאָפּ, וואַשט די הענט און לערנט אָפּ אַ בלאַט גמרא, אָדער צוויי־דריי... וואָס זאָל זיין? — אַ נייעס איז עס דאַן געווען? אָבער איך וויל דיר דער־ציילן אַ מעשה וועגן אָט דעם זעלביקן ר׳ מאָטען.

ר׳ אבא

געווען איז עס שײַנע עטלעכע יאָר נאָכדעם, ווי ר׳ מאָטע האָט זיך באַזעצט בײַ אונדז אין שטעטל. די געשעפטן זענען געגאַנגען דאָן בײַ אים נישט אַי־אַי. אויף דער חיונה איז קוים געווען. געהאַנדלט האָט ער דאָן מיט תבואה, מיט פּעלעכלעך, די ווײַב האָט אַ קראָם געמאַכט און ער איז שטענדיק געווען פאַרהאָרעוועט, פאַרדרייט, פאַרהאַוועט אַ׳ן פאַרדינען וואָס. האָט שוין נעבעך געמוזט דאָס לערנען אויך אָוועקלאָזן. אויף דער עלטער, ווען עס איז אים אָוועקגעגאַנגען נישט שלעכט, האָט ער זיך דאָך ווײַטער פאָרן לערנען גענומען און איז טאַקע יום ולילה געזעסן און געלערנט. נאָר דאַן נעבעך האָט ער געמוזט דאָס לערנען אָוועקלאָזן און האָט גע־מסחרט.

איינמאָל, דאָס האָט געטראָפן אַ פּאָר טעג נאָך סוכות, איז געווען אַ יאַריד נישט ווײַט פון אונדז, אַ וויאָרסט צוואַנציק פון דאַנען אָט דאָ אין יאַנאָווע. נו, אַ יאַריד — פאָרן ייִדן אויפן יאַריד. פאָרט ר׳ מאָטע אויך. גענומען מיט זיך אַ וואָגן תבואה, פּעלעכלעך אויף פאַרקויפן און איז זיך אָוועקגעפאָרן אויפן יאַריד. און אָט אַזוי ווי ער איז זיך אויפן יאַריד, אין מאַרק, אין רעכטן מ׳טן „הור־האַ״, זוכט קונים אויף די תבואה, אויף די פּעלעכלעך, קויפט אַליין בײַ פּויערים פּעלעכלעך, איז ער זיך אַזוי מיישב און טוט אַ טראַכט: „זע, וואָס טוט זיך עס מיט מיר?... און וואָס איז עס אַזוינס?״...

דו פאַרשטייסט? — אַמאָליקע ייִדן! וואָס זאָל זײַן? מען איז זיך גאַנצע עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד פאַרהאַוועט אין לעבן, אין דאגות הפרנסה, אַ׳ן „הור־האַ״. און מען קומט זיך, אין מיטן, צופאָרן אויף אַ יאַריד. מען קוקט פאַר זיך, אַז עס איז עפּעס אַ גאַנצע שטאָט ייִדן פאַרנומען מיט אַ יאַריד, מיט אַ „הור־האַ״. אַ גאַנצע שטאָט פּורן שטייען מיט די האַליאַבלעס אַ׳ן דער הויך. עס איז עפּעס אַ מאָדנער געפילדער, געשריי און אַ מאָדנער מיש־מאַש פון אַלץ אינאיינעם: ייִדן, גויים, להבדיל, בהמות, ציגן, פערד, פּעלעכ־לעך, חזיר־האָר — עס איז אַ יאַריד. און עס טוט עפּעס ביטער אַ צי אין האַרצן און אַ מחשבה לויפט דורך אין מוח: „זע, וואָס איז דאָס?... אָט דאָס איז דער תכלית פון לעבן?... צוליב דעם האָט דאָס גאָט ייִדן באַשאַפן?... און זײַן גאַנצע מעשי בראשית?״... פאַרשטייסט?... דו פאַרשטייסט?... און אין אַזאַ צײַט דערמאָנט זיך אַ חסיד אָן רבין. און וואָס זאָל זײַן? עס

ווערט מיאוס און מיאוס דאַן אַלץ וואָס דו זעסט פאַר זיך און עס ווילט זיך אַוועק צום רבין.

און אַז ר׳ מאָטע וויל וואָס און בפרט אַ דבר מצווה — טוט ער. שיקט ער שוין אָפּ די פור, וועלכע האָט געבראַכט די תבואה מיט די פעלעכלעך, אַהיים, שיקט אָפּ מיטן פויער דער ווייב די עטלעכע רובל, וואָס ער האָט דאָ געלייזט, און אַליין פאָרט ער שוין נישט אַהיים. אַי די



ווייב, די קינדער? נאַר וואָס זאָל זיין? וואָס הייסט ווייב, קינדער, ער אַליין, די גאַנצע וועלט, אַז אַ מענטש פאַרטראַכט זיך וועגן תכלית פון לעבן... און נאָך אַזאַ ווי ר׳ מאָטע!...

איז ער זיך גלייך פון יאַריד אַוועק צום רבין. געווען איז ער אַליין אַ קוידענאָווער חסיד. מיר אַלע ביי אונדז אין שטעטל, הייסט עס, זענען דאָך חב״ד. ער איז געווען אַ קוידענאָווער חסיד. און קוידענאָוו פון דאַנען איז דאָך אַ פאָלג מיך אַ גאַנג, אַ היפּשער מהלך, בפרט נאָך אַמאָל, ווען קיין

באַן איז נאָך נישט געווען. און קיין געלט איז ביי אים, ביי זיך, אויך נישטאָ. נאָר איז וואָס? גייט ער זיך צופוס ביז וואַנען די פיס האָבן כוח. נאָכדעם שטעלט מען זיך אָפּ אויף אַ ישוב קנעלן ביז מען דערשלעפּט זיך צום רבין.

און דאָ אין דער היים דערווייל, פאַרשטייט זיך: די ווייב איז אויס מענטש. אין שטעטל איז מען צעטראָגן; סטייטש, ווו האָט עפּעס ר׳ מאָטע געקענט נעלם ווערן? ווו? נאָר וואָס טוט מען? קיין באַן איז דאָך דעמאָלט נישט געווען. קיין טעלעגראַף אַוודאי נישט. איז מען זיך אין שטעטל זייער צעטראָגן און זיין ווייב האָט גרויס עגמת נפש און וויינט נעבעך.

הקיצור, וואָס זאָל איך דיר אַ סך מאריך זיין, ערשט אין אַ יאָר אַרום. חול המועד סוכות, בייטאָג. עס איז זיך דאַן געווען אַ וואַרעמער, אַ שיינער סוכות, איז זיך יום־טובדיק. מאַנסבילן, ווייבער זיצן זיך אויף די גאַניקעס, אויף די פּריזבעס און מען שמועסט. קינדער שפּילן אין ניס. איך און נאָך עטלעכע אונדזערע זענען זיך געזעסן אין סוכה ביי ר׳ חיים דעם מילנער, אויפן סוף שטעטל און מען האָט זיך פאַרבראַכט. מען איז זיך גלייך פון שול פאַרגאַנגען צו אים. מען האָט אַ ביסל משקה גענומען און מען פאַרברענגט — יום־טוב! ערשט, ווי מיר זיצן אַזוי אין סוכה, האָבן מיר דערהערט פון שליאַך־צו עפּעס אַ יִדיש געזאַנג. גייט מען אַרויס זען, ווער איז עס? ערשט אַזוי ווי דער שליאַך גייט באַרג אַראָפּ, גייט ווער, אַ יִיד אַ גאַנץ הויכער פון באַרג מיט אַ טלית און תפילין אונטערן אָרעם אַ ביסל מבושמדיק און זינגט זיך. נאָך אַ ווײַלע, מיר האָבן דערקענט — ר׳ מאָטע! ס׳ווייזט אויס גייענדיק צופוס איז ער זיך פאַרגאַנגען אין אַ קרעטשמע אָפּדאַוונען, און עס איז דאָך יום־טוב, האָט מען אים מכבד געווען מיט אַ ביסל משקה. גייט ער זיך אַזוי פריילעך און זינגט.

הויבט זיך דאָך אָן:

— שלום עליכם.

— עליכם שלום.

מען פרייט זיך און מען פרעגט אים:

— סטייטש, ר׳ מאָטע, ר׳ מאָטע, ווו זענט איר דאָס נעלם געוואָרן?

— ביים רבין — מאַכט ער פריילעך — ביים רבין געווען אין קוי־דענאָוו.

— איר זענט דאָך אָבער — טענהן מיר — געפאָרן דאַן אויף אַ יאַריד, אויף אַ יאַריד?

לאַכט ער:

— אייך ליגט אַלץ אין קאָפּ יאַריד... יאַריד... וואָס? איר וואָלט וועלן איך זאָל שטענדיק זיין אויפן יאַריד... אויפן יאַריד...

— אמת — מאַכט ער — איך בין טאַקע דאַן געפאָרן אויפן יאַריד. אָבער אין מיטן יאַריד האָב איך זיך געכאַפּט, אַז מען דאַרף פון זיך אַ ביסל אַראָפּוואַרפן די נאַרישקייט... איך בין שוין צופיל פאַרנאַרישט געוואָרן, צופיל פאַרחומרט... בין איך צום רבין אַוועק.

— אָבער אַ גאַנץ יאָר? — פרעגן מיר — אַ גאַנץ יאָר ביים רבין געוועזן?

— עט — זאָגט ער — איר זענט עפּעס גאָר געוואָרן אמתע מתנגדים. וואָס הייסט אַ גאַנץ יאָר? איך בין דאָך אַוועק ווי איך שטיי און גיי, אָן אַ קאָפּיקע געלט. און אַזאַ מהלך. נו, האָב איך אַ זמן געקנעלט אויפן ישוב גייענדיק אַהין און נאָך אַ זמן גייענדיק צוריק.

— אָבער — מאַכט ער — געוועזן פּסח ביים רבין, געוועזן. איך האָב זיך גאָר מחיה געוועזן... און געבראַכט טאַקע אַ נייעם ניגון... אַ נייעם ניגון...

און זינגט און זינגט — — — —

אָט אַזוי, אָט אַזוי האָט זיך אַן אַמאָליקער ייִד געקענט אויפכאַפּן פון זיין חומר.

אַמאָליקע ייִדן!...

אַמאָל... אַמאָל... איך דערצייל און דערצייל, און עס נעמט זיך גאָרנישט אויס... וואָס זאָל איך דיר זאָגן? — איך וואָלט געקענט טעג און נעכט, אָבער ממש גאַנצע טעג אין גאַנצע נעכט זיצן און דערציילן פון אַמאָל... און עס א״ז טאַקע פאַראַן פון וואָס צו דערציילן... פאַראַן... פאַראַן... האַ?... וואָס?... נישט אַזוי?...

אָט איך דערמאָן זיך אָן ר׳ בערן, אָן זיין הדרת פנים — ער איז דאָך געווען אַ הויכער, מיט אַ גרויסן שטערן און מיט אַ ליכטיקן פנים — זיין יראה, זיין תורה, זיין איבערגעגעבנקייט צום רבין, צו די חסידים און אַזוי וואַרעם ווערט מיר אויפן האַרצן... אַזוי וואַרעם... אָט גלייך ווי איך זע אים איצט פאַר זיך, און מיר גייען זיך איצט ביידע אַ רעדל אין אַ פריילעכן חסידישן יום־טוב... אַזוי היימלעך ווערט מיר!... עפּעס גאָר אַן אַנדער וועלט איז דאַן געווען!... אַנדערש... אַנדערש... אַנדערש האָבן דאַן ייִדן געלערנט, אַנדערש האָט מען געדאַוונט, אַנדערש האָט מען געלעבט, אַנדערש געגלויבט... וואָס זאָל זיין? — ייִדן זענען דאַן געווען — ייִדן!... מען איז געווען ייִדן!... און גאָרנישט לאַנג איז דאָך דאָס געווען... איך געדענק

דאָס נאָך, אָט אין מיינע יאָרן... גאָרנישט לאַנג... גאָרנישט לאַנג... עה־הע־העז... גאָרנישט לאַנג...

יאָ, איז וועגן ר׳ בערן.

ר׳ בער אין זיינע יונגע יאָרן, הייסט דאָס, באַלד נאָך זיין חתונה, יונגערמאַנווייז איז ער דאָך געזעסן אויפן ישוב. אָנגעקומען איז ער דאָך פאַר אַן איידעם צו איינעם אַ רייכן אַרענדאַר אין אונדזער געגנט; די ווייב ר׳ בערס איז געווען אַ גרויסע בריה, האָט אים זיין שווער געדונגען אַ קרעטשמע ניט ווייט פון אונדז, אַ וויאָרסט פינף־זעקס פון דאַנען אויף סטראַשעליער וועג, אָט ווו איצט שטייט דאָרטן אַן אַלטע, איינגעפאַלענע חורבה, און ער האָט דאָרט געוווינט. וועגן מאַנאָפּאָל איז דאָך נאָך דעמאָלט קיינעם אַפילו אויפן זינען נישט אַרויף, קיין אַקציז איז דאָך דעמאָלט נאָך אויך נישט געווען; האָט מען זיך געהאַנדלט מיט בראָנפן און איבערהויפּט מיט תבואה, וועלכע מען פלעגט קויפן ביי די אַרומיקע פויערים.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אין מסחר איז דער עיקר האָט זיך מתעסק געווען זיין ווייב. אָט, למשל, איינקויפן די תבואה ביי די פויערים, פאַרקויפן זיי בראָנפן — דאָס איז געווען איר עסק. ער, ר׳ בער, פלעגט מער נישט דאַרפן שמועסן מיט די תבואה־סוחרים, וועלכע פלעגן אָנפאָרן צו זיי אין קרעטשמע אַ פּאָר מאָל אין יאָר אָפּצוקויפן די אָנגעקליבענע תבואה, און דערצו פלעגט ער אויך פאָרן איין מאָל, אָדער צוויי אַ וואָך אין דער־בייאיקן ברויז נאָך אַ פאַס בראָנפן. די איבעריקע צייט האָט ער געדאַוונט, געלערנט און מתעסק געווען זיך אין הכנסת אורחים. וואָרום עס פאַרשטייט זיך, אַז ר׳ בער האַלט אַ קרעטשמע, איז דאָרט שטענדיק פול און נישט פון גויים, נאָר פון ייִדן. דאָס אַן אָרעמאַן, דאָס אַ מחבר, אַ בעל־משפיע אָדער אַזוי אַ דורכגייער אָדער אַ דורכפאָרער. וואָרום וואָסי? — ר׳ בער וועט נעמען פון אַ ייִדן געלט פאַר עסן און פאַר שלאָפן?... און ווער רעדט נאָך, אויב דאָס איז געווען אַ בן־תורה, איז דאָך ממש גאַנצע וואָכן צייט אָפּזיין ביי אים, און ער וועט נאָך אַלץ בעטן, מען זאָל אַזוי גיך נישט אָפּפאָרן. און עס איז טאַקע ביי אים שטענדיק פול געווען. ביינאַכט פלעגט אַמאָל טרעפן, אַז עס איז ממש נישט געווען ווו צו זיצן פון ענגשאַפט. דער וואַלד דאַן אַרום אונדז איז נאָך נישט געווען אויסגעהאַקט און פאַרנדיק פון זיין קרעטש־

מע צו אונדז, האָט מען געדאַרפט דורכפאָרן אַ גרויסן, געדיכטן וואַלד. עס איז געווען אַ סכנה צו פאָרן ביינאַכט. מען האָט טאַקע אַמאָל אַרום אונדזער געגנט אַ הרוג געפונען. און מען האָט עפּעס דערציילט מעשיות וועגן אַ מכשף, וועלכער דרייט זיך אַרום ביינאַכט אין וואַלד; איז פאָרנדיק פון סטראַשעליע, פלעגט מען בלייבן נעכטיקן ביי ר׳ בערן אין קרעטשמע. און אַלעמען פלעגט מען דאָך געבן עסן, טרינקען און אויף וואָס צו שלאָפן און אַלץ אָן געלט... אָן געלט... פאַראַן דאָך זיינער אַ ווערטל: „דאָס וואָס אַ ייִד מוז האָבן אין וועג, פלעגט ער זאָגן, עסן, טרינקען, אויף וואָס צו שלאָפן און אַ ייִדישן ספר, אין וואָס מעין צו זיין, פאַר דעם נעם איך קיין געלט נישט... אָט זעט איר, פאַר משקה... אָט, אַז אַ ייִד וויל טרינקען בראָנפן... בראָנפן — איז מיין פרנסה״.

זיינע הכנסת אורחים!

היינט זיין לערנען! ווען ער האָט גאָר געהאַט אַ ליידיקע מינוט, איז ער געזעסן און געלערנט. אויך אין וועג פלעגט ער קיינמאָל נישט פאָרן אָן אַ ספר מיט זיך. אַפילו, ווען ער פלעגט פאָרן אין ברויז, פלעגט ער שטענדי־ק נעמען מיט זיך אַ גמרא. תמיד מיט אַ גמרא! וואָרום ווי דען? ערשטנס: ווי פאָרט דאָס אַ ייִד אין וועג און אָן אַ ספר מיט זיך?... טאָמער פאַרווילט זיך אין מיטן איינקוקן וואָס, מעין זיין אין עפּעס אַן ענין?... אַגב האָט ער דאָך געהאַט אַן אַלע־טאָגעדיקן שעור גמרא. אַלע טאָג פלעגט ער מוזן לערנען דריי שעה נאָכאַנאַנד. און דעם דאָזיקן שעור האָט ער געהיט ווי די אויגן פון קאָפּ. עס האָט געמעגט דונערן און בליצן — זיינע דריי שעה אַ טאָג האָט ער געמוזט לערנען... נישט אַנדערש... וואָרום וואָס?... עס איז עפּעס געווען ביי ר׳ בערן אַ העכערע זאַך, אַ בילכערע זאַך, ווי דינען גאָט, דאַווענען און לערנען און זיין אַ ייִד?... דאָס איז דאָך געווען ביי איב זיין גאַנצער לעבן... זיין אַ ייִד... זיין אַ ייִד!...

מען דערציילט דאָך אויף אים, אַז איינמאָל זענען געקומען צו אים די תבואה־סוחרים גראַדע אין דער צייט, ווען ער האָט געלערנט זיין שעור. די ווייב זיינע האָט נאָך דאַן נישט געוווּסט, אַז ווען ער, ר׳ בער, לערנט זיין שעור, וועט ער אים בשום אופן נישט מפסיק זיין, אָט עס מעג זיך אים גיין אַפילו אין לעבן. אויך האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן צו פאַלן די מקחים און מען האָט געמוזט פאַרקויפן די תבואה וואָס גיכער. אַגב, איז בכלל —

אַ ייִדענע!... וואָס זאָל זיין?... יאָ... איז שיקט זי די סוחרים צו אים, צו ר׳ בערן אין צימער אַריין. זיי גייען אַריין אין זיין צימער און זאָגן אים: „גוט מאָרגן!״ ענטפערט ער זיי נישט. ער זיצט און לערנט און ענטפערט זיי נישט. מיינען זיי, ער הערט נ״שט, זאָגן זיי אים נאָך אַ מאָל „גוט מאָרגן״, העכער ווי פריִער. ער ענטפער ווידער נישט און טוט זיך זיינס: זיצט און לערנט. ווונדערן זיי זיך, און ווערן שוין טאַקע אַ ביסל אין צאָרן.

— מיר זענען געקומען אָפּקויפן אייער תבואה — מאַכן זיי צו אים שוין עטוואָס כעסדיק.

ער האָט אַפילו נישט אַ קוק געגעבן אין זייער זייט און האָט אָנגעהויבן צו לערנען נאָך מ׳ט אַ העכערן, מיט אַ געשמאַקערן קול, ווי פריִער.

— פון אייערע עקשנות וועט איר בדיל־הדל ווערן — האָבן זיי מיט כעס געשריִען צו אים — תבואה פאַלט. מאָרגן וועלן מיר שוין נישט וועלן קויפן ביי אייך. איר ענטפערט צי נישט?

און ער זיצט זיך און טוט זיינס: זיצט און לערנט. זיי זענען אַרויס פון זיין צימער אויפגעקאָכטע פון כעס.

— סטייטש — מאַכן זיי צו איר — מ׳ר זענען געקומען צו אים קויפן תבואה. ער וויל נישט פאַרקויפן? — זאָג, אַז נישט. אָבער ענטפערן דאַרף מען דאָך?! — ס׳איז גאָר קיין מענטש נישט!

וואָס זאָל זיין? — עפּעס אַ פּאָר דייטשישע סוחרים. זיי זעען אַזוינס אַן ערשטן מאָל.

זיין לערנען!

יאָ... איז וואָס האָב איך דיר געוואָלט דערציילן?... וועגן דעם, הייסט דאָס, אַז ר׳ בער איז אוי׳ף זיינע יונגע יאָרן געזעסן אויפן ישוב. נאָכדעם האָט ער זיך דאָך אַריבערגעקליבן צו אונדז אין שטעטל און איז געוואָרן אַ היגער תושב. נאָר... נישט דאָס בין איך אויסן צו דערציילן... דער עיקר איז וועגן דעם, מיט וואָס פאַר אַ היץ, מיט וואָס פאַר אַ ברען ר׳ בער איז געווען אַ חסיד.

אומגעפאָרן איז דאָך ר׳ בער צו ר׳ מענדעלען, צום צמח צדק הייסט דאָס. און געווען איז ער דאָך אין אים אַ פאַרקאָכטער, אַ פאַרברענטער, אײַנגעגעבן צו אים און געגלויבט אין אים מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן, אָט טאַקע אָט אַזוי ווי ר׳ בער האָט געקענט גלויבן אין אַ צדיק הדור...

און צוריק גערעדט, וואָס עפּעס דווקא ר' בער?... וואָרום ווער האָט דאָס נישט געגלויבט אין צמח צדק?... עס איז דען אַ מענטשישער כוח אויס־צודערציילן וועגן דעם צמח צדקס גרויסקייט?... און עס האָט דען געטראָפן כאָטש איין מאָל, אַז דער, וואָס האָט אים נאָר געזען, זאָל נ״שט ווערן זיי־נער אַ פּאַרקאָכטער, אַ פאַרברענטער מיט לייב און מיט לעבן?... מאַכט דאָך נישט אויס!... יאָ... איז ר' בער אַרומגעפּאָרן צום צמח צדק.

און דאַרף איך דיר דען דערציילן וועגן דעם גרויסן חורבן, וואָס עס איז געווען, ווען דער צמח צדק איז נפטר געוואָרן?... אַלע, אַלע יידן האָבן דאָך דאַן דערפילט די גרויסע אבידה, און עס איז דאָך ביי אַלעמען מיט אַמאָל פינצטער געוואָרן אין די אויגן, אין די הערצער און אין די מוחות... עס איז דאָך דאַן ממש געוואָרן חושך ואפילה... אָט גלייך ווי די זון זאָל פינצטער ווערן אין מיטן העלן טאָג... וואָס זאָל זיין?... — מען האָט דער־פילט, אַז די וועלט איז מיט אַמאָל פינצטער געוואָרן... פינצטער... פינצטער... און ווי מען האָט זיך נאָר דערפון דערוווּסט, איז מען דאָך געזעסן שבעה און עס איז געווען אַ גרויסער קלאָג. נאָר דו האָסט געדאַרפט זען, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון דאַן מיט ר' בערן!... ער איז ממש אַן אויסמענטשיקער געוואָרן... אָבער ממש אויס מענטש... אויס מענטש...

איך געדענק נאָך ווי איצטער, אָט גלייך ווי נעכטן האָט דאָס גע־טראָפן. דער צמח צדק איז דאָך נפטר געוואָרן י״ג ניסן. נאָר ביי אונדז אין שטעטל האָט מען זיך דערוווּסט פון דעם ערשט עטלעכע טעג נאָך פּסח. קיין באַן איז דאָך נאָך דאַן נישט געווען, אויך האָט אין יענעם פאַר פּסח אָפּגעריסן זיך אַ הרעבליע נעבן אונדז און מ״ר זענען געווען דאַן אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט. איז האָבן מיר זיך דערוווּסט פון דעם עטלעכע טעג נאָך פּסח. עס איז געווען נאָך מעריב. מיר זענען זיך איבערגעבליבן עטלעכע פון אונדז אין שול. עס איז דאָך נאָך פּסח, באַלד נאָך יום־טוב, און אַהיים צו איילן זיך איז נישטאָ צול׳ב וואָס, איז מען זיך פאַרבליבן אין שול, מען האָט שוין אַפילו אויסגעלאָשן אַלע לאָמפּן און אין שול איז שוין פינצטער, נאָר עס איז אָנגענעם צו זיין דאָרטן... איז מען זיך אַלע א״ן איין רעדל, ווער עס זיצט, ווער עס שטייט ביים עמוד, ווו עס ברענט דער נר תמיד, און מען שמועסט זיך. און געוויינלעך, אַז חסידים שמועסן צווישן זיך, שמועסט מען מן הסתם וועגן אייגענע זאַכן;

וועגן אַ מופת פון אַ צדיק, וועגן זייערן אַ טיפן וואָרט — מען שמועסט! ערשט עס לויפט אַריין איינער, זיין פּנים איז בלאַס, ווי לייוונט, און דער־ציילט אונדז די בשורה רעה: „ער” איז נפטר געוואָרן.

ביי אונדז אַלעמען האָט זיך וואָס אָפּגעריסן אין האַרצן און פינצטער געוואָרן אין די אויגן. און ר׳ בער האָט זיך אַ טרייסל געגעבן, אַט אַזוי ווי אַ דונער האָט אים געטראָפן, און ער האָט זיך געכאַפּט מיטביידע הענט פאַרן קאָפּ.

— האַ?... וואָס?... — האָט ער געגומען שרייען נישט מיט זיין קול — ער... דער ליבאַוויטשער... ר׳ מענדעלע...

— אָט איז מען געקומען פון ליבאַוויטש. י״ג ניסן איז ער נפטר געוואָרן...

— עס קען נישט זיין... עס קען נישט זיין... — האָט ר׳ בער געשריען און האָט נישט געוואָלט גלויבן — אויף וועמען האָט ער אונדז געלאָזן?!... ניין!... ער לעבט!... דער רבי... דער רבי... ניין... ניין!...

נאָר דער, וואָס האָט דערציילט, איז געווען אַן איש מהימן. מען האָט אים געמוזט גלויבן.

ר׳ בער האָט מיט אַ וויטיקדיקן געשריי פון האַרצן געריסן קריעה, איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און האָט געגומען וויינען אויפן קול ווי אַ קליין קינד. און אַזוי ביטער... אַזוי ביטער... אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז אָט, אָט און אונדזערע הערצער ווערן צעריסן פון ווייטיק... מיר האָבן תיכף אַלע געריסן קריעה, האָבן זיך געזעצט שבעה און האָבן זיך פונאַנ־דערגעוויינט, ווי קליינע קינדער... ווי עלנטע יתומים... און ר׳ בער איז געלעגן אויף דער ערד, זיין גרויסער קערפּער האָט זיך משונה איינגעקאָר־טשעט, אָט ווי פון גרויסע ווייטיקן אין האַרצן, האָט איינגעטוליעט זיין פּנים אין די הענט און האָט געוויינט אויפן קול און ביטער געשריען:

— דער ליבאַוויטשער... דער רבי... אויף וועמען האָט ער אונדז גע־לאָזן?!... דער רבי... דער רבי...

וואָס זאָל זיין? — אַמאָל... אַמאָל... דאַן, אַז עס איז געווען אַ צדיק הדור, האָבן טאַקע אַלע געפּילט אים... איז טאַקע אַלעמען ליכטיק געווען אין די אויגן... און אַז ער איז געשטאָרבן, האָבן אַלע דערפילט, אַז זיי איז פינצטער געוואָרן... פינצטער אין די הערצער... אין די מוחות... — אַמאָל...

ר׳ אבא

יאָ... איז מיר אַלע און דער עיקר ר׳ בער האָט זיך נישט געקענט באַרויִקן אויף דער אבידה... דערצו האָט געדריקט אין האַרצן: ווי לעבט מען איצט?... ווי לעבט מען אָן אַ צדיק הדור?... ווי אַזוי?... וואָרום פאָרן צו וועמען נאָך דעם צמח צדק, נאָך דעם ווי מען האָט זוכה געווען צו זען אים, האָט קיינעם אַפּילו אויפן זינען נישט געקענט אַרויף... נאָך אַזאַ ליכטיקייט, ווי ער, צו וועמען האָט מען זיך דען געקענט ווענדן?... און מען האָט זיך געפילט אַזוי פאַרלוירן... נישט גוט... נישט גוט...

און ר׳ בערס עגמת נפש, זיין האַרץ־ווייטיק האָט מען נישט געקענט אַריבערטראָגן. ממש, די האַרץ פלעגט צעגיין, קוקנדיק אויף אים. זיין פּנים איז חושך געוואָרן, ווי די ערד, ער האָט נישט געוווסט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז, און איז אַרומגעגאַנגען תמיד אַ פאַרטראָגענער, אַ צעטומלטער, אַ פאַרצאָגטער.

איינמאָל גייט ער צו מיר צו, נאָך מנחה אין בית־המדרש און מאַכט צו מיר:

— אבאַ!

— וואָס? — פרעג איך.

— נישט גוט... נישט גוט... — מאַכט ער.

— וואָס ווילט איר, ר׳ בער? — פרעג איך אים.

— אבאַ... נישט גוט... — האָט ער אָנגעהויבן צו קלאָגן זיך פאַר מיר — דאָס לערנען איז קיין לערנען נישט, דאָס דאַווגען איז קיין דאַווגען נישט און דאָס לעבן איז קיין לעבן נישט... נישטאָ ר׳ מענדעלע... איך וועל דאָס נישט אַריבערטראָגן... נישטאָ דער רבי... און צו וועמען פאָרט מען איצט?... ווער?... און וועמען גלויבט מען?... אַזוי... אין קיינעם נישט גלויבנדיק... אַליין... אַליין... איז שווער צו לעבן... נישט... נישט גוט... דו פילסט זיך אַזוי עלנט... עלנט... ווי אַ יתום... ווי קינדער אָן אַ פאָטער... שלעכט... שלעכט...

טרערן האָבן זיך געוויזן אין זיינע אויגן. און טאַקע אַזוי... עפּעס אַז דו ווייסט, אַז עס איז פאַראַן ווער... אַז עס איז פאַראַן, ווער עס דאגהט טאָג און נאַכט פאַרן כלל ישראל פאַר אַלעמען... פאַר דיר אויך אַפּילו... און אַז עס איז אַן עת צרה, האָט מען צו וועמען צו ווענדן זיך... און ווען אַז עס ציט, עס נאָגט דיין האַרץ, פאָרסט דו צו אים... דו זעסט זיין ליכ־

טיקן פּנים, הערסט, וואָס ער זאָגט, דו זעסט זיין גרויסקייט. דו ווערסט דאַן מונטער ביי זיך, לעבעדיקער און הייסער אי אין תורה, אי אין אמונה. אי אין לעבן... און אָן דעם איז אַזוי שווער... אַזוי שווער צו לעבן... די יידישע צרות... די גזירות רעות... דער גלות... שווער צו לעבן אַליין... און מיר האָבן זיך טאַקע דערפילט ווי יתומים... ווי יתומים...

עס פלעגט טרעפן, מיר פלעגן זיך בלייבן אונדזערע אַלע שפּעט אין בית־המדרש נאָך מעריב. אין בית־המדרש פלעגט זיין פינצטער, נאָרביים עמוד פלעגט ברענען טונקל דער נר תמיד. געווען איז דאָך עס זומער, און אין שטעטל פלעגן שוין אַלע שלאָפן. און מיר פלעגן זיך זיצן צוזאַמען אין דעם פינצטערן בית־המדרש נאָענט איינער נעבן דעם צווייטן. מען האָט זיך ממש אָט ווי געטוליעט איינס צום צווייטן. עפּעס מען האָט זיך געפילט אַזוי פאַריתומט... און עס האָט זיך אַזוי געוואָלט זיין צוזאַמען... צוזאַמען... איינס נעבן דעם צווייטן... און מיר האָבן גע־פילט, אַז מיר אַלע, וואָס זיצן אי־צט אין פינצטערן בית־המדרש, זענען אַזוי עלנט... עלנט... מען פלעגט זיצן און מען פלעגט דערציילן אַ מעשה פון צמח צדק, זיינעם אַ מופת, אָדער מען פלעגט דערמאָנען זיינעם אַ וואָרט. און אין מיטן פלעגט ר׳ בער אַ פרעג טון מיט אַזאַ ביטערן האַרץ־ווייטיק:

— און אין וועמען זאָל מען איצט גלויבן?... צו וועמען פאָרט מען?... נאָך אים... נאָך אים... צו וועמען?... אַזוי לעבן קען מען נישט... צו וועמען פאָרט מען?!...

ביי אונדז אַלעמען פלעגן זיך טרערן שטעלן אין די אויגן... מיר פלעגן אַלע פילן אַז אָט, אָט, און מיר פאַרכליפּען זיך, ווי קליינע קינדער. מיר פלעגן אָנהויבן שטיל און טרויעריק צו זינגען דעם צמח צדקס אַ גע־ליבטן ניגון. פלעגן זיך פאַרטיפן אין אים און עלנטע פאַריתומטע פלעגן מיר זיך צוגיין אַהיים.

און אָט אַזוי איז געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך, אויפן האַרצן איז אַלץ געוואָרן שווערער און שווערער און עס האָט גע־צויגן, געשלעפּט צו וועמען צו פאָרן, אין וועמען צו גלויבן... און ר׳ בער איז געוואָרן אין פּנים אַזוי, אַז מען האָט אים נישט געקענט דערקענען. ער איז אין גאַנצן געוואָרן אַ שאָטן פון אַ מענטשן, און זיינע אויגן זענען

איינגעפאַלן, טיף אין זיך, דאָס פּנים בלאַס — מען זעט, אַז אים איז דאָס לעבן נישט ניחא... דער מענטש גייט אויס, גייט אויס ווי אַ ברענענדיקע ליכט...

אין דערינען האָט זיך געגומען הערן וועגן ר׳ לייב קאַפּיסטער. מען האָט אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן זיין התלהבות ביי חסידות זאָגן, מען האָט דערציילט וועגן זיין גרויסקייט. נאָר... נאָכן צמח צדק האָט דען ביי עמ׳צן געקענט אַרויף אויף דער דעה פאָרן צו וועמען עס איז אַן אַנדערן?... און ר׳ לייב קאַפּוסטער האָט אַלץ אָנגעהויבן נתעלה און נתעלה צו ווערן.

איינמאָל אַן אינדערפרי, מען כאַפּט זיך, עס איז נישטאָ אין בית־המדרש צום דאַוונען ר׳ בער! מיינט מען, ער איז נישט געזונט. גייט מען נאָכן דאַוונען אים מבקר־חולה זיין. מען קומט צו אים, ערשט ער איז נישטאָ אין דער היים. פרעגט מען ביי זיין ווייב: ווו איז ר׳ בער? זאָגט זי אַז זי ווייסט נישט. ער איז, זאָגט זי, אויפגעשטאַנען היינט זייער פרי ,האָט גענומען דעם טלית און תפילין, אַ גמרא און אַ לאַבן ברויט, האָט זיך מיט איר צעזעגנט און איז אַוועק. פרעגן מיר ביי איר: אפשר אין אַ געשעפט־זאַך? זאָגט זי, אַז נישט. פרעגן מיר: טאָ וווהין זשע פאָרט? זאָגט זי, אַז זי ווייסט נישט, זי ווייסט נישט. זי האָט געפרעגט ביי אים פאַר־וואָס עפּעס צו פוס, האָט ער איר געזאָגט, אַז ער האָט מורא, טאָמער וועלן די בעלי־עגלות איר אויסזאָגן, וווהין ער פאָרט דאָס. האָט זי זיך געבעטן ביי אים אויסזאָגן כאָטש איר, וווהין ער גייט דאָס. האָט ער געזאָגט, אַז ער קען איר דאָס איצט נישט אויסזאָגן. קיינער דאַרף דערווייל נישט וויסן, וווהין ער גייט... קיינער... אונדז אַלעמען איז עפּעס די זאַך קשה געוואָרן... עפּעס מאָדנע... וואָס?... ווו?... וווהין האָט דאָס עפּעס געקענט ר׳ בער אַוועקגיין צו פוס?... וווהין?... מען ווייס נישט...

הקיצור, מען וואַרט אַ טאָג, צוויי טעג, אַ וואָך, צוויי וואָכן, און ר׳ בער איז נישטאָ. זיין ווייב און מיר אַלע זענען געוואָרן זייער אומרויק, סטייטש?... ווו איז דאָס ר׳ בער?... ווער ווייס, וואָס מיט אים האָט זיך געטראָפן?... מען האָט גענומען נאָכפרעגן זיך ביי דעם, ביי יענעם, צי האָט ווער נישט געזען, צי האָט ווער נישט געהערט וועגן אים — קיינער ווייס נישט. נישטאָ ר׳ בער. עס האָט זיך אַפילו עפּעס אָנגעהויבן צו הערן, אַז מען האָט אים געזען אין ליובאַוויטש. נור ווער וועט דאָס גלויבן?... נאָכן צמח

צדיק, צו וועמען וועט אַהין ר׳ בער פאָרן?... צו וועמען?... מיר האָבן זיך אַלע דערשראָקן. ווו? ווו האָט דאָס געקענט נעלם ווערן ר׳ בער?... זיין ווייב האָט אָנגעהויבן אומצוגיין צו אונדז נאָך עצות, וואָס זאָל זי טון, ווו זוכט מען אים. און זי האָט געוויינט און געקלאָגט — נישטאָ ר׳ בער... נאָר וואָס זאָל איך דיר אַ סך מאריך זיין, ערשט אויף דער פערטער וואָך נאָך זיין אַוועקגיין, דאָס איז געווען פרשה עקב, דינסטיק, איז ער געקומען אַהיים.

און אַז מיר האָבן אים דערזען אינדערפרי אין בית־המדרש, זענען מיר אַלע פריילעך געוואָרן. פאַראַן ר׳ בער. ער לעבט. און עפּעס פון דער צייט אָן, וואָס מיר האָבן אים נישט געזען, האָט ער זיך אינגאַנצן אומ־געביטן. זיין פּנים איז עפּעס געוואָרן ווידער אַזוי מונטער, לעבעדיק, אַזוי ליכטיק און שיין, אָט אַזוי ווי איידער דער צמח צדיק איז נפטר געוואָרן. זיין דאַוונען איז עפּעס געווען מיט אַזאַ התלהבות — גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן!... ער האָט זיך עפּעס ווי פון דאָס ניי אויפגעלעבט... און נאָכן דאַוונען זענען מיר צו אים אַלע צוגעלאָפן:

— ר׳ בער, ר׳ בער — האָבן מיר אַלע געשריִען — ווו זענט איר דאָס געווען?... ווו?... ר׳ בער!

ער האָט פריילעך אַ קוק געגעבן אויף אונדז, האָט זיך אַ ביסל ווי פאַרשעמט און האָט געזאָגט:

— איך בין געווען ביי ר׳ לייבן... געווען ביי אים אין ליבאַוויטש און מיטגעפאָרן נאָך אים אין קאָפּוסט...

— ביי ר׳ לייבן?... — זענען מיר אַלע פאַרוווּנדערט געוואָרן — ביי ר׳ לייבן?!...

— יִדן... — האָט ער פריילעך געזאָגט צו אונדז — יאָ... איך בין געווען ביי ר׳ לייבן... געפאָרן בין איך צו אים מער נישט ווי אַ קוק צו טון וואָס איז דאָס אַזוינס און ווער איז ער... נישט פאָרן האָב איך נישט געקענט... איך האָב לעבן נישט געקענט... מיך האָט געצויגן... געצויגן... נאָר איצט... אי־צט — בין איך זיינער... זיינער... ער איז ווערט... ער איז ווערט...

— סטייטש?! — האָבן מיר אַלע גענומען פרעגן פאַרוווּנדערט — אָבער נאָך אים... נאָך ר׳ מענדעלען...

ר׳ בער האָט אַ טיפן זיפץ געטון, האָט געקוקט אויף אונדז אַ ווײַלע

מיט טרויעריקע אויגן. נאָכדעם האָבן זיינע אויגן ווידער אָנגעהויבן פריי־לעך צו בלישטשען און האָט געזאָגט צו אונדז מיט התלהבות:

— אָבער הערט... הערט... איך בין זיינער... ר׳ לייבס... און ער איז ווערט... ער איז ווערט... איר וואָלט הערן זיין חסידות זאָגן, איר וואָלט זען דאַן זיין צעפלאַקערטן פּנים... און איר וואָלט זען מיט אייערע אויגן דאָס וואָס איך האָב געזען פון אים... איר וואָלט געזען זיין גרויסקייט!... אַז איך זאָל אייך דערציילן דאָס, וואָס איך האָב געזען פון אים, וועט איר מיר געוויס נישט גלויבן. איר וועט נ״שט גלויבן... נו, למשל, אַז איך זאָל אייך דערציילן, אַז איך האָב געזען, צום ביישפּיל, אַ רעשעטע פול מיט וואַסער און די וואַסער גיסט זיך פון איר נישט אַרויס... איר וועט מיר גלויבן?... נו, און איך האָב אַזוינע מעשים, אַזאַ גרויסקייט אַליין מיט מיינע אויגן געזען פון אים... איך האָב אַליין געזען... איך האָב אַליין געזען... איך האָב אַליין געזען...

נו, און וואָס זאָל זיין?... — אויף דעם קומענדיקן שבת זענען שוין אַלע אונדזערע געווען אין קאָפּוסט ביי ר׳ לייבן...

אָט אַזאַ איז געווען ר׳ בער... — אַמאָליקע יידן!...



אמאָליקער בטחון

דערציילן דערציילט מען עס אויף די עולמשע. מילא, די חסידים, וועגן זייער אמונה, וועגן זייער בטחון איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן. ביי זיי, ביי די חסידים, איז דאָך אַלץ מיט אַ ברען, מיט אַ היץ, מיט אַ פייער... די מעשה דערציילט מען אויף די מתנגדים, אויף ר׳ משה און ר׳ אהרן שקלאָווער.

ר׳ משה און ר׳ אהרן האָבן געוווינט אין שקלאָוו. געווען איז עס אַמאָל־אַמאָל, ווען שקלאָוו איז נאָך געווען שקלאָוו. שקלאָוו איז דאָך דאַן געווען דער גרויסער מקום תורה און געפּאַקט איז דאָך דאַן שקלאָוו גע־ווען מיט לומדים, מופלגים און גאונים. האָט אַ שטאָט אַ רב געזוכט, איז מען געפאָרן קיין שקלאָוו; האָט אַ רב אַ האַרבע שאלה, אַ טיפן ענין גע־האַט, האָט ער געשריבן אַ שאלה־ותשובה צו די שקלאָווער גאונים — אַמאָליקע שקלאָוו! און ר׳ משה און ר׳ אהרן זענען דעמאָלט אין שקלאָוו

געוועז פון די מפורסמים. געוועז זענען זיי יעדע שקלאָווער באַלעבאַטים און זייער רייכע באַלעבאַטים, גבירים. ס׳פאַרשטייט זיך, נישט איין שטאָט וואָלט געוואָלט האָבן די זכיה צו האָבן ביי זיך פאַר אַ רב ר׳ משה שקלאָ־ווער אָדער ר׳ אהרן שקלאָווער, נאָר זיי ווילן מאַכן דאָס לערנען פאַר „אַ קרדום לחפור בה״? איז מען זיך געווען מסחור־מענטשן, הייסט דאָס, אַליין איז מען טאַקע געזעסן יום ולילה און מען האָט געלערנט, און וואָס הייסט יום ולילה? טאַקע ממש נישט אָפּגעטראָטן פון דער גמרא, נאָר די ווייבער זייערע האָבן זיך מתעסק געווען אין מסחור — אַמאָליקע יאָרן! יאָ, איז דערציילט מען עס אויף ר׳ משהן און ר׳ אהרנען.

איינמאָל איז זיי אויסגעקומען צו פאָרן קיין מאָהילעוו. אין מאָהילעוו זענען דאָך דאַן אויך געווען די גרויסע מופלגים, די גרויסע גאונים, און גערופן האָבן די מאָהילעווער צו זיך ר׳ משהן מיט ר׳ אהרנען וועגן אַ האַר־בער דין תורה אָדער אַזוי וועגן אַ שווערער שאלה ותשובה, צוליב וועלכע מען האָט געמוזט זיין אויפן אָרט. געווען איז עס ווינטער.

איז דינגט מען אַ פור פאַר זיי זאַלבעגאַנד אויף צו פאָרן אין מאָהילעוו. עס זענען אַפילו דאָ בעלי־עגלות, וועלכע פאָרן אַלע טאָג פון שקלאָוו אין מאָהילעוו, פון מאָהילעוו אין שקלאָוו, נאָר ביי די בעלי־עגלות איז דאָך געפּאַקט פורן מיט מאַנסביל און ווייבער אינאיינעם און ר׳ משה מיט ר׳ אהרנען וועלן דאָך נישט פאָרן צוזאַמען אין איין פור מיט ווייבער. דינגט מען פאַר זיך אַליין אַ פור און ביינאַכט נאָך מעריב איז מען אַוועק־געפאָרן קיין מאָהילעוו. פחד האָבן צו פאָרן ביינאַכט איז איבעריק נישט געווען פאַר וואָס. עס איז אַפילו אויסגעקומען צו פאָרן דורך אַ פאָר געדיכטע, גרויסע וועלדער, נאָר אין אַזאַ וועג, ווי פון שקלאָוו קיין מאָהילעוו, פלעגט מען זיך אָפּט באַגעגענען מיט פורן, וועלכע פאָרן דאָס אַהער, דאָס אַהין; מיט אַ בעל־עגלה, וועלכער פאָרט פון מאָהילעוו, מיט אַ קאָמיסיאָ־נער, וועלכער פאָרט פון שקלאָוו אָדער אַזוי מיט אַ פאָרער, וואָרום שקלאָוו מיט מאָהילעוו זענען דעמאָלט געווען טאַקע אָט, ווי אַ שטוב מיט אַ קאַמער — דער אַהין, דער אַהער.

יאָ, אַמאָל פלעגט מען אין שקלאָווער געגנט אומפאָרן אויף אַנדערע שליטנס, נישט ווי איצטיקע. געמאַכט געווען זענען זיי אַזוי: עס איז געווען אַ פראָסטער שליטן, אָט אַזאַ, אויף וועלכן מען פירט געהילץ, בערוועגעס,

סלופּעס, נאָר אַ לאַנגער, און אויף דעם הוילן שליטן פלעגן זיך אַרויפ־שטעלן קערב, אַזוינע מין לובקעס, געמאַכט פון גראָבע קאָרע, און וויפל מענטשן עס זענען געפאָרן, אַזוי פיל קערב פלעגט מען אַוועקשטעלן אויפן שליטן — פאַר איטלעכן פאָרער אַ באַזונדערער קאָרב. האָט מען אָנגע־לייגט אַ סך היי אין די קערב, מען האָט זיך אָנגעטון אין די גוטע, וואַרעמע טכוירענע פוטערס מיט די טייערע באָבער־קאָלנערס און מיט

די רייכע שטריימלעך אויפן קאָפּ — אַמאָל זענען דאָך געווען די שטריימלעך אַזוינע קיילעכדיקע מיט הענגענדיקע עקלעך אַרום און אַרום, און זייער וואַרעם זענען זיי געווען — און מען פאָרט. די נאַכט איז געווען אַ לינדע און אַ ליכטיקע, אָנגעטון איז מען געווען וואַרעם, דער וועג איז געווען גוט. דער שליטן האָט זיך געגליטשט אויף דעם ווייסן שניי־וועג און מען פאָרט.

און וואָס טוט ר׳ משה מיט ר׳ אהרן שקלאָווער, ווען זיי פאָרן אין וועג? רעדט מען דאָך צווישן זיך וועגן אַן ענין, וועגן אַ האַרבע סוגיא אין

פסחים, אין כתובות אָדער אין ע״רובין אָדער גאָר וועגן אַ ירושלמי. און אַז מען רעדט צווישן זיך וועגן אַ סוגיא, צואַמפּערט מען זיך, דער זאָגט אַזוי און דער זאָגט אַנדערש. האָט מען זיך פאַרטראַכט. מען האָט זיך אַזוי צואַמפּערט, אַז איטלעכער האָט זיך פאַרטיפט פאַר־זיך אין דעם ענין, וועגן וועלכן מען האָט גערעדט. און אַז אַזוינע מענטשן, ווי ר׳ משה און ר׳ אהרן שקלאָווער, פאַרטראַכטן זיך, זענען זיי שוין דאַן נישט אויף דער וועלט. זיי ווערן דאַן אויס מענטשן און עס איז דאָך שוין דאַן פאַר זיי נישטאָ נישט קיין וועלט, נישט קיין מענטשן, נישט זיי אַליין, נישט קיין אַנדערע — מען טראַכט. און דער בעל־עגלה פאָרט זיך גאַנץ גיך, קוקנדיק פאָרויס זיך אין דעם ווייסן שניי־וועג אַריין.

אין מיטן כאַפּט זיך ר׳ משה — נישטאָ ר׳ אהרן. נישטאָ אויפן שליטן, נישט ער, נישט דער קאָרב, אין וועלכן ער איז געזעסן. דערשרעקט זיך זייער ר׳ משה. הייסט ער דעם פורמאַן, ער זאָל זיך אָפּשטעלן. פאָרט מען שוין נישט ווייטער און מען קערט זיך אום צוריק זוכן ר׳ אהרנען. און מען פאָרט שוין טריט ביי טריט און מען זוכט. די נאַכט איז דאָך געווען אַ ליכטיקע, אַ העלע. דער שניי איז קלאָר, ווייס און מאַכט העל די נאַכט. אין הימל די שטערן לייכטן, און די לבנה האָט דאָך אַ טבע, אַז ווינטער לייכט זי ליכטיקער, וואָרום אַז מען פאָרט ווינטער אין אַ לבנה־נאַכט, זעט מען אַפילו אויף דעם שניי דעם פערדס שאָטן. פאָרט מען טריט ביי טריט און מען קוקט פאָרויס זיך, און אַרום זיך, אויפן וועג און מען זוכט ר׳ אהרנען. מען דערזעט פון ווייטן, ביים זייט פון וועג, נעבן וואַלד עפּעס ענלעך צו אַ קאָרב, שטעלט מען אָפּ דאָס פערד, מען גייט אַראָפּ פון וואָגן, מען קריכט אין דעם טיפן שניי. ביז וואַנען מען דערזעט פאַר זיך אַן אָפּגעהאַקטן בוים און מען קערט זיך אום טרויעריק צוריק צום שליטן. אָדער מען דערזעט פון ווייטן פאָרויס זיך עפּעס אַ געדיכטס, אַ שוואַרצס, טוט מען דאָס פערד אַ טרייב גיכער. מען פאָרט צו — עס איז גאָר אַ בוימדל, פאָרט מען זיך ווייטער נאָך מער פאַרזאָרגט ווי פריִער. ערשט פון ווייטן האָט מען דערזען — עס שטייט אויפן מיטן וועג דער קאָרב און ר׳ אהרן אין אים — איז מען דאָך מלא שמחה: גוט, פאַראַן ר׳ אהרן. געטראָפן האָט דאָס, ווי עס ווייזט אויס, אַזוי: אַלע זענען געווען פאַרטראַכט, געפאָרן איז מען גיך, איז נעבן אַ בוימדל האָט זיך דער

שליטן אַ קלאַפּ געגעבן, האָט זיך עטוואָס אַ קער געטון אַן אַ זייט און דער קאָרב האָט זיך אַראָפּגערוקט פון שליטן אויפן וועג. קיינער האָט דאָס נישט באַמערקט, און מען איז זיך אַוועקגעפאָרן ווייטער. ווייל מען אַ פּאָר טון גיכער, נעמען ר׳ אהרנען. ערשט מען האָט דערזען — אַ בער איז אַרויס פון וואַלד און גייט גלייך צום קאָרב, ווו עס איז געזעסן ר׳ אהרן. איז דאָך אַ סכנה — שטעלט מען זיך אָפּ. און מען וואַרט פון ווייטן צו זען, וואָס וועט זיין דער סוף. דער בער איז זיך אַזוי געגאַנגען שטיל און גלייך צו ר׳ אהרנען. ר׳ משה קוקט וואָס דאָ טוט זיך. און אין האַרצן איז ביי אים פול פּחד: וואָס וועט זיין מיט ר׳ אהרנען?

אין דערינען האָט ר׳ אהרן באַמערקט דעם בער. ר׳ אהרן האָט זייער רויִק און קאַלטבלוטיק אויפגעהויבן זיין שטריימל הויך אויפן קאָפּ אַזוי, אַז זיין גרויסער שטערן איז אין גאַנצן אָפּגעדעקט געוואָרן, און קוקט רויִק גלייך דעם בער אין די אויגן אַריין. ווי איינער זאָגט: נאָ, קוק אויף מיין שטערן! און דער בער גייט זיך שטיל און גלייך צו ר׳ אהרנען, און זיי קוקן ביידע איינער אויף דעם צווייטן. ר׳ אהרן אויפן בער, דער בער אויף ר׳ אהרנען.

און ר׳ משה קוקט, וואָס דאָ וועט זיין. דער בער איז זיך צוגעגאַנגען נאָענט צו ר׳ אהרנען. האָט זיך אָפּגעשטעלט. שטאַרק איינגעקוקט זיך אין ר׳ אהרנס פּנים אַריין און האָט זיך שטיל, רויִק אומגעקערט צוריק אין זיין וועג און איז זיך אין וואַלד אַריין.

איז מען דאָך געוואָרן מלא שמחה, מען איז באַלד צוגעלאָפן צו ר׳ אהרנען, מען האָט צוריק אַרויפגעשטעלט דעם קאָרב אויפן שליטן און מען איז אַוועקגעפאָרן.

אין וועג, אַז מען איז שוין אָפּגעפאָרן ווייט פון דעם מקום הסכנה, האָט ר׳ משה געפרעגט ביי ר׳ אהרנען: וואָס איז געווען דער ענין פון אויפהייבן דעם שטריימל און אָפּדעקן פאַרן בער דעם שטערן? האָט אים ר׳ אהרן דערקלערט:

אַז ער האָט דערזען דעם בער, ווי ער גייט גלייך צו אים, האָט ער באַלד דערפילט די סכנה. האָט ער גענומען און האָט פאַר אים אָפּגעדעקט זיין שטערן: און ממה נפשך, זאָל דער בער זען: איז דער צלם אלקים אויף זיין שטערן גאַנץ, וועט ער דאָך אים גאָרנישט טון; וואָס דען נישט, איז דאָך באה שעתו, איז דאָך געקומען די צייט — —

אַמאָליקער בטחון!

מענטשן

געווען איז עס איז דעם צמח צדקס צייטן. אַמאָל... ייִדן זענען נאָך דאַן ייִדן געווען. אמתע ייִדן. די אמונה אין גאָט און אין זיין תורה איז טאַקע געווען בלב ונפש און בפרט ביי די חסידים — טאַקע מיט מסירת נפש. האָט טאַקע דאַן גאָט דורך די צדיקי הדור זיינע וווּנדער געוויזן. מען איז ווערט געווען, האָט ער געוויזן. וואָרום כמה נסים האָט מען געזען פון דעם צמח צדק גופא? ס׳פאַרשטייט זיך, געזען האָבן עס די, וועלכע זענען זוכה געווען צו זען...

איז דערציילט מען עס אויף ר׳ ישראל מיכל דעם ישובניק.

ר׳ ישראל מיכל דער ישובניק האָט געוווינט אויפן ישוב. האָט זיך אין מיטן וואַלד אַ קרעטשמע און וווינט דאָרט. חסידים קענען גוט ר׳ ישראל מיכלען. ער איז ביים צמח צדק צוויי מאָל אַ יאָר. און אַז ער קומט צום צמח צדק, פאַרברענגט ער יעדעס מאָל אַ וואָך, צוויי וואָכן, אַמאָל דריי אויך. קיין גרויסער למדן אין נגלה איז ער נישט. אַ ישובניק מיט אַ פּרק משניות, מיט אַ גלאַטן בלאַט גמרא. תהילים מיט פירוש המלות. אין קבלה האָט ער אַ ידיעה. אַ גרויסע ידיעה. איז אַ ייִד אַ הויכער, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן און מיט אַ הדרת הפנים פון אַ שלשלת היוחסין. און איז זיך תמיד פאַרטראַכט, פאַרטראָגן, מבולבל ווי אין אַן אַנ־דער עולם. צווישן די חסידים שווייגט ער תמיד. זיצט ווי אַ מבולבל און שווייגט. טראַכטן די חסידים: אַ מענטש אויפן ישוב, ווייט פון מענטשן, פון ייִדן קען ער נישט רעדן, שווייגט ער. און בשעת חסידות זאָגן איז ער אַזוי איבערגעגעבן דער חסידות — שלינגט יעדעס וואָרט. און דערהויפּט בשעתן ניגון נאָך די חסידות — זינגט מיט אַזאַ געהויבנקייט. טאַנצט

און שפּרינגט. דער צמח צדק איז אים שטאַרק מקרב. מסתמא ווייסן זיי וואָס זיי טוען. זייערע דרכים!

איז זיצט ר׳ ישראל מיכל אויפן ישוב. האָט זיך זיין קרעטשמע אין מיטן וואַלד און זיצט דאָרט. זיין ווייב, אַן אשה צנועה און אַן אשת חיל, האָט זיך מיט דער קרעטשמע מער מתעסק געווען ווי ר׳ ישראל מיכל אַליין. ווייל אַ שטיק טאָג גייט אַוועק אין דאַווענען. און אַ בלאַט גמרא אין דער פרי פאַרן דאַווענען איז ביי אים אַ מוז־זאַך. נאָכן דאַווענען אַ פּאָר פּרקים משניות איז ביי אים אַ חוק. תהילים אַלע טאָג איז ביי אים אויך אַ מנהג פון כל ימיו. היינט ווילט זיך דאָך אַריינקוקן ווען אין אַ קבלה־ספר. דערצו איז ווען אין קרעטשמע זענען דאָ שכורע פּויערים, גייט ער זיך אַוועק דאַווענען מנחה און מעריב אין וואַלד אַריין, מען זאָל אים, חלילה, נישט מבלבל זיין. אַמאָליקע יידן!

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וואָס ר׳ ישראל מיכל וווינט אויפן ישוב, איז ווייט פון אַלעמען, פון כלל ישראל, האָט נישט קיין תפילה בצבור וכדומה, איז ער זיך פון דעם שטאַרק מצער. אָבער לאָזן די קרעטשמע קען ער ביי זיך אויך נישט פּועלן. שוין אַזוי געוווינט מיט דער קרעטש־מע, מיט דעם וואַלד אַרום דער קרעטשמע און פון אבות אבותיו אַלץ אויפן ישוב. ער האָט תמיד געוואָלט רעדן וועגן דעם מיטן צמח צדק. נאָר קיין גרויסער בעל־דברן איז ער נישט געווען, געזאָגט אָפילו אַמאָל:

— רבי, עפּעס אויפן ישוב. ווייט, אַליין, איינער אַליין. אָבער שוין פון אבות אבותי. ביים וואַלד מיטן מלמד עברי געלערנט און דעם ערשטן מאָל אין קבלה ספר מעיין געווען אויף ד׳ גראָז אין וואַלד.

דער צמח צדק קוקט אויף אים. מאַכט זיך, אַז ער פאַרשטייט נישט. לייגט אַרויף זיין האַנט אויף ר׳ ישראל מיכלס פּלייצע און בענטשט אים:

— פאָר בשלום!

טרעף זייערע דרכים!

און אַן עובדא האָט געהאַט אָט דער ר׳ ישראל מיכל, אַז זומער, שבת־צונאַכט, די זמירות ז׳נגען אויפן גאַס. געווען אַ בערגל, נישט ווייט פון קרעטשמע, ביים וואַלד. פלעגט ער דאָרט זיצן און זינגען זמירות. מסתמא, געהאַט עס בקבלה, פון זיינע אבות. זיינע עלטערן האָבן זיך אויך אַזוי נוהג געווען. אפשר ווייל שבת־צונאַכט קענען זונטיק פאַרן פּויערים אין

שטאָט אויף זונטיק, איז דאַן די קרעטשמע פול, איז מען מבלבל. און דערצו ווילט זיך גלאַט נישט, אַז יידישע זמירות זאָלן זיך צוזאַמענמישן מיט די שכורע קולות פון די פויערים. אָדער אפשר, גלאַט אַזוי, עס איז זיך מער הרחבה אויפן בערגל, ביים וואַלד. ווי דאָס איז, אָבער אַ מנהג איז ביי ר׳ ישראל מיכלען טייער. און ער היט עס.

איינמאָל זומער, שבת־צונאַכט. ר׳ ישראל מיכל האָט אָפּגעמאַכט הבדלה, אָפּגעזאָגט „ויתן לך״, צונויפגעלייגט דעם טלית און איז זיך אַוועק פון שטוב, געזעצט זיך אויפן בערגל ביים וואַלד און זינגט זיך זיינע זמירות. געווען איז אַ ליכטיקע זומער־נאַכט. אַרום און אַרום שמעקט מ׳ט גרינע גראָז, מיט וואַלד. און זומער ביינאַכט, ווער עס איז נאָר זוכה צו זען און צו הערן, זעט דאָך, ווי די גאַנצע מעשי בראשית איז פאַרטיפט אין דביקות און הערט, ווי אַלץ זינגט שירה צום בורא עולם. זיצט זיך ר׳ ישראל מיכל אויפן בערגל, ביים וואַלד, און זינגט זיך מיט דביקות, מיט כלות הנפש זמירות. אָפּגעזונגען די זמירות, בלייבט זיך ר׳ ישראל מיכל אַזוי זיצן אויפן בערגל. אַרום און אַרום איז שטיל. די פויערים זענען זיך שוין צעפאָרן פון אַרום קרעטשמע, אין שטוב שלאָפט מען שוין. זיצט ער זיך און איז זיך מתבונן אין מעשי בראשית. אַזאַ נאַכט, אַזוינע הימלען, אַזוינע שטערן, אַזאַ וואַלד דערביי נעבן אים. ווערט ער פאַרקלערט, פאַרטראַכט. טראַכט זיך אים וועגן דאגות ישראל, הן בכלל און הן בפרט. וועגן דעם וואָס יידן זענען אין גלות. און פאַרטראַכט זיך בכלל וועגן דעם תכלית פון אַ מענטשן אויף דער וועלט... וואָס זאָל זיין? אַ ייד און נאָך אַזאַ ייד ווי ר׳ ישראל מיכל, זיצט ער און טראַכט, וואָס אַ ייד דאַרף טראַכטן.

און אַזוי ווי ער זיצט פאַרטראַכטערהייט און דאָס האַרץ קלעמט, הערט ער, מען רופט אים:

— ר׳ יש־ר־אל מי־כל!

קוקט ער זיך אַרום. קיינער נישטאָ. די קרעטשמע דאָרט שטייט ווי איינגעשלאָפן. דער וואַלד איז שטיל. און ער הערט, מען רופט אים:

— ר׳ יש־ר־אל מי־כל, ר׳ יש־ר־אל מי־כל!

שטעלט ער זיך אויף. קוקט זיך איין גוט אַרום און אַרום. קיינער נישטאָ. ער שטייט אַליין אויפן בערגל נעבן גרויסן, געדיכטן וואַלד. און מען רופט אים:

ז. י. אנכי

— ר׳ יש־ר־אל מי־כל, ר׳ יש־ר־אל מי־כל!

האָט ער יענע נאַכט נישט געשלאָפֿן.

איז אַריבער אַ וואָך. געקומען שבת. שבת־צונאַכט און ר׳ ישראל מיכל איז זיך ווידער כמנהגו אַוועק אויפן בערגל. זיצט און זינגט זמירות. נאָך די זמירות פאַרטראַכט ער זיך. ערשט ווידער דאָס זעלבע. מען רופט אים:

— ר׳ יש־ר־אל מי־כל!

פאַרלאָזט ער דעם בערגל און גייט אין וואַלד אַריין. אַ גאַנצע נאַכט איבערן וואַלד אַרום. ערשט מיטן זונען־אויפגאַנג אַהיים געקומען. און אַזוי ווי מען איז דאָך אויפן ישוב, תמיד מער נישט ווי זאַלבענאַנד, ער מיט זיין ווייב, און זי איז אַן אשה צנועה. איז פאַראַן וואָס אויפן האַרצן, דער־ציילט מען איינער דעם אַנדערן. זי אים וועגן שטוביקע זאַכן, וועגן פרנסה. ער איר וועגן זיינע ענינים. און אַמאָליקע ווייבער האָבן דאָך אין זיך געהאַט אַ טבע, אַז זיי פלעגן קענען טרייסטן. זיי פלעגן קענען אַליין אַריבערטראָגן און דעם מאַן צו טרייסטן. אַמאָליקע ווייבער!

דערציילט ר׳ ישראל מיכל דעם ווייב, אַז מען רופט אים. באַרויִקט זי אים און זאָגט דערצו:

— וואַרט־אָפּ נאָך אַ שבת־צונאַכט. וועט מען דיך ווידער רופן, וועסטו דאַרפן פאָרן צום רבין.

איז אַריבער נאָך אַ וואָך. געקומען שבת. שבת־צונאַכט איז זיך ר׳ יש־ראל מיכל אַוועק אויפן בערגל. זיצט און זינגט זמירות. און נאָך די זמירות ווידער מען רופט אים. דריי מאָל איבערגעחזרט:

— ר׳ יש־ר־אל מי־כל, ר׳ יש־ר־אל מי־כל, ר׳ יש־ר־אל מי־כל!

און אויף מאָרגן פרי שפּאַנט ער איין דאָס פערד און פאָרט צום צמח צדק. געקומען צו אים און דערציילט:

— רבי, מען רופט מיך. שבת־צונאַכט, נאָך די זמירות, רופט מען מיך.

קוקט דער צמח צדק אויף ר׳ ישראל מיכלען. לייגט אַרויף די האַנט אויף זיין פּלייצע און זאָגט:

— מען רופט? — אַלעמען רופט מען. פאָר בשלום. פאָר בשלום.

קומט ר׳ ישראל מיכל אַהיים. דערציילט דעם ווייב, וואָס דער רבי האָט געזאָגט. פאַרשטייט זי נישט. אָבער דער רבי האָט רויִק געהייסן פאָרן אַהיים. האָט צוויי מאָל געזאָגט: „פאָר בשלום". דאַרף מען דאָך רויִק

זיין. זעט זי נאָר, אַז ר׳ ישראל מיכל זאָל קענען וואָס לענגער דאַוונען, וואָס מער לערנען און היט זיך נישט צו מבלבל זיין אים פון זיינע מחשבות.

און ער, ר׳ ישראל מיכל, פירט זיך ווי זיין שטייגער איז. שבת־צונאַכט, די זמירות זינגט ער אויפן בערגל, נעבן וואַלד. און נאָך די זמירות הערט ער, מען רופט אים:

— ר׳ יש־ר־אל מי־כל!

גייט אַוועק דער זומער. עס איז ווינטער. דאַרף איינמאָל, אַ שבת־צונאַכט, ר׳ ישראל מיכל פאָרן אין שטאָט אַריין. אַ וויאָרסט צוואַנציק פון זיין קרעטשמע. מאַכט ער אָפּ הבדלה. זאָגט אָפּ „ויתן לך״. שפּאַנט איין דאָס פערד. טוט זיך אָן אין זיין גוטן וואַרעמען פוטער, טוט־אָן וואַליקעס. זעצט זיך אַריין אין שליטן און פאָרט אין שטאָט. די נאַכט איז אַ ווינטער־דיקע, אַ ליכטיקע, אַ ווייסע. דער וועג איז גוט. דאָס פערד לויפט זיך. דער שליטן גליטשט זיך אויפן ווייסן שניי־וועג דורכן וואַלד. פאָרט ער זיך אַזוי. וועט אָבער ר׳ ישראל מיכל אין וועג אויך נישט גיין ליידיק. פאַרזינגט ער זיך זמירות, אויפן קול, ווי זיין שטייגער איז. און הויבט־אָן:

— אמר אדוני ליעקב...

ערשט, ווער העלפט אים:

— אל תירא עבדי יעקב.

— בחר אדוני ביעקב...

ענטפערט מען:

— אל תירא עבדי יעקב.

שטעלט ער אָפּ דאָס פערד. קוקט זיך אַרום. קיינער נישטאָ. עס איז ווינטער ביינאַכט. די לבנה און די שטערן לייכטן. דער וואַלד איז ווייס. דער וועג איז ווייס. אַרום און אַרום איז שטיל. רויק. פאָרט ער ווייטער. און הויבט ווידער אָן:

— אמר אדוני ליעקב...

מען ענטפערט אים:

— אל תירא עבדי יעקב.

ער זינגט:

— בחר אדוני ביעקב...

מען העלפט אונטער:
— אל תירא עבדי יעקב.
נעמט ר׳ ישראל מיכל, פאַרקערט דאָס פערד פון וועג אַראָפּ און פאָרט נאָכן קול נאָך. מען ענטפערט אים פון מיטן וואַלד, פאָרט ער אַהין. ער זינגט זיך די זמירות. מען ענטפערט אים, און ער פאָרט דורכן וואַלד נאָכן קול נאָך. אַ צייט אַזוי נאָכגעפאָרן דעם קול. ער איז שוין פאַרפאָרן ווייט, טיף אין וואַלד אַריין, שטעלט זיך אָפּ. הערט אויף צו זינגען. שטיל איז אַרום און אַרום. זיצט ער אַזוי אין שליטן, איז פאַרטראַכט. ערשט, ער הערט, מען רופט אים:
— ר׳ יש־ר־אל מי־כל!
האָט ער זיך פוגאַנדערגעוויינט ווי אַ קליין קינד. דאָס פערד שטייט אין מיטן וואַלד. ר׳ ישראל מיכל זיצט אויפן שליטן און וויינט. מען רופט אים, מען רופט אים און ער ווייס נישט ווער און ווייס נישט וווהין. און ער הערט קלאָר. מען רופט אים:
— ר׳ יש־ר־אל מי־כל, ר׳ יש־ר־אל מי־כל!
איז ער פון דער נאַכט אָן געוואָרן נאָך מער פאַרטראַכט, מער פאַר־קלערט. זיין דאַוונען איז געוואָרן מיט מער דבקות, מער התלהבות. האָט זיך פון דער וועלט אינגאַנצן אויסגעטון. נאָר געדאַוונט, און געלערנט און געטראַכט.
און אַז עס איז געקומען זומער, איינמאָל, אַ שבת־צונאַכט, איז ער געקומען פון בערגל. איז אין שטוב אַריין. דאָס ווייב איז שוין געווען אין שלאָפצימער. זי איז שוין געשלאָפן. האָט ער גענומען אונטערן אָרעם זיין טלית און תפילין, דעם שטעקן אין האַנט גענומען, האָט געזאָגט, דורכן וואַנט, דעם ווייב:
— זיי געזונט. מען רופט מיך. —
און איז אַרויס פון שטוב. איז אין וואַלד אַריין. און איז נעלם געוואָרן.
ביים צמח צדק פלעגט מען אָפט שמועסן וועגן ר׳ ישראל מיכלען. און מען דערציילט, אַז איינמאָל האָט מען ביים טיש ביים צמח צדק גע־רעדט וועגן ר׳ ישראל מיכלען. האָט דער צמח צדק געזאָגט שטיל, ווי פאַר זיך אַליין.
— אַלעמען רופט מען. און ווער עס איז זוכה, יענער הערט עס.

מען פֿאָרט צום רבין

— איך געדענק... און וואָס זאָל איך דיר זאָגן? עפּעס עס געדענקט זיך... עס געדענקט זיך פֿון יענע יאָרן אַלץ, אַלץ... און אַזוי קלאָר, קלאָר, און עפּעס אַזוי פֿריילעך ווערט אויפֿן האַרצן, אַזוי לעבעדיק... האַ, וואָס זאָגסטו?... עפּעס... עפּעס... איך ווער גאָר אַן אַנדערער... נישט אָט דער „עובר בטלניק", אָט וועלכן דו זעסט איצט פֿאַר דיינע אויגן — אַן אַנ־דערער!... איך לעב זיך אָפּ!... איך דערמאָן זיך... איך דערמאָן זיך... און עפּעס... עפּעס...

האַ, וואָס זאָגסטו?... אוי־אוי־אוי...

ווען ס'איז — קלער איך... אַ מענטש איז דאָך — אַ מענטש און קלערט... קלער איך ווען עס איז: וואָס וואָלט געווען, אַז אַ מענטש וואָלט געלעבט אויף דער וועלט אָן שינויים?... אָבער לגמרי אָן שינויים... אָט מען וואָלט שטענדיק געווען יונגע־לייטלעך... מען וואָלט שטענדיק געווען אַזוי לעבעדיק, אַזוי פֿריילעך, ווי אין די יונגע יאָרן... מען וואָלט שטענ־דיק געווען געזונט... מען וואָלט נישט עלטער געוואָרן, מען וואָלט נישט שטאַרבן... כ... מ... האַ, וואָס זאָגסטו?... אַ מענטש איז דאָך — אַ מענטש און קלערט... און קלערט אָפּט נאַרישקייטן אויך... האַ, וואָס זאָגסטו?... מען דערציילט פֿון דעם ראָכמעסטריווקערס וועגן — די פּוילישע האָבן דאָך האָלט צו זאָגן ווערטלעך... — איינמאָל זאָגט ער: „ובטובו מחדש בכל יום תמיד מעשי בראשית", איז דאָך אין פּלוג, זאָגט ער, צוליב וואָס דאַרפֿן די מענטשן דעם חידוש פֿון מעשי בראשית אַלע טאָג?... נאָר וואָס דען? ווײַלע — ובטובו... ווײַלע מיר זענען מאמינים, אַז „ער" איז כלו טוב... און אַלץ, וואָס „ער" טוט, איז פֿון אים אַ גרויסע טובה... — ובטובו!...

יאָ... איז געדענק איך... דאָס האָט געטראָפן מיט שיינע עטלעכע יאָר צוריק אָבער גאָר שיינע עטלעכע יאָר... איינמאָל, עטלעכע טעג פאַר ראש־השנה — ראש־השנה האָבן מיר דאַן געהאַט דאָנערשטיק און פרייטיק, און דאָס איז געווען זונטיק — זענען מיר, איך, ר׳ גדליה דער קרעמער, חיים דער גאַרבער, ירוחם אבא דער שענקער און ר׳ ברוך דער סופר, שוין אַלע אונדז צו לאַנגע יאָר, פאַרזעסן זיך אין בית־המדרש שפּעטלעך נאָך מעריב. און וואָס טוען חסידים, אַז מען בלייבט עטלעכע צוזאַמען אין בית־המדרש? זיצט מען דאָך, מסתמא, און מען שמועסט זיך מכוח דעם רבין, מכוח אַ מאמר זיינעם, מכוח זיינעם אַ ווערטל, אָדער מען דערציילט פון אים אַ מעשה, אָדער מען רעדט מכוח אַ חסיד, מכוח דעם, יענעם, ווי דער שטייגער איז — מען שמועסט. ווי אַזוי דאָס איז געקומען צו רייד געדענק איך שוין איצט נישט, נאָר מען איז געזעסן און גערעדט. אין בית־המדרש איז שוין געווען פינצטער, נאָר ס׳איז עפּעס קאַלטלעך געווען, און דער שמש האָט איינגעהייצט די הרובע. זיצט מען זיך אַנטקעגן דעם פייער, ווער אויף אַ בענקל, ווער די פיס אונטער זיך אויף דער ערד און מען רעדט. זיצט מען זיך און מען רעדט און מען רעדט... און מען האָט זיך צונויפגערעדט, אַז מען פילט, אַז מען דאַרף פאָרן אויף ראש־השנה אין קאָפּוסט צום רבין. אויף שבועות איז מען אַפילו געווען ביי אים, נאָר... מען פילט, אַז עס ציט... עס שלעפּט... מען דאַרף פאָרן... מען מוז פאָרן!... וואָס זאָל זיין? אין רבין האָט מען טאַקע אויף אַן אמת מאמין געווען... און אויף אַמאָליקן אופן... טאַקע — בלב ונפש... און עס איז טאַקע דעמאָלט געווען צו וועמען צו פאָרן, און אין וועמען צו גלויבן... וואָרום, גלויב נישט?!... אַז מען האָט טאַקע געזעען בחוש, ממש מען האָט אָנגעטאַפּט מיט די הענט, אויף איטלעכן טריט — און ווי זיי זאָלן זיך, די אַמאָליקע, די אמתע צדיקי הדור, נישט סטאַרען זיך צו באַהאַלטן זייערע מעשׂים פון מענטשישע אויגן — זייערע גרויסע נסים און זייער גדלות... און ווער זאָל גלויבן איז טאַקע דאַן אויך געווען... וואָס זאָל זיין? — אַמאָליקע חסידים און אַמאָליקע רביים!... יאָ... נו, איז געבליבן אַז מען זאָל פאָרן.

דער הויפּט־אָנפירער אין דער נסיעה איז געווען ר׳ ברוך דער סופר. דו האָסט דאָך געהערט מכוח אים? ה... מ... וואָס זאָל זיין?... דאָס איז גע־

זוען אַ ייִד, איינער. פון די געהויבענע ייִדן... אין אַמאָליקע יאָרן פון די יחידי סגולה!... אויף אים דערציילט מען דאָך, אַז ווען עס איז געווען דער גרויסער גירוש פון מאָסקווע, אָט, — אָט, דער לעצטער גירוש... און אַ סך, אַ סך, וועלכע גאָט ווייס צי וואָלטן אַפילו זייערע קינדער וויסן, אַז זיי וואַקסן כאָטש פון ייִדן, און ווער רעדט שוין מכוח זייערע אייניקלעך, אור־אייניקלעך... וואָרום ווי מען דערציילט זיך אָן, האָט מען דאָך דאָרטן, אין מאָסקווע הייסט עס, געלעבט ממש ווי גויִים... און ווער רעדט מכוח לערנען, דאַוונען, תפילין לייגן. אַ סך האָבן זיך גאָר פאַרגעסן, אַז עס איז פאַראַן תפילין אויף דער וועלט. יאָ... און דערנאָכדעם, אַז מען האָט טאַקע דערציילט יעדערן גאָר אַזוי פּראָסט, אָפן און טאַקע ביד חזקה אויך... אַז דו ביסט אַ ייִד... איז דאָך אַ סך הערצער האָבן זיך דערמאָנט אָן גאָט און האָבן זיך אומגעקערט מיטן גאַנצן האַרצן צו ייִדישקייט, צום דאַוונען, צו די תפילין, און עס איז דאָך דאַן געוואָרן דאָס גרויסע איינגעלויף נאָך בתים... וואָס זאָל זיין?... איז דערציילט מען אויף אים, אויף ר׳ ברוך דעם סופר:

אין איינעם אַ פרימאָרגן מען זעט — ער לויפט מיט אַ זאַק בתים אויף די פּלייצעס, מיט אַ זאַק אַ גרעסערן פאַר אים אַליין — ער איז דאָך געווען אַ קליינינקער, אַ קורצינקער און אַ דאַרינקער — און ער לויפט מיט אַזאַ שמחה. פרעגט מען דאָך ביי אים:

— אַ וווּהין, אַ וווּהין איז דאָס, ר׳ ברוך?

— אין שקלאָוו, אין שקלאָוו — ענטפערט ער איילנדיק — דאָרטן האָבן זיך דאָך באַזעצט אַ סך מאָסקווער בעלי־תשובות...

— נו, איז וואָס? — פרעגט מען.

— און איך וויל — מאַכט ער מיט שמחה — און איך וויל, אַז די בעלי־תשובה זאָלן טאַקע טראָגן מיינע בתים... מיינע בתים...

און איז אַוועקגעלאָפן צופוס מיט דעם זאַק בתים אין שקלאָוו...

ממ... פון די יחידי סגולה!

יאָ... איז דאָך דער הויפּט־אָנפירער אין דער נסיעה געווען ער, ר׳ ברוך דער סופר, הייסט עס. נאָר ווי כאַפּט מען אַ פור? געווען איז דאָך עס ביינאַכט און פאָרן מוז מען פאָרן נישט שפּעטער ווי אויף מאָרגן פרי. וואָרום דער וועג איז געווען אַ שלעכטער, אויפן גאַס האָט געגאָסן אַ שלאַקס־

רעגן — דער אָסיען איז דעמאָלט געווען זייער אַ פּרינענדיקער. דאָס איז געווען אין יענעם יאָר, ווען די ערשטע טעג סוכות איז מען שוין געפאָרן אויף שליטן — און פאָרן האָט מען געהאַט אַ וויאָרסט זיבעציק. און קומען האַרט פאַר די ערשטע פאַרנאַכטיקע חסידים האָט זיך אויך נישט געוואָלט. נו, טאָ וואָס טוט מען? איז געפאַלן ר׳ ברוך אויף אַזאַ המצאה: מען זאָל דינגען זעליק דעם בעל־עגלה. אַ פערדל האָט אפילו זעליק דער בעל־עגלה געהאַט נישט קיין אַי־אַי. נאָר דערהויפּט וואָס דערווייל וועט זעליק אויך זייןביים רבין אויף ראש־השנה.

וואָרום דער זעלביקער זעליק דער בעל־עגלה איז געווען אַ ברענענדי־קער חסיד, אַ גרויסער מאמין אין אים, און אַ שיינער יודע ספר, און ער איז גאָרנישט געווען קיין בעל־עגלה אויך... אַט... ער האָט זיך געהאַט אַ פערדל און פלעגט זיך פירן ווען אַ וואָגן משא אין שקלאָוו... פון שקלאָוו... יאָ... איז געבליבן אַזוי. גייען מיר תיכף, גלייך פון בית־המדרש, אין דעם גרויסן שלאַקס־רעגן, אַוועק צו זעליק דעם בעל־עגלה און דערציילן אים די מעשה. ווערט ער דאָך מלא שמחה און איז גרייט אויף מאָרגן פרי, אַ שעה דריי פאַר סליחות, צו פאָרן, בלייבט דאָס אַזוי.

אויף מאָרגן — מיר זענען אויפגעשטאַנען, מען האָט זיך צונויפגעע־קליבן אַלע צו ר׳ ברוכן און מען וואַרט אויף זעליקן. מען וואַרט אַ האַלבע שעה, אַ שעה — ער איז נישטאָ. גייט מען דאָך אַוועק צו אים, זען וואָס איז די מעשה? און אויפן גאַס איז חושך מצרים, איינער דעם אַנדערן האָט נישט געזען... גייט מען זיך אַזוי צו אים און אַט, אַט מען פאַלט... מען קריכט אַרויף אויף אַ שטוב, אַ בערוועגע, מען גייט... מען קומט צו זעליקן, מען קלאַפּט אָן אין פענצטער — מען ענטפערט נישט. מען הויבט אָן קלערן: וואָס קען דאָס זיין? ערשט מען האָט דערזעען ביי אים אין סטאָ־דאָלע, נעבן זיין שטוב — עס איז דאָ פייער. גייט מען אויך אין סטאָדאָלע. מען גייט אַריין, ערשט ער זיצט דאָרטן. אַ סמאָליאַטשיק, אַריינגעשטעקט אין וואַנט, ברענט איבער זיין קאָפּ — קיין קעראָסין איז דאָך נאָך דאַן נישט געווען — און ער פאַרריכט דעם כאָמוט. און ווו? ער האָט נאָך אפילו נישט אָנגעהויבן זיך צו גרייטן צו דער נסיעה: דער וואָגן שטייט זיך אין ווינקל, דאָס פערד ליגט און דרימלט און ער זיצט זיך און פאַרריכט דעם כאָמוט.

— סטייטש, — מאַכט צו אים ר׳ ברוך, — שלימזלניק, נאָך דיינע הכנות נאָך ווען מיר דאָך קומען אין קאַפּיסט ערשט אויף איבעראַיאָר שבועות. און פאַרוואָס פאַרריכטסטו נישט דעם כאָמוט אין שטוב, וואָלט דאָך די אַרבעט גיין גיכער?

— גערעכט, — מאַכט ער געלאַסן צו אונדז, — נאָר איך וועל אייך ענטפערן אויף אַלץ: ערשטנס, איז דעם כאָמוט מוז מען פאַרריכטן, וואָרום

אַ פערד אָן אַ כאָמוט איז גאָר קיין פערד נישט. נייך! אַ פערד איז אַלע מאָל אַ פערד! נאָר דעם וואָגן שלעפּט ער דאַן נישט... און צווייטנס, ווידער צו הערן די קללות פון מיין פלוניתטע דערפאַר וואָס איך פאָר אָפּ אויף יום־טוב פון דער היים, איז בעסער צו זיצן דאָ און כאָטש דערפרוירן ווערן פון קעלט.

— שוטה, — זאָג איך צו אים — וואָלסטו זאָגן דיינער, אַז דו פאָרסט צום רבין...

— הערסטו, — מאַכט ער, — אָט דערפאַר גופא שעלט זי זיך דאָך...

— סטייטש, — מאַכט ר׳ ברוך — אַזאַ ארורה!...

— און וואָס איז דער וווּנדער? — שמייכלט ר׳ גדליה דער קרעמער — בדידי חוה עובדא... איך האָב אויך אַן אשה און האָב טאַקע אויך געזאָגט איר, אַז איך פאָר צום רבּ׳ן און זי האָט טאַקע אויך געשאָלטן, און לאָ די וואָס דעם טלית און תפילין האָט זי מיר נישט געלאָזן נעמען, וועט זי מיך נאָך אַ גאַנצענעם יאָר נאָכאַנאַנד שעלטן און שעלטן פאַר דער נסיעה.

— מיינע אויך, — כאַפּט אונטער חיים דער גאַרבער.

לאַכט מען...

בקיצור, אַהין — אַ הער — מען האָט זיך אַרויסגעקליבן פון שטעטל נאָך סליחות און נאָכן דאַווגען — שוין היפש אויפן טאָג. און מען פאָרט פאָרט מען... יאָ... פאָרט מען... עס פאַרשטייט זיך, אַז מען פאָרט מיט זעליק דעם בעל־עגלה — איז וואָס זאָל זיין? דאָס רייסט זיך אָפּ אַן אַטאַסע, די לייצעס צערייסן זיך, די רעדער סקריפּען, דעם כאָמוט דאַרף מען אין מיטן דערינען איבער אַ נייס פאַרריכטן — ס׳מאַכט דאָך נישט אויס... יאָ... פאָרט מען... מען איז אָפּגעפאָרן אַ וויאָרסט פערציק, אויף מאָרגן שוין — ערשט אין מיטן דערינען, אין מיטן אַ דאָרף, דאָס פערד האָט זיך פאַר־אַמפּערט, האָט זיך אָפּגעשטעלט און — נישט פון אָרט... און וואָס הייסט נישט פון אָרט? אָט טאַקע ווי איינער זאָגט: עד כאן, און גאָר... פּרווּט דאָך זעליק מיט גוטן, מיט בייזן — גאָר נישט... פּרווּט דאָך זעליק ווייטער, מיט דער אַנדער זייט בייטש, הויבט דאָס פערד אויף ד׳ הינטערשטע פיס און פאַרשפּריצט אונדז מיט בלאָטע, מיט קויט און — נישט פון אָרט. פּרווון מיר אַראָפּגיין פון וואָגן — עס העלפט אויך נישט. און נישט וואָס דאָס פערד וויל אונדז נישט פירן. ער וויל טאַקע, ווייזט אויס, אַז מיר זאָלן אים פירן... נו, טאָ וואָס טוט מען?... נאָר מ׳לא מיטן פערד — נו... אַ פערד... אָבער וואָס טוט מען מיט זעליקן?... זעליק וויל דאָך זיין אויף ראש־השנה ביים רבין... וואָס טוט מען?... איז געבליבן, אַז מען זאָל לאָזן דעם וואָגן אין דאָרף ביי אַ גוי און דאָס פערד זאָל זעליק נעמען פאַרן פאָוועד, און מען זאָל גיין צופוס אין קאָפּוסט — נו, און אַן אַ וואָגן וועט דאָך שוין דאָס פערד יאָ נאָכגיין נאָך אונדז.

— אַגב, — שמייכלט ר׳ ברוך — וועלן מיר אפשר אויפן וועג אָנ־טרעפן אַ מתנגדיש שטעטל, וועלן מיר אים דאָרטן לאָזן פאַר אַ רב... מען לאַכט...

בקיצור, טוט מען אַזוי און מען גייט צופוס... דער טאָג איז געווען זייער אַ קאַלטער, קויטיק איז געווען — אַט ווי עס טרעפט אין אַ שלעכטן אָסיען. און מען גייט, מען טאַפּטשעט אין די קויט: טיאַפּ, טיאַפּ, טיאַפּ. איין פוס אַריין אין די קויט, די אַנדערע אַרויס, טיאַפּ, טיאַפּ, טיאַפּ... און דער רעגן גיסט... און וואָס הייסט — ער גיסט? ער שמייסט אין פּנים אַריין און גיסט אויפן קאַלנער און טאַקע אונטערן קאַלנער אויך... און מען גייט... מען גייט... מען שלעפּט זיך צופוס אין קאָפּוסט.

— ווי עס ווייזט אויס, — זאָגט זעליק אַרויסשלעפּנדיק די פוס פון אַ בלאָטע, אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלן — הויבן אָן מקוים צו ווערן מיין ווייבס קללות.

— שוטה, — מאַכט צו אים ר׳ גדליה דער קרעמער, — ווען מיין ווייבס קללות וואָלטן אָנגעהויבן מקוים צו ווערן, איז די ערשטע זאַך, האָבן ביי מיר מיינע פיס געדאַרפט, חלילה, אָפּגענומען ווערן, און אַ דאַנק גאָט — עס גייט זיך; אדרבה...

מען המצאהט זיך און מען גייט... עס זענען שוין נאָס געוואָרן אויף אונדז די קליידער, די אויבערשטע, די אונטערשטע, נאָר עס גייט זיך... מען גייט אין קאָפּוסט צופוס.

שפּעט אין דער נאַכט זענען מיר קוים אַריינגעפאַלן איינגעמאַטערטע אין כאַלטורע, אין אַ קרעטשמע אַ וויאָרסט עלף־צוועלף פון קאָפּוסט. מיר זענען אַריין אין קרעטשמע און מיר האָבן זיך גאָר אָפּגעלעבט. עס איז ליכטיק, וואַרעם, און אַגב האָבן מיר דאָרטן געפונען אַ פּאָר באַקאַנטע חסידים, און אַזוינע, וועלכע פאָרן צום רבין. וואָס זאָל זיין?... מען איז דאָך צו אים געפאָרן פון דער גאַנצער וועלט... און אויך אַן עגונה, אַ פאַר־ביטערטע יידענע, איז געפאָרן צום רבין. מיר האָבן אַפילו איר געזאָגט: וואָס עפּעס האָט זי אויסגעקליבן דווקא ראש־השנה, ווען עס זענען אַזוי פיל אורחים פאַראַן און עס איז זייער שווער צו צוקומען צו אים?... יאָ... איז... ע... שלום עליכם, עליכם שלום... מען רעדט, מען האָט גענומען אַ ביסל משקה, מען דערמאָנט פאַראַיאָריקן ראש־השנה און מכוח די אורחים, וועל־

כע זענען דאַן געווען, מכוח דעם מאמר, וועלכן ער האָט פֿאַראַיאָרן געזאָגט, מען דערמאָנט אַ ווערטל זיינס, אַ מעשה פֿון אים — מען שמועסט. און מען האָט זיך געלייגט שלאָפֿן. ווער אויף דר׳ערד, ווער אויפֿן טיש, אויף אַ בענקל. איינגעמאַטערט איז מען דאָך געווען, איז מען טאַקע באַלד איינגעשלאָפֿן.

אויף מאָרגן — ערב ראש־השנה, הייסט דאָס, איז מען אויפֿגעשטאַנען, אָפּגעזאָגט „זכור ברית״, עס איז געוואָרן טאָג, און מען דאַרף גיין ווייטער. נאָר מען איז אַזוי פֿון נעכטן פֿאַרמאַטערט — די פֿיס ווילן גאָרנישט גיין. טאָ וואָס טוט מען?... נישט גוט... ערשט ווי מיר שטייען אַזוי נעבן פֿענצטער פֿאַרדאגהט און קוקן אין גאַס אַרויס, ערשט אַ פּאָר גוטע פֿערד, אָבער וואָס הייסט גוטע?! איינגעשפּאַנט אין אַ גוטע, טייערע בריטשקע לויפֿן צו דער קרעטשמע.

— אַי, — מאַכט זעליק, — ווען איך וואָלט געהאָט אַזאַ פּאָר פֿערדלעך, וואָלט איר ביי מיר געווען נאָך נעכטן אין קאָפּוסט.

— נישט שיט קיין זאַלץ אויף די ווונדן, — מאַכט צו אים ר׳ ברוך.

און מיר קוקן זיך אַזוי אין פֿענצטער. ערשט מיר קוקן זיך צו גוט, מיר זעען — אַ באַקאַנטער פּנים. נאָך אַ ווײַלע — און מיר דערקענען אים. און דאָס איז טאַקע געווען ר׳ שלום דער אַרענדאַר. ער איז דאָך געווען דער פֿייערדיקער חסיד, אַ מוראדיקער עושר און דער גרויסער עניו, מיט אַלעמען אויף „דו״, און צו אים אויך אויף „דו״, און אַ גרויסער חכם — אַ מדינה־חכם!... יאָ... ערשט דאָס פֿאָרט ר׳ שלום דער אַרענדאַר. און ער פֿאָרט צו גלייך צו דער קרעטשמע.

— איר וועט זען — מאַכט ר׳ ברוך צו אונדז — וואָס דאָ וועט זיין...

— נו, אדרבה, — זאָגט זעליק שמייכלענדיק.

ר׳ שלום איז אַריין אין קרעטשמע. נו, און שלום עליכם, עליכם שלום, מען פֿרייט זיך וואָס מען זעט זיך, און מען פֿרעגט וווהין פֿאָרט ער. ווערט ער אין כעס:

— וואָס הייסט וווהין פֿאָר איך? אויף ראש־השנה אין קאָפּוסט.

נו, איז מען מלא שמחה. בעט מען דאָך ביי אים אויף משקה — איז ער מסכים דערצו. אין דערינען איז ער אַרויסגעגאַנגען זאָגן דעם קוטשער,

ר׳ אבא

אַ יונגער יינגל, אַז ער וועט זיך דאָ אָפּשטעלן אויף אַ קליינע ווײַלע, מאַכט צו אונדז ר׳ ברוך:

— הערט, מען דאַרף אים אָפּטון...

— וואָס הייסט? — פרעג איך.

— מען דאַרף — זאָגט ער — זעצן זיך אין זיין בריטשקע, אויף זיינע פאָר פערד און אַוועקפאָרן אין קאָפּוסט.

— יאָ!... — זאָגן אַלע — ר׳ ברוך איז גערעכט.

— און ער? — פרעג איך.

— עט, — מאַכט צו מיר ר׳ ברוך — ביסטו דאָך גאָר אַ מתנגד. מיר וועלן אים דאָ לאָזן זעליקס פערד; אַ וואָגן וועט ער דאָ קריגן אין דאָרף — געלט האָט ער דאָך ביי זיך. איך וועל שוין זען אַלץ מאַכן צו רעכט.

לאַכן מיר אַלע פון דער המצאה...

און וואָס מיינסטו? עס איז נישט געווען אַזוי? וואָס זאָל זיין?... ווען ר׳ שלום איז אַוועקגעגאַנגען צו זיין פריץ, וועלכער האָט דערביי געווינט, האָט מען גענומען און מען האָט דעם קוטשער אויסגענאַרט, מען האָט אים ווי אויף אַ ווײַלע אַוועקגעשיקט. פאַר ר׳ שלומען האָט מען איבערגעלאָזן ביים קרעטשמער אַ צעטל, אין וועלכן מען האָט מודיע געווען פון דער מעשה און מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין זיין בריטשקע און... אין אַ שעה אַרום איז מען געווען אין קאָפּוסט. און וואָס הייסט מען איז געפאָרן — ווי די גרעסטע פריצים!... אַ גאַנץ יום־טוב האָט מכוח דעם גערעשט גאַנץ קאָפּוסט, אַלע חסידים האָבן דערפון געוווּסט. ס׳האָט געקערט די וועלט!... און צום סוף, אַז ער איז געקומען שפּעט בייטאָג צו שלעפּן זיך, און טאַקע אויף זעליקס פערדל — האָט מען נאָך געקנסנט, אַז ער זאָל געבן אַ האַלבן טאָפּ זעכציקער דערפאַר, וואָס מען האָט אים אויסגענאַרט... אַ האַלבן טאָפּ האָט ער אַליין מוסיף געווען, אויף אונדזערע הענט, פאַר דער המצאה...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און אַז מען האָט דערציילט די מעשה דעם רבין — האָט דער רבי אַ שמייכל געטון!...

וואָס זאָל איך דיר זאָגן? — פאַר מיר... פאַר מיר... וועלכער געדענקט נאָך ווי אַמאָל איז געווען, ווי אַמאָל האָט מען געלעבט, איז שווער איצט צו לעבן... שווער... עפּעס דו געפינסט זיך קיין אָרט נישט... ווו דו זאָלסט זיך נישט קערן און ווענדן, — אַלץ נישט דאָס... נישט דאָס... נישט דאָס, וואָס אַמאָל... לגמרי נישט דאָס, וואָס אַמאָל... האַ? וואָס? נישט אַזוי?...

אָט, למשל, אַמאָליקע ייִדישע שמחות. ווי ייִדן פלעגן אַמאָל פריילעך זיין אום יום־טוב. און איצטער... זעסטו דען איצט אויף די ייִדישע פּנימער דעם עונג יום־טוב, דעם תענוג פון שמחה, די עבודה צו גאָט דורך שמחה?... פילסטו דען איצט אום יום־טוב, אַז ייִדן זענען דאָך ייִדן?... אַלץ אַזוי פאַראבלט, טרוקן און וואָכעדיק... און וואָס מיינסטו? ייִדן האָט זיך דאַן בעסער געלעבט, דערפאַר איז מען געווען פריילעכער? עט!... ייִדן זענען אַלע מאָל געווען אין גלות... נאָר וואָס דען? מען איז געווען מיט מער ברען, מיט מער היץ, מיט מער פייער אין די הערצער, און במילא איז שוין געווען מער אמונה, מער בטחון, און אויך די שמחות זענען געווען ייִדישע — מ־ט אַ היץ, מיט אַ פייער און מיטן גאַנצן לייב און לעבן...

וואָס זאָל זיין? עפּעס... אַן אַנדער וועלט איז דאָן געווען!... אַנדערע מענטשן. אַנדערש האָט מען געלעבט... אַנדערש... אַנדערש...

איך געדענק נאָך ווי איצטער, ווי אָט נעכטן, נעכטן איז דאָס געווען. דער עיקר הוליען פלעגט ביי אונדז זיין שמחת בית־השואבה. מילא, וועגן שמחת־תורה, וועגן דעם ווי מיר פלעגן אַמאָל פריילעך זיין שמחת־תורה, איז דאָך טאַקע בפועל ממש. מען דאַרף זיצן טעג מיט נעכט און דער־ציילן וועגן דעם. וואָס הייסט מען האָט זיך משמח געווען? עס איז דאָך טאַקע געווען די אמתע שמחת־התורה... מען איז אַרויס פון זיך... אָבער בפועל ממש אַרויס פון זיך... מען האָט פאַרגעסן אָן אַלץ; און ידן האָבן זיך געפרייט מיט דער תורה... און וואָס הייסט משמח געווען!... אַז איך זאָג דיר, דו וואָלסט מער נישט געדאַרפט זען, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון אַמאָל אַ שמחת־תורה מיט ר׳ נחום דעם מלמד. וואָס? דו האָסט נישט געהערט פון ר׳ נחום דעם מלמד? דו ווייסט נישט וועגן אים? ר׳ נחום דער מלמד איז דאָך געווען ביי אונדז אין שטעטל דער גרעסטער מלמד פאַר גמרא־קינדער. געווען איז ער דער גרויסער עובד און דער גרויסער, פאַר־ברענטער חסיד. דאָס רוב „זמן" פלעגט ער אַפילו אָפּזיין אין קאָפּוסט ביים רבין. אים פלעגט שטענדיק שלעפּן אין קאָפּוסט, צום רבין, צו די חסידות... „נישט אין קאָפּוסט, פלעגט ער טענהן, בין איך נישט איך... עפּעס, עפּעס עס ציט מיך אַהין..." נאָר דאָך די גוטע קינדער פלעגט מען אוועקגעבן צו אים. ווייל ווען ער פלעגט שוין יאָ לערנען מיט זיי, איז נישט געווען קיין גלייכן צו זיינע עמקות און צו זיין הסברה. און שטענדיק איז ער גע־ווען יום־טובדיק, שטענדיק אָנגעטון אין זיין אַטלעסענער קאַפּאָטע מיט דעם זיידענעם גאַרטל, — אַ הדרת פּנים האָט ער דאָך געהאַט נישט אַ גע־ווינלעכן, ער איז דאָך געווען אַ הויכער און אַ לעבעדיקער, זיין פּנים איז געווען אַ ליכטיקער, מיט אַ ברעז, מיט אַ קאָפּ, און זיינע אויגן זענען געווען אַזוינע ליכטיקע און אַזוינע ווייסע, גוטע. איז אַז מען פלעגט אים דערזען אין זיין אַטלעסענער קאַפּאָטע מיט דעם זיידענעם גאַרטל, פלעגט עפּעס ווערן פריילעך און אַזוי יום־טובדיק אויפן האַרצן. מען דערציילט, אַז איינמאָל אין אַ וואָכעדיקן טאָג האָט מען ביי אים אַ פרעג געטון:

— ר׳ נחום, וואָס זענט איר אַזוי יום־טובדיק, וואָס פאַר אַ יום־טוב איז היינט ביי אייך?...

— ערשטנס — מאַכט ער — האָב איך היינט גערעכנט צו פאָרן אין קאַפּוסט... אַגב וויל איך „אים" דינען מתוך שמחה. איך פריי זיך, וואָס „ער" איז אַלע טאָג מחדש די מעשי בראשית... דאָס איז טאַקע ביי מיר אַ גרויסער יום־טוב...

איז האָסטו געדאַרפט זען ר' נחומען שמחת־תורה! זיין משמח זיין זיך... זיינע ניגונים... היינט זיין טאַנצן, זיין הוליען... וואָס זאָל זיין — מען איז געווען פריילעך מיט דעם גאַנצן לייב און לעבן, דערפאַר וואָס גאָט האָט אונדז אַ תורה געגעבן... און וואָס דאַרפסטו גאָר אַ סך? איך רעד שוין נישט וועגן גאָר אַמאָליקע שמחת־תורהס. אָט אַפילו גאָר נישט לאַנג, גאָר נישט לאַנג מיט אַ יאָר צען, צוועלף צוריק איז דאָך אויך עפּעס אַ קליי־ניקייט ווי יידן פלעגן זיין פריילעך שמחת־תורה?...

איך געדענק... הם... כע־כע־כע... עפּעס אַזוי געדענקט זיך דאָס מיר!... ס'איז אַפילו אַ קלייניקייט! נאָר איך וועל דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן... איינמאָל אַ שמחת־תורה... אָט שוין דאָ נישט לאַנג, אין די לעצטע יאָרן, אָט ווען קאַזנאַ האָט דעמאָלט געמאַכט דעם שאָסיי פון אונדז ביז שקלאָוו און ר' שמואל דער פּאָדריאַדטשיק האָט אָנגענומען פון קאַזנאַ דעם דאָזיקן פּאָדריאַד. זענען מיר געווען ביים רבי. שמחת־תורה פלעגט מען דאָך אַ גאַנצן טאָג פון נאָכן דאַווענען אָן פאַרברענגען ביים רבי. אַזוי איז ביי אונדז שוין געווען אַ חזקה. איז אַרום אַזייגער צוויי־דריי ביי טאָג — מען כאַפּט זיך, נישטאָ צווישן אונדז ר' שמואל דער פּאָדריאַדטשיק. געווען איז מען שוין היפּש נישט ביי זיך, היפּש פריילעך. ר' שמואלן האָבן אַלע ליב גע־האַט; ער איז דאָך געווען אַ גרויסער נדבן און אַ גרויסער הוליאַקע... האָט מען אָנגעהויבן צו מאָנען, ווו איז דאָס עפּעס ר' שמואל? מען זאָגט זיך דערביי אַ המצאה, אַ גלייכווערטל. דער זאָגט, אַז ר' שמואלס ווייב איז אַ מתנגדס אַ טאָכטער און זי מיינט, אַז שמחת־תורה דאַרף דער מאַן עסן וואַרמעס ביי זיך אין דער היים. מיט ווייב און קינדער צוזאַמען. דער זאָגט, אַז ר' שמואל אַליין איז געוואָרן אַ מתנגד און האָט זיך געלייגט מסתמא אָפּרוען. הקיצור, עס איז געוואָרן אַ גילוי הדעת, אַז מען זאָל גיין נאָך אים און רופן אים צום רבי. ער האָט געוווינט אַפילו ווייט, אַ ביסל אונטער שטאָט. נאָר וואָס פאַר אַ תירוץ איז דאָס ביי חסידים? ווייט צי נישט ווייט — מען דאַרף ברענגען ר' שמואלן. האָט מען גענומען טראַכטן, ווער

זאָל גיין נאָך אים, וואָרום שיקן צו אים האָט מען געדאַרפט נאָך אים אַזאַ מענטשן, וואָס זאָל נישט אַנדערש ברענגען אים. כאָטש ער וועט אַפילו נישט וועלן גיין. הויבט זיך אויף ר׳ נחום און זאָגט:

— איך גיי. איך ברענג אים אייך... גיט מיר נאָר מ׳ט זיך אברהם דעם ישובניק.

ר׳ אברהם דער ישובניק איז אויך געווען אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער חסיד. גערופן האָט מען אים „דער ישובניק״, ווייל זיין פאָטער האָט אַמאָל געוווינט אויפן ישוב און מיט ר׳ שמואלן איז ער געווען זייער אויסגעבונדן. ר׳ אברהם פון זיין זייט האָט זיך אויך אויסגערופן, אַז ער גייט. עס האָט זיך אַפילו ווער אָפגערופן, אַז ער איז מסופק, צי אי ר׳ נחום אי ר׳ אברהם שטייען נאָך גלייך אויף זייערע פיס, נאָר ר׳ נחום האָט אויף אים עטלעכע מאָל געזאָגט: „מתנגדו!״ האָט זיך אַוועקגעשטעלט און איז זיך דורכגעגאַנגען הין און צוריק פאַר אַלעמען אין די אויגן, אויף אַ גלייכער ברעט, און האָט מוסיף געווען, אַז אויב מען וויל, זאָל אבא, איך הייסט דאָס, אויך גיין מיט זיי. און אַלע האָבן מסכים געווען. אַז מיר דרייען, ס׳הייסט ר׳ נחום, ר׳ אברהם און איך, זאָלן גיין נאָך ר׳ שמואלן און זאָלן נישט אַנדערש ברענגען אים צו שלעפן צום רבי. נו, בלייבט דאָס אַזוי. זאָגן אונדז אַלע צו, אַז מען וועט וואַרטן אויף אונדז, מען וועט נישט טרינקען, ביז מיר וועלן נישט קומען מיט ר׳ שמואלן. און מיר האָבן זיך גענומען קלייבן אין וועג. ר׳ נחום האָט גענומען מיט זיך אַ פלעשל משקה, ר׳ אברהם האָט גענומען מיט זיך אַ גלעזל. איך האָב געכאַפּט עטלעכע זויערע אוגערקעס און מיר זענען אַוועק נאָך ר׳ שמואלן. נו, ס׳פאַרשטייט זיך, אַז ביז וואַנען מיר זענען דערגאַנגען צום סוף שטעטל, איז שוין אונדזער פלעשל משקה ליידיק געוואָרן. איז מען זיך אַ ביסל מצער אויף דעם און מען גייט זיך שוין אַ ביסל שווערלעך אויף די פיס, ווייטער. ביים אַרויסגיין פון שטעטל מאַכט צו אונדז ר׳ נחום:

— הערט, מיר וועלן זיך אפשר גאָר צוזעצן און איבערחזרן אַ מאמר חסידיש...

טראַכטן מיר וועגן דעם און גייען זיך. אַרויסגייענדיק פון שטעטל מאַכט ר׳ נחום צו ר׳ אברהמען:

— אברהם!

— וואָס? — פרעגט ער.

— עס דרייט זיך — מאַכט ר׳ נחום.

— דער קאָפּ? — פרעגט ר׳ אברהם.

— ע!... — מאַכט ר׳ נחום — ביסטו דאָך טאַקע אַ ישובניק און אַ מתנגד אויך דערצו. וואָס עפּעס דער קאָפּ? — אַ נייער נייס... טאָמער פאַרקערט?... די וועלט... די וועלט דרייט זיך... וואָרום וואָס ס׳אי... דו זעסט נישט? אָט די הימלען, די ערד, דער וואַלד דאָרטן... דאָרטן... אַלץ דרייט זיך, און אַזוי געשווינד, געשווינד...

גייען מיר זיך ווייטער. אין דערינען פרעגט מיך ר׳ נחום:

— אבא, דו גלויבסט אין רבין?...

איך בין אין כעס געוואָרן.

— ע!... — מאַכט ער צו מיר — ביסטו דאָך אויך אַ מתנגד! איך לאַך דאָך דאָס... נאַר... אָבער... גוט... גוט וואָלט מיר איצט געווען, ווען איך וואָלט איצט זיין אין קאָפּוסט ביים רבין... עס איז נאָר אַן אַנדער שמחה... דו ווייסט, אַז ער איז נעבן דיר... דו ביסט נישט אַליין... עס איז יום־טוב, לעבעדיק... דו פילסט, אַז דיר איז ליכטיק... פריילעך... און איצט צופּט עפּעס דאָרטן אין האַרצן... עס שלעפּט מיך עפּעס... עס ציט אַהין... אַהין... אין קאָפּוסט... צו אים... אמת?... אמת?...

אין דערינען מיר כאַפּן זיך, מיר ליגן אַלע דריי אויף דר׳ערד.

— אברהם! — מאַכט ר׳ נחום.

— וואָס? — פרעגט ר׳ אברהם.

— לאָמיר זיך זעצן...

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט.

— אברהם! — מאַכט ווידער ר׳ נחום.

— וואָס? — פרעגט ער.

— אַ האַרטער ברוק... — קלאָגט זיך ר׳ נחום — פון שטיינער... האַרט...

— טאַקע האַרט... האַרט... — האָבן מיר מסכים געווען.

אין דערינען האָט ר׳ נחום פאַרקאָשערט דעם אַרבל פון זיין רעכטער האַנט, האָט אויסגעשטעלט דעם רעכטן אַגודל און מאַכט צו ר׳ אברהמען:

ר׳ אבא

— אברהם, ווייסטו וואָס?...

— וואָס?

— איבערקערן מיט דעם אַגודל דעם ברוק?... איבערקערן?...

ר׳ אברהם האָט זיך דערשראָקן.

— מען דאַרף נישט... דאָס איז דאָך פון קאַזנאַ... נישט טשעפּע זיך מיט זיי... מען דאַרף נישט!...

— ניין?... דו ווילסט נישט?... דאַרף מען נישט... — האָט ר׳ נחום מסכים געווען און האָט צוריק אָפּגעקאַשערט דעם אַרבל...

און וואָס זאָל זיין? מיר זענען זיך אַזוי אָפּגעלעגן אויפן ברוק ביז שפּעט אין דער נאַכט... מאַכט דאָך נישט אויס!... יאָ... איז דאָך דאָס וועגן שמחת תורה, הייסט דאָס... אָבער איך וויל דיר דערציילן ווי אַזוי מיר פלעגן דאָס אָפּהוליען אַמאָל אַ שמחת בית השואבה... וואָס הייסט הוליען!... איך זאָג דיר, אַז איך דערמאָן זיך... אַז איך דערמאָן זיך — הויבט מיך פון אָרט... עפּעס... עפּעס... — אַן אַנדער וועלט איז דעמאָלט געווען... אַן אַנדער וועלט!...

יאָ... איז וועגן שמחת בית השואבה.

די אמתע הוליאַקעס זענען ביי אונדז געווען אָט טאַקע דער זעלביקער ר׳ נחום דער מלמד, ר׳ אברהם דער ישובניק, ר׳ יוסף דער קרעמער — אַ געהויבענער ייִד! — און ר׳ שואל דער חזן. איינער פון די אַמאָליקע געהויבענע חזנים און אַ גרויסער יודע אין קבלה. ער איז געווען אַ דאַר־רינקער, אַ קליינטשקער, מיט משונה גרויסע אויגן און ער איז עפּעס תמיד געווען אומעטיק, תמיד געווען פאַרקלערט, פאַרטראַכט און פאַר זיך... מיר פלעגן אים רופן דער „עצבן“. נאָר אַז עס פלעגט קומען אַ יום־טוב, ווען ער פלעגט נעמען אַ ביסל משקה, פלעגט ער גאָר ווערן אַן אַנדער מענטש. מען פלעגט אים גאָרנישט דערקענען. ער פלעגט דעמאָלט ווערן אַזוי פריילעך, אַזוי לעבעדיק און פלעגט אַזוי משמח זיין אַלעמען... מיר פלעגן זיך נאָר וווּנדערן, ווי קומט דאָס צו אים.

איז מוצאי יום־טוב די ערשטע טעג, הייסט דאָס די ערשטע נאַכט חול־המועד, גלייך נאָך מעריב, פון שול. פלעגן אָט זיי זאַלבע־פירט, איך און נאָך עטלעכע פון אונדזערע אויך מיט זיי, פלעגן מיר זיך אַוועק צום רבֿ. מען פלעגט זיך זעצן אין סוכה, מען פלעגט זיך צונויפלייגן צווישן זיך

אויף משקה און מען פלעגט נעמען צוביסלעך. נו, מען פלעגט שמועסן, דערציילן מעשיות פון רבין, מען פלעגט זאָגן אַ ניגון און מען האָט פאַר־בראַכט. אין דערינען פלעגן זיך צונויפקלייבן די איבעריקע אונדזערע, עס פלעגט שוין ווערן אַ ביסל פריילעכער, אין סוכה פלעגט ווערן ענג און מען פלעגט אָנהויבן צו זוכן אַ היתר אויף אַריבערצוגיין פון סוכה אין שטוב. דער זאָגט אַז אַ וואָלקן גייט, אַ צווייטער — אַז אַ רעגן שפריצט שוין

אונטער, אַ דריטער — אַז עס איז טאַקע גלאַט קאַלט און ענג אין סוכה. דער רב פלעגט אַפילו אויף דעם אונטערקווענקלען, ער פלעגט אָנהויבן שיקן מענטשן אויפן גאַס זען, צי עס איז טאַקע דאָ אַ חשש רעגן — הקיצור, מען פלעגט אַריבער אין שטוב אַריין.

אַריבערגייענדיק פריילעך, לעבעדיק, מיט אַ ניגון אין שטוב אַריין, איז די ערשטע זאַך געווען צו שיקן איבער־אַ־נייס נאָך משקה, שיקן נאָך

הערינג און אַריינטראָגן אין שטוב די קאַדישקע זויערע אוגערקעס, וואָס די רביצין פלעגט שוין פאַר אונדז אָנגרייטן פון מיטן זומער אָן. אויך פלעגן עטלעכע פון אונדז אַריינטראָגן האָלץ און איינהייצן דעם אויוון. עס איז ביי אונדז שוין געווען אַ מנהג, אַז אַלע שמחת בית השואבה זאָל מען הייצן דעם אויוון און קאָכן קאַרטאָפל. און קאַרטאָפל פלעגט מען טאַקע אָנקאָכן עטלעכע טעפּ. וואָרום אַז מען פלעגט ווערן גוט שכור, פלעגט מען דאָך אויסקערן די קאַפּאָטעס אויפן לינקן זייט, הייסט דאָס, מיט דעם אונטערשלאָג אַרויף, מען פלעגט אויסשיטן די געקאָכטע קאַרטאָפל אויף דער פּאָדלאָגע און מען פלעגט זיך אָוועקלאָזן איבערן שטוב גליטשן... דערצו פלעגן צוויי־דריי מענטשן נעמען זיך פאַרן שיילן די קאַרטאָפל און צוגרייטן די הערינג.

און עפּעס אַזוי געדענקט זיך מיר אָט די אַמאָליקע שמחת בית השואבהס... אַזוי געדענקט זיך מיר... איינמאָל, געדענק איך, אָט אַז מען האָט געהאַלטן אין אַזאַ מדרגה. דער עולם איז שוין געווען אַ ביסל נישט ביי זיך. אין עס־צימער ביים רב איז שוין געווען גאַנץ פריילעך, מען האָט געטרונקען, געזאָגט לחיים, איבערגעחזרט אַ צדיקס אַ ווערטל, מען האָט געזאָגט ניגונים און מען האָט זיך שוין אָנגעהויבן משמח צו זיין. אין קיך, נעבן דעם עס־צימער, זענען זיך געווען, מער נישט ווי צוויי, דריי מענטשן. זיי האָבן געהייצט דעם אויוון און געשיילט די קאַרטאָפל. פאַרן שיילן די הערינג האָט זיך דאָן גענומען ר׳ שואל דער חזן. איז ער זיך געשטאַנען אַליין ביי אַ טיש, אין אַ ווינקל אין קיך, און האָט זיך געשיילט די הע־רינג. און דעריבער האָט זיך ר׳ שואל, זייענדיק פאַרטיפט אין זיין אַרבעט, פאַרזונגען זיינעם אַן „אדם יסודו מעפר״. אַלע מאָל איז דאָך אָנגעקומען זייער שווער איינצובעטן אים, אַז ער זאָל עפּעס זינגען זיינס אַ שטיקל חזניש. אַזוי אַ ניגון פלעגט ער יאָ זינגען, אָבער אַ שטיקל חזניש, נישט ביים עמוד, פלעגט ער בשום אופן נישט וועלן זינגען. נאָר איצט, ווייזט אויס, האָט ער זיך פאַרטראַכט און האָט זיך פאַרזונגען. און זיין שטימע איז דאָך געווען אַ זיסע, אַן איידעלע און ווען ער פלעגט זאָגן אַן אומע־טיקע זאַך, פלעגט אַזוי רייסן ביים האַרץ און אַזוי געשמאַק איז געווען צו הערן אים. אַלע זענען תיכף שטיל געוואָרן. אין עס־צימער זענען אַלע געבליבן שטיין ממש ווי פאַרגליווערטע, דער מיט אַ גלעזל אין האַנט, דער

מיטן פלעשל משקה, און ווער מיט אַ גאָפּל... מען האַלט איין אין זיך דעם אָטעם און מען הערט. אין קיך פלאַקערט דער אויוון, עס שטייען צוויי־דריי מענטשן מיט קאַרטאָפל און מעסערס אין די הענט, און זענען אויך ממש ווי צוגעשמידטע צו זייערע ערטער. און ר׳ שואל זאָגט זיך זיין „אדם יסודו מעפר״, און אַז ר׳ שואל פלעגט זאָגן אַ זאַך, פלעגט עפּעס זיין אַזוי אויסגעטייטשט יעדעס וואָרט... אַזוי פאַרשטענדיק... ער וויינט און דערציילט, אַז אדם יסודו מעפר... אַז אַ מענטש איז כחלום יעוף, ווי אַ חלום, וואָס פליט אַוועק... כצל עובר, ווי אַ שאָטן, וואָס גייט פאַרביי... כרוח נושבת, ווי אַ ווינט, וואָס בלאָזט אַוועק... און עפּעס אַזוי ווייך, האַרצרייסנדיק, בעט זיך עפּעס וואָס זיין שטים... עפּעס אַזוי ווי אויף אַלץ איז ער זיך מודה, אַלץ אמת, אַלץ אמת: אַ מענטש איז טאַקע כחרס הנשבר... כענן כלה, ווי אַ וואָלקן, וואָס ווערט נישט... טאַקע סופו לעפר, אַ מענטש איז טאַקע אַ שטיק ערד... נאָר דאָך בעט ער זיך עפּעס פּאַר וואָס... ער וויינט און בעט זיך ווי אַ קליין קינד אַזוי ווייך... אַזוי גוט... מיר זענען אַלע געשטאַנען און געהערט און אַזוי פאַרנומען האָט אונדז ביים האַרצן... און עס האָט זיך געוואָלט, אַז אָט מער, נאָך מער זאָל ער דער־בעמען אונדזער האַרץ... אָט נאָך וואָס ווייכער... ווייכער... ביטערער... נאָך... נאָך...

ער האָט געענדיקט. און מיר האָבן אַלע עפּעס נישט געוווּסט, ווו זענען מיר... ער אַליין האָט זיך אויך עפּעס צעטומלט און עפּעס משונה אַרומגעקוקט זיך... נאָר ר׳ נחום דער מלמד האָט זיך אויפגעכאַפּט דער ערשטער:

— רבי — איז ער צוגעגאַנגען צום רב מיט טרערן אין די אויגן — מען דאַרף אים קנסענען...

מיר האָבן אַלע געשוויגן.

— אמת... — האָט ר׳ נחום געטענהט — ער זינגט גוט, ער איז אַ גרויסער חזן. אָבער עס איז דאָך יום־טוב... ער האָט אונדז אומעטיק גע־מאַכט...

דערווייל זענען מיר אַלע געקומען צו זיך.

— יאָ... יאָ... — האָבן מיר אַלע געשריִען — קנסענען, קנסענען...

ר׳ אבא

עס איז געוואָרן אַ טומל, אַ רעש. נאָר ביי יעדערן אין האַרצן איז נאָך עפּעס אַזוי שווער געווען... מען האָט נאָך נישט געקענט אין גאַנצן קומען צו זיך... עס האָט עפּעס געפּרעסט, געפּרעסט אין האַרצן... ר׳ שואל איז צוגעגאַנגען דערווייל צום טיש, האָט גענומען עטלעכע קעלישקעס און איז זיך אַוועק, דאַכט זיך אַזוי זיך, אַן אַ זייט, אין אַ ווינקל. און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דערהערט: זיין געשמאַקע, זיסע שטימע צוגיסט זיך אין אַ פריילעכן חסידישן ניגון. ער זינגט אַ חסידישן ניגון אָן ווערטער, אַזאַ פריילעכן, אַזאַ לעבעדיקן, און אַזוי וועקט ער אַלעמען פריילעך צו זיין; עס ווילט זיך נאָכזינגען מיט אים, עס ווילט זיך פּאַטשן מיט די הענט, עס הויבט צו טאַנצן, און ר׳ שואל זינגט און וואָס ווייטער אַלץ זיסער, געשמאַקער, אַלץ פריילעכער, לעבעדיקער, הייסער, אויפן האַרצן ווערט גרינג, פריילעך, וואַרעם און עס עפענען זיך די מיילער, עס הויבן זיך די פיס, מען לייגט אַרויף די הענט אויף הענט — און מען גייט אַוועק אַ רעדל. און וואָס הייסט אַ רעדל? מען זינגט און מען טאַנצט מיט אַזאַ מין חדוה, מיט אַזאַ מין שמחה. און ר׳ נחום דער מלמד האָט געכאַפּט אויף אַ קני ר׳ שואלן — ער איז דאָך געווען אין צווייען העכער און געזינטער פאַר אים — טאַנצט מיט אים אויף איין פוס און שרייט: „לעבעדיקער, לעבעדיקער, לעבעדיקער!" און עס איז אַוועק אַ פריילעכס, אַ חסידישע פריילעכס!... און וואָס זאָל זיין? ווו קנסענען? וואָס קנסענען? — מען איז פריילעך!...

יאָ... איז ווו האַלט איך... הייסט דאָס דערביי... אַז מען פלעגט נעמען הייצן דעם אויוון, מען פלעגט זיך נעמען צו שיילן די קאַרטאָפל און צום וואַשן די הערינג. אין דערינען פלעגט אָנקומען אונדזער קאַפּעליע. די קאַפּעליע אונדזערע איז באַשטאַנען פון דריי מענטשן. בערל דער שמיד, אַ געזונטער פּשוטער ייִד, נאָר זייער אַן איבערגעגעבענער די חסידים און אַ מוקיר־רבנן און אין אַמאָליקע צייטן אַן ערלעכער ייִד. ער איז געווען מיטן פייקל. פישל ר׳ לייבס, אויך אַ געהויבענער ייִד און אַ יודע נגן, ער איז געווען מיט דער באַנדורע. און מיטן פידל איז געווען ר׳ שלום כאַצקלס, נאָך אַ יונגערמאַן און אַ גרויסער מקורב ביים רבין. די קאַפּעליע אונדזערע האָט דאָך געהאַט אַ גרויסן שם אין גאַנצן געגנט. מען פלעגט דאָך זיי בעטן אויף חתונות, נאָר זיי האָבן זיך פון דעם אַלע מאָל אָפּגעזאָגט, מער

נישט אין אַ יום־טוב־צייט, אָדער ווען אויף אַ חסידישע שמחה אָדער אַזוי עפּעס אַ יומא דפגרא פלעגן זיי קומען משמח זיין דעם עולם.

אַז די קאַפּעליע פלעגט קומען, פלעגט מען זיי מקבל פּנים זיין מיט אַ ברייטן גוט־יום־טוב, מיט אַ חסידישן ניגון, מיט בראָנפן. עס פלעגט אויך טרעפן, אַז מען פלעגט זיי כאַפּן אַלע דריי צוזאַמען אויף די הענט, מען פלעגט זיי טראָגן אין דער הויך און טאַנצן מיט זיי. און די ערשטע זאַך זייערע איז געווען, אַז זיי זאָלן שפּילן און ר׳ נחום מיט ר׳ אברהמען זאָלן זיך גיין זייערן אַ טאַנץ. און דו האָסט געדאַרפט הערן, ווי די קאַ־פּעליע פלעגט דאָס שפּילן, און זען, ווי ר׳ נחום מיט ר׳ אברהמען פלעגן זיך גיין זייער טאַנץ!... עפּעס אויפן האַרצן פלעגט דעמאָלט ווערן אַזוי וואַרעם... אַזוי וואַרעם... די קאַפּעליע האָט געשפּילט און פלעגט עפּעס אַזוי גלעטן דאָס האַרץ... עפּעס אַזוי גוט... אַזוי געהויבן... אַזוי מיט שמחה... און ר׳ נחום מיט ר׳ אברהמען,ביידע גוטע, פרומע יידן און פייערדיקע חסידים גייען זיך זייער טאַנץ... און זיי טאַנצן אַזוי גרינג, אַזוי שיין, אַזוי גוט, מיט התלהבות... דאַכט זיך, אַז זיי טאַנצן אין לופטן, די פּאָדלאָגע רירן זיי גאָר נישט אָן... עפּעס אין דער לופטן... אין דער לופטן... ר׳ אברהם האָט פאַרקאַשערט זיינע פּאָלעס אין גאַרטל אַריין, זיינע פיס בייגן זיך און פלעכטן זיך אין דער לופטן. ער קאַשערט זיינע הענט אין דער הויך און רופט צו ר׳ נחומען: „נחום, לעבעדיקער, לעבעדיקער, לעבעדיקער!“ און ר׳ נחום טראָגט זיך חנוודיק, לייכט ווי אויף פליגל, אַנטקעגן ר׳ אברה־מען, מאַכט מיט התלהבות מיט די הענט איבערן קאָפּ און רופט: „אברהם, העכער, העכער, העכער!“... און אונדז הויבט פון די ערטער, עס טראָגט אונדז אויך מיט זיי, עס ציט אונדז איינס צום צווייטן, עס שלעפּט צו זיין צוזאַמען... אַלע צוזאַמען... אַלע אינאיינעם... מיר האַלטן זיך נישט איין און הויבן אָן צו פּאַטשן מיט די הענט און עס רייסט זיך אַרויס ביי אונדז אַלעמען מיט אַמאָל אַ ניגון און מען הייבט אָן אַלע מיט התלהבות:

— וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער יידן זענען מיר...
וואָס מיר טוען טוען מיר,
אָבער גאָט דינען מיר.

און ר׳ נחום כאַפּט אונטער אויף זיין שטייגער.

— וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער יידן זענען מיר...
וואָס מיר טוען טוען מיר,
אָבער צום רבין פאָרן מיר...

און מיר קלעפּן זיך צונויף אַלע צוזאַמען... אַלע אינאיינעם, הענט אויף הענט, הערצער צו הערצער און מיר גייען זיך אַוועק אַ חסידיש רעדל מיט התלהבות, מיט דביקות, מיט אַ ברען, מיט אַ היץ, מיט אַ פייער... און עס לייגט זיך די שטוב פאַר שמחה...

אַט דאָס איז געווען די ערשטע אַרבעט פון דער קאַפּעליע. נאָכדעם, אויב עס איז געווען אַ גוטע, ליכטיקע נאַכט, פלעגט מען זיך אַוועק אין בית־המדרש פאַרקויפן שיר המעלותן. גייענדיק אין שול און פון שול, פלעגט מען אויפוועקן דאָס גאַנצע שטעטל מיט אונדזער זינגעריי און טענץ. מען פלעגט זיך גיין מיט ליכט אין די הענט און מען פלעגט זיך דרייען רעדלעך און זינגען... היינט וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון אין שול גופא. אונדזערע טענץ אַרום בימה!... נאָר עס פלעגט טרעפן אַז מען פלעגט אין שול נישט גיין און דער רב פלעגט זאָגן פאַר אונדז אַ מאַמר חסידיש... נאָך די חסידיש פלעגט מען נאָך ווערן ביי זיך מער התלהבותדיק, מער געהויבן און מען פלעגט נעמען בעטן ר׳ שואלן דעם חזן, אַז ער זאָל אָנהויבן זיין „תחית־המתים״. און קיין סך פלעגט ער זיך טאַקע נישט לאָזן בעטן. תחית־המתים איז געווען אַזאַ מין טאַנץ, וואָס נאָר ר׳ שואל האָט אים געקענט. ער פלעגט באַווייזן, ווי אַ מענטש גוססט, ווי ער שטאַרבט און דערנאָך שטייט ער אויף צו תחית־המתים. און די קאַפּעליע פלעגט דערביי צושפּילן עפּעס אירן אַן אייגענעם ניגון לכתחילה צו דעם דאָזיקן טאַנץ. און אַזוי פלעגט זיין:

מיר פלעגן זיך אַלע אַוועקשטעלן אין אַ גרויסן רעדל אַרום און אַרום און לאָזן אַ גרויסן ליידיקן אָרט אין מיטן פאַר דער קאַפּעליע און פאַר ר׳ שואלן. ר׳ שואל פלעגט זיך אַזוי אַוועקשטעלן אין תחילת קאַלטבלוטיק, עפּעס אַזוי זיך, ווי נישט אים מיינט מען דאָס, און פלעגט זיך שטיין. די קאַפּעליע דערווייל פלעגט אָנהויבן צו שפּילן איר ניגון. עפּעס אַזאַ

שטילן, אומעטיקן. דאָס פידל — אַזוי איידל, שטיל און אַזוי עצבותדיק. די באַנדורע ברומט געלאָסן און דער פּייקל קלאַפּט רויִק אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ... אין דערינען ווערט ר׳ שואלס פּנים בלייכער און בלייכער, עס הויבן זיך אָן צו ווייזן אויף אים אַזוינע ביטערע קנייטשן... די קאַפּעליע הויבט אָן צו שפּילן אומעטיקער און ר׳ שואלס פּנים פלעגט ווערן בלאַ־סער, די קנייטשן טיפערע, גרעסערע און מיט אַזוי פיל יסורים... זיין קערפּער הויבט אָן צו ווערן אַלץ קלענער, קלענער, קאָרטשעט זיך איין און מען באַמערקט עפּעס גאָרנישט, ווי אַזוי ווערט ער אַלץ נידעריקער, נידעריקער... מיר פלעגן אַלע שטיין געפּאַקט איינער אויף דעם צווייטן, מיר פלעגן שטיין שטיל, איינהאַלטנדיק אין זיך דעם אָטעם און קוקן אויף אים... ר׳ שואל פלעגט אָנהויבן צו קרעכצן און עפּעס אַזוי שווער, אַזוי ביטער און עס פלעגט זיך אָנהויבן די גסיסה, און עפּעס ער פלעגט דאָס אַזוי מאַכן, אַז עפּעס פּונקט, פּונקט ווי אַן אמתע גסיסה... אַ רגע פלעגט ער ווערן ווי פריילעכער, דאָס פּנים עטוואָס לעבעדיקער, די אויגן ליכטי־קער, די ווייטיקן אויפן פּנים לייכטער, און נאָך דעם — ווידער דאָס זעל־ביקע צעווייטיקטע פּנים, די זעלביקע יסורים און אַזאַ ביטער קרעכצן... איך זאָג דיר אָט פּונקט, פּונקט ווי אַ מענטש ביי דער גסיסה, פאַרן טויט... עפּעס גלייך ווי ער ראַנגלט זיך, ווי ער האַלט מלחמה מיטן טויט... אַ רגע דאַכט זיך, אַז ער איז מנצח... ער בלייבט לעבן... און אין אַ ווײַלע אַרום איז ווידער דער טויט מנצח אים... און די קאַפּעליע דערביי — עפּעס וואַרפט זיך אויף אַהין און אַהער... אַ ווײַלע, דאַכט זיך, ווי דאָס פידל וויל אָנהויבן פריילעכער צו ווערן, די באַנדורע און דער פּייקל האַלט זי אונטער, און אין אַ ווײַלע אַרום קלאָגט ווידער דאָס פידל און עפּעס אַזוי ביטער, מיט אַ געבעט און עפּעס ווי מיט אַ כעס... גלייך ווי זי וויל דאָס נישט ליידן... און די באַנדורע ברומט מיט גרויס רוגזה... עפּעס ווי זי רעדט אַנטקעגן ווענען מיט כעס, מיט צאָרן... אָט ממש... ממש... ווי זי פרעגט בייז מיט ווערטער, פאַרוואָס קומט אַ מענטשן אַזוי צו ליידן?... און דער פּייקל בייזערט זיך, קלאַפּט שטאַרק אַזוי שרייענדיק, אַזוי מיט געוואַלד... אַ היפּשע צייט פלעגט דויערן די גסיסה... מיר פלעגן שטיין און קוקן מיט אויסגעשטעלטע אויגן און עס פלעגט זיך עפּעס דאַכטן, אַז אַלץ קומט דאָס פאַר אויף אַן אמת... און מיר פלעגן עפּעס אַזוי וואַרטן,

וואָס וועט זיין דער סוף... עס פלעגט עפּעס אַזוי דריקן אין האַרצן און מיר פלעגן אַזוי וואַרטן צו זען, ווער וועט מנצח זיין?... ער וועט לעבן?... לעבן?... אין דערינען פלעגט דער פּייקל עפּעס ווי פלוצלונג אַ קלאַפּ געבן, די באַנ־דורע פלעגט משונה אַ קרעכץ טון און דאָס פידל — גלייך ווי די סטרו־נעס האָבן אין איר פלוצלונג געפּלאַצט... און ר׳ שמואל פלעגט בלייבן ליגן אויף דער ערד אַ טויטער... ביי אונדז פלעגט זיך וואָס אָפּרייסן אין האַרצן... אַ ווײַלע פלעגט ווערן אַזוי שטיל אין שטוב. מען האָט אַפילו קיין אָטעם פון אַ מענטשן נישט געהערט. און מיר פלעגן שטיין אַלע שטילע און בלאַסע... אין דערינען פלעגט ר׳ שואל אָנהויבן, קוים וואָס מען פלעגט באַמערקן, צו רירן זיך... אַ ריר טון מיט אַ האַנט, מיט אַ פוס. אויף זיין פּנים פלעגן זיך אָנהויבן באַווייזן לעבעדיקע תנועות און אַלץ ביסלעכווייז, ביסלעכווייז... די אויגן פלעגן זיך עפענען, ווערן לעבעדיקער, דאָס פּנים ליכטיקער און פריילעכער, פריילעכער. ביז וואַנען ער פלעגט זיך געבן מיט אַמאָל אַ שטעל מיט אַ פריילעכן, פול מיט שמחה, אויסגעשריי:

— תחית־המתים... תחית־המתים!...

מיר פלעגן זיך אַלע עפּעס ווי אויפכאַפּן, ממש ווי פון אַ ביטערן שווערן חלום... די קאַפּעליע פלעגט שוין דערווײַלע צוגיסן זיך מיט אַ פריי־לעכן, הייסן חסידישן ניגון, ר׳ נחום גייט שוין דערוויל אַ טענצל, שרייענ־דיק מיט התלהבות: „תחית־המתים... תחית־המתים!...״ ר׳ שואל ציט צו אים אַ האַנט און זינגט אַזוי וואַרעם, אַזוי פריילעך... און די קאַפּעליע שפּילט און אַזוי לוסטיק, אַזוי הייס, אַזוי רופט דאָרט עפּעס אין האַרצן משמח צו זיין זיך... עס שלעפּט ווידער פריילעך צו זיין... עס שלעפּט ווידער איינעם צום צווייטן... באַהעפטן זיך אינאיינעם... אַלע צוזאַמען, צוזאַמען... עס ציען זיך ווידער הענט צו הענט, עס הויבן זיך די פיס און עס רייסט זיך ווידער אַרויס ביי אַלעמען מיט אַמאָל אַ געזאַנג מיט התלהבות:

— וואָס מיר זענען זענען מיר,
אָבער ייִדן זענען מיר...
כאָטש אין גלות זענען מיר,
אָבער אַ גאָט האָבן מיר...

און עס גיסט זיך צונויף אַ רעדל... מיט כלות־הנפש, מיט דביקות,

מיט התלהבות... די קאַפּעליע שפּילט מיט אַ ברען, מיט אַ היץ, מיר העלפן איר אונטער מיט כונות, מיט התלהבות אין טאַנצן... און טאַנצן... און וואָס הייסט טאַנצן?... אָט טאַקע גאָר אין גאַנצן פאַרגעסנדיק אָן זיך, אָן אַלעמען, אָן דער גאַנצער וועלט... אויפן האַרצן איז גרינג, ליכטיק, מען איז מלא שמחה, מען טאַנצט און עס דאַכט זיך, אַז אַלץ טאַנצט, אַלץ... מיר, די שטוב, דאָס גאַנצע שטעטל. הימלען, די ערד, די גאַנצע וועלט איז מלא שמחה... פול מיט אַ ברען, מיט אַ פייער — די גאַנצע וועלט איז אַ התלהבותדיקער רקוד פאַר גאָט און עס טאַנצט און זינגט...

און מיר ווערן אין גאַנצן נישט אויף דער וועלט —

אָט אַזוי, אָט אַזוי האָט מען זיך דאָס אַמאָל משמח געווען...
אַמאָליקע שמחות!...



עס איז א שרפה

אָט אַזוי איז עס אַלץ אַמאָל געווען... אַמאָל געווען... אַמאָליקע ייִדן, אַמאָליק לעבן, אַמאָליקע אמונה... און איך דערצייל דיר אַלץ וועגן דעם ווי אַמאָל האָבן ייִדן געלעבט, געגלויבט אין גאָט, אין דער תורה, אין רבין און דאָס האַרץ טוט מיר אַזוי וויי, עס צופּט ביים האַרצן, עס קלעמט... אָט עפּעס ממש ווי איינער שטייט הינטער מיר און טענהט: „ר׳ אבא, ר׳ אבא, דאָס איז דאָך אָבער אַלץ אַמאָל געווען... אַמאָל געווען...“

און איצט... איצט?... איך זאָג דיר, פאַר מיר, פאַר אַ מענטשן פון די אַמאָליקע, איז שווער איצט צו לעבן, שווער, ביטער... ביטער... — אוי — אוי — אוי...

דו קומסט, למשל, אין בית־המדרש אַריין — נישטאָ דאָס אַמאָליקע דאַוונען. דו קוקסט אין מזרח־וואַנט, אַפילו אין מערב־זייט — נישטאָ

אַמאָליקע ייִדן. נישטאָ... דו בלייבסט אַמאָל אין בית־המדרש נאָך מעריב, דער בית־המדרש איז פּוסט, אַליין ביסטו אין אים — נישטאָ דאָס אַמאָליקע לערנען. ווו דו זאָלסט זיך נישט קערן און ווענדן — אומעטום פּוסט. פּוסט און וויסט. און דאָס עצם שטעטל גופא — נישט דאָס אַמאָליקע שטעטל, עפּעס אַזוי פאַראָבלט איז דאָס איצט, פאַרחושכט, פאַריתומט — לגמרי נישט ווי אַמאָל... — אוי־אוי־אוי...

און וואָס זאָל איך דיר זאָגן? — איך קוק זיך ווען צו אָט צו די הייני־טיקע, איך קוק זיך ווען אײַן אין זייערע געגאָלטע פּנימער. אַלץ איז דאָך בײַ זיי, בײַ די היינטיקע „אָן"... אָן תורה, אָן אמונה, אָן בערד און פּיאות. אַלץ אָן... אָן...

מען דערציילט דאָך אויף דעם קעלמער מגיד, ער האָט אַמאָל געזאָגט:

— רבונו של עולם! — זאָגט ער — וואָלט שוין בײַ זיי, בײַ די היינטיקע, געווען אָן לייב אָן לעבן אויך...

ער, דער קעלמער! — ער האָט דאָך בײַ זיך געהאַט די תקיפות צו שעלטן זיך...

יאָ, איז קוק איך זיך ווען צו צו זיי און איך קלער זיך מיר: אָט דאָס זענען ייִדן?... און טאַקע זייערע פּנימער זענען עפּעס אַזוינע פאַרנאַרישטע, פאַרגרעבטע... עס איז ממש שווער צו קוקן זיי גלײַך אין פּנים אַרײַן... און איך טראַכט זיך: וואָס טראַכטן זיי זיך, די היינטיקע?... שוין־זשע טוען זיי גאָר קיינמאָל נישט אַ טראַכט, אַז אַ מענטש לעבט נישט אייביק, אַז אַ מענטש איז מער נישט ווי אַ מענטש, אַז מען דאַרף ווען שטאַרבן... און שוין־זשע טוען זיי גאָר קיינמאָל נישט אַ קלער, וואָס וועט זײַן דער סוף? וווהין גייט מען עס... צו וואָס פירט עס?...

און איך האָב זיך ליב ווען צו שמייכלען פון זיי, פון די היינטיקע, הע־הע־הע — אַז איך דערמאָן מיך, לאַך איך...

ס'איז געווען אַ מעשה לענגער, פאַר עטלעכע יאָרן צוריק. דו האָסט דאָך געקענט ר' גרשונען? ער איז דאָך שוין איצט אונדז צו לאַנגע יאָר. ר' גרשון איז דאָך געווען אַ ייִד פון די אַמאָליקע ייִדן. מיט אַ סך תורה און מיט דער גרויסער אמונה — אַ געהויבענער ייִד! זיין זון אָבער בערל — ער איז נאָך איצט אויך אַ בחור — איז שוין געווען גאָרנישט אַזאַ ווי עס האָט געדאַרפט זײַן ר' גרשונס אַ זון. וואָס זאָל זײַן? — טאַקע אָן תורה,

אַן יראת שמים, מיט אַ געגאָלטער באָרד — אָט פון די היינטיקע. נישט איין מאָל האָט זיך פאַר מיר ר׳ גרשון נעבעך געקלאָגט אויף דעם. נור וואָס האָט ער געקענט העלפן? ער איז עפּעס אין דעם שולדיק געווען? עס איז דאָך ממש געגליכן צו אַ שרפה... עס ברענט, עס ברענט אַרום און אַרום אַ העליש פייער. האָט עס פאַרכאַפּט אַפילו ר׳ גרשונס שטוב אויך. איך האָב אים אַפילו געזאָגט אַמאָל:

— סטייטש — מאַך איך — ר׳ גרשון, וואָס שווייגט איר, ווי אַזוי לאָזט מען עס? מען נעמט אַן מיטלען. וויס איך? — מיט בייזן, מיט גוטן, אַהין, אַהער... סטייטש...

טוט ער אַ קרעכץ און זאָגט צו מיר:

— ר׳ אבא, איר זאָלט אַזוי רעדן... איר זענט דאָך עפּעס אַ קלוגער ייד. וואָס קען איך העלפן?... עס האָט אונדז אַרומגעכאַפּט ממש אַ העליש פייער. עס איז אַ שרפה... אַ שרפה, ר׳ אבא. נעמט מען זיך לעשן, מיט בייזן, הייסט עס, צעפלאַקערט זיך דעמאָלט דאָס פייער נאָך גרעסער. וואָס דען, מיט גוטן? — ברענט עס זיך פון זיך אַליין... אַזוי צי אַזוי, עס ברענט... נישט גוט, שלעכט... עס איז אַ שרפה...

אַ קלוגער און אַ געהויבענער ייד געווען!

יאָ, איז איינמאָל, י״ט כסלו ביינאַכט איז עס געווען, י״ט כסלו ביינאַכט פלעגן מיר זיך, אין די לעצטע יאָרן, צונויפקלויבן צו ר׳ גרשונען. אונדזערע עטלעכע פלעגן זיך קומען צו אים. מען פלעגט נעמען אַ ביסל משקה, פאַר־בייסן און מען פלעגט זיך דערציילן מעשיות פון די צדיקים, פון די חסידים. און וואָס צו דערציילן איז פאַראַן — אַמאָליקע צדיקים און אַמאָליקע חסי־דים!... אויך פלעגט מען זאָגן אַ דבר תורה, מען פלעגט איבערחזרן אַ מאָמר חסידיש — מען פלעגט פאַרברענגען. זענען מיר זיך אַזוי, י״ט כסלו ביי־נאַכט, געזעסן ביי ר׳ גרשונען. מען האָט שוין גענומען אַ ביסל. איך בין שוין אַ ביסל פריילעכער געוואָרן. אין מיטן איז מיר עפּעס הייסלעך גע־וואָרן. בין איך אַוועק אין אַ צווייטן צימער. ר׳ גרשון האָט דאָך געוווינט זייער רייך, מיט די סך חדרים. איז פאַרבראַכט האָבן מיר זיך ביי אים אין דעם גרויסן זאַל און איך בין זיך אַוועק אין אַן אַנדער צימער אָפּצוקילן זיך אַ ביסל. דאַרף איך גראָד אָנטרעפן אין אַ צימער ווו ר׳ גרשונס זון, בערל, הייסט עס, זיצט זיך און נישט אַליין, מיט עטלעכע מיידלעך. און

טאַקע — עטלעכע... ער זיצט זיך אַן אַ היטל און אַזוי גאַנץ נאָענט, היפּש נאָענט נעבן זיי, נעבן די מיידלעך. ס׳ווייזט אויס, ער האָט זיך נעבעך גאָר־נישט געריכט, אַז ווער פון אונדזערע זאָלן אין צימער אַריין. און מען איז זיך עפּעס אַזוי פריילעך, צוהיצט. מען האָט געקענט מיינען, זאָג איך דיר, אַז זיי האָבן אויך לכבוד י״ט כסלו אַ ביסל משקה גענומען. הע־הע־הע... נו, מען האָט מיך דערזען, האָט מען זיך עפּעס אַנגעוואָרן. בערל האָט זיך אויף גיך אָפּגערוקט פון זיי, האָט געכאַפּט און אָנגעטון דאָס היטל. עס איז געוואָרן אַ טומל. וואָס זאָל זיין? — דערזען ר׳ אבאן, האָט מען זיך פאַרשעמט.

— עט — מאַך איך — בערל, וואָס איז אַזוי דער טומל? זיצט, זיצט. עס איז דאָך היינט ביי חסידים אַ יום־טוב, י״ט כסלו.

— אַגב — זאָג איך אים — נישט שרעקט זיך אַזוי פאַר מיר, מיט יונגע בין איך אויך אַ יונגער.

אַזוי, הייסט עס, זאָג איך אים. איך, ר׳ אבא. גלויבט ער עס מיר. — נישט קיין גרויסער פּיקח! — און בעט מיך זיצן.

זעץ איך זיך. קוק איך זיך אַזוי אויף אים, אויף בערלען, אויף זיין געגאָלטער באָרד און טראַכט וועגן דעם היפּוך צווישן דעם טאַטן און דעם זון. דאָרטן אין זאָל זיצט זיך ר׳ גרשון מיט נאָך עטלעכע. מען איז זיך אַלע געהויבענע ייִדן, די גרויסע חסידים, די גרויסע מאַמינים, מען זאָגט זיך אַ דבר־תורה. און ר׳ גרשון האָט טאַקע אַ באָרד און פּיאות, זיצט טאַקע אין היטל און אפילו אין אַ יאַרמולקע אונטערן היטל אויך... כע־כע־כע... וואָס זאָל זיין? — מען איז ייִדן. און דאָ אין דעם צימער זיצט זיך זיין זון, בערל, אָן אַ באָרד און פּיאות, אָן אַ היטל און איז זייער ווייט אי פון אמונה, אי פון תורה, אי פון חסידיש און זיצט זיך טאַקע בחורים וגם בתולות, טאַקע וגם בתולות... יאָ, — פאַרדריסט דאָך עס... און איך קלער ביי זיך, מען דאַרף כאָטש פון אים אַ שמייכל טון. מאַך איך צו אים:

— בערל, הער, דו ביסט דאָך — זאָג איך — אַ יונגער, אַרום עטלעכע און צוואַנציק, איך בין שוין — אַן אַלטער ייִד, אַ בן־שבעים. וואָס וועט זיין, אַז איך וועל טון אַזאַ זאַך, וואָס דו וועסט מיר נישט קענען נאָכטון?

קוקט ער דאָך אויף מיר און וווּנדערט זיך. וואָרום וואָס? איך, ר׳ אבא,

אַן אַלטער ייִד, האָב פאַר אים מער כוח, בין פאַר אים פלינקער, וואָס? וואָס קען איך אַזוינס טון?

— וואָס קוקסטו — זאָג איך — דו מיינסט, אַז איך וועל נעמען און וועל אַ בלאַט גמרא אָפּלערנען? ניין... ניין...

פאַרשעמט ער זיך. וואָרום פון לערנען איז דאָס ווייט געווען.

— נו, — זאָג איך — לאָמיר זיך וועטן און טאַקע אין אַ בוטל אַריק.

דערווייל זענען נאָך עטלעכע פון אונדזערע אַריין אַהער אין צימער. ר׳ גרשון איז אויך געקומען. מען האָט דערהערט, אַז ר׳ אבא רעדט — איז מען זיך געקומען הערן.

קווענקלט ער זיך עפּעס. ער וויל כלומרשט נישט. נאָר אונדזערע האָבן אים איינגערעדט. ר׳ גרשון האָט אים אויך איינגערעדט. האָט אים געהייסן, כדי זען, וואָס וועט דאָ זיין.

נו, ווערן מיר זיך אין אַ בוטל אַריק, שטעל איך זיך אַוועק. שטעל אַוועק בערלען קעגן מיר. אַלע קוקן מיט אויסגעשטעלטע אויגן וואָס דאָ וועט זיין. און איך הויב אָן. נעם איך און שטעל זיך אַוועק אויף אַ שטול. שטעלט זיך בערל אויך אַוועק אויף אַ שטול. גיי איך פון שטול אַראָפּ, גייט ער אויך פון שטול אַראָפּ. הויב איך אויף אַ האַנט — ער אויך. קריך איך אויפן טיש אַרויף — ער אויך, צוריק פון טיש אַראָפּ — בערל אויך אַראָפּ. הויב איך אָן ווידער אויפן שטול און פון שטול, פון שטול און אויפן שטול און וואָס ווייטער געשווינדער, געשווינדער, און בערל טוט נאָך און אַלץ גיך, געשווינד. און אַלע קוקן וואָס דאָ וועט זיין. מען קוקט. און אָט אַזוי ווי מיר לויפן ביידע געשווינד אויפן שטול און פון שטול, פון שטול און אויפן שטול, טו איך זיך אַזוי אומגעריכט אַ שטעל אַוועק קעגן בערלען. כאַפּ מיין לאַנגע באָרד אין האַנט און טו אַ כאַפּ אַריין מיין באָרד אין מויל אַריין. בערל כאַפּט אויף גיך זיין מאָרדע אין האַנט, עפנט דאָס מויל און... מע־ע־ע־ע... — ער האָט נישט וואָס צו כאַפּן...

כע־כע־כע... — וואָס זאָל זיין? ער איז רויט געוואָרן פאַר בזיונות. אַלע האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט. ער לאַכט נעבעך אויך, ער לאַכט. אָבער ער איז רויט ווי אַ צונטער.

און אָט מיט דעם זעלבן בערלען פלעג איך זיך ווען דורכשמועסן אויך. ווייס איך? — מען דאַרף הערן וואָס אַ מענטש קלערט זיך. אַגב דאַרף מען טאַקע וויסן, וואָס אַזוינע צו ענטפערן. דע מה שתשיב.. און מיינסטו, אַז זיי, די היינטיקע, קענען כאָטש אויפווייזן מיט אַ שכל, אַז זיי זענען געזעכט? — איך פלעג אים, אָט דעם בערלען, אַלע מאָל אָפּשטעלן. ער פלעגט מיר נישט האָבן וואָס צו ענטפערן.

אַ ביינאַכט אַמאָל בין איך זיך געזעסן ביי ר׳ גרשונען. אין צימער איז זיך בערל אויך געזעסן, זיצן מיר זיך ביידע, פרעג איך אים:

— הער, בערל, מיט ר׳ אבאן מעגסטו זיך נאָך דורכשמועסן. זאָג־זשע מיר, דו גלויבסט טאַקע נישט?

— ניין — זאָגט ער — ניין, ר׳ אבא, איך גלויב נישט. לאַך איך דאָך. הייסט עס, פון אים, הייסט עס, לאַך איך. אָבער אין האַרצן טוט גוט ווי...

— וואָס איז דער פשט, — מאַך איך זיך קאַלטבלוטיק — וואָס איז דער פשט, דו גלויבסט נישט?

— איך גלויב נישט — זאָגט ער.

זאָג איך צו אים:

— וואָס הייסט, דו גלויבסט נישט? גלאַט גערעדט אין דער וועלט אַריין. איך גלויב נישט, איך גלויב נישט. רעד ווי אַ מענטש, ווייז מיר אויף מיט אַ שכל, פאַרוואָס גלויבסטו נישט?

מאַכט ער צו מיר:

— ווייזט איר, ר׳ אבא, מיר אויף מיט אַ שכל, אַז איך זאָל יאָ גלויבן.

— אַזוי — זאָג איך — איך זאָל דיר אויפווייזן מיט אַ שכל? — איינס איז אמונה למעלה מן השכל... און אַגב, זאָג איך, אויב דו ווילסט, אַדרבה... קום־זשע אַקאָרשט אַרויס אויפן גאַס, איך וועל דיר ווייזן די הימלען, די שטערן, די לבנה... די גאַנצע מעשי בראשית... אַנו, קען עס עפּעס ווערן פון זיך אַליין?...

האָט ער דאָך נישט וואָס צו ענטפערן, מאַכט ער צו מיר:

— אויב אַזוי, נאָך אייך נאָך, אַז די וועלט האָט גאָט באַשאַפן, טאָ ווער האָט גאָט אַליין באַשאַפן?

דאָ בין איך שוין אין כעס געוואָרן:

— ביסטו דאָך — מאַך איך — אַ יינגל. וואָס הייסט? וואָס באַשאַפן, ווען באַשאַפן, ווען באַשאַפן? גלאַט גערעדט, געפּלוידערט. וואָס, ווען? רעד ווי אַ מענטש — זאָג איך — רעד ווערטער, קלאָר, רעד עפּעס מיט אַ שכל, מיט אַ זין, ר׳עד, אַז מען זאָל הערן וואָס דו רעדסט. גלאַט גערעדט, געפּלוי־דערט. וואָס באַשאַפן, ווען באַשאַפן, וועמען באַשאַפן? וואָס? ווען?... וואָס...

וואָס זאָל זיין? — ער האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן...

פרעג איך ביי אים ווייטער בדרך משל:

— לאָמיר זיך — זאָג איך אים — פאָרשטעלן, אַז איינער אַ מענטש, למשל, ראובן, דאַרף גיין אין וועג. ער מוז גיין. דער וועג, אין וועלכן ראובן דאַרף גיין, פירט דורך אַ גרויסן, געדיכטן וואַלד. אין וואַלד, זאָגן

אַנדערע, זענען דאָ גזלנים. פֿאַראַן וואָס זאָגן, אַז נישט. עס איז אַ ספק. מען זאָגט, אַז יאָ און מען זאָגט, אַז נישט. און אין וועג מוז ער גיין. און דער וואַלד איז אַ גרויסער, אַ געדיכטער, איז אויב ראובן איז נישט קיין חסר דעת, ער איז כאָטש וויפל עס איז ביים זינען, וועט ער פֿון ספק וועגן נעמען מיט זיך אַ שטעקן... און ממה נפשך, זענען אַפילו קיין גזלנים נישטאָ אין וואַלד, איז וואָס האָט ער דאָ אַזוי אָנגעוווירן? האָט ער אומזיסט גענו־מען מיט זיך אַ שטעקן. אָבער מער גאָר... דו פֿאַרשטייסט — טענה איך צו אים — שטאַרבן מוזן מיר, אַלע, אַלע מוזן מיר שטאַרבן... אין וועג מוז מען גיין... און פֿאַראַן וואָס זאָגן — אַזוי זאָג איך אים — פֿאַראַן וואָס זאָגן, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט, אַז אויף יענער וועלט איז פֿאַראַן אַ גיהנום, אַ גן־עדן, אָט אַלץ אין וואָס ייִדן גלויבן. איר, די היינטיקע, גלויבט עס נישט. איר זענט זיך אין דעם מסופק. אויף געוויס ווייסט איר דאָך אויך נישט. וואָרום וואָסי? איר האָט עפּעס אויף דעם ראיות? וואָס?... נור גלאַט, עס איז ביי אייך אַ ספק. נו, איז מילא איך, אַז איך האָב מיין גאַנץ לעבן געדינט גאָט, געלערנט, געדאַוונט, געלייגט תפילין — געווען אַ ייִד. איז וואָס האָב איך דאָ אַזוי אָנגעווירן? אַפילו נאָך אייך נאָך, איז וואָס? איך וועל קומען אויף יענער וועלט און ווי איר מיינט וועט זיך אַרויסווייזן, אַז איך האָב אומזיסט געדאַוונט, געלייגט תפילין, נו, איז וואָס, איז וואָס האָב איך דאָ אָנגעווירן?... אָבער איר, די היינטיקע — טאָמער יאָ?... אַפשר זענען טאַקע מיר, די וואָס גלויבן, גערעכט... טאָמער יאָ...

— דו פֿאַרשטייסט — זאָג איך צו אים — טאָמער יאָ... טאָמער...

ער האָט געשוויגן. שטום געווען ווי די וואַנט. וואָרום וואָס זאָל ער מיר אויף דעם ענטפֿערן? — ער האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן.

און וואָס זאָל איך דיר זאָגן? — איך פֿאַרשטיי זיי נישט, די היינטיקע, איך פֿאַרשטיי נישט... איך רעד שוין נישט וועגן דעם, ווי אַזוי נעמט מען עס און מען וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ אָט דאָס אַלץ, אין וואָס מען האָט אַזוי פֿיל דורות געגלויבט. און גלאַט ווהין פֿירט עס אַזאַ דרך, וואָס וועט פֿון ייִדן ווערן? נור איך פֿאַרשטיי נישט, ווי אַזוי לעבט מען עס גלאַט אויף דער וועלט און מען גלויבט נישט אין גאָט... איך פֿאַרשטיי נישט... עס טרעפֿט דאָך וועון אין לעבן אַן עת צרה, אַן אומגליק — צו וועמען ווענדט מען זיך דאַן?... מיט וואָס טרייסט מען זיך?... עס שטאַרבט דאָך

ווען אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ פרוי, אַ קינד... אויב מען זאָל נישט גלויבן אין גאָט, אין יענער וועלט, ווי אַזוי טראָגט מען עס אַריבער?... ווי אַזוי?... היינט ווי אַזוי לעבט מען עס גלאַט אויף דער וועלט, אויב מען גלויבט נישט?... איך פאַרשטיי נישט... איך פאַרשטיי נישט...

איך טו ווען עס איז אַ טראַכט. אַ מענטש איז דאָך אַ מענטש און טראַכט ווען. ווייס איך וואָס ער טראַכט, אַלערליי נאַרישקייטן! טו איך זיך ווען אַ טראַכט אויף זייער שטייגער. אָט זען ווי אַזוי טראַכטן עס די היינטיקע. טו איך זיך ווען אַ טראַכט, ווי אַזוי איז עס, אַז מען גלויבט נישט. איך שטעל זיך אויף אַ רגע פאָר: נישטאָ קיין מנהיג אויף דער וועלט. נישטאָ קיין גאָט... איז איך זאָג דיר, ממש דער מוח טוט מיר דאַן אַ הויב פון אָרט... דער מוח רירט זיך ביי מיר... די גאַנצע וועלט ווערט פאַר מיר פוסט און וויסט, תוהו ובוהו. פינצטער ווערט מיר אין מיינע אויגן און די הימלען פאַלן... ממש די הימלען פאַלן אַראָפּ אויף מיינע פלייצעס, אויפן קאָפּ. זיי דריקן מיך און עס ווערט מיר פינצטער, פינצטער... די הימלען פאַלן... ווי אַזוי לעבן זיי, די היינטיקע? ווי אַזוי עסן זיי, טרינקען, שלאָפן? און זיי זענען דאָך ווען פריילעך אויך, זיי זינגען, זיי לאַכן... ווי אַזוי לעבט מען עס, אַז מען גלויבט נישט? ווי אַזוי?...

און דאָס נישט גלויבן וואַקסט פון טאָג צו טאָג, פון מינוט צו מינוט, עפּעס עס וואַקסט, עס וואַקסט פון אַלע ווינקעלעך, פון אַלע עקן. און אַזוי גיך וואַקסט עס. דאַכט זיך אָט ערשט, אָט ערשט, אין מיינע יאָרן. מען איז דאָך דאַן יידן געווען. און איצט, איצט... דו כאַפּסט זיך און קוקסט, וואָס איז עס?... ווו זענען עס עפּעס די אַמאָליקע יידן, דאָס אַמאָליקע לעבן, די אמונה... ווו איז עס נעלם געוואָרן... פוסט איז אַרום דיר. עפּעס אַ פרעמדע וועלט, פרעמדע מענטשן. וואָס איז עס?... און אַזוי קאַלט ווערט דיר. אַזוי קאַלט... — אוי־אוי־אוי...

און עס טרעפט, איך שטיי זיך אויף ווינטער פרי. אַזייגער דריי פאַר־טאָג. עפּעס עס שלאָפט זיך נישט... די ביינער ברעכן אַפילו, דער קאָפּ טוט ווי, נור עס שלאָפט זיך נישט. שטיי איך מיר אויף. גיס אָפּ נעגל־וואַסער, זאָג אָפּ ברכות. און עפּעס איך געפין זיך אין שטוב קיין אָרט נישט. נישט ווי אַמאָל, אַמאָל... אַז איך פלעג זיך מיר אויפשטיין אינדערפרי,

איך פלעג זיך מיך פילן דאַן אַזוי היימלעך און פלעג זיך מיר אַוועקזעצן אין שטוב לערנען אויפן קול, פריילעך... און איצט געפין איך זיך אין שטוב קיין אָרט נישט. און טאַקע אַזוי: דו טוסט אַ קוק אין צימער, דאָרט ווו דאָס אייניקל שלאָפט. ווער רעדט וועגן שלאָפן אין אַ יאַרמולקע. קיין ארבע כנפות איז צווישן זיינע אויסגעטועטע בגדים אויך נישטאָ. און אַז ער וועט אויפשטיין, ביסטו זיך דאָך אין זיין דאַוונען אויך מסופק. טוט דאָך דערפון ווי דאָס האַרץ... איך קען אין שטוב נישט איינזיין. גיי איך זיך אין בית־המדרש אַוועק. איך גיי זיך אַליין אין גאַס. דאָס שטעטל שלאָפט. סיידן אַ בעל־מלאכה איז ווי אויפגעשטאַנען פרי. ברענט זיך דאָרט אַ פייערל אין זיין פענצטער און ער אַרבעט. דאָס גאַנצע שטעטל זעט עפּעס אויס אַזוי פאַראַבלט. די אַלטע הייזער זענען אַזוי פאַריתומט. איך קום אין בית־המדרש אַריין. צינד אָן אַ ליכט, זעץ זיך מיר אין אַ ווינקל. נעם אַ ספר אין האַנט. אָבער עס לערנט זיך עפּעס נישט. אין האַרצן דריקט עפּעס. עס דריקט... איך דערמאָן מיך אויף אַמאָל... אַמאָל... אָט דאָ, אויף דעם אָרט איז געשטאַנען און געדאַוונט אַ ר׳ ברוך דער סופר, דאָ אַ ר׳ נחום דער מלמד, דאָרטן אַ ר׳ ישראל, אַ ר׳ בער, אַ ר׳ מאָטע, אָט דאָ האָבן זיי געלערנט, דאָרטן אין ווינקל פלעגט דער בעל־משפיע, אַז ער פלעגט קומען, דאָס חסידיש חזרן און מיר אַלע פלעגן הערן. אָט דאָ אַרום דער בימה פלעגן מיר דאָס אַמאָל אַלע אַ שמחת תורה, אַ שמחת בית השואבה, טאַנצן און פריילעך זיין... און איצט... איצט... אויסגעשטאָרבן זענען אַלע, פּוסט איז איצט און וויסט... און דער בית־המדרש איז אויך אַזוי אַלט, אַזוי חרוב געוואָרן, עס דאַכט זיך דיר, אַז אָט־אָט פאַלט ער איין... און עפּעס עס שלעפּט דיך דאַן צוגיין צום אָרון־הקודש, אַ קוק געבן צי זענען נאָך דאָ אין אים די ספרי־תורות... עפּעס ממש דו האָסט מורא צי האָט מען זיי פון דיר נישט געגזלט... און דאָס האַרץ דריקט, דריקט... און דו פילסט זיך עפּעס אַזוי אַליין... אַ נעבעך... אַליין אין אַלטן בית־המדרש. און אין מוח פּלאָנטערן זיך ביטערע מחשבות. מיר לערנט זיך דאַן נישט. איך פאַרמאַך דעם ספר, נעם אַ תהילים אין האַנט. אין בית־המדרש איז פינצטער, דאָס ליכט קוים וואָס עס לייכט מיר און איך זיץ אַזוי אין ווינקל און זאָג תהילים. און פאַר דיר מעג איך דאָך אויסזאָגן: איך זאָג תהילים און טרערן גיסן זיך פון מיינע אויגן... איך וויין, איך וויין...

ר׳ אבא

עס איז עפּעס אויפן האַרצן אַזוי ביטער, אַזוי ביטער... האַ?... וואָס?... וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר?... טרערן האָבן זיך געשטעלט אין מײַנע אויגן?... עס קלעמט דאָס האַרץ, עס קלעמט... וואָס וועט עס זײַן דער סוף פון אַזאַ דרך?... עס איז אַ שׂרפה... אַלץ ברענט... די ייִדישקייט. די אמונה... מיר דאַכט זיך, אַז גאַנצענע בתי־מדרשים ברענען... און בנינים פאַלן איין... עס איז אַ שׂרפה. פאַרלעשן עס, מיט בייזן — צעפלאַקערט זיך דאָס פֿײַער נאָך מער... מיט גוטן — ברענט עס פון זיך אַליין... עס ברענט... עס ברענט... עס איז אַ שׂרפה...

ר׳ אלחנן

עטלעכע הונדערט הייזער, ערטערווייז צעוואָרפן איינס פון צווייטן, ערטערווייז געדיכט איינס אויפן אַנדערן. קענטיק, אַ צופעליקע מחשבה האָט זיי געבוירן. צופעליק און גיך האָט מען זיי געבויט.

הינטער זיי, אַרום און אַרום, ברייטע, אָפענע פעלדער. אַ שטומער, ווילדער סוד פון הפקר און אייביקייט שוועבט איבער זיי. ווינטער זענען זיי באַדעקט מיט ווייסן, בלישטשענדיקן שניי און זומער — צוגעקליבן אין תבואה־פאַרבן, אַלערליי גראָזן און ווילדע בלימלעך.

דאָס ברייטע, אָפענע פעלד אין מזרח־זייט שניידט זומער פונאַנדער אַ ווייסער, שטילער און ווייכער טייך. דער טייך שפּילט זיך מיט זיך און פאַר זיך אַליין; ערטערווייז האָט ער זיך פריי און חנוודיק אויסגעבויגן הין און הער און ציט זיך אַוועק איבער דאָס ברייטע, אָפענע פעלד אין ביידע עקן וועלט ווייט, ווייט, אַהין, וווּ קיינער וועט נישט זען זיין סוף, קיינער וועט נישט וויסן זיין אָנהויב. ברעגן האָט ער טרוקענע, זאַמדיקע, געל־וואַקסיקע, פול מיט ווייסינקע, קלאָרע שטיינדלעך. און דאָ און דאָרט שטייען איבער אים איינזאַמע, אַלטע, אַלטע ביימער. אַלט, ווי ער אַליין, ווי די וועלט, ווי די אייביקייט... ווער ווייס?... זיי היטן דעם שטילן, ווייסן, ווייכן טייך, זיינע ברעגן, זיינע שטיינדלעך — אַזוי האָט אויסגעזען אַשיפּאָווע און איר אַרום.

אַ יידיש שטעטל, יידן מיט זייערע ברענענדיקע, שטענדיק זוכנדיקע אויגן, מיט זייערע פלינקע, צייטנווייז פאַרטראַכטע באַוועגונגען, מיט זייערע טיפע, עטוואָס ווילדע קנייטשן אין פּנים האָבן דאָרט געוווינט.

אַ רב איז דאָרט געווען ר׳ אלחנן.

אַ הויכע און אַ פעסט געבויטע פיגור, מיט אַ שטאַרקן, שטאָלצן, טראַכטנדיקן שטערן; מיט קאַרע, גרויסע, ווייכע, טיפע, בענקענדיקע אויגן;

מיט אַ שײנער, זײדנס־שוואַרצער באָרד און פּאות אַרום זײן פּעסטן, לענג־לעכן געזיכט. אַלט איז ער געווען אַ יאָר פֿערציק. פּאָר אַ רבֿ אין אַשיפּאָוועּ איז ער אָנגעקומען גאָר נישט לאַנג. פֿון ערגעץ אַ קלײן שטעטעלע סורעווע האָט מען אים צוגענומען אַהער.

אַשיפּאָוועּ איז געווען פֿון ר׳ אלחננען זײער צופֿרידן. „אַ שײנער רבֿ" האָבן אַלע מסכּים געווען, „אַ געהויבענער רבֿ".

אין דער גאַס, וווּ ר׳ אלחנן האָט געוווינט, — דאָרט איז געווען אויך די אַלטע, גרויסע שול, אין וועלכער ער האָט געדאַוונט, — האָט זיך געפֿילט, אַז דער רבֿ, ר׳ אלחנן, וווינט דאָרט.

שבת אינדערפֿרי נאָכן דאַוונען. עס איז אַ הײסער, ליכטיקער, ווײ־סער זומער־טאָג. מען איז שוין געקומען פֿון שול און מען זיצט זיך שבתדיק, משפּחהס־ווײַז אין די הײַזער, אַרום די שבתדיק צוגעקליבענע טישן. די זון — אַ ליכטיקע, אַ פֿרײלעכע און אַ שבתדיקע — גיסט איר וואַרעמע, עטוואָס יום־טובֿ־פֿוילעכע ליכט אין דער שבתדיקער גאַס אַרײַן. אין גאַס שטײט אַ לײכטער, זילבערנער שטויב. אָקאָרשט איז די טשערעדע פֿון פֿעלד געקומען. אויף די גערטנער האָט דער שטויב קײן שליטה נישט. די גאַנצע גאַס איז שבתדיק פּוסט. מער נישט אויף דעם אַלטן, חורבהדיקן גאַניק פֿון דער אַלטער, גרויסער שול זיצט זיך שמואל דער משוגענער. אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַן אויסגעצויגענעם פּנים און יונגערהײט מיט אַ גרויסן ווײַסן קאָפּ און באָרד. ער איז שוין פֿון אַ צײַט געקומען אַהער, און קײנער ווײס נישט, ווער ער איז, פֿון וואַנען ער איז. עפּעס ווי נישט פֿון דער וועלט אַ מענטש. און קײנער ווײס נישט, וואָס טוט ער דאָ צווישן קלאָרע, געזונטע מענטשן. ער זיצט זיך אַלײן אויף דעם אַלטן, חורבהדיקן גאַניק און קוקט שטומערהײט אויף דער זון. די פֿענצטער פֿון די הײַזער פֿון בײדע זײַטן זענען אָפֿן. דאָ, דאָרטן זעט זיך אַרויס פֿון זײ אַ ווײַסינקע, זומערדיקע קאָפּטקע, אַ זײַדענע טיכל, אַ שוואַרצער צעפּטשיק, אַ מאַנס־בילשער קאָפּ מיט אַ שפּיציקער, סאַמעטענער יאַרמולקע, אַ פּרויען־קאָפּ אין אַ שײטל; עס פֿליִען זיך אַרויס, דורך דעם, דורך יענעם אָפֿענעם פֿענצ־טער, אין דער וועלט אַרײַן, אָפּגעריסענע, פֿרײלעכע שמועסן, אַן אָנפֿאַנג פֿון אַ קידוש, אַ האַלבער, אָפּגעריסענער ניגון פֿון שבתדיקע זמירות. און

פֿלוצלונג, גלײַך װי דאָס ערשטע מאָל זינט די װעלט איז באַשאַפֿן, גיסט זיך אַרױס פֿון אַ פֿענצטער אין גאַס אַרײַן אַ פֿרישער, ליכטיקער, געזונטער געלעכטער פֿון אַ יונג, געזונט קינד — שבת. און איבער דעם אַלץ שװעבט אין גאַס אַ ניגון; ער טראָגט זיך, אַ לעבעדיקער, פֿאַר דער זון, צװישן הימל און ערד. ער זוכט װאָס; אפֿשר אַ תּיקון פֿאַר זיך, אפֿשר אַ מקום־מנוחה אין אַ מענטשנס האַרץ. דער ניגון טראָגט זיך פֿון דער אַלטער, גרױסער שול אַרױס. אַזאַ טיפֿער, אַזאַ דבֿקותדיקער, אַזאַ בענקענדיקער: „ובטו־בו־מח־דש־בכל־יום־ת־מיד־מע־שי־מע־שי־ברא־שית!... — דער רבֿ, ר׳ אלחנן, דאַװנט נאָך.

מען האָט שױן אָפּגעגעסן. מען האָט שױן נאָכן עסן אַ ביסל אָפּגערוט. די שבתדיקע זון איז אַראָפּ פֿון מיטן הימל. די הײַזער פֿון דער שבתדיקער גאַס, גלײַך װי זײ האָבן זיך שטיל, קױם װאָס מען באַמערקט, אײַנגעבױגן צו דער זון צו, און זײ פֿלעכטן אױף דער ערד לײַכטע, שװאַרץ־דורכזיכטיקע שאָטנס. שמואל דער משוגענער זיצט אױף אַ בענקל נעבן אַ שטוב און קוקט אױף דער זון. אַ חבֿרה ייִנגלעך זיצן אױף דער ערד נעבן אים. ער דערצײלט זײ, פֿון װאַנען נעמט זיך אין דער ערד גאָלד: „די זון... די זון פֿאַרזײט אין דער ערד אירע שטראַלן. דאָרט װאַקסט פֿוז זײ אַרױס גאָלד... די זון... די זון...” די קינדער מיט זײערע יונגינקע אױגעלעך און תּמעװאַטע ליפּעלעך הערן אים און גלױבן אים. נישט װײַט פֿון זײ, נעבן אַ שטוב, אין אַ שאָטן, אױף די גרינע, פֿרישע, זומערדיקע גראָז זיצן זיך די אײַנװױנער פֿון גאַס. מען זיצט זיך שבתדיק, װײַבער און מאַנסבילן, און מען רעדט; מען דערצײלט, װאָס יעדערן האָט אין זײַן לעבן געטראָפֿן, מען װערטלט זיך, מען לאַכט. אין דערינען װערט אַ גערודער, די מאַנסבילן שטײען אױף פֿון זײערע ערטער און שטעלן זיך, די װײַבער כאַפּן זיך פֿאַר זיך: די פֿאַרריכט איר זײַדענע פֿאַטשײלע אױפֿן קאָפּ, דורך װעלכער עס האָט זיך אַרױסגעטשאָרטשעט אַ בינטל שװאַרצע, שײנע האָר, די — איך ברעג קלײד פֿון אונטן, נאָך װער מאַכט צורעכט, אױף װיפֿל עס איז נאָר מעגלעך, איר װײַסע, שײנע ברוסט, פֿון װעלכער עס זױגט אַ שײן, פֿולינק, געזונט קינד — דער רבֿ גײט פֿון שול. און ר׳ אלחנן גײט זיך פֿון שול געלאַסן, פֿאַרטראַכט אין זיך. זײַן שװאַרצע, אַטלאַסענע קאַפּאָטע אױף די פּלײצעס. דער װײַסער טלית מיט די שװאַרץ־בלױע פּאַסן תּכלת זעען זיך

אַרויס פון די אָפענע פּאַלעס און זיי פינקלען אַנטקעגן דער זון. און דאָס קיילעכדיקע שטריימל אויף זיין גרויסן, פעסטן קאָפּ, מיט זיין שוואַרץ־סאַמעטענעם דעק, בלישטשעט. ער גייט זיך; זיין פּנים איז דורכגעדרונגען מיט שבתדיקע תפילות, און ער זינגט זיך שטיל, פאַר זיך, אַ ניגון אָן ווערטער. אַ ייִנגל, אַ שטיפער, פאַרלאָזט זיין חברה און לויפט אַנטקעגן אים, הויבט אויף שטיפעריש־לעבעדיק זיין קאָפּ אין דער הויך, צו ר׳ אלחננס פּנים צו, גלייך ווי ער איז גרייט אַרויפצוכאַפּן זיך מיט אַלע פיר צו אים אויף זיין גאַרטל און אויף זיינע פּלייצעס אַרויף, און ער שרייט פריילעך:

— גוט שבת, גוט שבת!

ר׳ אלחננס אויגן גלעטן דאָס קינד אַזוי גוט, אַזוי ווייך. ער שאָקלט אים מיטן קאָפּ און שמייכלט:

— גוט שבת, קינד, גוט שבת.

ער דערגרייכט צו די אויפגעשטאַנענע ייִדן. מען זאָגט אים מיט גרויס דרך ארץ:

— גוט שבת, רבי, גוט שבת!

ר׳ אלחנן קערט אום צו זיי אַ ליכטיקן און אַן ערנסטן פּנים און שאָקלט צו זיי מיטן קאָפּ:

— גוט שבת, ייִדן, גוט שבת.

ער גייט זיך אַוועק ווייטער שטיל, שבתדיק צו זיין היים צו, און הינטער אים שושקען זיך אַלע שטילערהייט:

— אָט דאָס איז אַ ייִד!... דאָס איז אַ ייִד!...

⁂

פון טאָג צו טאָג איז געוואַקסן אין אַשיפּאָווע ר׳ אלחננס נאָמען. מען האָט זיך מיט אים געלויבט, און מען האָט זיך מיט אים געבענטשט. נאָר ר׳ אלחנן, זינט ער איז אַריינגעפאָרן אין אַשיפּאָווע, איז ביי זיך שטאַרק טרויעריק געוואָרן. עס זענען דאָך פאַרשפּרייט איבער אונדזערע קעפּ שטו־מע, שטומע הימלען. פאַר אונדזערע אויגן שטאַרבן שטומערהייט מענטשן, מחשבות, חלומות. דער טאָג, דער ליכטיקער טאָג האַלט אין זיך פאַר־

שלאָסן אַ שטומען סוד פון אַ וועלט אויף יענער זייט ליכט און טאָג... און די נעכט, די שוואַרצע, פול מיט סודות, שטומע נעכט! פאַרבענקט זיך אַ מענטשן און ער טרויערט, טרויערט און טרויערט.

אָפּט, זייער אָפט פלעגט זיך ביי ר׳ אלחננען אַרויסרייסן פון האַרצן אַ טיפער, טיפער זיפץ. זיין ווייב, די רביצין, חיה, אַ ייִדענע אין מיטעלן וווקס, מיט אַ צאַרטן בלייכן פנים, אַ פרומע, אַ קרענקלעכע און מיט אַן אומרויִקער נשמה, פלעגט פרעגן ביי אים:

— אלחנן, וואָס זיפצסטו?

ער פלעגט ענטפערן ווי פאַר זיך:

— איך האָב דאָס פריִער געוווסט... דעם טאָג וואָס מיר זענען אַרויס־געפאָרן פון סורעווע, האָט זיך מיר אַלץ אויפגעמישט הלכות אבלות... וועגן וואָס פאַר אַן ענין איך זאָל נישט דאַרפן איינקוקן אין שולחן ערוך, אַלץ פלעגט זיך מיר אויפמישן הלכות אבלות...

און שטיל, עטוואָס פאַרשעמט, אָבער זיכער פלעגט ער זאָגן ווייטער:

— איך האָב שוין מיינע סימנים... אַלעמאָל ווייס איך אַלץ פאָרויס... איך ווייס...

ר׳ אלחננס זיכערע שטים, זיין קאַלטער בליק דערביי פלעגט דער־שרעקן די דאָזיקע קראַנקע און אומרויִקע נשמה, און זי פלעגט פחד האָבן צו פרעגן מער.

נאָך איידער ר׳ אלחנן איז אַריינגעפאָרן אין אַשיפּאָווע, פלעגט אָפּט דריקן זיין האַרץ אַ מחשבה, אַ גרויסע, און אַ פחד פלעגט אים אָנכאַפּן פאַר איר. נור איצט וואַקסט זי און וואַקסט ביי אים אין האַרצן און לאָזט אים נישט רוען. ער פילט, אַז ער איז נישט דאָס, וואָס ער דאַרף זיין. דער בעל שם טוב, ר׳ לויק בערדיטשעווער, דער מעזיריטשער, ר׳ נחמן בראַס־לאַווער — זיי זענען אַנדערע מענטשן געווען. נו, ער איז אַ גרויסער למדן אין נגלה, גרויס אין קבלה, אָבער ער איז נישט דאָס, וואָס ער דאַרף זיין. און פילן פילט ער אין זיך עפּעס גרויסעס, עפּעס מוראדיקס, עפּעס אַזוינס פול מיט ווייטיקן און ליידן, פול מיט ליכט און אין סוף. נאָר אַ גרויסע האַנט פון אַזוינעם, וועלכן ער זעט נישט און פאַרשטייט נישט, באַהאַלט עס, פאַר־שליסט עס און עס פאַרשטומט טיף, טיף ביי אים אין האַרצן.

שטענדיק חלומט אים: ער איז אָנגעטון אין זיין אַטלאָסענער זשופּעצע,

פאַרגאַרטלט מיט זיין זיידענעם גאַרטל, אויפן קאָפּ זיין שטריימל. ער שטייט אויף אַ גרויסן הויכן באַרג. אַלע ייִדן שטייען נעבן באַרג און קוקן צו אים. ער פאַרשפּרייט זיינע הענט און רופט:

— ייִדן... גאָט האָט אַזוי געזאָגט...

און פּוסט און קאַלט ווערט זיין האַרץ, זיין נשמה, ווען ער כאַפּט זיך אויף פון זיין חלום. איינער אַליין זיצט ער אין זיין צימער. אין צימער איז פּוסט און שטיל. אַ גרויסער אַלמער מיט אַלטע, אַלטע ספרים שטומט אַנטקעגן אים אַזוי אַנטשלאָסן, אַזוי קאַלט... טויט זענען די ווענט אַרום אים און הויך, אַזוי אַנטשלאָסן, אַזוי קאַלט...

שבת אינדערפרי, ווען ער קומט פון שול. ער גייט זיך אַרום איבערן עס־צימער, ער זינגט די פאַר־קידושדיקע זמירות. די לינקע האַנט זיינע איז אין דעם זיידענעם גאַרטל פאַרשטעקט, מיט דער רעכטער קנאַקט ער צו הילכיק, צום טאַקט, דעם טיפן, מיט בענקשאַפט פולן זמירות־ניגון. צוזאַמען מיט דעם זמירות־ניגון קלינגען נאָך אין זיין נשמה זיינע ניגונים פון די טיפע, טיפע שבתדיקע תפילות. ער שטעלט זיך אָפּ נעבן אַ פענצ־טער. דורכן פענצטער זעט זיך אַרויס אַ ברייטער, אַ פרייער שטח, זומער־דיקע ליכט איז שבתדיק פאַרגאָסן אויף גאָטס וועלט. דאָרט, ווייט, ווייט אויף דעם ברייטן, פרייען שטח שטייט זיך אַן איינזאַמער, אַלטער, אַלטער בוים, אַליין... אַליין אין מיטן אַ גרויסן, פרייען פעלד. ער פאַרטיפט זיך אין זיך. זיינע אויגן זענען פאַרטראַכט און געווענדט אין הימל אַריין. ווייט. ווייט זענען זיי איצט אַוועק פון אים. דער הימל האָט זיי פאַרוועבט מיט חלומות. ער וועבט זיינע אויגן, זיין האַרץ, זיין מוח. דער הימל פאַרוועבט זיין נשמה מיט אַלטע, טיפע חלומות, באַהאַלטן דאָרט ווייט, ווייט, אין אַ וועלט, וואָס אַן אַלט, ווילד פאָלק האָט באַשאַפן... דאָס בלוט פון אַן אַלטן, אַלטן, ווילדן פאָלק, וואָס האָט געפלאָסן אין זיינע אָדערן, די פאַרבן פון אַ טויזנט־יאָריק, ווילד פאָלק אין זיין נשמה, פלעגן זיך אינגאַנצן אויפוועקן און אויפלעבן, און דער הימל איז ,אין זיין האַרץ געווען, זיין האַרץ אין הימל — אייביקייט!...

און אַז די רביצין חיה פלעגט אים אויפוועקן פון זיינע חלומות, פלעגט אים רופן צום טיש עסן, פלעגט ער זיך פילן אַזוי פרעמד פון אַלץ, וואָס אַרום איז... אַזוי ווייט... אַלץ אַרום אים איז פּוסט און קאַלט...

און עס איז געוואַקסן ביי ר׳ אלחנן אין האַרצן אַ גרויסער, גרויסער טרויער. ער פלעגט וועלן וועז מלחמה האַלטן מיט זיך אַליין. עס טרעפט, ער זיצט שפעט ביינאַכט ביי זיך אין צימער, נעבן טיש, ביי אַן אַלטן, אַלטן ספר. זיין נשמה טרינקט זיך אין טרויער און בענקשאַפט. ער פילט נישט, ער זעט נישט אַרויס פאַר זיך קיין סוף צו דעם, וואָס נעמט אַרום אַזוי זיין האַרץ, און ער פלעגט נעמען טענהן צו זיך אַליין:

— אלחנן — לעבעדיקער!... אלחנן!... די אמתע צדיקי הדור פלעגן דינען גאָט מתוך שמחה... לעבעדיקער...

ער פאַרלאָזט דעם טיש מיטן ספר אויף אים. גייט אַרום האַסטיק איבערן צימער, נעמט פאַטשן מיט די הענט מיט היץ, מיט דבקות, מיט התלהבות:

— אלחנן — לעבעדיקער... לעבעדיקער... לעבעדיקער!...

נאָר אינעווייניק אין האַרצן פלעגט דריקן און פרעסן אַ מחשבה, אַ ביטערע, אַ טרויעריקע: די אמתע צדיקי הדור האָבן געוווסט, האָבן אים פאַרשטאַנען... מיט זיינע הנהגות... זיי האָבן פאַרשטאַנען... דער בעל שם טוב, ר׳ לויק בערדיטשעווער, דער מעזיריטשער, ר׳ נחמן בראַסלאַווער — אַנדערע זענען זיי געווען... אַנדערע... און די דאָזיקע מחשבה פלעגט פאַרנעמען זיין מוח, זיין האַרץ, זיין נשמה.

***

ר׳ אלחנן האָט אָנגעהויבן דאָס רוב טאָג און נאַכט צו פאַרברענגען אין דער גרויסער, אַלטער, אַלטער אַשיפּאָווער שול.

ווי פאַר זיך, ווי אַליין איז זיך געשטאַנען אין גאַס אָט די דאָזיקע אַלטע, הילצערנע שול מיט איר אַלטן, הורבהדיקן גאַניק. העכער איז זי פאַר אַלע אַשיפּאָווער הייזער, און אַרום איר איז ליידיק. די אַרומיקע הייזער האָבן דרך ארץ פאַר איר און שטייען פון דערווייטנס. און אינעווייניק רוט אין איר אַן אַלטע, אַ גרויסע, הייליקע וועלט. די הילצערנע ווענט, צעקרימטע אין די ווינקעלעך פון אַלטקייט, זענען ערטערווייז פאַרמאָלט מיט לייבן, הירשן, עופות און פאַרשיידענע קווייטן. עס איז וואָס טיפעס פאַרשריבן געוואָרן אויף די דאָזיקע ווענט, עס איז פאַרשריבן געוואָרן מיט אַ

שטומער, אַלטער שפּראַך, אַ שפּראַך פון חיות, עופות און קווייטן־מאָלונגעז, אַזוינס באַהאַלטנס, פאַרבאָרגנס אין זיך... אין מערב־זייט, נעבן דעם גרויסן אַלמער מיט ספרים איז אַ מנורה אויסגעמאָלט מיט זיבן רערן. דאַכט זיך: ווער עס איז זוכה, זעט, ווי תמיד, תמיד ברענט זי. אויף דעם אַלטן אָרון הקודש שטייען פון האָלץ געשניטן צוויי גרויסע לייבן. זיי שטייען איינס קעגן דעם צווייטן און זיי וויסן ביי זיך שטאָלץ, אַז זיי היטן דאָ וואָס גרויסעס, אַלטעס, הייליקס. דער באַלקן איז אַ הויכער, הויכער אַ קיילעכ־דיק־שפּיציקער. ווייטער שמעלער, ווייטער — שמעלער. און אַ ווילדע, אַ פאַרביטערטע עקשנות איז אין זיין חלל באַהאַלטן... שטומע, שטומע הייליקע סודות טראָגן זיך רו:ק, פאַרזיכערט אין זיך, אין דער גאַנצער שול אַרום. זיי שוועבן אויף די אַלטע ווענט, אויף דעם גרויסן אַלמער ספרים דאָרט נעבן הרובע, איבער דער בימה, איבער דעם אַלטן אָרון־הקודש מיט זיינע צוויי גרויסע לייבן, אויך אין חלל פון דעם הויכן קיילעכדיק־שפּיציקן באַלקן... די סודות טראָגן אין זיך גרויסע גרוי־אַלטע מחשבות פון אַ וועלט, וועלכע איז פאַרצוימט, פאַרחתמעט אָט אין די אַלטע ווענט און באַלקנס. אַ וועלט אַ צופעליקע דאָ, אונטער דעם הימל, ווו זי געפינט זיך, אויף דעם שטיקל ערד, ווו זי שטייט, אָבער אַ גרויסע, אַ הייליקע, אַ גרויע... אַ וועלט אַ פרעמדע אויף יענער זייט שול, אויף יענער זייט אַשיפּאָווע, אָבער אַזוי באַהאַלטן אין זיך, פאַרבאָרגן פאַר פרעמדע...

ר׳ אלחנן פלעגט פרי קומען אין שול אַריין. אין שול פלעגט זיין פּנים ווערן מוטיקער, ליכטיקער, הייליקער. ער טוט אָן דעם טלית און תפילין. דער עולם קלייבט זיך אין שול צונויף. מען טוט זיך אָן אין טלית און תפילין. דער שמש, אַן אַלטער, אַ גרויער ייִד, מיט אַן ערנסטן פּנים, צינדט אָן ביים עמוד די ליכט. ער טוט עס גערן און באַטראַכט, גלייך ווי ער זאָגט פאַר זיך אַליין שטיל און ערנסט: „דער טאָג, די ליכט פון טאָג, דאָס, טאַטע אין הימל — איז דיינס... דיינס... מיר, מענטשן, האָבן זיך אונדזערע ליכט... פון דיין כבוד וועגן, פאַר דעם כבוד פון די תפילות צינדן מיר עס אָן...“ ר׳ אלחנן שטעלט זיך אויף זיין אָרט, ביים אָרון הקודש, מיטן פּנים צום וואַנט. מען דאַוונט מיט ווילדע באַוועגונגען, מיט בענקענדיקע שטימען, מיט אויגן פאַרטראָגענע פון דער וועלט; עס טראָגט זיך אין שול אַ ווילדע תפילה פון פאַרבענקטע הערצער, וועלכע האָבן אַמאָל גוטס און ליכטיקס

געהאַט... זיי האָבן עס אָנגעווווירן. און זיי בעטן עס... זוכן עס... אַזוי איז נאָר מתפלל אַ ווילד פאָלק, וואָס איז אין גלות פאַרוואָגלט און בענקט, בענקט נאָך איר ווילדקייט... ר׳ אלחנן שטייט זיך נעבן אָרון הקודש מיטן פנים צום וואַנט. ער איז אינגאַנצן איינגעהילט אין זיין טלית. ער איז שטיל, פאַרטיפט אין זיך, אין די תפילות. גלייך און פעסט שטייט ער אויף זיין אָרט, נאָר דאָך ווי נישט אויף דער וועלט, ווי נישט אויף דער ערד איז ער איצט. און עס איז גלייך, ווי פון דעם גאָט פון דער גרויסער, גרויער, הייליקער וועלט, וועלכע שוועבט דאָ אין דער אַלטער שול, איז ער פאַר אַן עדות אַהער געשיקט. פאַר אַן עדות, אַז גרויס, גרויס און הייליק איז די דאָזיקע וועלט. עס איז גלייך, ווי פאַר אַ הייליקן, זיכערן שומר האָט אים דער גרויסער גאָט אַהער געשיקט. און ער היט, ער היט די טיפע, גרויסע, אַלטע, הייליקע וועלט...

נאָכן דאַווענען. פוסט איז אין שול. די היינטיקע תפילות טוליען זיך, באַהעפטן זיך מיט די ביזהיינטיקע. מיט די אַלטע, לאַנגיאָריקע, לאַנג־דורותדיקע תפילות. מיט נאָך אַ תפילה פאַרהייליקט איז די שול, מיט נאָך אַ תפילה טיפער, מיט נאָך אַ תפילה גרויער. עס איז שטיל, שטום, הייליק און גרויס... שמואל דער משוגענער טראָגט זיך אַרויס שטומערהייט פון אַ ווינקל נעבן הרובע. ווען מען האָט געדאַוונט, איז ער זיך געזעסן אַליין פאַר זיך ביי דער הרובע. ער גייט צו אַ פענצטער צו, שטעלט זיך אויף אַ באַנק און קוקט אין פענצטער אַרויס צום הימל, צו דער זון צו. ער קוקט אויף דער זון און רעדט פאַר זיך, שטיל, משוגע: די זון... די זון... די זון...

ר׳ אלחנן גייט זיך אַרום אין דער שטומער, אַלטער, הייליקער שול אַהין און צוריק. זיין טלית איז איבערן קאָפּ פאַרדעקט ביזן של ראש. אַ שטאָלצער, אַ טיפער, אַ ליכטיקער פנים קוקט פון טלית אַרויס. ער גייט זיך אַרום היימיש, ביי זיך. ער איז פאַרטיפט אין זיינע מחשבות. אין זיינע מחשבות טראָגט זיך איצט ר׳ לויק בערדיטשעווער. ער טראַכט וועגן אים:

— ער, ר׳ לויק בערדיטשעווער, האָט אין זיך אַ סך תקיפות געהאַט. שטענדיק פלעגט ער פאַר גאָט מצדיק זיין אויף ייִדן... פלעגט טענהן מיט אים אָט אַזוי, ווי מען טענהט מיט אַ מענטשן. פראָסט... אָפּן... אַלע, אַלע

צדיקי הדור זענען געווען תקיפים ביי זיך... זיי האָבן „אים" געוווּסט. זיי האָבן אים פאַרשטאַנען. און דאָס, וואָס זיי האָבן געדאַרפט פון אים, האָבן זיי ביי „אים" געפאָדערט... מיט תקיפות... געמאָנט...

און ער טראַכט וועגן זיך טרויעריק, טרויעריק:

— איך פאַרשטיי „אים" נישט... פאַרשטיי „אים" נישט... איך ווייס „אים" נישט...

און פּלוצלונג: אַ וואַרעמע, פול מיט התלהבות, הייליקע האָפענונג נעמט דורך זיין האַרץ, זיין נשמה. ער טענהט צו זיך אַליין, מיט שטאָלץ, מיט מסירת נפש:

— אלחנן!... מער תקיפות אין זיך... פאָדער פון „אים"... מיט תקיפות... מאָן!...

ביינאַכט. עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט. ר' אלחנן זיצט אין שול, נעבן לאַנגן טיש, נישט וויט פון דעם גרויסן אַלמער מיט ספרים. אַליין איז ער איצט אין שול. ער איז אָנגעטון אין זיין שוואַרצער זשופּעצע, פאַר־גאַרטלט מיט דעם זיידענעם גאַרטל. אויפן קאָפּ זיין שטריימל. אויפן טיש ברענט אַ לאָמפּ. דער לאָמפּ באַלייכט נאָר ר' אלחננען און די אַלטע, גרויסע גמרא, וואָס ליגט אָפן פאַר אים אויפן טיש. די אַלטע, גרוי־אַלטע וועלט, וועלכע רוט דאָ אין שול, איז איצט פאַרדעקט, פאַרטוליעט מיט גרויסע, געדיכטע שאָטנס. די שאָטנס זענען דורכגעדרונגען מיט סודות. אַלטע, גרויסע, הייליקע נשמות; די נביאים, די תנאים און די אמוראים, דער זוהר הקדוש און דער בעל שם טוב האָבן זייערע שאָטנס דאָ געלאָזן. זיי ציִען זיך פון דעם גרויסן אַלמער מיט ספרים. זיי טוליען זיך איינס צום צווייטן און פאַרדעקן מיט זיך די גרויסע, טיפע, טיפע וועלט, וועלכע רוט איצט דאָ. און עס איז גלייך, ווי עס ווערט אין שול איצט ביינאַכט דערציילט, שטיל, שטום און בסוד: פאַרחתמעט, באַהאַלטן איז דאָ אַ וועלט, אַ גרויסע, אַ הייליקע וועלט. זי האָט זיך אַמאָל אַנטפּלעקט. גענומען וועבן איר אייביקייט. האָט זיך אין מיטן אָפּגעשטעלט, פאַרוויקלט זיך, באַהאַלטן זיך אין זיך און וואַרט... און וואַרט...

ר' אלחנן זיצט ביים טיש פאַר דער גמרא. ער לערנט:

— ת — — נו רב — נן... האָבן די רב — — נן געלע — רנט. די רב — — נן רב — נן געלע — רנט...

אַ טיפע, פול מיט ווייטיקן, בענקעניש קלינגט אין זיין שטים. אַזוי בענקט נאָר איין עק וועלט נאָכן צווייטן, די ערד — נאָכן הימל, מענטשן נאָך די קומענדיקע דורות. זיין שטימע בענקט, בענקט און זוכט הילף אין זיך אַליין:

ת — — נו רב — — נן... ת — — נו רב — נן... האָבן די רב — — — נן געלע — רנט... די רב — נן... רב — — נן רב — — נן געלע — — רנט!...

ר׳ אלחנן פאַרלאָזט דעם טיש. די בענקעניש הויבט אים אויף פון אָרט. ער גייט אַרום אין שול הין און צוריק. ער טענהט:

— רבונו של עולם!... וואָס ווילסטו פון מיר?... ר׳ לויק בערדיטשעווער פלעגט רעדן מיט דיר אָפן... פראָסט... איך... איך פרעג ביי דיר, וואָס ווילסטו פון מיר?...

ער גייט צו צום אַלמער ספרים. ער שטעלט זיך אַוועק נעבן אים. עס איז גלייך, ווי ווער פון די אַלטע שאָטנס, וועלכע שוועבן איצט ביינאַכט דאָ אין שול, איז תחית המתים אויפגעשטאַנען. און ער שטייט אַ לעבע־דיקער, אַ הויכער, אַ פעסטער, אַנגעטון אין שוואַרצע זיידנס מיט אַ שטריימל אויפן קאָפּ. ר׳ אלחננס פּנים איז ליכטיק, שטאַלץ און פול מיט קדושה. ער פאַרטיפט זיך ווו, ער טראָגט זיך אַוועק ווו וווייט, ווייט. אין זיין נשמה פליסט אַ התלהבותדיקער, ליכטיקער, הייליקער קוואַל. פאַר זיינע אויגן איז איצט ליכטיק... די גאַנצע וועלט, דער אין־סוף איז אַנגעטון אין אַ מלבוש פון ליכטיקייט. אַ קלאָרע, הייליקע, גאָטס־ליכטיקייט... אַן אייבי־קייט־ליכט... עס איז ליכטיק... ליכטיק... ליכטיק...

ר׳ אלחנן טענהט:

— רבונו של עולם!... איך גלויב אין דיר... נישט גלויבן קען מען נישט... איך פיל דיך... איך זע דיך... דיין ליכט טוט אָן, ווי אין אַ קלייד, די גאַנצע וועלט... דיין כבוד איז פול פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן... אין אַלע ספירות ביסטו פאַראַן, אין אַלע נשמות, אין אַלע לבושים, אין אַלע מדרגות... אומעטום — דאָ... די ליכט פון טאָג — דיין שיין איז עס, דיין ליכט איז באַגאָסן אויף וועלדער, אויף פעלדער, ימים און טייכן, אויף די הויכע בערג, אויף די קליינע גרעזעלעך, אין די טיפסטע טאָלן... איך גלויב אין דיר... אומעטום זע איך דיך... ווען דו וואָלסט מיך אין אַ פינצ־

טערער גרוב באַשאַפן, וואָלט איך דיך דאָרט אויך געפילט, געזען. ווען דו וואָלסט מיך אַ בלינדן באַשאַפן, מיט מיינע בלינדע אויגן וואָלט איך דיך געזען... איך זע דיך... מיר איז ליכטיק... ליכטיק... ליכטיק... אָבער פאַר־וואָס פאַרשטיי איך דיך נישט?... איך ווייס דיך נישט. איך פאַרשטיי נישט דיינע הנהגות... איך פיל, אַז אַ גרויסע מחשבה איז פאַרבאָרגן פון אונדז, מענטשן... פאַרבאָרגן... פאַרבאָרגן... פאַרבאָרגן... עפן אויף מיינע אויגן. זיי זי מיר מגלה... אין דער תורה האָסטו זי באַהאַלטן?... אין דער כלה־תורה?... נעם אַראָפּ דעם לבוש פון דער כלה־תורה... דעק זי אָפּ. איך וויל אירע סודות וויסן... זיי מיר מגלה דיין פאַרבאָרגענע מחשבה... איך וועל נאָכדעם אַרומגיין איבער דיין וועלט טאָג און נאַכט, וואָך און שבת. איך וועל וועגן איר אַלעמען דערציילן, אַלעמען פון איר מאַכן וויסן... זיי זי מיר מגלה... איך וויל דיך וויסן. איך וויל דיך פאַרשטיין... פאַרוואָס אַנטפלעקסטו זיך נישט צו די, וואָס דאָרשטן דיך צו וויסן, דיך צו פאַר־שטיין... דו האָסט באַשאַפן מענטשן, באַוויזן זיי דיין ליכט און באַהאַלסט, פאַרבאָרגסט פון זיי דיינע מחשבות... דו ביסט אומגערעכט... אומגערעכט... אומגערעכט...

ר׳ אלחנן שפּאַרט אָן זיינע עלנבויגנס אָן אַ פּאָליצע פון ספרים אין אַלמער. באַהאַלט זיין פּנים אין די הענט. ער זעט פאַר זיך אַ גרויסן, אַ ליכ־טיקן טאָג, און ער פילט, אַז דער גרויסער ליכטיקער גאָט איז אומגע־רעכט.

און מיט שטאָלץ, מיט מסירת נפש, אָן בייז, אָבער פעסט, זיכער און איבערצייגט אין דעם טענהט ער:

— דו ביסט אומגערעכט... אומגערעכט... אומגערעכט...

**
*

און עס איז געווען נאַכט, עס איז געווען טאָג. עס איז געווען וואָך, עס איז געווען שבת. ר׳ אלחננס נשמה האָט געבענקט, געטרויערט און געטרויערט.

וואָס איז געווען אַזוינס אין אַשיפּאָווע, וואָס האָט אַזוי געוועקט ר׳ אלחננען, האָט אַזוי אומרויק געמאַכט זיין נשמה?... די אַלטע אַשיפּאָווער שול?... די ברייטע, אָפענע פעלדער אַרום אַשיפּאָווע?... אפשר דער שטילער,

ווייסער, ווייכער טייך דאָרט הוצן שטעטל, אין מזרח־זייט, מיט זיינע איינ־זאַמע, אַלטעביימער, וואָס היטן אים?... ווער ווייס?...

אין שטעטל האָט מען אָנגעהויבן צו ווונדערן זיך: „דער רב... דער רב איז אַזוי ווייט פון אַלעמען, אַזוי פרעמד צו אַלעמען...״ די ווייבער האָבן געחלומט צווישן זיך, האָבן איינע דער צווייטער זייער ווונטש פאַר־טרויט:

— באַקומען אַ ברכה פון דעם רב... אַ ברכה פון דעם רב...

און ר׳ אלחנן פילט, אַז ביי אים אין האַרצן, אין זיין נשמה וואַקסט גרויסעס, גרויסעס, מוראדיקס, עס טראָגט זיך אין זיין האַרצן אַזוינס פול מיט ווייטיקן און ליידן, פול מיט ליכט און אין־סוף. אַ האַנט אַ גרויסע, וועלכע ער זעט נישט, ער פאַרשטייט נישט, באַהאַלט עס, פאַרשליסט עס און פאַרשטומט עס טיף, טיף ביי אים אין האַרצן. נאָר ער מאָנט פון „אים״, ער פאָדערט, אַז די האַנט זאָל אַראָפּגענומען ווערן פון זיין האַרצן, ער טרויערט איבער דעם און ער וואַרט, ער וואַרט, ער וואַרט...

עס איז זומער, שבת צונאַכט. ר׳ אלחנן איז ביי זיך אין דער היים. זומער שבת צונאַכט גייט ער נישט אין שול. ער איז ביי זיך אין שטוב, אין זיין צימער. ער איז אָנגעטון נאָך שבתדיק. אין זיין שבתדיקער זיידע־נער שוואַרצער זשופּעצע, מיט דעם שבתדיקן זיידענעם גאַרטל פאַרגאַרטלט, מיט דעם שבתדיקן שטריימל אויף זיין פעסטן, שטאַלצן קאָפּ. אָקאָרשט האָט ער געענדיקט זינגען די שבת־צונאַכטיקע זמירות. די שיינע, די בענ־קענדיקע, דבקותדיקע זמירות. אין זיין נשמה קלינגט נאָך מיט בענקעניש: „אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי...״

ער זיצט ביים טיש, נעבן אַן אָפענעם פענצטער, איבער דעם זוהר. גאַנץ אַשיפאָווע שלאָפט. עס איז נאַכט, נאַכט... שטילעס, שטילעס איז פאַר־גאָסן אויף די ברייטע אָפענע פעלדער אַרום אַשיפאָווע. אויף דעם טייך דאָרט, הוצן שטעטל, אויף זיינע אַלטע ביימער, וואָס היטן זיינע ברעגן, אַזוי איינזאַם, אַליין... די שטילקייט נעמט אַרום דאָס וואַסער, יעדן גרעזל, יעדן בוים אויף די פעלדער, יעדן שטיינדעלע ביים טייך.

נאַכט. אַ ליבע, אַ טיפע, אַ שטומע זומער־נאַכט. אַשיפאָווער הייזער טאָרטשן שטומערהייט אין דער שטילער נאַכט אַריין. מיט עקשנות פאַר

זיך אַן אָרט פאַרנומען. צופעליקע, מחשבות אין אַן אייביקער, אייביקער נאַכט...

די לבנה שיינט אין דער שטילער נאַכט אַריין. די לבנה אַ בלאַסע, אַ קלאָרע, שיינט רויק, נישט צוליב קיינעם, ווי פאַר זיך.

נאַכט. אַ נאַכט פאַר זיך אַליין, מיט זיך און אין זיך. די הימלען, די שטערן, די לבנה — זיי טראַכטן, זיי רעדן רויק, מיט זיך אַליין און פאַר זיך:

— עס איז נאַכט...

— איצט איז די ערד געגליכן צו אונדז...

— דעם אָנהויב און דעם סוף נעמען מיר אַרום. דער אָנהויב און דער סוף איז אין אונדז, מיר אַליין זענען עס...

— וואָס?... וואָס איז גאָט, ערד, מענטש?... ווער ווייס?...

— ווער ווייס?...

ר' אלחנן זיצט ביי זיך אין צימער ביים טיש, נעבן אַן אָפענעם פענצטער. אויפן טיש, פאַר אים, ליגט אָפן דער אַלטער זוהר; ר' אלחנן קוקט דורכן פענצטער אין גאַס אַרויס און טראַכט וועגן טאָג און נאַכט, וועגן גאָט, וועגן דעם טיפן, טיפן זוהר.

ר' אלחנן שטייט אויף פון טיש, גייט אַרום איבער זיין צימער הין און צוריק. זיין שטאַרקער, שטאָלצער, טראַכטנדיקער שטערן איז פאַרטיפט אין מחשבות; זיינע קאַרע, גרויסע, ווייכע, טיפע, בענקענדיקע אויגן לייכטן און זוכן וואָס... ער גייט אַרויס פון שטוב. ער גייט אויפן גאַניק אַרויס. נאַכט. די לבנה שיינט אין דער שטילער נאַכט אַריין. אַ בלאַסע, אַ קלאָרע, שיינט רויק. נישט צוליב קיינעם, פאַר זיך. ר' אלחנן פאַרטיפט זיך אין דער נאַכט, אַ תפילה טראָגט זיך ביי אים אין האַרצן:

— גאָט... איך גלויב... דו ביסט דער טאַטע. די תורה איז די כלה. מיר, דיין פאָלק ישראל — דער חתן. נעם אַראָפּ פאַר דעם חתן דעם לבוש פון דער ליבער כלה... דעק פאַר מיר אָפּ מיין שיינע כלה, איך וויל אירע סודות וויסן...

און ער טראַכט:

— עס וועט געשען... אויף וואָס ער וואַרט, וועט געשען... ער וואַרט... ער וואַרט... ער וואַרט...

נישט וויט פון גאַניק נעבן אַ שטוב שטייט שמואל דער משוגענער.

זיינע אויגן זענען יונג, און זיין קאָפּ און באָרד זענען עפּעס אַזוי משונה, פאַר דער צייט ווייס, גרוי. זיין הויכע, דאַרע פיגור טוליעט זיך אין זיך אַליין, עפּעס אַזוי ביטער, אומרויק. ער וויל זיך ווו באַהאַלטן?... ווו?... אין זיך אַליין, אין זיין שאָטן, אין אַ וואַנט פון אַ שטוב פאַרבאָרגן צו ווערן?... ער טוליעט זיך, טוליעט זיך אין זיך אַליין, אין זיין שאָטן. עפּעס אַזוי ביטער, אומרויק. ער הויבט אויף זיינע אויגן צום הימל צו, און ער גייט אַוועק אַ היין, דאָרט צו, ווו דער ווינקל הימל איז ווייס. די זון האָט דאָרט איר וועג געלאָזן, נישט צוגענומען מיט זיך. ער גייט אַריין אַהין, אַהין, איבער די שלאָפעדיקע, שטילע, נאַכטיקע גאַסן. טוליענדיק זיך משוגע, אין זיך, אין זיין שאָטן...

ר׳ אלחנן שטייט אויפן גאַניק. ער איז פאַרטיפט אין דער נאַכט. זיין נשמה פרעסט אַ טרויער, אַ בענקעניש. ער וואַרט... ער וואַרט... ער וואַרט...

ער גייט אַראָפּ פון גאַניק. ער גייט איבערן גאַס. ער פאַרלאָזט די גאַס און גייט ווייטער. ער גייט חוצן שטאָט, אַ ברייט, אַ פריי פעלד איז דאָרט פאַראַן. אַן איינזאַמער, אַן אַלטער בוים שטייט דאָרט אַליין... איינזאַם, אַליין אין מיטן אַ גרויסן פרייען פעלד... ער גייט אַהין, חוצן שטאָט, אין פעלד אַריין:

— דער בעל שם טוב פלעגט זיך אויך מיחד זיין אַליין, אַליין אין די פעלדער...

נאַכט. אַ נאַכט פאַר זיך אַליין. מיט זיך, אין זיך. די הימלען, די שטערן, די לבנה — זיי טראַכטן, זיי רעדן רויק, מיט זיך אַליין און פאַר זיך:

— עס איז נאַכט...

— איצט איז די ערד געגליכן צו אונדז...

— וואָס איז געווען, וואָס עס וועט זיין — מיר נעמען עס אַרום. וואָס עס איז געווען, וואָס עס וועט זיין — אין אונדז איז עס. מיר אַליין זע־נען עס...

— וואָס?... וואָס איז גאָט, ערד, מענטשן... ווער ווייס?...

אליהו דער שוחט

אויף דעם ברייטן, לאנגן שליאך, וועלכער פירט פון סלאוווטע קיין טראַקסק, אַראָפּ אַ הויכן באַרג, אויפן מיטן וועג צווישן דיביידע שטעט, ליגט זיך אליין א קליין שטעטעלע זאַמאסע. זיינע אָרעמע, קרומלעכע אלטינקע הייזעלעך שטייען זיך צעוואָרפן איינס פון דעם אנדערן, און פאַרטרונקען זענען זיי אין אַזאַ ווילדער עלנטקייט, אַז עס כאַפּט אַ רחמנות ביים הארצן. די ברייטע, לאנגע פעלדער, וועלכע רינגלען עס אַרום און פארשפרייטן זיך אין גאַטס וועלט אריין אזוי פריי און אָפן, מאכן דאָס שטעטעלע נאָך מער עלנט און ווילד, מער רחמנותדיק...

און אין דעם דאָזיקן שטעטעלע זאמאסע האָט געוווינט א שוחט. זיין נאָמען איז געווען אליהו. ער איז געווען אַ ייִד פון אַ יאָר דרייסיק. מאָדנע הויך געוואוקסיק און מאָדנע דין, מיט א משונה יונגן פנים, פון וועלכן עס האָט אַרויסגעשטעקט אַ שיטער קליין ציגענע, ווייס־געלבלעך בערדל, מיט גרויע אַרויסגעשטאַרטשעטע תמעוואַטע אויגן. נעבן ווינקל פון זיין רעכטן זייט מויל איז שטענדיק געלעגן אַ קליינער, ביטערער, אומגעלומפּערטער קנייטשל.

מענטשן לעבן דאָך; מען ווערט געבוירן, מען שטאַרבט, — און ווער ווייס, צוליב וואָס מען ווערט געבוירן און פאַרוואָס מען שטאַרבט?... איין גאָט אין הימל ווייס, און אפשר ער אויך נישט... מען האָט הנאה צו זען, ווי די זון גייט־אויף און פאַרגייט אין א ליבן זומערטאָג, — און ווער ווייס, פון וואַנען די הנאה קומט?... מענטשן לעבן דאָך; מען האָט ליב די אויגן פון שיינע פרויען און מען פארהאסט א מיאוס, נאַריש פנים, מען האָט ליב דעם, פיינט יענעם, — און ווער ווייסט די סבות פון אלץ, וואָס קומט פאָר אין לעבן און אין מענטשנס האַרצן? ווער ווייס?... אליהו דעם שוחט האָט מען אין שטעטל נישט ליב געהאַט. פאַרוואָס האָט מען אים נישט ליב, האָט קיינער נישט געוווּסט אויף קלאָר. ער איז געווען זייער אַן אָרנטלע־

כער מענטש, אַן אמתער מענטש, גרייט צו טון יעדערן אַ טובה און אַ גרויסער „אומן" אין דער שחיטה, נאַר... „אַ נאַר" — האָבן אַלע געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף אים. „און בעסער מיט אַ קלוגן אין גיהנום, איידער מיט אַ נאַר אין גן־עדן".

אין וואָס איז באַשטאַנען זיין נאַרישקייט, האָט אויך כמעט קיינער נישט געוווּסט אויף קלאָר. אָט אַזוי ווי ער אַליין, וועלכער האָט אָפט גע־קלערט וועגן דעם, וואָס דאָס שטעטל האָט אים נישט ליב, האַלט אים פאַר אַ נאַר און האָט אויך נישט געוווּסט פאַרוואָס און פאַרוועז.

— וואָס איז דאָ פאַראַן אַ סך וואָס צו שמועסן — פלעגט בעריל דער קצב, אַ הויכער, אַ מגושמדיקער ייד מיט אַ ווילדן ארומגעוואקסענעם שווארצן פּנים, אויסשרייען כעסדיק מיט זיין מגושמדיקער שטים, ווען מען פלעגט רעדן וועגן אליהו דעם שוחט, — אַ נאַר און אַ סוף מיט די בעבעכעס!

און עפּעס טאַקע דווקא מיט אים פלעגן זיך טרעפן מאָדנע סיבות, אַזוינע, פון וועלכע דאָס שטעטל פלעגט תמיד האָבן וועגן וואָס צו רעדן און פון וואָס צו לאַכן. למשל: נייט זיך אליהו דער שוחט אויף אַ סורדוט. ער סטאַרעט זיך צו נעמען די שענסטע סחורה און נייען נייט ער דעם סורדוט ביי חיים דעם סאָלדאַט, דעם בעסטן שניידער אין שטעטל. וואָרום ליב האָט ער, אַז אַ בגד זאָל זיין שיין און פיין און גוט אָפּגענייט. און דאָך צום סוף קומט אַרויס, אַז אין דעם סורדוט איז אָדער די טאַליע אין אים אַזוי הויך, אָדער דער קאָלנער אין אים זיצט אַזוי נידעריק, אַז אַלע קוקן און שמייכלען און המצאהן זיך... אָדער נייט ער זיך ווען אַן אויבער־בגד. דער קאָלנער און די טאַליע אין אים ליגן זיך שוין יאָ אויף זייערע ערטער ווי עס באַדאַרף צו זיין, זענען אָבער די אַרבל אַזוי לעכערלעך קורץ. און ווען ער נייט זיך אוי־ף זומער אַ פּאָר גרינגע הויזן. דערצו באַשליסט ער ביי זיך פּעסט אויפצונייען זיך אַ פּאָר גוטע שיינע שיך פון אמתן האַמבורג־לעדער, און ער חלומט ביי זיך אין הארצן, באַהאַלטן פון אַלעמען, ווי אַזוי ער וועט דאָס אַרומגיין מיט די אַראָפּגעלאָזענע הויזן — ער האָט זייער ליב געהאַט גיין מיט אַראָפּגעלאָזענע הויזן — אויף די שיין־אויסגעפּוצטע שיך. ער וועט זיך פילן דאַן אַזוי לייכט, אויפן הארצן וועט זיין אַזוי

פריילעך, גוט. בין מנחה למעריב א גאנצע וואָך אָדער שבת פאר מנחה, ווען ער וועט זיך דורכגיין שפּאצירן איבער דער איין־איינציקער גאס פון זאמאסע, איבער דעם גאנצן שטעטל און נאָך ווייטער, חוצן שטעטל אין שליאַך אַריין, וועט ער דאן אזוי הנאה האָבן פון די הויזן מיט די שיך... איז אָבער ווען ער מעסט אָן די הויזן, זענען זיי אויף אים אַזוי קורץ, אַזוי קורץ... און וואָס נאָך? — זאָגט ער דעם גולם, חיים דעם סאָלדאַט:

— אזוי קורץ!...

שטעלט אויף אים אַרויס חיים דער סאָלדאַט אַ פּאָר אומגעלומפּערטע אויגן און מאַכט זיך תמעוואטע:

— וואָסי, וואָס?... אַ ריסטוקראט זענט איר?... איר זענט דאָך א שוחט און טראָגט דאָך שטיוול...

און אין שטעטל, אויף מאָרגן, טראָגן זיך שוין אַרום גלייכווערטלעך און המצאות מכוח אים און זיינע קורצע הויזן. לסוף דעררעדט מען זיך אויך אין שטעטל צו זיין באהאלטענעם סוד אין הארצן, אז אים האָט זיך געוואָלט טראָגן די הויזן מיט אראָפּגעלאָזענע קאָלאָסעס, און מען שמייכלט, און מען לאַכט פון אים.

און נישט דווקאָ צוליב זיינע בגדים פלעגט ער האָבן עגמת־נפש — עפּעס אין אַלץ, אין אַלע זיינע מעשים, ווו ער זאָל זיך נישט קערן און ווענדן. וואָלט ער כאָטש אין גאָרנישט נישט געמישט זיך, וואָלט ער כאָטש זיך נישט מתעסק געווען אין שטעטל־זאַכן, פלעגט אָבער טרעפן, אַז נישט ווילנדיק, נישט ווילנדיק און ער כאַפּט זיך אַריין אין אַ שטעטלדיקן עסקל. און מתעסק זיין זיך אין וואָס פאַר אַ זאַך דאָס זאָל נישט זיין פלעגט ער תמיד מיט חשק, מיט היץ און התלהבות. אין שטעטל פלעגט מען אָנרופן אלע זיינע עסקים „נאַרישע", און דער סוף פון אלע זיינע עסקים איז געווען, אז תמיד פלעגט עפּעס טרעפן אַזאַ זאַך, פאַרוואָס מען פלעגט שרייען און זידלען אים. ער אַליין פלעגט טיף אין האַרצן נישט פאַר־שטיין, וואָס ווילן זיי פון אים. וואָס שרייען זיי? דאַכט זיך, ער איז גע־רעכט... למשל: אין בית המדרש איז נישטאָ קיין זייגער. איז דאָס דען

טאַקע אַ כבוד פאַר אַ בית־המדרש אָן אַ זייגער? אמת טאַקע, דאָס שטעטל איז זייער אָרעם, אָבער... מען ווייסט דאָך נישט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט מען איז, און מען ווייסט נישט, ווען צו שטעלן זיך דאַווענען אין דער פרי. און עס איז גלאַט קיין צורה נישט אַ בית המדרש אָן אַ זייגער. מאכט ער א וואכער און צעשטעלט די בעל־בתים פון שטעטל צו קאָפּיקע א וואָך פון יעדערן, און דער חשבון טראָגט אויס אַזוי, אַז אין אַ משך פון א האלבן יאָר וועט שוין אָנקלייבן זיך דאָס גאנצע געלט. און טאָמער וועט אפילו נישט דערגיין ביי א רובל אַן ערך, וועט שוין אים דער טראקסקער זייגערמייסטער דערבאָרגן — פאָרט זאמאסער שוחט! קלייבט ער אליין דעם וואכער אלע פרייטאָג בייטאָג און חלומט שוין, ווי ער וועט זיך אין איינעם אַ גוטן זומער־טאָג אין דער פרי אַוועקפאָרן קיין טראַקסק קויפן דעם זייגער. אין קריטע, צוואנציק וויאָרסט פון זאמאסע, ביי ר׳ חיים דעם קרעטשמער, מיט וועלכן ער איז באַקאַנט, וועט ער פאַרברענגען אַ פאָר שעה. מען וועט אים דאָרטן צונעמען בכבוד גדול, וואָרום ר׳ חיים דער קרעטשמער איז אַ גרויסער מוקיר רבנן און אַן איידעלער מענטש. ער וועט זיך מיט אים דורכשמועסן אביסל אין וועלט־זאַכן און וועט פאָרן ווייטער. און זומער פאָרן אין וועג צווישן אַ געדיכטן וואלד אָדער אין פראנקע פרייע פעלדער!... מען פאָרט און מען קוקט פאָרויס אויף די וועלדער און פעלדער, וועלכע מען פאָרט פארביי... אויפן הארצן קיין עגמת נפשן זענען נישטאָ, און מען פאָרט... אין טראקסק וועט ער נעכטיקן. ער וועט זיך דאָרט דורכשמועסן מיט ישראל דעם זייגערמייסטער, וועלכן ער האָט געזען אַמאָל אין זאמאסע און וועלכער הערט זיך פאַר אַ קלוגן ייִדן. ער וועט ביי אים אויספרעגן, וואָס הערט זיך אין טראקסק, און וועט זיך אָנהערן פון אים נייעס, דערוויסן זיך, וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַנצער וועלט... אויך וועט ער אפשר פארגיין צום שוחט פון טראקסק. ער וועט זיך עפּעס נאָר אָפּפרישן מיט דער נסיעה, אָפּלעבן זיך. וואָרום טאַקע מען ליגט פארוואָרפן שטענדיק אויף איין אָרט אין דער קליינינקער זאמאסע... און איבערהויפּט ער וועט פאָרן... פאָרן... ער וועט פאָרן דורך געדיכטע וועלדער און אָפענע, פרייע פעלדער... ער ווערט אינגאַנצן צערייצט און צעהיצט, קלערנדיק וועגן דער נסיעה. אַ פאָר וואָכן פאַר דער נסיעה רעדט ער שוין א סך און מיט היץ מכח זיין פאָרן קיין טראקסק.

דינגט זיך שוין מיט די בעלי־עגלות און סטאַרעט זיך, אז די נסיעה זאָל קאָסטן וואָס ווענלעווער — קהלשע געלט!... איז אָבער גראָד א פּאָר טעג פאַר דער נסיעה, ווען ער גייט אַריין אין שול צו מנחה, דערזעט ער ישראל דעם טראַקסקער זייגערמייסטער פאר די אויגן, און ער הערט, ווי יענער זאָגט, אז מען דארף נישט פאָרן נאָכן זייגער. זאָל מען אים נאָר געבן דאָס געלט, וועט ער דעם זייגער אַליין צושיקן מיט וועמען עס איז. ביי אים אין הארצן רייסט זיך עפּעס אָפּ, און ער פילט, ווי זיין פּנים פלאקערט עפּעס משונה. ער סטאַרעט זיך זיין איינגעהאַלטן, זיין רויק, גייט צו צו דעם רעדל מענטשן, וועלכע רינגלען אַרום ישראל דעם זייגערמייסטער, גיט אים אָפּ „שלום" און זאָגט, דאכט זיך, שטיל, געלאסן, איינגעהאלטן:

— פונדעסטוועגן איז דאָך דאָס א זייגער... מען קאָן נישט מיט אבי וועמען שיקן אים. מען דארף אליין פאָרן...

— זע, ווי ער האָט זיך צעקאָכט און צעהיצט... פאָרן ווילט זיך אים, ווי אַ קליין קינד... איר ווילט אַרויסוואַרפן געלט אין בלאָטע, דינגט אייך אַ פור פאַר אייער אייגן געלט און פאָרט אייך כאָטש קיין האַצע־פּלאַץ...

און אויף מאָרגן פרי צום דאַווענען, ווען דאָס גאַנצע שטעטל קומט זיך צונויף אין שול, איז נישטאָ קיין סוף פון דעם לאַכן און שמייכלען פון אים.

אָדער מען דערהערט אין שטעטל, אז נעבן זאמאסטע, א וויאָרסט צען, האָבן ייִדישע וואַלד־סוחרים געהאנדלט א וואלד און האָבן זיך דאָרטן שוין באַזעצט אויסצוהאַקן דעם געקויפטן וואַלד. קומט אויס ביי אים, אַז אַזוי ווי פון די סוחרים וועט מען דאָך אין שטעטל גאַרנישט פאַרדינען, און דעם וואלד האָבן זיי דאָך געהאַנדלט ביי דעם זאמאסער פּריץ, איז אַ יושר, אז זיי זאָלן מנדב זיין האָלץ אויף ווינטער פאַר דעם בית־המדרש. און ער רעכנט, אז זיי וועלן עס געוויס טון. מען דארף מער נישט פאָרן צו זיי און בעטן. לייגט ער פאַר דעם פלאַן אין איינעם אַ פרימאָרגן אין שול ביים דאַוונען. געפינען דאָס אַלע פאַר א גלייכע זאך. נו, און פאָרן, פאַר־שטייט זיך, דאַרף ער פאָרן. וואָרום ווער דען? דער רב זאָל פאָרן — איז דאָך דאָס פאר אים צו פיל טרחה. נו, בלייבט דאָס אַזוי. חלומט ער שוין ווידער מכח דער נסיעה, מכח נייעס הערן, מכח זיינע שמועסן מיט די סוחרים מכח די אָפענע פעלדער און די געדיכטע וועלדער... אָבער זאָגט

איינער א סברה, און טאַקע אָט א טאָג פאר דער נסיעה, אז ביי איינעם פון די סוחרים איז די טעג יאָרצייט, און ער האָט געהערט, אַז ער רעכנט צו קומען קיין זאמאסע אויף יאָרצייט. רייסט זיך אים ווידער עפּעס אָפּ אין הארצן, דער פּנים, פילט ער, פלאַקערט ווידער משונה, און ער זאָגט, דאכט זיך, ווידער איינגעהאלטן, געלאַסן:

— דאָס איז דאָך נישט אַ געוויסע זאַך, און טאָמער קומט ער נישט?...

פּאַלט מען אויף אים ווידער אָן מיט כּעס און געשריי:

— זע, ווי ער האָט זיך צעקאָכט און צעהיצט... פאָרן ווילט זיך אים ווי אַ קליין קינד...

און בערל דער קצב, וועלכער איז גראָד דערביי אין בית־המדרש, טענהט אויפן קול:

— וואָס איז דאָ פאראן א סך וואָס צו שמועסן — אַ נאַר איז אַ נאר, און א סוף מיט די בעבעכעס!

***

פאַר אַ שוחט, אַ שוחט אין זאַמאָסע איז אליהו אָנגעקומען אַ יאָר דריי נאָך זיין חתונה. ער איז דאַן אלט געווען א יאָר צוויי־און צוואנציק. תיכף ווי נאָר ער איז אַריינגעפאָרן אין זאַמאָסע, האָט ער אָנגעהויבן צו פילן, אַז אים לעבט זיך עפּעס נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין... שווער... פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?... ווער איז אין דעם שולדיק?... ווי קען ער עפּעס מאַכן, אַז ס'זאָל זיך אים לעבן אַנדערש, און אין וואָס באַשטייט די שווערקייט פון זיין לעבן? דאָס אַלץ האָט ער אויף קלאָר אַליין אויך נישט געוווּסט. נאָר עפּעס שטענדיק, שטענדיק דריקט אים אויפן הארצן. אין דעם ערשטן האַלב יאָר פון זיין באַזעצן זיך אין זאַמאָסע האָט ער שוין באַמערקט, אַז דאָס גאנצע שטעטעלע, וואָס איז באַזעצט מיט עמי־הארצים און גראָבע מענטשן, האָבן אים נישט ליב. זיי יאכמערן זיך נאָך!... און בערל דער קצב רופט אים אָן אין די אויגן „נאַר״... מער נישט דער רב אליין האָט זיך משתדל געווען יאָ צו מקרב זיין אים, האָט געפּרוּווט ריידן גוטס וועגן אים און איינרעדן אַלעמען אין שטעטל, אַז מען זאָל זיך מיט אים גוט באַגיין. נאָר נישט זיינע רייד האָבן וואָס געהאָלפן און נישט זיין התקרבות

האָט אים געמאכט גרינגער אויפן הארצן. עפּעס דעם רבס התקרבות צו אים האָט גאָרנישט געגעבן. האָט אים גאָרנישט געמאכט בעסער, פריי־לעכער אויפן האַרצן... פאַרוואָס האָט מען אים נישט ליב אין שטעטל, פאַרוואָס האַלטן אים אַלע פאַר א נאר און פאַרוואָס האָט דאָס בערל דער קצב די העזה רופן אים אין די אויגן נאַר? — האָט ער נישט געוווסט, נישט פארשטאַנען. און עס פלעגט טרעפן, אַז ער פלעגט ווערן ביי זיך שטאַרק ברוגז און אין כעס אויף אלעמען און פלעגט בשום אופן נישט פארשטיין, וואָס איז דאָס אַזוינס. ער, וועלכער קאָן כמעט אויף אויסנ־ווייניק דעם „צהר התיבה", וואָס נישט נאָר אָ שוחט, אפילו גרויסע קע־נערס ווייסן אים אויך נישט אזוי קלאָר ווי ער. ער, וועלכער איז אַזאַ פיינער בעל־קריאה, מיט דקדוק... און וועלכער איז באהאוונט אין פּאָליטיק און אין וועלט־זאַכן און קאָן דורכשמועסן זיך מיט אַ מענטשן אויך און דווקא גאָר פיין! וועלכער האָט אַזוי פיל מענטשן אַנגעזעןן, ווען ער איז געווען אַ „זיצער" ביים רבין, איידער ער איז אריינגעפאָרן אין זאמאסע, און אויך בשעת ער האָט זיך געלערנט שחיטה אין דענעבורג, היינט אזא „אומן" אין דער שחיטה און אין שטעלן א חלף, — איז ער זיי, די שוטים און פּראָסטע מענטשן, נישט געפעלן... זיי יאכמערן זיך נאָך!... און ער איז אזוי עלנט אין שטעטל, אפילו אן אמתן גוטן פריינד האָט ער נישט... היינט אַ חוץ דעם וואָס מען האָט אים נישט ליב אין שטעטל, וואָס מען האלט אים פאר א נאר — זיין אייגענעם לעבן: זיין ווייב די „בריאה משונה" און די אָפּגעלאָזענע. אין שטוב איז שטענדיק נישט ריין, אויף דער נשמה איז שטענדיק נישט גוט און דאָס הארץ דריקט, דריקט און שטיקט עפּעס... און אָט אזוי איז א טאָג נאָך א טאָג געלאָפן, א יאָר נאָך אַ יאָר געגאַנגען. די בגדים זיינע, וועלכע ער פלעגט זיך אויפנייען, פלעגן תמיד אַרויסרופן ביי אַלעמען געשפעט און המצאות און פאַר וואָס ער זאָל זיך נישט נעמען זיך מתעסק זיין נאָך אלע זיינע קאָכן זיך, היצן זיך, ווערט צום סוף פון דעם גאָרנישט, און מען שרייט נאָך אויף אים און מען זידלט אים און מען לאַכט פון אים. דאָס ווייב זיינס האָט דריי מאָל נאָכאַנאַנד מפּיל געווען, און דאָס קינד, וואָס זי האָט יאָ געהאַט א לעבעדיקס צום פערטן מאָל, איז אויך אַ שלאָפּינקעס, א קרענקלעכעס און שרייט תמיד. און זי אליין פון טאָג צו טאָג ווערט מיאוסער און מיאוסער, מער אָפּגע־

לאָזן, און אין שטוב איז נישט אריינצוגיין פון נישט ריינקייט און פון דעם פארשטיקטן אויר...

און אויפן הארצן דריקט, דריקט, און פון טאָג צו טאָג אַלץ מער און מער. עס טוט אַזוי ווי דאָס האַרץ, אַז עפּעס אויסדערציילן דאָס הארץ פאַר וועמען עס איז ווילט זיך... ווילט זיך.... און עפּעס ווילט זיך אים, אַז כאָטש אויף א ווײַלע, אויף איין ווײַלע, זאָל אים זיין לייכטער און גרינגער אויפן האַרצן... איין ווײַלע... נאָר עפּעס ווי א בייזער שונא שטייט הינטער זיינע פּלייצעס און לאָזט נישט צו צו דעם.

עס פלעגט טרעפן, ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף זומער אין דער פרי, דורכן טיר פון זיין פינסטערן שלאָף־צימער זעט ער, ווי די זון צעגיסט זיך דורך די פענצטער אין עסצימער אַריין, — זיין וווינונג איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן: אַן עס־צימער און אַ פינצטער שלאָף־צימער, — און זי באַלייכט דאָס צימער מיט אַזאַ קלאָרער, בלישטשענדיקער, פרישער ליכטיקייט און מאַכט דאָס צימער אַזוי לעבעדיק און ריין. אים טוט א שלעפּ אין דעם דאָזיקן ליכטיקן, ריינעם צימער. ער טוט זיך אָן, גיסט אָפּ נעגלוואַסער, גייט אַרויס אין עס־צימער און עפנט פאַנאַנדער אַ פענצטער. זיין פּנים באַגעגנט א שטראָם פון א ריינעם, פרישן פעלד־ווינטעלע, און אַ זשוק, א שוואַרץ־גלאַנצנדיקער פליט דורך זשוזשענדיק פאַרביי זיין פּנים. ער שטעקט אַרויס דורכן פענצטער זיין פּנים אין גאַס אַריין. דאָס שטעטעלע שלאָפט נאָך. נאָר דאָרט, אויפן סוף שטעטעלע פאָרן זיך פאַמעלעך, ווי פאַרשלאָפענע, א פּאָר ציגיינער. די פערד גייען זיך טראָט ביי טראָט, פאַרדרעמלט, און די רעדער פון זייערע וועגענער סקריפּן זיך, סקריפּן טרוקן, פאַרשלאָפן... זיי פאָרן זיך אַהין, ווייט, ווייט אין ברייטן, לאַנגן שליאַך אַריין. און אַלץ — דאָס שטעטעלע, דער שליאַך מיט די ציגיינער און די פרייע פעלדער אַרום, אַלץ ווערט פאַרטרונקען אין קלאָרער, פרישער, אָנגעזאַפּט מיט טוי, ליכטיקייט, און א ריח פון טוי שמעקט פון אַלץ... ער קוקט אַ ווײַלע אין פענצטער און אַ שטילע ליכטיקע הנאה הויבט אָן צו וועבן זיך ביי אים אין האַרצן. ער עפנט פונאַנדער אַלע פענצטער פון צימער, גייט צו צום סאַמאָוואַר, שטעלט אים אָן און וואַשט אויס ריין, זייער ריין א גלאָז מיט אַ טעצל. אַז דער סאַמאָוואַר ווערט פאַרטיק, שטעלט ער אים אוועק אויפן טיש, גיסט אָן א גלאָז טיי, נעמט

אַראָפּ פון אַ פּאַליצקע, אין דער הויך, אין ווינקל פון צימער נעבן טיש, זיין געליבטן „צהר התיבה" און זעצט זיך נעבן טיש טרינקען טיי און מעיין זיין אין דעם איינציקן פרייען און קלוגן ביכל, וואָס ער האָט. און ער הויבט זיך אָן צו פילן לייכט, גוט און גאוההדיק... דאָס צימער איז פול מיט ריינע, פרישע ליכט, אויפן גאַס איז אַזוי פריש, און אַ ווינטעלע מיט ריחות פון זומערדיקע פעלדער, בלומען און ביימער, אָנגעזאַפּטיקט מיט טוי, שפּילט זיך מיט זיין פּנים... דער סאַמאָוואַר קאָכט פריילעך, דאָס גלאָז איז אַזוי ריין. דער טיי אין אים א־ז אַזוי קלאָר, אַז זיין פּנים שפּיגלט זיך אין אים אַרויס... און דער „צהר התיבה" איז אַזוי שכלדיק טיף און גרינג פאַרשטענדיק... וואָרום טאַקע: צוויי שוא'ען קאָנען נישט קומען אין אָנהייב פון אַ וואָרט, איינער נאָך דעם אַנדערן, וואָרום ווי אַזוי וועט מען עס לייענען?... בכן מוז קומען אַ נקודה אונטער איינעם פון די צוויי שוא'ען... אַזוי גרינג און שכלדיק!... און אָט אַזוי זיצט ער זיך אַליין ביים טיש און ביי אים וועבט זיך, וועבט זיך א־ן הארצן אַ הנאה פון דער ליכ־טיקייט, פון דעם ריינעם גלאָז טיי, פון דעם „צהר התיבה", פון דעם לעבן... ער נעמט אַרויס פון קעשענע זיין טאַבאַק־פּושקע, מאַכט געלאַסן מיט אַ הרחבה אַ פּאַפּיראָס, צינדט אים אָן, ציט אין זיך אריין מיט גרויס געשמאַק דעם ריח און לאָזט אים אַרויס פון מויל שטיל, לאַנגזאַם און פאַרקלערט זיך. עס קלערט זיך א־ם, אַז ער איז אַ שוחט אין אַ גרויסער שטאָט, גאָר אין אַ גרויסער, אָט אין סלאָוווטע, למשל... דאָס שעכטהויז איז אַ חוצן שטאָט, אָט ווי אין דענעבורג, למשל, און אַלע אין דער פרי קומט נאָך אים אַ גוטע בריטשקע, אויף רעסאָרן, איינגעשפּאַנט א־ן אַ גוטן שיינעם פערד, נעמען אים אין שעכט־הויז. דער וואָס קומט נאָך אים, גייט אריין אין שטוב מיט אַ בכבודיקן ברייטן „גוט־מאָרגן" און מאַכט צו אים:

— „נו, ר' אליהו, קומט זייט זיך מטריח, מיר וועלן פאָרן". ער גייט אַרויס, זעצט זיך ארויף אין בריטשקע און פאָרט אין שעכט־הויז. און דאָס שעכטהויז איז ווייט, ווייט פון שטאָט... מען פאָרט אַרויס פון שטאָט און מען פאָרט דורך פעלדער און וועלדער, איבער בערג מיט געלן פייכטן זאמד און דורך טאָלן, פאַרוואַקסענע מיט פרישן גרינעם גראָז, און ער פאָרט דורך די פעלדער און וועלדער, איבער די בערג און טאָלן... ער פאָרט... פאָרט...

אין דערינען גייט אַרויס די שוחטקע פון דעם פינצטערן שלאָף־צימער מיט איר, ווי תמיד, אָנגעשוואָלענעם פנים, מיט די קרומע, קעצישע אויגן. דער קאָפּ אירער איז באַדעקט מיט אַ נישט ריינעם הייבל, וועלכער ליגט אויפן קאָפּ צודרייט, נישט אויף אן אָרט; דאָס קלייד איז הינטן נישט פארשפיליעט, און א שמוציק העמד זעט זיך ארויס. די קאפטקע איז נאָר האלב פארשפיליעט, און עס טארטשעט אַרויס פון איר אַ ברודנע, הענגענדיקע נארישע ברוסט... און אים אויפן האַרצן ווערט עפּעס אזוי נישט גוט....

— וואָלסט זיך כאָטש אָנגעטון ווי אַ מענטש — ווענדט ער זיך צו איר מיט הארץ־ווייטאָג.

— האָ?... — זינגט זי אים מיטן נאָז האלב פארשלאָפן — וואָס זאָגסטו?

— דאָס קלייד שלעפּט זיך, נ׳עראכצע! — מאכט ער צו איר מיט כעס.

— זע, וואָס שרייסטו אזוי? — שרייט זי אויס מיט א ווילדן פאַרשלאָפענעם קול — שאַ, דיר געפעלט נישט, דאַרף מען נישט! ען, ס׳אַראַ שרייען!

און אים ווערט נמאס דאָס לעבן.

און דעמאָלט לאָזט ער אוועק דעם טיש, דעם טיי, דאָס ריינע גלאָז און דעם „צהר התיבה״, שטעלט זיך אַוועק נעבן פענצטער און קוקט אין גאס אַריין. דאָס שטעטל איז שוין וואך. מלכה די קרעמערקע, א הויכע יידענע, וועלכע וווינט קעגנאיבער זיין וווינונג, שטייט שוין נעבן דער אָפענער קראָם, וואָס איז צוזאַמענגעבויט מיטן הויז, אין אַ הייבל אויפן קאָפּ, אין א פארשמאָלצענעם קליידל אָן א קאפטקע, און שיילט קארטאָפל אויף וואַרמעס, און שרייט און שעלט אַגב דעם מאַן, וועלכער איז אין שטוב. פארוואָס ער האָט געלאָזט חיימקען, איר זעקס־יאָריקן זון, א הויליקן, אין איין העמדעלע, אויפן גאס. צו חיימקען ווענדט זי זיך מיט א ווייכער גוטער שטימע, אַז ער זאָל אריין אין שטוב אָנטון זיך. חיימקע מאכט זיך נישט הערנדיק און זיצט זיך, אויף די הוילע פיסלעך איינגעבויגן צום גרינעם גראָז, וואָס וואקסט ארום זייער שטוב. ער כאפּט פאר די פליגעלעך א ווייסינקע מעלעדיקע באבאטשקע, און, האָבנדיק פחד פאר איר אויפצוהויבן זי ביז זיין פנים, האלט ער זי אויפן גרינעם גראָז און

קוקט עטוואָס פּחדיק אויף איר און האָט הנאה פון איר צאַפּלען זיך... פון אייניקע הייזער דערבײַ הערט זיך א געוויין פון קליינע ק׳נדער, וועלכע זענען אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט, און אין דער קלאָרער, שטילער, שטייענדיקער ליכטיקייט איז זייער געוויין אזוי מאָדנע, אזוי ווילד, אָט ווי דאָס גאנצע קליינע אָרעמע שטעטעלע א׳ן די ברייטע פרייע פעלדער, וועלכע רינגלען עס אַרום. חיים דער שמירער, וועלכער וווינט נעבן מלכה דער קרעמערקע, שמירט שוין די רעדער פון זיין גרויסן וואָגן, אויף וועלכן עס ליגט א גרויסע פּאַס דזיעגאכטס, און קלייבט זיך שוין צו פאָרן מיט די דזיעגאכטס אין דאָרף אַריין. פּינע דער בלינדער, שאָסע דעם קרעטשמערס איינציקער זון, וועלכער איז נאָך קינדווייז בלינד געוואָרן פון דעם וויין, אין וועלכן מען האָט אים געבאָדן פאר א סגולה וועגן, גייט שוין אין בית־המדרש אַריין. זיינע ביידע הענט זענען בלינד פארשפרייט פאָרויס זיך אין לופטן. זיי זוכן פּאַר אים דאָס לייד׳קעס, דאָס פוסטעס אין גאָטס וועלט. זיינע פיס זענען פונאנדערגערוקט איינס פון דעם אנדערן, און זייערע שווערע, נישט זיכערע טריט טאַפּן פעסט די ערד, אויף וועלכער ער טרעט. חיימקע, דערזעענדיק פּינע דעם בלינדן, לאָזט אוועק די באבעטשקע און כאפּט רייצען ז׳ך מיט פּינען:

— פּינע, פּינע — שרייט ער אויס — א פור פּאָרט, א פור פּאָרט.

פּינע דערשרעקט זיך און קערט זיך אָפּ, ספקותדיק און שווער, אָן אַ זייט און שרייט מיט זיין ווילדן קול:

— ווו אַ פור? דו לייגסט, דו לייגסט, ווו אַ פור? — געוואַלד!!!...

חיימקע דערשרעקט זיך פאר פּינעס ווילדן קול און אנטלויפט אין שטוב אריין. אויפן וועג זאָגט אים א שטיק מוסר די מאמע דערפאר, וואָס ער רייצט זיך מיט אַ בלינדן. צו פּינען ווענדט זי זיך מיט א ווייכן באַרו׳קנדיקן קול:

— גיי, גיי, נישט שריי. ער לייגט, ער לייגט: נישטאָ קיין פור, גיי...

און אליהו דער שוחט קוקט און קוקט אין דער וועלט אַריין, און אויפן הארצן דריקט עפּעס, דריקט, און פארשיידענע מחשבות בורמלען זיך אין קאָפּ ביי א׳ם. אָפּט אין אַזוינע צייטן פלעגט זיך אים דערמאָנען זיינער אַ חבר פון חדר, וועלכער איז אַן אפּיקורס געוואָרן, — עסט טריפות און לייקנט אין אלץ... אים פלעגט זיך דעמאָלט אזוי קלאָר הערן די ווערטער,

וועלכע זיין חבר האָט אים אַמאָל געזאָגט. און עפּעס גלייך ווי אָט, אָט הענגט פאַר זיינע אויגן זיין חברס שטים. ער זאָגט:

— נישטאָ קיין גאָט...

דער גאַנצער שטח פון דער ערד ביזן הימל, און אַלץ וואָס אין דעם שטח איז פאַראַן, פלעגט עפּעס ווערן אַזוי ווייס... ווייס... ווייס און מטושטש... און אַ גרויסער פּחד פלעגט אים אָנכאַפּן פאַר אַלץ, וואָס ער זעט פאַר זיך — פאַר דער ערד, הימלען, הייזער, מענטשן... עפּעס אַלץ הענגט אין דער לופטן, אַלץ איז ווייס... ווייס און מטושטש.... און עס איז אַזאַ פּחד!... ער פלעגט זיך אָנכאַפּן ביים פענצטער, גלייך ווי ער וואָלט וועלן אָנכאַפּן זיך ביי עפּעס אַ זאַך, וואָס עס האָט עפּעס אַ ממשות, וואָס מען קאָן דאָס אָנטאַפּן, און צו דערפילן זיך, צי שטייט ער אויף עפּעס, צי שטייט ער נאָך נעבן פענצטער, צי נישט... און ער פלעגט זיך אומקערן נאַריש, אומגעלומפּערט פאַרקלערט צום טיש.

און עס פלעגט טרעפן, אַז ווען ער זיצט אַזוי אומגעלומפּערט פאַר־קלערט, פלעגט אַריינלויפן בערל דער קצב מיט אַ גוואַלד אין שטוב אַריין:

— ען!... איך וועל אייך דאָס נישט שווייגן! דאָס קאַלב ליגט און שרייט, און ער זיצט זיך און טרינקט טיי. איך האָב אייך נעכטן געזאָגט, אַז איר זאָלט קומען פרי פאַרן דאַוונען קוילענען דאָס קאַלב, צי נישט?! ען! דאָס קאַלב שרייט, אַז מען קאָן אין שטוב נישט איינזיצן.

***

אַריינגיין צו וועמען זיצן, פאַרברענגען פלעגט אליהו דער שוחט צו קיינעם נישט, מער נישט צום רב פלעגט ער יאָ קומען ווען, נאָר אויף אַ קליינע ווײַלע. ער פלעגט אפילו אַריין מיט דער מחשבה צו פאַרברענגען, נאָר אים פלעגט עפּעס באַלד ווערן אומעטיק, אויפן האַרצן הויבט אָן צו דריקן וואָס, און ער הויבט זיך אויף און גייט אַוועק. עס פלעגט טרעפן, אַז נאָכדעם פלעגט ער אַ צייט, אַ צייט נישט אַריין צום רב. אָט אַזוי פלעגט זיין ווינטער. נאָר זומער, ווי עס פלעגן זיך נאָר אָנהייבן די הייסע טעג, פלעגט ער אַלע שבת־צו־נאַכט קומען צום רב. ווייל שבת־צו־נאַכט

אין די הייסע טעג איז שוין געווען א חזקה, אז מען גייט זיך באָדן, און צו באָדן זיך האָט אליהו דער שוחט געהאַט אַ משונהדיקן חשק, אָט ווי צו פּאָרן... איבערהויפּט איז זיין חשק געווען גרויס צו דעם ביינאַכטיקן באָדן זיך. שוין פון פרייטאָג אָן פלעגן זיינע מחשבות זיין פארנומען מיט דעם שבת־צו־נאכט. עס פלעגט אים עפּעס שרעקן דאָס הארץ, טאָמער וועט מאָרגן זיין א רעגנדיקער טאָג, אָדער אַנדערע סיבות וועלן זיך מאכן, און דאָס באָדן זיך וועט ווערן צושטערט. אויף מאָרגן, שבת, פלעגט ער א גאנצענעם טאָג זיין צוהיצט און צערייצט, וואַרטנדיק אויף דער מינוט, ווען מען וועט שוין אוועקגיין באָדן זיך. אין שטעטל האָבן אלע געוווסט פון זיין דאָזיקער תאווה און מען פלעגט לאכן פון אים דערפאר און המצאהען זיך איבער אים. ער פלעגט זיך סטארען באהאלטן זיין תאווה טיף, טיף אין הארצן פון אַלעמען, זען זיין איינגעהאלטן רעדן מכח דעם באָדן זיך שטיל, רויק, נאָר דאָך עפּעס האָבן אַלע געלאַכט פון זיין חשק צו באָדן זיך. אָפּזאָגן זיך אינגאנצן פון דעם באָדן זיך האָט ער נישט געקאָנט. עס שלעפּט אים.

און באלד נאָך מעריב, תיכף ווי ער פלעגט אָפּמאכן אין דער היים אויף אַ גלאָז מילך הבדלה, פלעגט ער קומען צום רב. ביים רב איז שוין דער סאמאָוואר זידנדיק געשטאַנען אויפן טיש, און אבא דער מלמד מיט מאָטע דעם קרעמערס יונגן איידעם זיצן שוין ביים טיש און אָנגעגאָסענע גלעזער טיי נעבן זיי. ער פלעגט זיך אויך אוועקזעצן נעבן טיש. די פענצטער פון צימער זענען אָפן, און דער זומער־נאַכט, וועלכע שוועבט אויפן שטעטעלע און אויף די פעלדער אַרום אים, ווילט זיך אַריינשוועבן דורך די אָפענע פענצטער אויך אין צימער אַריין... דער רב גייט אַרום אַהין און צוריק, צונויפלייגנדיק דעם טלית, וועלכן מען האָט אום שבת נישט געטאָרט צונויפלייגן, און זינגט אויפן קול היימלעך „ויתן לך“. מאָטע דעם קרעמערס אַן איידעם העלפט אים אונטער ברומלענדיק. די רביצין, גאווהדיק, נאָך אין שבתדיקן צעפּטשיק, גיסט אָן טיי פארן רב, פארן שוחט, פאר זיך. א צומישונג פון אלערליי גרינגע רייצנדיקע ריחות, איינגעוויקלט אין דער נאַכטיקער שטילקייט, בלאָזן זיך דורך די פענצטער אין שטוב אריין און גלעטן און פארשיכורן דאָס הארץ, דעם מוח... עס הערט זיך פון גאס, ווי דאָס שטעטל לויפט צום ברונען, וועלכער איז געווען

נעבן רבס הויז, כאפּן וואסער פון מרימס קוואל, וואָס שבת־צו־נאכט נאָך הבדלה קייקלט ער זיך דורך איבער אלע ברינעמער פון דער גאנצער וועלט... עס הערט זיך, ווי עס ווערן פארשווונדן אין דער שטומער זומער־נאכט האלבע ווערטער, האלבע געלעכטערס, וועלכע קומען פאָר צווישן די שעפּער וואַסער, און דער אַצעפּ סקריפּעט אַזוי זומערדיק... און אליהו דעם שוחטס פּנים איז משונה, טארטשעט און אינגאַנצן נאַריש צעהיצט און נישט רוּיִק, ווי עפּעס א מענטש, וואָס ווארט אזוי אויף א באגערטע זאך, וואָס מוז, מוז פאָרקומען, נאָר איין גאָט אין הימל ווייס, צי דאָס וועט יאָ, אויף אן אמת פאָרקומען....

נאָכדעם, אז מען פלעגט אָפּטרינקען טיי און אביסל אָפּקילן זיך, פלעגט מען אוועקגיין באָדן זיך. אין שטעטעלע איז שוין שטיל, ווו נישט ווו איז נאָך אָפן אַ פענצטער, ווו נישט ווו זיצט ווער אויף אַ פריזבע נעבן שטוב אין די אונטערשטע ווייסע הויזן און אין אַרבע כנפות און דרעמלט. אויפן סוף שטעטל פלעגן זיי עפּעס ווי דערזען ווייט פון זיך צום שליאַך צו אַ פּאָר שאָטנס פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך געאיילט אוועקגיין ווייטער, ווייטער אַהין, אהין אין שליאַך אריין. ביי אַלעמען אין מוח פלעגט דורכלויפן, ווי א ווינטעלע, א מחשבה, אז אפשר איז דאָס שמואלקע דער שניידער מיט יאכנע־האשע דער בעדער׳נס טאָכטער, אויף וועלכען מען מורמלט אין שטעטל, און מען פלעגט זיך אוועקגיין ווייטער. אליהו דער שוחט פלעגט אַפילו די מחשבה ווי אָפּשטעלן אויף אַן אָרט און די שאָטנס פלעגן עפּעס ווי א שלעפּ טון אים צו זיך, נאָר ער פלעגט אוועקגיין מיט אַלעמען גלייך. מען פלעגט אַרויסגיין פון שטעטל, אַרויפגיין אויף דעם פּריצס לאָנקע, איבער וועלכער מען גייט צום טייך.

דעם פּריצס לאָנקע האָט געהאט פון איין זייט א געדיכטן שווארצוואַלד און פון דער אַנדער זייט א פריי אָפענעם פעלד. די טיפע שטומע זומער־נאכט פלעגט זיין פארזונקען אין סודות און מחשבות. דער הימל איז רייף און טיף, די לבנה מיט די שטערן קוקן זיך אויף גאָטס וועלט אזוי שטיל און נאַיוו. אלץ איז פאַרקלערט. אלץ איז פארטראכט... שטומע, אייביק שטומע מחשבות נעמען ארום די גאנצע וועלט און ווערן געבוירן אין איר פון רגע צו רגע אלץ מער און מער. שטומע, אייביק שטומע מחשבות טראָגן זיך איבער די גרינע שטילע גראָזן, זענען באהאלטן א ן

דעם געדיכטן וואלד, זיי הענגען אויף יעדן צוויַיג, צוגעטוליעט צו יעדן בוים, זענען פאַרשפּרייט און שוועבן איבער די פעלדער און זיי סודען זיך שטום... שטומע, אייביק שטומע זומער־נאכטיקע מחשבות!... ווער ווייסט, וואָס סודען זיי זיך?... זומער־נאכטיקע הימל און ערד, וועלדער און פעל־דער, ווער ווייס זייערע שטומע, אייביק שטומע מחשבות אין די ליבע, טיפע הארצבעבנקענישע שטומע זומער־נעכט?... ווער ווייסט?...

און זיי, דער זאמאסער רב, אבא דער מלמד, מאַטע דעם קרעמערס איידעם און אליהו דער שוחט בראש גייען זיך איבער דער לאַנקע צום טייך צו. זייערע שאָטנס פויזען זיך איבערן גראָז הינטער זיי. דער ערשטער צום טייך קומט תמיד אליהו דער שוחט. ער טוט א שטעק די האנט אין וואַסער אריין און זאָגט משונה פריילעך:

— זייער ווארעם...

מען טוט זיך שטיל אויס. מאָטל דעם קרעמערס איידעם זאָגט זיך דערביי א פּאָר גלייכווערטלעך, און מען לאָזט זיך אין טייך אריין, ווו עס איז פארטרונקען א גאנץ שטיק הימל מיט שטערן. אריינלאָזנדיק זיך אין טייך, טוט זיך דער פארטרונקענער הימל מיט די שטערן אביסל א דריי אין וואַסער אהין און אהער, און פיר ווייסע, קלאָרע קערפּערס ווערן פאר־טרונקען אין דעם קלאָרן, אָן־קאָלירדיקן וואַסער פון טייך. אליהו דעם שוחט, פון די ווייסע, קלאָרע קערפּערס, וועלכע ווערן פארטרונקען אין דעם קלאָרן וואסער, פון דעם דרייען זיך אַהין און אהער אין וואַסער, פון דעם פארטרונקענעם הימל מיט די שטערן, הויבט אָן אין זיין הארצן וואָס צו רייצן זיך היימלעך און פריילעך, און ער הייבט אָן שטיפנדיק, ווי א קינד, צו ווייזן אלערליי קונצן אין שווימעריי: אויפן רוקן, אָן הענט, אזוי געדרייט זיך אין וואַסער אויף אַלערליי אופנים... נאָכדעם, אַז מען פלעגט אַרויס פון טייך און מען האָט שוין אָנגעטאָן זיך, פלעגן אלע פאררויכערן צו פּאַפּיראָס און מען פלעגט גיין אהיים. גיין פלעגט מען שטיל, לאנגזאם, אָט עפּעס גלייך ווי די שטומע, טיפע מחשבות פון דער נאכט שלעפּן צו זיך, און עס איז באנג צו שיידן זיך מיט זיי... נאָר לאנגזאמער פון אלע־מען, און פון הינטן, איינער אליין, פלעגט גיין זיך טיף פארקלערט אליהו דער שוחט. עפּעס דאָס האַרץ איז ביי אים פול, פול, דערציילן וועמען ווילט זיך אים, ציט אים וועגן א סך, א סך מעשות פון זיך... דערציילן וואָלט

זיך אים שטאַרק וועלן וועגן דעם, ווי ער האָט אמאָל, זענענדיק א בחור, געלערנט מיט גרויס התמדה... אז דער מחותן איז געקומען זען אים דאָס ערשטע מאָל, האָט ער אים א גלעט געטאָן פארן באק און האָט געזאָגט: „אַ שיינער בחור"... און אויך דערציילן וואָלט זיך אים וועלן וועגן דעם, וואָס אין דעם ערשטן האלב יאָר נאָך זיין חתונה האָט ער זיין ווייב גע־וואָלט גטן דערפאַר, וואָס זי איז אַ מיאוסע... אויך וועגן דעם וויכוח וואָס ער האָט אמאָל, זענענדיק אין דענעבורג, געהאט מיט אן אפיקורוס, און וועגן דעם, ווי ער איז ביי זיין פעטער אלס יתום געווען און איז אנטלאָפן פון אים צו פוס אין הארסקע אין קלויז לערנען... אים רייסט, אים רייסט דאָס הארץ צו דערציילן דאָס אלץ, נאָר... וועמען?... וועמען?... און ער גייט זיך הינטער אלעמען איינער אליין שטיל, לאנגזאם. די גראָז, אָנגעזאפט מיט טוי, בויגט זיך אונטער זיינע פיס, די זשאבעס קוואקען; ווו נישט ווו טוט אַ שפרונג אַ זשאַבע פון אונטער זיינע פיס און ווערט צוריק פאַרשווונדן אין גראָז, די הימלען און די ערד, די פעלדער און די וועלדער זענען פארטרונקען אין שטומע, אייביק שטומע מחשבות.... און זיין הארץ דריקט און דריקט און איז פול און עס ווילט זיך אים דערציילן כאָטש וועמען עס איז א סך מעשות וועגן זיך... אָדער איבער־חזרן נאָך אמאָל יענע, יענע, אמאָליקע מעשות; לערנען אין קלויז מיט התמדה... גטן זיין מיאוסע ווייב... אַנטלויפן צופוס... לויפן איבער בערג און טאָלן, איבער וועלדער און ברייטע, פרייע פעלדער...

און צוגייענדיק צו זיין וווינונג, פלעגט אים דריקן דאָס האַרץ און אַ פחד פלעגט אים אָננעמען פאר זיין וווינונג, פאר זיין ווייב, פאר דעם פינצטערן שלאָף־צימער...

***

אָט אַזוי האָט זיך אליהו דעם שוחט שווער געלעבט אויף דער וועלט. און פון טאָג צו טאָג אלץ שווערער און שווערער. אויך האָט שמואל דער גביר פון שטעטל אן איידעם גענומען. אַ דארינקער, א קליינטשינקער יונגערמאנטשיק איז ער געווען, און ער פלעגט שטענדיק המצאהען זיך. אין זאמאסע האָט מען אים געהאלטן פאר דעם קליגסטן פון גאנץ שטע־טעלע. ער פלעגט לאכן פון אלעמען אין שטעטל, נאָר דערהויפט האָט ער

זיך אָנגעזעצט אויף אים, אויף אליהו דעם שוחט. ער פלעגט לאכן פון זיינע בגדים, פון זיין תאווה צו פאַרן, פון זיין חשק צו באָדן זיך. און לאכן פלעגט ער פון אים אזוי קיילעכדיק, קלוג, אזוי געלעכטערדיק, אז אלע, הערנדיק זיינע המצאות, פלעגן זיך האלטן ביי די זייטן פון געלעכטער. און פון טאָג צו טאָג פלעגט ער אלץ מער לאכן פון אים, און אלץ שטאַרקער און אלץ קליגער, און אליהו דעם שוחט פלעגט פון טאָג צו טאָג אלץ מער דריקן דאָס האַרץ, מער רייסן די נשמה, ער פלעגט אלץ מער חלומען וועגן א נסיעהלע וווהי:ן עס איז. זיין חבר פון חדר, דער אפיקורוס, פלעגט זיך אים אלץ אָפטער דערמאָנען, און זיינע ווערטער פלעגן אים אַלץ אָפטער הערן זיך און הענגען פאַר אים אין אויר פאַר די אויגן:

— נישטאָ קיין גאָט...

און אָפטער פלעגט דער גאנצער שטח פון דער ערד ביזן הימל, און אלץ, וואָס אין דעם שטח אין פאַראַן, עפּעס ווערן ווייס... ווייס... ווייס און מטושטש... און א גרויסער פחד פלעגט אים אָנכאַפּן פאַר אלץ, וואָס ער זעט פאַר זיך: פאַר דער ערד, הימלען, הייזער, מענטשן... עפּעס אלץ הענגט אין דער לופטן, אלץ איז ווייס... ווייס און מטושטש... און עס איז אַזאַ פּחד!... און כמעט שטענדיק, שטענדיק פלעגט אים ליגן אין זכרון, ווי ער איז אמאָל, אַז ער איז אַ יינגל געווען, אנטלאָפן צו־פוס פון זיין פעטער. און נאָך אַמאָל זיין אַ יינגל פלעגט אים רייסן דאָס האַרץ און נאָך אַמאָל לויפן... לויפן איבער בערג און טאָלן, לויפן... לויפן איבער וועלדער און ברייטע, פרייע פעלדער...

און איינמאָל איז ער געגאנגען א שבת־צו־נאַכט פון באָדן זיך, ווי אלע מאָל הינטער אַלעמען. ער איז דאַן געווען זייער, זייער טיף פאַרטראַכט און דאָס האַרץ האָט אים זייער, זייער שטאַרק געדריקט, מער ווי אלע מאָל. און די שלייפן פון קאָפּ — עפּעס ווי צושפּאָלטן זיך ווילן זיי. עס רייסט זיך עפּעס פון דאָרטן. און פלוצלונג האָט אים משונה א קער געטאָן דער מוח נעבן די שלייפן און... דער הימל איז אויף דער ערד אַראָפּגעפאַלן....

פון דעמאָלט אָן האָט ער עפּעס אויפגעהערט צו געדענקען די טעג פון וואָך. אויך ווייס ער ניט אויף געווי, וווּ ער געפינט זיך. עס טוט אים עפּעס וויי א ברען שאַרף דער מוח, און עפּעס ער לויפט, לויפט האסטיק

איבער פעלדער און וועלדער... ער לויפט.... אויך זעט ער שוין נישט פאר זיך, פון דאַן אָן, נישט שמואל דעם גבירס איידעם, נישט זיין מאוסע ווייב, נישט בערל דעם קצב, נישט גאנץ זאמאסע מיט אירע איינוווינער. און ער פילט זיך אזוי פריי... אזוי פריי... אזוי׳ גרינג אויפן הארצן... וואָס איז מיט אים איצט אזוינס? פארוואָס פילט ער זיך אזוי פריי? ווו זענען עפּעס אלע מיט אַמאָל פארשוואונדן געוואָרן פון אים? קיין סך טראכט ער וועגן דעם נישט, דאָס אי׳ז אים אזוי פארשטענדיק — דער הימל איז אויף דר׳ערד אראָפּגעפאלן!...

און עס טרעפט ווען, אַז ער דערהערט פּלוצלונג אַ משונהדיקן קלאַפּ, דאכט זיך אים, ווי א גרויסער דונער וואָלט א קלאפּ געטאָן. און עפּעס דאכט זיך אים, אז ער געפינט זיך אין א געדיכטן וואלד. פאר זיינע אויגן זעט ער נאָר ביימער און ביימער, עפּעס ער פילט, אז אים איז משונה קאלט, אזוי קאלט, אז די ציין טרייסלען זיך ביי אים אין מויל, און ער דערזעט פאַר זיך אַ ווייסע וועלט, דורך און דורך איינגעוויקלט אין שניי, און אומבאַקאַנטע מענטשן גייען אַרום מיט פאַרפרוירענע פּנימער, און עפּעס אַ מחשבה לויפט דורך אין מוח: שוין לאַנג, לאַנג אַ חלף אין די הענט נישט געהאַלטן...

1906.

אין א פארוואָרפענעם ווינקל

אַלע טאָג כאַפּט זיך קלמן דער בעדער אויף אין זיין ענגן, קליינעם שטיבל, וואָס שטייט אין עק שטעטל, נעבן באָד, ביים שטיל פליסנדיק טייכל, מיט איין געדאַנק:

— אַז זיי זענען פּראַים! אַלע! אַ גאַנץ שטעטל מיט פּראַים!

און אָנגעטון זיך און אַ וואַש געטון זיך גיך און אויך אַזוי גיך אַ דאַוון געטון, איז ער שוין פאַרטיק. און לאָזנדיק נאָך שלאָפן די קינדער און דאָס ווייב, אַ שטיל אויסגעמאַטערט באַשעפעניש, גייט ער פון שטוב אַרויס. קוקט אַ ווײַלע אַרום. נעבן שטוב — אַ קליינע, צעקרימטע געביידע, וואָס עס הערט זיך פון דאָרט פּייכטע, אומריינע פעל, אָנגעווייקט אין צעהאַק־טער לאָזע. דאָס איז זיין גאַרבעריי בשותפות מיט הערשל דעם רופא און זיין ווייב סאָשע, אַ גראָבע, פליישיקע און שעלטנדיקע ייִדענע. אַ ביסל ווייטער זיין גרויפּן־רייסער, אָט נישט לאַנג אויפגעשטעלט. דערביי די באָד זיינע, ווו ביים טיר זענען צונויפגעשטעלט איינס אויפן צווייטן אַלטע, האַלב־צעבראָכענע ראַשקעס. אויף רעכטס דאָס שטעטל, ברילניץ, פון איין לאַנגער גאַס אויף אַ באַרג און אין טאָל מיט צוויי שורות הייזער, אַלטע לאַנגווייליקע, און רויִקע אין זייער עלטער, מיט מאָכיקע, גרין־פאַרשימל־טע דעכער. פון ביידע עקן שטעטל ציט זיך ווו אַ שליאַך אַוועק, אַ ברייטער, אַ פאַרלאָזענער און אַ פאַרוואָרפענער ווי דאָס שטעטל אַליין. אַרום שטעטל דעם פּריצס פעלדער און וועלדער ווייט־ווייט אין דער וועלט אַריין.

עס איז נאָך פרי. און אין שטעטל אײַלט מען זיך כלל נישט אויפ־צושטיין. דאַוונען שטעלט מען זיך ערשט אַזייגער אַכט. אַ קראָם, ווער עס האָט, איז זי ביי דער שטוב, און מען עפנט זי דאַן, ווען אַ קונה קומט אין שטוב אַריין. גייט ווער אין דאָרף — איז נאָכן דאַוונען. און

דאָרף מען אָװעקפירן צום באַן, אַ װיאָרסט פינף און צװאַנציק פון ברילנ־ץ, די אָנגעקליבענע תבואה אין די שפּײכלער בײ זיך, פאָרט מען אױך אַרױס נאָכן דאַװנען. שלאָפט נאָך דאָס שטעטל.

שטײט אַ װײלע קלמן דער בעדער, אַ הױכלעכער, אַ דאַרער, פון אַ יאָר פערציק, מיט אַ שיטער, נישטיק העלער בערדל, מיט קלײנע, לע־בעדיקע גראָע אױגן, אָנגעטון אין זײן פאַרעלטערט געלבלעך האַלב־רעקל, האַלב־זומער־מאַנטל, און קוקט, מיט אַ שמײכל אױף די דינע ליפּן, אױף דאָס שטעטל, און לאָזט זיך אַװעק מיטן װעג, װעלכער גײט פאַרבײ דער באָד, אַהין אױפן בערגל אַרױף, דאָרט אין װעלדל אַרײן. מיט דעם זעלבן װעג, װאָס עס קומען אָן אַלע פּרײַטיק פאַרנאַכט אַ פאַרטיע אַרעסטאַנטן פון סענע, פאַרשמידט אין קײטן, װאָס קלינגען און בראַזגן, געפירט פון סאָלדאַטן מיט בלױזע שװערדן. אַלע, װאָס גײען אין באָד, שטעלן זיך אָפּ קוקן, און אַ שװידער לױפט דורך די לײבער: „גזלנים!״ און מען דערמאָנט זיך דערבײ אױ־ף שרעקלעכע מעשיות: װי מען האָט אײנעם אַ ייִדן, אַ רופא, אָפּגענאַרט. געקומען איז מען צו אים בײנאַכט מיט אַ פור, אױפגעװעקט און גערופן צו אַ חולה אין אַ דאָרף. און אױפן װעג אין װאַלד געהרגעט אים. און װי אַ ייִדן אַ סוחר האָט דער פורמאַן, אַ גױ, פאַרפירט בײנאַכט אין טאָל אַרײן, איז באַפאַלן פון הינטן מיט אַן אײזער־נעם לאָם און געהרגעט. און נאָך אַזעלכע שרעקלעכע געשיכטעס. דורך דעם זעלבן װעג גײט קלמן דער בעדער אַװעק צו אַ פּר־ץ נישט װײט פון שטעטל, אַ װיאָרסט פינף, צו דערגראָבן דאָרט די סאַזשעלקע, װאָס ער גראָבט שױן עטלעכע װאָכן. און אין אַ פּאָר שעה אַרום שטײט ער שױן אַ באָרװעסער, אין אײן העמד און הױזן, פאַרקאַטשעט ביז איבער די קנעכלעך, אין דער סאַזשעלקע. און װאַרפט אײן גראָבאײזן נאָכן אַנ־דערן אַרױס, אַרױף־צו. כאַפּט ער פון צײט צו צײט אַ קוק, פון סאַזשעלקע אַרױס, אױף די זומערדיקע, פרישע פעלדער אַרום. מיט זון זענען זײ באַ־גאָסן, מיט גרינס און תבואה באַפּוצט. נישט װײט אױף אַ בערגל אַרױף פּיטערן זיך די בהמות פון הױף. אײנגעטופּעט האָבן זײ זײערע שװערע, ערנסטע קעפּ אין דער גרינער לאָנקע און רײסן גראָז און עסן האַסטיק און תאװהדיק. דער פּאַסטוך זיצט דערבײ אױף אַן אײנגעפאַלענעם בױם און פלעכט זיך רו־ק, פון פרישע, זאַפטיקע לאָזע, אַ פּאָר נײע לאַפּטיעס.

אַ ביסל וויטער — די פֿערד פֿון הויף, וועלכע טוליען זיך דאָרטן אין שאָטן, נעבן וועלדל. און פֿון פּריצס הויף דערבײַ הערן זיך הינער קוואָטש־קען און אַן אינדיק האָלדערט דאָרט ברוגז און גאַוהדיק ביז צום לאַכן. און ער טוט אַ טראַכט: „אין שטעטל קאָכט זיך מסתמא״. זײַנע לעבעדיקע אויגן און דינע ליפּן שמייכלען:

— פּראַים!

און ער וואַרפֿט האַסטיקער און מיט מער חשק אין גראָבאײַזן נאָכן צווייטן פֿון סאַזשעלקע אַרויס, אַרויף, אין דער הויך־צו, די פּייכטע, געל־ליימיקע ערד.

***

און אין שטעטל קאָכט זיך טאַקע אַלע מאָל נאָר איבער קלמן דעם בעדער. אַזוי איז דאָס שטעטל אַ שוועך־שטיל רויִקס, אַ פֿויל פֿאַרשלאָפֿנס. און ווער וועט זיין דאָרטן אומרויִק? די „ברוכעניאַטעס״ מיט ר׳ ברוכן בראָש, וואָס ווינען אויפֿן באַרג אין זייערע אַלטע הייזער מיט די אַלטע גאַניקעס, מיט אַ שפּייכלער און אַ שטאַל אויפֿן הויף הינטערן שטוב און מיט זייער גרויסן יחוס וואָס ר׳ ברוך פֿאַרשטייט אַ פּרק משניות, קלייבט אָן פֿאַר אָסיען טאַקע זײַנע ביידע שפּייכלערס מיט תבואה, צאָלט וואָכער פֿאַר פֿאַר־שידענע צדקה־זאַכן אין שטעטל צען קאָפּיקעס אַ וואָך און האָט אַן אויס־געגעבענע טאָכטער אין סענע! זיי, די „ברוכעניאַטעס״, היטן אַזוי אָפּ דעם כּבוד איינס פֿון צווייטן און באַהאַלטן אַזוי פֿון אַ פֿרעמד אויג און אויער, וואָס ביי זיך און צווישן זיך, אין משפּחה קומט פֿאָר. און דאָס וואָס מ׳קען שוין נישט באַהאַלטן, למשל ר׳ חיימס, ר׳ ברוכס ברודערס מיידל, וועלכע האָט זיך פֿאַרזעסן ביז דרייסיק יאָר, קאָסט דאָס זיי גענוג געזונט. און אַז מען זיצט ביי זיך אויפֿן גאַניק, אַ זומער, און מען קוקט פֿאָרויס אויפֿן שטעטל און אַרום און מען טראַכט פֿון דעם גרויסן וויט־ק, וואָס גאַנץ שטעטל ווייסט פֿון זייער צרה, איז דאַכט זיך, אַז די אַלטע הייזער פֿון שטעטל, דער שליאַך דער ברייטער פֿון ביידע עקן שטעטל, די פֿעלדער מיט די תבואות אַרום שטעטל — זיי ווייסן דאָס אויך און זענען טרויעריק איבער דעם גרויסן אומגליק אין האַרצן. איז פֿון זיי וועט עס קאָכן אין

שטעטל? אָדער די „בערעניאַטעס" מיט ר׳ בערן בראש, דעם ניינציק־יעריקן, תמיד האַלב־פאַרשלאָפענעם, וועלכע וווינען אין טאָל אויך אין זייערע אַלטע הייזער מיט ברייטע גאַניקעס, און האַנדלען מיט פענקע און מיטן פריץ, און האַלטן זיך אויך גרויס מיט זייער יחוס, וואָס ר׳ בער איז דער עלטסטער זקן אין שטעטל, — צאָלט טאַקע אויך צען קאָפּיקעס אַ וואָך וואָכער, און וואָס דער סענער שוחט איז זייער אַ לייבלעכער שני בשני! איז זיי, די „בערעניאַטעס", וואָס קענען אַזוי גוט באַהאַלטן, ווער פון זיי איז רייכער און ווער אָרעמער, אָדער דער פּריץ האָט זיי אָנגעהויבן שלעכט אויפצונעמען, פון זיי וועט זיך וואָס טומלען אין שטעטל? סיידן ביי די „אַליעניאַטעס", וועלכע וווינען אין מיטן שטעטל. ביי זיי קומט גראָד פאָר קריג און עס האַלט אַפילו אָפט ביי געשלעג. דאָס רוב טרעפט עס באַלד נאָך פּסח, ווען מען נעמט זיך פאַר די גערטנער צו אַקערן, צוליב אַ פאַרקאַן אָדער אַ מיעזשע, וואָס יעדער פון זיי טענהט, אַז נישט דאָ, ווו יענער ווייזט אָן, איז זיין ריכטיק אָרט. דאָס רוב ביי אַזוינע קריג זייערע איז דאָס שטעטל פון דער ווייטן און מען האָט דערפון אַ ביסל הנאה. „אָט וואָס גראָבע יונגען קענען". עס טרעפט אויך אַמאָל, אַז ר׳ ברוך שרייט אָן, אין שול נאָכן דאַוונען אויף די „אַליעניאַטעס", וואָס זיי רייסן זיך אַזוי. ר׳ בער העלפט אים אונטער, שאָקלענדיק מיט זיין ניינציק־יאָריקן קאָפּ. ווערן די „אַליענ־אַטעס" ווייניק וואָס נתפּעל דערפון און עצהן ר׳ ברוכן בעסער אַכטונג געבן אויף זיין טאָכטער אין סענע, וואָס איז אין דער „דער" און ר׳ בער זאָל זעען, אַז זיין טאָכטער די אלמנה זאָל האָבן פון וואָס צו לעבן. ווייסט מען אָבער, אַז די „אַליעניאַטעס" זענען גרויסע עזותניקעס און גראָבע יונגען. און דאָס שטעטל וואָלט זיך געלעבט שטאַט, — שטיל און רויק, ווען נישט קלמן דער בעדער.

אַלע זיינע עסקים זענען ווי אויף צו להכעיס דעם שטעטל. אַז דער־הויפּט דאַכט זיך גראָבט ער נאָר סאַזשעלקעס און פון זיין גאַרבעריי, למשל, האָט ער אַ פּרוטה נישט און האָט עס געמאַכט בשותפות מיט הערשל דעם רופא, מער נישט אַז סאָשע, הערשל דעם רופאס ווייב, די דיקע, די פּליי־שיקע, זאָל איבער אַ שבת, ביים אויסנעמען, אַראָפּכאַפּן זיך פון דער ווייבער־שער שול צו די מאַנסבילן אַריין מיט דער פאַטשיילע איבערן קאָפּ, האַסטיק אַרויפכאַפּן זיך אויף דער בימה אַרויף און געבן אַ געשריי:

— יִדן, ער האָט אונדז באַגזלט! איך בין מעכּב די קריאה. זאָל שטעטל אַריינמישן זיך און מאַכן אַ טאָלק צווישן אונדז מיט קלמן דעם בעדער. איך לאָז נישט לייענען.

ווערט אין שול אַ טומל. ר׳ ברוך מיט זיין גראָב־צעפּליושעטע באָרד און ברייטער באָרד לאָזט זיך פון זיין מזרח־זייט, מיט רוגזה, צו דער בימה צו. פון דער אַנדערער זייט מזרח לאָזט זיך ר׳ בער, טרייסלענדיק מיט זיין האַלב פאַרשלאָפענעם אַלטן קאָפּ, בורטשענדיק: „אָן אָנשיקעניש, אָן אָנשי־קעניש אויפן שטעטל". און דער רבֿ, אויף זיין אָרט, ביים ארון־קודש, וואָס חלומט שוין לאַנג אַרויסרייסן זיך פון דאַנען, ווו אין אַ גרעסער אָרט, איילט זיך אַראָפּצונעמען דעם טלית און אַרויס וואָס גיכער פון שול. דער־וויל שטייט שוין הערשל דער רופא מיט זיין פאַרוואָקסן פּנים נעבן זיין ווייב, פול מיט אימה פאַר איר און חזרט איבער וואָרט ביי וואָרט זיין ווייבס ווערטער:

— יִדן! ער האָט אונדז באַגזלט! איך בין מעכּב די קריאה. זאָל שטעטל זיך אַריינמי־שן און מאַכן אַ טאָלק צווישן אונדז מיט קלמן דעם בעדער. איך לאָז נישט לייענען.

און קלמן דער בעדער שטייט ביי זיך אויפן אָרט, אין דרום־זייט, נעבן טיש, דעם לאַנגן, מיט חלבליכט פאַרשמאָלצן, נישט ווייט פון אַלמער ספרים. קוקט אויף דער שול, אויפן טומל און שמייכלט.

דער טומל ווערט גרעסער, מ׳שרייט איינער אויפן אַנדערן, אויף סאָשען מיט הירשלען און אויף קלמן דעם בעדער, וואָס איבער אים קען מען נישט שבת רויִק אָפּדאַווענען. און קלמנס ליפּן שמייכלען אַלץ. און מיט דעם זעלבן שמייכל גייט ער פון שול אַוועק, אַז מען דאַוונט אָפּ סוף־כּל־סוף, עסט וואַרמעס און לאָזט זיך אַוועק אין זיין פאַרעלטערט, געלבלעך האַלב־רעקל, האַלב־זומער־מאַנטל, איבער די שבתדיקע פעלדער אַרום שטעטל, בלאָנ־דזשעט אַליין נישט וויסנדיק וווּהין, איבער די שמאָלע סטעזשקעס פון הויכן קאָרן איבער דעם קאָפּ, לייגט זיך אַוועק אין די קאָרן. דריקט דאָרט וואָס אין האַרצן:

— אַלע פּראָים!... און ר׳ בער דער אַלטער, פון אים שמעקט שוין בית־עלמין...

דריקט דאָרט אין האַרצן נאָך מער. שטייט ער אויף און לאָזט זיך ווידער איבער די קאָרן אַהין צום שליאַך־צו.

און אַז קלמן דער בעדער קויפט אַ פערד — און ווער ווייסט אויף וואָס ער דאַרף אים? — לאָזט ער דאָס פערד זיינס, מיט דער לאַנגער, פאַרפלאָנטערטער גריווע, ווי צו להכעיס, אַ גאַנצע נאַכט איבערן שטעטל אַרום. פאַרשלעפּט זיך דאָס פערד אויף פרעמדע הויפן, אין פרעמדע שטאַלן. איז אַ טומל אין שטעטל. קומט ער שוין דאַן אינדערוואָכן אויך אין שול אַריין דאַוונען. שרייט מען:

— סטייטש! לאָזן אַ פערד אויף אַ גאַנצע נאַכט איבערן שטעטל.

שמייכלט קלמן דער בעדער:

— ווער לאָזט אים? ער גייט אַליין.

ווערט דער טומל גרעסער:

— סטייטש! רייצן זיך מיט אַ גאַנץ שטעטל. לאָזן אַ פערד מיט אַ כיון, אַז ער זאָל פאַרקריכן אין אַלע הויפן, אין אַלע שטאַלן און נאָך לאַכן דערביי.

שמייכלט אַלץ קלמן ווי פאַר זיך:

— פּראַים!... איר דאַרפט דאָך מיר דאַנקען. וואָרום וואָס וואָלט איר געטון, ווען נישט איך? איר וואָלט דאָך איצט, גייענדיק פון שול אַהיים, אַנדרימלט געוואָרן.

וואַקסט אַלץ דער טומל אין בית־המדרש. און קלמנס אויגן און ליפּן שמייכלען.

און דעם גרויפּן־רייסער זיינעם דאַרף ער דווקא אַוועקשטעלן אויף שטעטלשע ערד, נעבן באָד. נעמט אין מיטן דער נאַכט, שטעלט צונויף עפּעס אַ מין געביידע, זאָגט, אַז עס איז אַ גרויפּן־רייסער. און שטעטל כאַפּט זיך אויף און עס ווערט אַ געפּילדער און אַ געשריי:

— סטייטש! פאַרכאַפּט האָט ער שטעטלשע ערד.

און דער געשריי ווערט אַלץ גרעסער. מ׳היצט זיך און מ׳קאָכט זיך, ביז אַזש ר׳ בער כאַפּט זיך אויף פון זיין תמיד האַלב־פאַרשלאָפנקייט, שאָקלט מיטן קאָפּ און איז אין כעס:

— אַ, אַ, אַן אָנשיקעניש אויף שטעטל, אָט דער קלמן, אַן אָנשיקעניש! און קלמן דער בעדער קוקט און שווייגט און לאַכט.

נאָר ועל כולם די באָד! האָבן שדים אַריינגעזאַרט דאָס שטעטל, אָפּ־געגעבן די באָד קלמנען. האָט ער זי צורעכט געמאַכט. און איצט אַלע ווילע פאַרשליסט ער זי.

איז אַז אין שטעטל ווערט שוין אַ רעכטער טומל, וואָס ער האָט די באָד פאַרשלאָסן, קומט ער זיך אין דער פרי פאַרן דאַוונען צום רב אַריין. — צום רב האָט ער גלאַט ליב אַריין ווען. דער קליגערער און לע־בעדיקערער אין גאַנץ שטעטל — דער רב זיצט ביים טיש, טרינקט טיי ביי אַן אָפענעם ספר און קלייבט זיך אין שול דאַוונען.

— געוואַלד, קלמן, קלמן, וואָס וועט עס זיין? — באַגעגנט אים דער רב, האַלב געמוסרט און האַלב אויף זיין צד — דאָס שטעטל קערט די וועלט.

— וואָס, וואָס? — פרעגט קלמן כלומרשט מיט אַן ערנסטן, תמימותדיקן פּנים.

— גאָר אַ צדיק! — מאַכט דער רב. — דו האָסט פאַרשלאָסן די באָד? און קיינער דאַרף שוין די באָד נישט?

— עס איז דאָך מיין באָד, — זאָגט אַלץ ערנסט קלמן.

— אָבער דאָס שטעטל דאַרף די באָד.

קען זיך שוין קלמן נישט איינהאַלטן, און זיינע אויגן און ליפּן שמייכ־לען אָפּן:

— דאַרף עס. זאָל עס דאַרפן.

ווערט שוין דער רב ערנסט:

— אַ שטעטל קען נישט אויסקומען אָן אַ באָד און אָן אַ מקווה. איך בין דאָ רב. איך קען עס נישט דערלאָזן.

ווערט קלמן אויך ערנסט:

— טאָ זאָל מען מיר צאָלן אַלע וואָך די דריי רובל, ווי מען האָט זיך מיר מתחיב געווען. זאָל מען צאָלן פערציק קאָפּיקעס פון אַ מקווה ווי מען האָט אָפּגערעדט און פיר קאָפּיקעס פון אַ מענטשן באָד־געלט.

— דאָס ביסטו גערעכט — איז דער רב מודה.

— בין איך דאָך גערעכט, טאָ וואָס ווילט איר פון מיר, רבי?

— אָבער דאָס שטעטל קערט די וועלט — זאָגט דער רב.

— פּראים! — זאָגט קלמן ערנסט און טרויעריק — זאָל זיך קערן דאָס שטעטל. זאָל זיך, זאָל זיך. איך קען נ״שט... פּראים!

— זע, קלמן, עס איז אַ סכנה. — וואָרנט אים דער רב.

קלמן לאַכט:

— שלאָגן וועלן זיי?... אויף אַזאַ שכל וועלן זיי זיך נישט כאַפּן.

— דופּעסטו אויף דיין כוח? — שמייכלט דער רב.

— ניין. — לאַכט קלמן — אויף זייער נאַרישקייט.

און אין שול בשעתן דאַוונען טומלט זיך שוין שטאַרק. קלמן דער בעדער שטייט זיך אויף זיין אָרט אין דרום־זייט, הערט כלומרשט גאָרנישט און ווייסט פון גאָרנישט און דאַוונט זיך. נאָכן דאַוונען ווערט אין מזרח־זייט אַ גרויסער געשריי. גאַנץ שול קלייבט זיך דאָרט צונויף און מ׳שרייט:

— וואָס שווייגט מען אים? וואָס שווייגט איר, ר׳ ברוך, ר׳ בער? פון שול אַרויסטרייבן דאַרף מען אים.

טיילט זיך טאַקע אויס פון עולם ר׳ ברוך, נאָך אים ר׳ בער מיט זיין אַלטן שאָקלענדיקן קאָפּ, נאָך זיי די גאַנצע שול. מען גייט צו צו קלמן דעם בעדער, און ר׳ ברוך, רויט פון כעס, אָבער איינגעהאַלטן ווי עס פּאַסט פאַר אים אין אַ מקום קדוש, ווענדט זיך צו קלמן דעם בעדער:

— איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט מיט גוטן פון שול אַרויס.

— וואָס, וואָס? — פרעגט קלמן רו־יק און זיינע אויגן שמייכלען.

— איך בעט דיך מיט גוטן — חזרט א״בער ר׳ ברוך.

— האָט נישט קיין פּאַראיבל, ר׳ ברוך — זאָגט קלמן רו־יק — איר זענט עלטער פון מיר, אָבער איר רעדט נאַרישקייט.

צעקאָכט זיך ר׳ ברוך:

— סטייטש, שגץ, אַרצי מחוצף פּנים איינער, ווי פאַרשליסט מען עס אַ באָד!

— זאָל מען מיר צאָלן, וואָס מען האָט זיך מיר מתחיב געווען — זאָגט ז־יך רו־יק קלמן — עס איז מיין באָד.

— שגץ איינער! — שרייט ר׳ ברוך — אַ באָד איז אַ שטעטלשע.

— איך האָב זי פאַררי‌כט.

— ווער האָט דיר געהייסן?

— אַלע, גאַנץ שטעטל — טענהט רוזיק קלמן.

ווערט שוין דערווייל אַ קריג צווישן זיך, ווער און פאַרוואָס האָט מען אָפּגעגעבן אים, קלמנען די באָד, שרייט מען שוין און מען קריגט זיך צווישן אַנאַנד. און קלמן דער בעדער שטייט און קוקט. זיינע אויגן און ליפּן שמייכלען. און דאַכט זיך, ער אין גאַנצן, אַפילו זיין שיטער, ערטערווייז פּוסט העל בערדל שמייכלט אויך.

***

טרעפט זיך אַ מעשה, און דעם רב נעמט מען טאַקע צו אין אַ גרעסער שטעטל, אַ וויאָרסט פערציק פון דאַנען. אויף פּסח איז דער רב אַוועקגע־פאָרן. ווערט באַלד אין שטעטל אַ קריגעריי וועגן אַ נייעם רב. האָט גע־טומלט און געקאָכט דאָס שטעטל ביז איבער שבועות, ביז וואַנען אַלע האָבן מסכים געווען צו איינעם אַ יונגן רב, עפּעס אַ פאַרשלאָפענעם יונגן מאַן מיט זייער פרומע העזיות ביים דאַווענען, וואָס איז געקומען אין שטעטל ווערן רב. מען האָט אים געבעטן פאַרבלייבן אַ פּאָר שבתים אין שטעטל און דערנאָך וועט מען אים שרייבן אַ כתב רבנות. איז אין שטעטל רוזיק און שטיל געוואָרן.

איז קלמן דעם בעדער נישט געפעלן דער נייער רב, און אים האָט נישט געלאָזן רוען.

— אַזאַ פאַרשלאָפענער פּרא־אדם.

בלייבט ביי אים אַוועק צופוס צום געוועזענעם רב. דערציילן אים, ווּעמען מען האָלט עס, אין שטעטל פאַר אַ רב צו נעמען, און בעטן אים, אַז ער זאָל אָנשרייבן זיין דעה, אַז מען זאָל נישט צונעמען אָט דעם נאַרישן יונגנמאַן.

שטייט ער אויף פרי מיט דער זון, טוט אַ דאַוון, נעמט אַ לאַבן ברויט אונטערן אָרעם, די שטיוול אויף די פּלייצעס און אַוועק אַ באָרוועסער, מונטער, מיטן שליאַך אַהין, צום וואַלד־צו, טראַכטנדיק אַלץ:

— ניין, אַזאַ פּרא־אדם פאַר אַ רב נעמען!

קומט ער צום וואַלד — קערט זיך אָפּ מיטן וועג, וואָס שלענגלט זיך צווישן שטילע ביימער און קוסטעס, גייט דורך דעם וואַלד, גייט אויף

אַ פעלד אַרויס און ווידער אין אַ געדיכטן, שטומען וואַלד אַריין. דורכגעגאַנגען אויך דעם וואַלד, אַרויס פון אים און זעצט זיך נישט ווייט, ביים וואַלד, נעבן וועג אויף אַן איינגעפאַלענעם בוים אָפּצורוען. לייגט אַוועק דעם ברויט מיט די שטיוול נעבן זיך און פאַרקוקט זיך אויף די אָפענע, פרייע, ברייטע זומער־פעלדער.

פרישע, גרינע לאַנקעס מיט אַלערליי פאַרביקע קראַסקעלעך באַפּוצט שיינען און לייכטן קעגן דער זון. נישט ווייט וואַקסן פעלדער מיט קאָרן. גלעט זיי אַ ווינטעלע און פרישט זיי. אין טאָלעכל דאָרט נעבן אַ בערגל פליסט קעגן דער זון אַ ליכטיק קליין טייכל. אַ פּויער טרינקט דאָרט איצט אָן זיין פערד. און דער וואַלד דערביי אָטעמט מיט זומער־ריחות, און די האָריזאָנטן ציִען ווו דאָס האַרץ אַהין, ווו עס איז אַזוי זומערדיק ווייך, אַזוי ליכטיק, אַזוי פריי. קוקט קלמן דער בעדער פאַרויס זיך. זיין שמייכל אויף די דינע ליפּן איז איצט מילד און ליכטיק, זיינע לעבעדיקע אויגן שמייכלען אַזוי וואַרעם און פאַרדראָסיק אויף וואָס. און ער טראַכט:

— וועלדער, פעלדער, טייכן, בערגלעך און טאָלן — אַזוי שיין!

און דערטראַכט זיך ביזן סוף:

— וואָס אַרט מיך, וואָס פאַר אַ רב עס וועט זיין? אַ גאַנץ שטעטל מיט פּראָים, בהמות, וועט זיין נאָך אַ פּרא־אדם. וואָס לויף איך?... וווהין?... קלמן, ביסט אויך אַ פּרא־אדם!...

לייגט ער זיך אַוועק אויף דער ערד, נעבן איינגעפאַלענעם בוים און ער צעלאַכט זיך עפּעס משונה פון דעם שטעטל, פון דעם נייעם רב, פון זיך אַליין. און אים ווערט עפּעס ביז צו וויי אומהיימלעך פאַר אַלעמען און פאַר זיך אַליין:

— אַלע פּראָים, כמעט משוגעים...

טוט אַזוי ווי ערגעץ אין האַרצן, און עס ווילט זיך צוריקקערן זיך צו דער ערד, באַהאַלטן זיך אין דעם פרישן, גרינעם גראָז.

— וואָלט איך קענען אַזוי פרום זיין, ווי זיי — לויפט אים דורך אַ מחשבה.

און ער דריקט זיך און טוליעט זיך צו דער ערד.

הייבט ער אויף, אין אַ ווייליע אַרום, דעם קאָפּ פון דער ערד, איבער דעם גראָז. און פאַרקוקט זיך ווידער אויף גאָטס זומער־וועלט. ווערט דער

שמייכל אויף זיינע ליפּן ווידער מילד און ליכטיק, און זיינע לעבעדיקע אויגן שמייכלען ווידער וואַרעם.

ערשט אַז די זון איז שוין געווען אין מיטן הימל, האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט, האָט אַ טראַכט געטון:

— נו, וווהין?

אין האַרצן האָט וואָס אַ דריק געטון:

— נייַן, איך גיי צום געוועזענעם רב.

האָט גענומען דעם ברויט אונטערן אָרעם, די שט׳וול אויף די פּלייצעס און איז אַוועק איבער דעם פֿרישן, גרינעם גראָזביים וועג, ווייטער, מיטן וועג גלייך, קוקנדיק פֿאָרויס זיך מיט זיינע שמייכלענדיקע אויגן און ליפּן.

דאס איינִיקל

ר׳ חיים בער דאָס „אייניקל״, אַ ייִד פון אַ יאָר זעכציק, וועלכער איז
שוין העכער ווי דרייסיק יאָר אַן אַרומפאָרער איבער שטעט און שטעטלעך,
האָט געהאַט אַ חזקה, אַז אין קאַמקאָווע האַלט ער שבת. די טעמים דערויף
זענען ביי אים געווען די דאָזיקע: ערשטנס, איז אין קאַמקאָווע דער מרחץ
דער בעסטער אין דער גאַנצער סביבה; די מקווה איז אַ קאַכעלנע, וואַסער
סיי הייסע, סיי קאַלטע גיסט זיך פון קראַנען; די היץ איז אַן אָנגענעמע —
אַ געהויבענער מרחץ. און ערב שבת אַ מרחץ פאַר אַ וועג־מענטשן, אַ נע־
ונדניק, איז אַ מוז־זאַך. צווייטנס, דער עצם שבת ביי ר׳ לייב פישלס, טאַקע
מיט פיש ביינאַכט, לעבער און פעטשאַ אינדערפרי און וויין צו קידוש.
אויך אַ ייִדיש וואָרט קען מען הערן און מען קען אַליין זאָגן, זיצנדיק ביי
ר׳ לייב פישלס ביים טיש. דערצו האָט ער גלאַט ליב געהאַט צו האַלטן
שבת אין אַזאַ שטעטל, אין וועלכן עס זענען דאָ מער לומדים, מער ברי
דעתן, מער בני אָדמס. קאַמקאָווע איז געווען דאָס רייכסטע שטעטל אין
דער גאַנצער געגנט און ממילא זענען די באַלעבאַטים דאָרט געהויבענערע,
ווי אין די איבעריקע אַרומיקע שטעטלעך. די דאָזיקע חזקה האָט זיך אים
אַלע מאָל גרינג איינגעגעבן און אויך דאָס מאָל האָט ער שוין מיטוואָך
געענדיקט מיט כאַדאָטאָווע. אין דעם זעלבן טאָג גופא האָט ער גערעכנט
אָפּצופאָרן פון כאַדאָטאָווע קיין טאַטאַרשצינע; אין טאַטאַרשצינע האָט ער
גערעכנט מער נישט ווי איבערצונעכטיקן, וואָרום וואָס האָט ער דאָרט
אַזוי וואָס צו פאַרזאַמען זיך? אין שול אינדערפרי נאָכן דאַוונען וועט ער
דאָרטן צונויפקלייבן די עטלעכע צענערס פון די, וועלכע זיי גיבן אים
יערלעך, ער וועט נעמען ביי דעם רב זיינע פופציק קאָפּיקעס, וועלכן טאַ־
טאַרשצינע גיט אים אַלע יאָר פון לחם אביונים, און ער איז פאַרטיק מיט
טאַטאַרשצינע. און טאַקע דאָנערשטיק, באַלד נאָכן דאַוונען גלייך אין קאַמ־
קאָווע אויף שבת. האָט זיך אָבער מיטוואָך אַ גאַנצן טאָג קיין פור נישט

געמאַכט קיין טאַטאַרשצינע. ערשט ביינאַכט צו מעריב אין בית המדרש האָט ער זיך דערוווסט, אַז מאָרגן, דאָנערשטיק הייסט דאָס, גאַנץ פרי איז יאָ פאַראַן מיט וועמען אַהין צו פאָרן. און במילא וועט אים אויסקומען צו האַלטן שבת אין דעם פאַרוואָרפענעם אָרעמסטן קליין־שטעטעלע פון דער גאַנצער געגנט — טאַטאַרשצינע. ער האָט פון דעם געהאַט גרויס עגמת נפש.

אַ טרויעריקער און מיט גרויס שברת הלב האָט ער זיך געלייגט שלאָפן. אויף מאָרגן פרי, איידער עס האָט נאָך אָנגעהויבן טאָג צו ווערן, איז גע־קומען נאָך אים די פור. אים האָט זיך נאָך שטאַרק געוואָלט שלאָפן, זיין קאָפּ איז אים נאָך אַזוי שווער געווען, אַט גלייך ווי צוגעשמידט איז זי געווען צום קישן, און שווער, זייער שווער איז אים געווען אויפצוהייבן פון געלעגער זיין אַלטן, אויסגעדאַרטן קערפּער. זייער נישט גערן האָט ער זיך אָנגעטון; ער האָט אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, האָט אָפּגעזאָגט ברכות, האָט אויסגעקאָמט זיין אַלטע, גרויע, שיטערע באָרד, און האָט זיך געקלאָגט פאַרן רב, — ער פלעגט איינשטיין אין די שטעט און שטעטלעך ביי די רבנים — וועלכער איז שוין אויפגעשטאַנען פון שלאָף און האָט זיך מכין געווען טרינקען טיי און נעמען זיך דערביי פאַר זיין אַלטעאָגעדיקן שיעור גמרא פאַרן דאַוונען:

— אין מיינע יאָרן, אויף דער עלטער הייסט דאָס, לעבן שוין אַלע רויק. ווי דאָס לעבן איז, גוט אָדער חלילה שלעכט, אָבער מען איז נישט נע־ונד. עט — עס איז נישט קיין לעבן.

ביים אָפּגעזעגענען זיך מיטן רב האָט אים דער רב געגעבן היי־יאָר נישט אַ גאַנצן רובל פון לחם אביונים, ווי אַלע יאָר, נאָר אַכציק קאָפּיקעס.

— אייגענע אָרעמע לייט זענען אַזוי נתרבה געוואָרן — האָט דער רב געגעבן אויף דעם אַ טעם.

דאָס אייניקל איז געוואָרן אויפגערעגט:

— סטייטש! שוין צוואַנציק יאָר, אַז כאַדאַטאָווע גיט מיר יערלעך אַ גאַנצן רובל! עס איז שוין אַ חזקה.

— אַז איר וואָלט וויסן — האָט דער רב געטענהט — וואָס עס טוט זיך היינט אין כאַדאַטאָווע; נישט קיין היגער קען דאָס גאָר נישט גלויבן.

אַ סך, אַ סך אַט גאָר נישט לאַנג־געוועזענע באַלעבאַטים, און תקיפע באַלע־באַטים, מוז מען היינט געבן קיצבה פון לחם אביונים. מער ווי אַכציק קאָפּיקעס טאָר איך אייך נישט געבן.

— עס איז דאָך אָבער אַ חזקה — האָט דאָס „אייניקל" געפּאָדערט זיינס — איך וויל נישט זאָגן אַזאַ האַרבן וואָרט אויף אַ רב בישראל, אָבער... אָבער... עס איז דאָך גזלה... די צוואַנציק קאָפּיקעס זענען מיי־נע... עס איז אַ חזקה, אמתע גזלה...

דער רב האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און האָט געטענהט:

— איך טאָר אייך מער נישט געבן, איך טאָר נישט.

מיט אַ שווער האַרץ אי פון דעם, וואָס כאַדאַטאָווע האָט ביי אים געגזלט היי־יאָר צוואַנציק קאָפּיקעס, אי פון דעם, וואָס ער וועט נישט גרייכן אויף שבת אין קאַמקאָווע, איז דאָס אייניקל אַרויס פון רבס שטוב צו זעצן זיך אין פור. ביים אַריינזעצן זיך אין וואָגן האָט ער באַמערקט, אַז די פור איז זייער אַ שלעכטע; אין וואָגן איז ווינציק שטרוי, כמעט אַ הוילער וואָגן, און אַזוי האַרט וועט זיין צו זיצן אין אים, און דאָס פערדל איז אַ מאָגערס, אַ דאַרס, קוים וואָס עס וועט שלעפּן דעם וואָגן.

— און ווו וועלן מיר דאַווענען? — האָט דאָס „אייניקל" אומצופרידן געפרעגט דעם פורמאַן, אַריינזעצנדיק זיך אין דעם הוילן וואָגן.

— אין סוכאָווקע, ביים קרעטשמער, אַ וויאָרסט זיבן פון דאַנען — האָט דער פורמאַן געענטפערט, אַ שלעפּ טוענדיק דאָס פערד פאַר די לייצעס, אויף וואָס דאָס פערד האָט זיך זייער פויל אָפּגערופן.

עס איז געווען עטלעכע טעג נאָך סוכות. אַ קאַלטער, ביטער־קאַלטער טאָג האָט אָנגעהויבן געבוירן צו ווערן פון דער פינצטערער קאַלטער נאַכט. דער הימל איז געווען פאַרצויגן מיט גרויע וואָלקנס, וועלכע האָבן אָנגעזאָגט אַ קאַלטן, טעמפּן רעגן. די אָרעמע, אַלטע און האַלב־צעקרימטע הייזעלעך פון כאַדאַטאָווע זענען טרויעריק געווען און ווי געליטן האָבן זיי פון דער ביטערער קעלט פון דעם טעמפּן פרימאָרגן. די פור האָט זיך געשלעפּט פויל איבער די קויט פון דעם שטעטעלע, שאָקלענדיק דאָס אייניקל פון איין זייט אין צווייטן. עס האָט זיך געהערט, ווי ווו עפּנט ווער פאַרשלאָפענערהייט אַ הילצערנע זאַוואַלע פון אַ טיר און נאָכדעם

די טיר אַליין. אויף אַן אַלטן חורבהדיקן גאַניק איז געשטאַנען, נאָך אין הייבל אויפן קאָפּ און איינגעוויקלט אין אַן אַלטן צעריסענעם מאַנס־בילשן מאַנטל, אַ באַיאָרנטע פרוי. איר קערפּער האָט זיך געטרייסלט פון קעלט, און זי האָט מיט אַ טעמפּן בליק באַטראַכט פאָרויס זיך די טעמפּע וועלט, און גלייך ווי געפרעגט האָט זי שטום: „כדאי אויפצושטיין צוליב אַזאַ טאָג?" ערגעץ ווו האָט קאַלט און טרויעריק אַ האָן אַ קריי געטון, און דאָס אייניקל איז געזעסן מיט זיין אַלטן, מאָגערן קערפּער אין דעם הוילן, האַרטן וואָגן, און אין זיין אַלטן, האַלב־פאַרשלאָפענעם מוח האָבן זיך געוועבט שווערע און טרויעריקע מחשבות. געקלערט האָט זיך אים וועגן דעם, ווי גוט עס וואָלט איצט געווען צו ליגן אויף אַ ווייכן, וואַרעמען געלעגער, ווי שלעכט עס איז, אַז מען מוז אויף דער עלטער נע־ונד זיין. און אויך טרויעריק האָט ער געקלערט וועגן דעם, אַז וואָס ווייטער, ווייטער, פון יאָר צו יאָר, אַלץ מער און מער הויבן אים אָן צו געפעלן ווערן זיינע שטעט און שטעטלעך. אָרעמער ווערן זיי, און טרויעריק פּילסטו זיך אין זיי. היינט די יידישקייט, דאָס לערנען אין זיי, די מענטשן, — נישט דאָס, וואָס אַמאָל.

אויפן סוף שטעטל, ביי דער צעבראָכענער בריק, האָט זיך דער וואָגן אַזוי אַ קער געטון אָן אַ זייט, אַז דאָס אייניקל איז שיער נישט אַרויס־געפאַלן פון אים. ער האָט שטאַרק צעקלאַפּט זיין זייט אָן האַרטן וואָגן.

— איך בין שיער נישט אַרויסגעפאַלן — האָט זיך דאָס אייניקל ביי־טער געקלאָגט.

דער פורמאַן האָט כעסדיק אַ שמיץ געגעבן מיט זיין בייטש דאָס פערד און האָט אַ ברום געטון ווי פאַר זיך עפּעס אָן ווערטער.

מען איז אַרויסגעפאָרן אויפן פעלד. עס איז שוין געווען טאָג. די וואָלקנס אויפן הימל זענען נאָך ווי טעמפּער און שווערער געוואָרן. אַ קאַלטער, קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן איבער די פּוסטע צעוויאַנעטע פעלדער. נעבן יעדן בוים פון די, וועלכע זענען געשטאַנען הוילע און איינזאַמע ביי ביידע זייטן וועג, איז געלעגן אַ הויפן געלע, צעפוילטע בלעטער. און קאַלט און אַלט איז געווען גאָטס וועלט, אָט אַזוי ווי קאַלט און אַלט עס איז געווען דעם אייניקלס אויסגעדאַרטער קערפּער. דאָס

פערד האָט זיך געשלעפּט טריט ביי טריט, און ביטער, טרויעריק ביטער האָט געטראַכט דאָס אייניקל:

— עס איז נישט קיין לעבן, נישט קיין לעבן.

אַזייגער צען אינדערפרי איז מען געקומען אין סוכאָווקע. מען האָט אָפּגעדאַוונט. דאָס פערד האָט זיך אויסגערוט, און אַזייגער צוועלף איז מען אַרויסגעפאָרן פון סוכאָווקע ווייטער. אַז מען איז אָפּגעפאָרן אַ פּאָר ווערסט נאָך סוכאָווקע, האָבן זיך די הימלען אויף אַ ווײַלע אויסגעלייטערט, די פעלדער זענען ווי פריילעכער געוואָרן, און די איינזאַמע, הוילע ביימער ביי ביידע זייטן וועג זענען ביי זיך ווי שטאָלצער געוואָרן. גלייך ווי גאָטס וועלט האָט זיך אויף אַ ווײַלע דערמאָנט, אַז גאָר נישט לאַנג איז זומער געווען, אַז גאָר נישט לאַנג האָבן די פעלדער געלאַכט, די גרעזעלעך האָבן געלעבט, די ביימער זענען געווען גרין און שמעקעדיק און אין די הימלען האָט געשיינט אַ ליבע, יונגע און פרישע זון. דאָס פערד האָט אויפגעהויבן עטוואָס לעבעדיקער זיין קאָפּ, האָט אָנגעשטעלט גאוהדיק זיינע פערדישע אויערן און האָט פערדיש אַ הירזשע געטון.

דאָס אייניקל האָט אָפּגעשפּיליעט זיין אַלטן, צעריסענעם מאַנטל, האָט אַרויסגענומען פון בוזים־קעשענע אין קאַפּאָטע די טאַבאַק־פּושקע און האָט מיט גרויס הנאה גענומען אַ שמעק טאַבאַק.

— נו, און אַ שמעק טאַבאַק ווילט איר? — האָט ער זיך געווענדט צום פורמאַן.

— עס איז אַפילו אַזוי אויך ביטער — האָט דער פורמאַן געשמייכלט, אַריינשטעקנדיק זיינע גראָבע צוויי פינגער אין דעם אייניקלס טאַבאַק־פּושקע.

דאָס אייניקל האָט נאָך אַמאָל אַ שמעק טאַבאַק געטון, האָט מיט גרויס בענקעניש אַ קוק געגעבן אויף גאָטס וועלט און האָט זיך פאַר־טיפט אין זכרונות. עס האָט זיך אים דערמאָנט, ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַן אַרומפאָרער. דאָן איז געווען די גרויסע מחלוקת אין זייער משפּחה נאָך זיין זיידנס טויט וועגן ירושה־זאַכן. זיין זיידע איז געווען אַ רב אין קאַליקאָווע. ער איז געווען אַ גרויסער מפורסם אין קבלה און פון אַ גאַנ־צענער סביבה פלעגט מען פאָרן צו אים. געשטאָרבן איז ער פלוצלונג, נישט לאָזנדיק נאָך זיך קיין צוואה, און נאָך זיין טויט האָט מען זיך

געקריגט וועגן זיין האָב און גוטס, וועגן דעם, ווער פון זיינע זין און אײדעמס זענען ראוי צו פאַרנעמען זיין אָרט. שווער איז אים געווען צו ליידן די דאָזיקע גרויסע מחלוקת. אויך זיין שווער איז געווען אַ האַרטער ייִד און אַ בעל קפדן. דערצו איז זיין ווייב צייטנווייז משוגע געוואָרן, און ער האָט ביי זיך באַשלאָסן אַוועקצולאָזן דאָס אַלץ און פאָרן זוכן זיך אויף דער וועלט עפּעס אַ מקום־מנוחה. אפשר וועט זיך אים מאַכן ווו אין אַ שטאָט אָדער אַ שטעטעלע אַ געהויבענע קנעלונג, אפשר ווו אַ דיין ווערן. ער האָט אָנגעהויבן צו פאָרן פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטעלע צו שטעטל. מאַכן האָט זיך גאָר נישט געמאַכט אַזוינס, אַז ער זאָל קענען פאַרבלייבן אויף איין אָרט. און שטאַרק האָט דאָס אים נישט געאַרט. אַדרבה, ווען מען זיצט נישט אויף איין אָרט, ווען מען פאָרט אַרום פון איין אומבאַקאַנטער שטאָט אין דער צווייטער, פון איין נייעם שטעטעלע אין נאָך איינעם, פאַרגעסט מען זיך דאַן אָן אַ סך אַזוינס, וואָס פרעסט אַזוי דאָס האַרץ, אַז דער גאַנצער קאָפּ הויבט אָן וויי צו טון. אויך איז דאַן אין ייִדישע שטעט און שטעטלעך פריילעך געווען. ייִדן האָט זיך דאַן געלעבט בעסער ווי איצט. רייכער איז מען געווען; מער אמונה און בטחון איז געווען אין די ייִדישע הערצער. אין די בתי־מדרשים האָט מען געלערנט און אין די שטיבלעך האָט מען געחזרט חסידיש. און פון דעם עצם פאָרן אַליין, פון דעם זיצן אויפן וואָגן און פאָרן איבער גאָטס גרויסער, ברייטער וועלט, איבער גרינע זומער־פעלדער און געדיכטע זומער־וועלדער — האָט ער גרויס הנאה געהאַט. יונג איז ער דאַן געווען און געזונט, און ער פלעגט אַזוי ליב האָבן דאָס פאָרן. אָפט פאָרנדיק פלעגט אים אָנכאַפּן אַ משונהדיקע תשוקה לוסטיק צו זיין, עפּעס אַ מין פריילעכס פלעגט זיך פאַרדרייען אין זיין האַרצן, און עס פלעגט זיך אים אַזוי וועלן אַ שטיף צו טון. ער פלעגט דאַן צונעמען ביים פורמאַן די לייצעס מיט דער בייטש און פלעגט אַליין אָנטרייבן דאָס פערד. מיט דער צייט איז געשטאָרבן זיין ווייב. דער שווער איז אויך געוואָרן אַ שוכן עפר, פון זיין גאַנצער משפחה האָט ער זיך דערווייטערט. ער האָט נישט געהאַט קיין היים, נישט קיין נאָענטע, פריינטלעכע קרובים. נאָר דאָס האָט אים נישט לאַנג געקימערט. פאַרקערט, עס איז אים נאָך געוואָרן ווי גרינגער אויפן האַרצן, עפּעס פרייער. און ווי פריִער איז ער זיך אַרומ־

געפאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך. מער נישט וואָס ווייטער, ווייטער, פלעגט זיך אים אַלץ וועלן מאַכן גרעסער זיין געגנט און פאָרן אין אַזעל־כע מקומות, ווו ער איז נאָך נישט געווען. און זיין סביבה פלעגט טאַקע פון טאָג צו טאָג ווערן גרעסער, מער שטעט און שטעטלעך פלעגן צוקומען ביי אים. ער האָט זיך איצט דערמאָנט וועגן זיין שטאַרקן רצון, וועלכן ער האָט געהאַט אין דער יוגנט, צו זיין אין „ראסיע". אַלע מאָל, כמעט זינט ער פאָרט אַרום, האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט זיין אין סמאָלענסק, אין כאַרקאָוו און נאָך אין אַזוינע „ראסיער" שטעט, נאָר אַזוינס האָט זיך אים קיינמאָל נישט איינגעגעבן.

אַ כעסדיקער „נאָ" און דערביי אַ שטאַרקער יאושדיקער קלאַפּ מיטן בייטש־שטעקל איבערן פערדס רוקן האָט אויפגעוועקט דאָס אייניקל פון זיינע מחשבות. דער הימל איז ווידער געווען באַצויגן מיט קאַלטע טעמפּע וואָלקנס; אַ קאַלטער, נאַרישער ווינט האָט ווידער שאַרף געבלאָזן אין פּנים אַריין; דער וואָגן האָט געוואָרפן פון איין זייט צום צווייטן און האָט געקלאַפּט דעם אייניקל אין זיינע אַלטע מאָגערע זייטן.

דאָס אייניקל האָט פאַרשפּיליעט זיין אַלטן צעריסענעם מאַנטל, האָט אַריינגעשפּאַרט זיינע הענט אין די אַרבל פון מאַנטל, און אין זיין האַרצן האָט זיך ווידער אויפגעוועקט עטוואָס קאַלטס און טרויעריקס. געטראַכט האָט זיך אים ביטער וועגן דעם, ווי גוט עס וואָלט איצט געווען פאַר אים, ווען ער וואָלט זיך באַזעצן אין אַ שטעטעלע אין אַ בית־המדרש אויף שטענדיק. ער וואָלט געזעסן און וואָלט געלערנט, און אַ סוף צו זיין נע ־ ונד־לעבן. ער האָט אויסגערעכנט אין קאָפּ אַלע זיינע שטעט און שטעט־לעך, נאָר נישט איינע האָט געטויגט אויף דעם. עפּעס אַלע האָבן אים ווי געטריבן פון זיך. פריער, אַמאָל סיידן, אפשר יאָ, אפשר וואָלט ער דאַן יאָ קענען אין וועלכער עס איז פון זיי באַזעצן זיך אויף שטענדיק, איצט אָבער געוויס נישט. ער וועט נישט קענען אין זיי איינזיצן. עס זענען נישטאָ אַפילו אַמאָליקע באַלעבאַטים, דאָס אַמאָליקע פריילעך זיין, נישטאָ אַמאָליקער לערנען, אַמאָליקע יידישקייט — ניין... סיידן אַנהויבן פאָרן אין אַן אַנדער קאַנט, אין גאָר אַ נייער געגנט. אפשר וועט ער דאָרטן געפינען פאַר זיך אַ שטעטעלע, ווו צו באַזעצן זיך.

— אין מיינע יאָרן — האָט ער זיך ביטער געווענדט צום פורמאַן —

לעבט זיך איטלעכער אויף אַן אָרט. ווי דאָס לעבן איז, גוט אָדער שלעכט, אָבער נישט נע ונד. עס איז נישט קיין לעבן, נישט קיין לעבן.

— און ווער הייסט אייך זיין נע ונד? — האָט דער פורמאַן גערעדט, ווי צו זיך אַליין, געבנדיק דערביי אַ שטאַרקן שמיץ דאָס פערד — ווער הייסט אייך?

— ווער הייסט מיר? — האָט דאָס אייניקל ביטער און כעסדיק אי־בערגעפרעגט — נישטאָ ווו צו באַזעצן זיך. אין איירע שטעט און שטעט־לעך קען איך נישט זיין. איך קען נישט; נישטאָ ווו צו באַזעצן זיך.

— סיידן אין „ראַסיע״, אָדער אפשר אָנהויבן פאָרן אין אַ נייעם קאָנט — האָט אין אַ ווײַלע אַרום ביטער געשעפטשעט פאַר זיך שטיל דאָס אייניקל — אין אַ נייעם קאָנט. דאָרטן, דאָרטן...

און דער ווינט איז פון ווײַלע צו ווײַלע אַלץ קעלטער און שאַרפער געוואָרן. און דאָס פערד האָט זיך אַלץ פוילער און שווערער געשלעפט איבער די שוואַרצע, געדיכטע קויט פון וועג.

שפעט פאַרנאַכט האָט זיך דערזען פון ווייטן טאַטאַרשצינע. אַ טעמ־פע טרויעריקייט האָט אַ בלאָז געטון אין דעם אייניקלס האַרצן. ער האָט זיך דערמאָנט אַן דעם קומענדיקן שבת אין דעם אָרעמען, פאַרוואָרפענעם, פאַרביטערטן קליין־שטעטעלע טאַטאַרשצינע, און אַזוי קאַלט איז אים געוואָרן אויפן האַרצן. אין אַ ווײַלע אַרום איז מען שוין געווען נעבן בית־עלמין, וועלכער איז געווען האַרט ביים וועג, וואָס פירט קיין טאַ־טאַרשצינע, און אַ קאַלטע און טרויעריקע מחשבה האָט געגומען דריקן דעם אייניקלס האַרץ:

— און ווער ווייס, ווו דו וועסט קומען צו קבר־ישראל. אַז מען לעבט נע ונד, שטאַרבט מען אויך ווי אַ נע־ונדניק. נישט דו האָסט געהאַט, ווו צו לעבן אויף דער וועלט, און נישט דו ווייסט, ווו דיינע ביי־נער וועלן ליגן.

שוין היפש אין דער נאַכט האָט זיך דער וואָגן געשלעפט איבער דער קויטיקער אומעטיקער גאַס פון טאַטאַרשצינע, צווישן די אָרעמע, האַלב־איינגעפאַלענע, עלנטע הייזער. דעם אייניקלס אַלטער, אויסגעדאַרטער קערפער האָט זיך געשאָקלט פון איין זייט אויף דער צווייטער, און דער הוילער וואָגן האָט געקלאַפּט, געקלאַפּט זיינע מאָגערע, אַלטע זייטן.

חלומות

צאַרטע, ווייבלעכע נעכט — איך ליב אייך!

איך האָב ליב די נאַכט, ווען דאָס קליין שטעטעלע שלאָפט. ווען די טיפע, ליבע און ווייכע, ווייכע זומער־נאַכט נעמט אַרום מיט אירע פּאַר־כשופטע, צאַרטע פליגל דאָס בידנע, פול מיט טרויער יידישע שטעטעלע — איך ליב דיך דאַן, צאַרטע, צאַרטע ווייבלעכע נאַכט.

אַ צאַרטע, פאַרכשופטע שטילקייט שלאָפט איבער דעם איין־גאַסיקן יידישן קליין שטעטעלע. און שטיל, פאַרכשופט און צאַרט איז אַלץ אַרום דאָס שטעטעלע; די ברייטע, גרינע, פרישע זומער־פעלדער און די גע־דיכטע, געדיכטע, טיפע און פול מיט נאַכט־מחשבות זומער־וועלדער.

עס איז אַ ווייכע, צאַרטע, אַ ווייבלעכע נאַכט.

בלאָע זיידנס זענען די הימלען; מילדע און נייאינקע, אָט ווי אָקאָרשט געבוירן זענען די שטערן, און די בלאַסע, זילבערנע לבנה קוקט צניעות־דיק אין דער ווייכער נאַכט אַריין. צאַרטע סודות טראָגן זיך צווישן הימל און ערד און שמועסן צווישן זיך וועגן אַזוינס טיפס, ווייכס און פול מיט נאַכט. די שוואַרצע, שטומע נאַכט־שאָטנס הערן זיך צו צו זייער כשוף־לשון. זיידנס־ווייכע ווינטעלעך אָטעמען ליב און ווייך אין דער פאַרכשופ־טער נאַכט אַריין. זיי שוועבן אַרום גרינג און געשווינד און זיי וועבן ליבע ריחות פון אַלערליי פרישע גרעזלעך און בלימלעך, ריחות פון גרינע, פריי־שעביימער, ריחות פון דעם נאַכט־טוי, פון די הימלען און פון דער פריי־שער גרינער ערד.

עס איז אַ טיפע, אַ ווייכע, צאַרטע, ווייבלעכע נאַכט.

און דאָס איין־גאַסיקע, יידישע קליין שטעטעלע ליגט זיך אונטער די פליגל פון דער טיפער, ווייכער נאַכט אַזוי רויק; די ברייטע, גלייכע גאַס איז איינגעשלאָפן אין שויס פון אַ גרויסער, טיפער נאַכט־מחשבה; די

עלנטע, בידנע הייזלעך פון ביידע זייטן גאַס טוליען זיך גלויבנדיק צו די סודות פון דער נאַכט; דיביימער דאָ און דאָרט נעבן די הייזער זענען פול מיט שטומע, גוטע נאַכט־סודות, און די צוויי הויכע אָצעפּס פון ביידע ברונעמס ביי ביידע עקן שטעטעלע טראַכטן שטום אַזוי זיכער וועגן דער טיפעניש פון דער נאַכט. און אַלץ, אַלץ אין דעם שטעטעלע איז אַזוי רויק זיס איינגעשלאָפן, אַזוי גלויבנדיק. נאַכט, אין דיין ווייכקייט און צאַרטקייט גלויבט עס? וואָס גוטס סודעסטו די דאָזיקע בידנע עלנטע הייזעלעך פון דעם קליין שטעטעלע? אפשר ווייסטו דעם סוד פון זיין ביטערן עבר אָדער דעם גורל פון זיין עתיד?

שטיל און פאַרכשופט איז די נאַכט. און צאַרט, צאַרט, ווי מיליאָנען פרויען־הערצער, ווען זיי ליבן, שוועבט צווישן הימל און ערד. אין דיין האַרצן וועבט זיך און עס וואַקסט אַ גרויסער, אַ הייסער דאַנק. אַ דאַנק אייך, שטומע, געדיכטע נאַכט־וועלדער; אַ דאַנק אייך, ברייטע, פאַרגאָסענע מיט לבנה־שיין, גרינע און שטומע נאַכט־פעלדער; אַ דאַנק אייך, זיידענע נאַכט־הימלען און פול מיט צאַרטע ריחות נאַכט־בלימעלעך; אַ דאַנק אייך, ווייכע נאַכט־ווינטעלעך, נאַכט־מחשבות, שוואַרצע, שטומע שאָטנס און נאַכט־סודות — אַ דאַנק, אַ דאַנק! טייער איז דיר די נאַכט, צו די הימלען ווילט זיך דיר גרייכן און הייס, הייס קושן זיי.

נאַכט, צאַרטע, צאַרטע נאַכט! ווייסטו אפשר פון וואָס גוטס פאַר די, וועלכע רוען איצט אין די דאָזיקע בידנע, עלנטע הייזעלעך פון דעם יידישן קליין שטעטעלע? נאַכט, פאַראַן ווו אין די ווילדע, ווילדע נאַכט־וועלדער, ביי די שאָטנס פון דער נאַכט, אָדער אין אַ שפּאַלט פון אַ ווילדן שטיין באַהאַלטן אפשר צווישן די נאַכטיקע טוי־פּערלען אין אַ בלומען־גאָרטן, — פאַראַן ווו באַהאַלטן אַ נחמה פאַר זיי?

עלנטע! אייך חלומט וואָס? בייטאָג זענט איר וואָך געווען. דעם טאָג איז שווער געווען צו נאַרן אייך. און די ווייכע, צאַרטע פרויען־נאַכט דערציילט אייך חלומות? אייך חלומט וואָס?

שטיל, פאַרכשופט איז די נאַכט, שטיל זענען די הימלען, די ערד און אַלץ וואָס צווישן זיי. שטיל, פאַרכשופט און צאַרט. און די נאַכט דערציילט חלומות.

און עס חלומען די הימלען, די ערד. עס חלומען די גרעזעלעך און די בלימעלעך, די פעלדער און וועלדער און דער לבנה־שיין, וועלכער איז באַגאָסן אויף זיי. עס חלומען די ווייכע, ווייכע ווינטעלעך, די נאַכט־מחשבות, די שטומע שאָטנס און די נאַכט־סודות; עס חלומט די נאַכט, עס חלומען די עלנטע, בידנע הייזעלעך פון דעם שטעטעלע, עס חלומען די מענטשן — גאָטס וועלט חלומט.

**
*

אין מיטן שטעטעלע אין אַן אַלטן, אַלטן הויז מיט אַן אַלטן חרובדיקן גאַניק שלאָפט דער רב. גליקלעך זעט איצט אויס זיין צעקנייטשט אַלט פנים; זיין גרויער קאָפּ ליגט רויִק אויפן קישן, רויִק ליגט אויף זיין ברוסט זיין ווייסע, ווי מילך ווייסע, גרויע באָרד, און זיין ברוסט אָטעמט ברייט, רויִק און גלייך — די נאַכט דערציילט אים אַ זיסן, אַ ליבן חלום:

זיין איינאיינציקער זון, וועלכער בלאָנדזשעט שוין יאָרן לאַנג אויף פאַלשע וועגן, אָן תורה, אָן אמונה, און שוין לאַנג, לאַנג ווי דער טייוול שפילט זיך מיט אים, האָט חוזר בתשובה געווען. אָט שטייט ער איצט פאַר אים מיט זיינע ליבע, ליכטיקע אויגן, מיט זיין איידעלן ייִדישן פנים און קושט אים הייס אין שטערן:

— פאָטער — שעפטשעט ער ליב — מורי ורבי, איך בין צוריק צו דיר געקומען. דער גאָט פון אונדזערע עלטערן רופט מיך צו זיך, אונדזער תורה שלעפּט מיך צו איר...

די גאַנצע פאַרבאָרגענע ליבע צו זיין זון, טיף, טיף באַהאַלטן ביז איצט אין זיין האַרצן, האָט זיך אויפגעוועקט מיט דער גאַנצער צאַרטקייט פון זיין טרויעריקער נשמה. ער האַלדזט מיט פרייד זיין זון, קושט אים הייס:

— דו האָסט געבלאָנדזשעט ביז איצט? נישט פאַרשטייענדיק אונדזער גאָט, אונדזער הייליקע תורה, האָסטו געבלאָנדזשעט אויף פאַלשע וועגן?

— יאָ, פאָטער...

— גאָט וועט דיר מוחל זיין... ער איז אַ סלחן... דו ביסט חוזר בתשובה?

— איך ווייס, גאָט איז אַ סלחן. איך גלויב אין אים, איך בין חוזר בתשובה.

— אונדזער גאָט איז דער אמתער גאָט, ער איז אַ אחד ומיוחד. אונדזער תורה איז הייליק.

— יאָ, אמת. איך גלויב, איך גלויב.

— משיח וועט קומען, ווי גאָט האָט אונדז צוגעזאָגט. משיח וועט קומען.

— יאָ, אמת. איך גלויב, איך גלויב.

אַלטע, אַלטע, פול מיט טרויער יִדישע האַרץ, דו גלויבסט אין דיין חלום?

ווייך, שטיל און פאַרכשופט איז די נאַכט. די נאַכט דערציילט חלומות. און גאָטס וועלט חלומט.

**
*

מיט דער הויך פון אַ דאַך העכער פון אַלע הייזער פון דעם שטעטעלע איז די אַלטינקע, אַלטינקע שול. ווי טיף פאַרטראַכט אין זיך אַליין און פאַרוועבט אין טיפע, האַרציק ביטערע תפילות פון אַ סך, אַ סך דורות פון אַ פאָלק, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן אין אַ ביטערן, פינצטערן גלות, — שטייט זיך די שול עטוואָס אַרויסגערוקט ווייטער פון הינטער דער שורה הייזלעך, וואָס פון אירע בײדע זייטן, און זי איז פאַרזונקען אין אַלטע, גרוי־אַלטע סודות. די נאַכט פאַרהילט זי און טוליעט זי צו זיך, די לבנה באַגיסט מיט איר שיין די אַלטע, ברייטע אַריינגאַנג־טירן פון דער שול און באַלייכט פון אויבן אויף זיי די אויסגעקריצטע, אַלטע און האַלב־צעפאַלענע הילצערנע ווערטער: „מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל״. אינעווייניק, אין חדר שני שלאָפט אַ פּרוש. זיין אויסגעדאַרטער קערפּער פילט נישט די האַרטע, האַרטע באַנק אונטער זיך — עס חלומט אים:

אַ גרויסער, אַ גרויסער גאָרטן געפלאַנצט מיט אַלערליי פירות־ביימער און טייערע בשמים־געוויקסן. אין מיטן גאָרטן זעט ער פאַר זיך אַ מירמל־שטיינענעם פּאַלאַץ. עס עפנט זיך פאַר אים אַ גאָלדענע טיר; ער גייט אַריין אין זייער אַ רייכן, שיינעם צימער. קיין ילוד אשה האָט אַזוינס נישט געזען! די ווענט זענען פון ליכטיקן פיל־פאַרביקן קרישטאָל, די בריק איז פון העלפאַנט־ביין געמאַכט געוואָרן און דער סופיט איז ווי אַ הימל

אין אַ זומער־נאַכט. אין מיטן צימער שטייט אַ גאָלדענער טיש, נעבן טיש אַ גאָלדענע שטול, אויף דער שטול זיצט אַן אַלטער, גרויער ייִד אין טלית און תפילין; זיין פּנים שיינט ווי ביי אַ מלך אלהים, און ער לערנט, פאַר־טיפנדיק זיך אין דער גמרא, וועלכע ליגט פאַר אים אויף דעם גאָלדענעם טיש. און זיין קול איז אַזוי אָנגענעם, אַזוי זיס, אַז דאָס האַרץ צעגייט פון מתיקות. אויפן טיש ברענט אַ גאָלדענע מנורה, און די ליכטיקייט פון איר איז ווי די ליכטיקייט פון דער זון.

דער אַלטער, גרויער ייִד אין טלית און תפילין ווייזט אים אָן אויף אַ גאָלדענע טיר, וועלכע פירט אין אַ צווייטן צימער, אין צווייטן צימער האָט מען אים אָנגעוויזן אויף אַ גאָלדענע טיר, וועלכע פירט אין אַ דריטן צימער. און אַזוי איז ער געגאַנגען פון צימער צו צימער. איטלעכס צימער איז געווען, וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען, אין צווייען שענער, רייכער און ליכטיקער פון דעם פאַריקן. דאָס זיבעטע צימער איז געווען אין זיבן מאָל שענער, רייכער און ליכטיקער, ווי די אַלע פאָריקע זעקס צימערן. און אין מיטן צימער זענען געזעסן ביי אַ גאָלדענעם טיש, אויס־געזעצט מיט אַבנים טובות און בריליאַנטן אויף גינגאָלדענע שטולן די אָבות מיט משה רבינו בראָש און מען האָט געלערנט סתרי תורה. זיבן מנורות, וואָס די ליכטיקייט פון איטלעכער מנורה איז געווען ווי די ליכ־טיקייט פון דער זון, האָבן באַלויכטן דאָס צימער, און מלאכים און כרובים האָבן משמש געווען די אָבות און משה רבינו. געהאַלטן האָט מען ביים „קץ". און אַ בת קול האָט אויסגערופן:

— דערפאַר וואָס דו האָסט זיך מתעסק געווען יום ולילה אין לערנען, דערפאַר וואָס דו האָסט אַוועקגעגעבן דיין גאַנץ עולם הזה צוליב מיר און מיין תורה, דערפאַר האָסטו זוכה געווען צו זיצן ביי איין טיש מיט די אָבות און מיט משה רבינו און דו האָסט זוכה געווען צו הערן די סתרי תורה וועגן „קץ". וויל איז צו דיר, וויל איז צו דיר, מענטש!

עלנטער, עלנטער פּרוש, וויל איז צו דיר!

ווייך, שטיל און פאַרכשופט איז די נאַכט. די נאַכט דערציילט חלומות. און גאָטס וועלט חלומט.

***

קעגנאיבער דער שול שטייט עלנט דאָס גרעסטע הויז פון דעם שטעטל.

און אינעווייניק אין אַ ריין שיין צוגעקליבענעם צימער שלאָפט די יונגע אַלמנה. זי שלאָפט אין איר בעט קעגנאיבער דעם פּוסטן בעט פון איר מאַן. רויִק איז איצט איר שיין פּנים, ווי ביי אַ יונג אומשולדיק קינד. יונג און פריש אָטעמט איר צאַרטע הייסע ברוסט, אירע לאַנגע שיינע האָר זענען רויִק פאַרשפּרייט אויף דעם ריינעם ווייסן קישן און עס חלומט איר.

נישט ריכטיק, פאַלש איז איר ביטערער באַוווּסטזיין, וועלכער האָט שוין צייט צוויי יאָר פאַרפינצטערט איר לעבן. נישט געטראָפן האָט איר דאָס אומגליק, וועלכער האָט אויף אייביק פאַרסמט איר נשמה. אַ ליגן, אַ ליגן איז דאָס, וואָס אַ פּאָגראָם איז געווען ביי זיי, וואָס איר טייערן, איר ליבן שמואלן האָבן פּויערים אויף טויט דערהרגעט — פאַלש, — אָט זעט זי:

צוויי גרויסע, שיינע, קלוגע אויגן; דאָס פּנים איז פול מיט חן און אַזוי ליב איז ער. שוואַרצע געקרייזלטע האָר, און דער קול איז אַזוי ליב, אַזוי פול מיט אַ הייסער ליבע צו איר — שמואל, איר שמואל איז דאָס. ער זיצט איצט נעבן איר, ער קוקט ווייך אין אירע אויגן אַריין און דערציילט איר, ווי גליקלעך ער איז פון דאַן אָן, זינט ער האָט חתונה געהאַט מיט איר.

— און קיין פּאָגראָם איז נישט געווען? — פרעגט זי אים.

— ניין, טייערע — פאַרזיכערט ער איר.

— און עס וועט נישט זיין?

— ניין... ניין, מיין גליק — שווערט ער איר.

— און קיינער וועט דיך פון מיר נישט אַוועקנעמען?...

— ניין... איך וועל אייביק זיין מיט דיר... זיי רויִק, מיין טייערע.

— און אַז מיר וועלן האָבן קינדער, וועט מען זיי נישט שלאָגן? מען וועט זיי נישט אָפּנעמען פון אונדזערע הענט און טויטן זיי פאַר אונדזערע אויגן?

— ניין... ניין, מיין טייערע... גליקלעך און ליכטיק וועט זיין אונדזער לעבן אויף גאָטס וועלט...

זי דריקט שטאַרק איר שמואלס שיינעם קאָפּ צו איר הייסער, הייסער, מיט גליק פולער ברוסט, און ער קושט הייס איר שיינעם, מאַרמאָרנעם האַלדז און זאָגט איר צו:

— ליכטיק, ליכטיק וועט זיין אונדזער לעבן אויף דער וועלט.
יונגע, שיינע יידישע פרוי, עס חלומט דיר.

ווייך, שטיל און פאַרכשופט איז די נאַכט. די נאַכט דערציילט חלומות.
און גאַטס וועלט חלומט.

***

ביים עק שטעטעלע אין אַן אָרעם, צעקרימט הייזל, שלאָפט איצט שמערל דער קרעמער מיט זיין ווייב און קינדער — אַ געזינדל זאַלבע צוועלף. ער הערט נישט די שלאָפנדיקע קרעכצן פון זיין תמיד טרויעריקער, בלייכער פרוי; זיינע ליפן שמייכלען, זיין פנים איז צופרידן — די נאַכט דערציילט אים:

ער האָט אויסגעבויט אַ ניי שטיבל; זיין קראָם איז אַ היפּשע מיט אַ סך סחורה; פּרנסה איז פאַראַן, וויפל ער באַדאַרף אויף לעבן; אין שטוב איז ריין, ליכטיק, די קינדער זענען אָנגעטון אין גאַנצע מלבושים, זיי זענען אַלע געזונט, און זיין פרוי חיהלע איז פריילעך געוואָרן, זי לאַכט אַזש פאַר פרייד.

— שמערל — רופט זי אים פריינטלעך.

— וואָס? — פרעגט ער איר.

חיהלע וויל אים וואָס זאָגן, נאָר זי לאַכט, זי לאַכט פאַר פרייד.

— שמערל, ווי ריין, ווי ליכטיק ביי אונדז איז אין שטוב. קוק אויף אונדזערע קינדער: ווי געזונט, ווי פריילעך זיי זענען.

— טאַטע, טאַטע — רופט אים פריילעך אַ קינד — דו זעסט, דו זעסט מיינע נייע מלבושים? טאַטע...

— ביי איך אַלעמען, ביי איך אַלעמען — טיילט זיך שמערל מיט זיינע קינדער זיין גליק — זענען פאַראַן שיינע און גוטע מלבושים, איך האָב געקויפט.

— גאָט האָט צוגעשיקט, — דערציילט חיהלע די קינדער — אויף אַלץ איז פאַראַן, אויף עסן, אויף קליידן זיך, גאָט האָט צוגעשיקט.

און צו שמערלען ווענדט זי זיך פריינטלעך און אַזוי וואַרעם:

— נו, שמערל, וואָס פעלט אונדז נאָך?

שמערל קוקט אויף זיינע קינדער, אויף זיין חיהלען און שווייגט, און אין זיין האַרצן צעגיסט זיך אַ הייסער, וואַרעמער גליק.

עלנטער, אָרעמער ייִד, וואָס פעלט דיר נאָך?
ווייך, שטיל און פאַרכשופט איז די נאַכט. די נאַכט דערציילט חלומות.
און גאָטס וועלט חלומט.

*****

נאָך צוויי חלומען. זיי שלאָפן נישט, נאָר זיי חלומען: דעם שמשס טאָכטער, ריבעלע די שיינע, און פישע דעם מאַלערס זון, חיים דער גע־ראָטענער.

זיין יונג, הייס האַרץ איז שוין לאַנג פאַרביטערט געוואָרן פון די מחשבות וועגן דעם לעבן, וואָס ער זעט פאַר זיך, וועגן דעם לעבן אין אַ פינצטערן, ביטערן גלות; אַ לעבן אין קנעכטשאַפט, אין שרעק, אין הונגער און נויט. אויך וויס ער שוין וועגן גרויסע העלדן, וועלכע האָבן מלחמה געהאַלטן פאַר דער ליכטיקייט פון לעבן און פאַרן מענטשנס גליק. זיי זיצן ביידע, ער און זיין שיינע ריבעלע, נאָענט איינער נעבן דעם צווייטן הינטער דעם שמשס שטוב. חיימס אויגן זענען איצט שענער ווי אַלע מאָל; ער קוקט פאַר זיך אין דער טיפער, מיט חלומות פולער נאַכט. ער גלויבט דער נאַכט און ער חלומט:

ער וועט אויסלערנען אַלע גרויסע, גוטע און טיפע ביכער, וועלכע מאַכן וויסן וועגן לעבן, וועגן מענטשן, וועגן אמת. און ער וועט מלחמה האַלטן פאַר דעם גליק פון מענטשן, פאַר דער ליכטיקייט פון לעבן, פאַר דער אמתער ישועה פון זיין ביטערן, עלנטן, אומגליקלעכן פאָלק.

ריבעלע הערט זיך צו מיט גלויבן צו זיין גרויסן חלום און טוליעט זיך, טוליעט זיך צו זיין הייסער, יונגער ברוסט.

— ביידע... ביידע צוזאַמען — שעפּטשעט שטיל ריבעלע — איך אויך, איך אויך.

— יאָ, ריבעלע, מיט דיר צוזאַמען... ביידע...

— אַז מיר וועלן מלחמה האַלטן, וועלן מיר מנצח זיין?

— יאָ, ריבעלע... יאָ...

— מיר וועלן נישט לעבן ווי קנעכט... מיר וועלן לעבן פריי?...
— מיר וועלן מלחמה האַלטן... מיר וועלן מנצח זיין...
— און ליכטיק וועט זיין דאָס לעבן אויף דער וועלט — פרייער, שע־נער, בעסער?
— יאָ, ריבעלע...

חיים גלויבט אין די חלומות פון דער נאַכט און ער חלומט, און ריבעלע גלויבט אין חיימס חלומות און חלומט אויך.

גרויסע טרוימער פון דעם יידישן קליין שטעטעלע, איר גלויבט אין אייערע חלומות?

ווייך, שטיל און פאַרכשופט איז די נאַכט. די נאַכט דערציילט חלומות.

און עס חלומען די הימלען, די ערד; עס חלומען די גרעזעלעך און די בלימעלעך, די פעלדער און וועלדער און דער לבנה־שיין, וועלכער איז אויס־געגאָסן אויף זיי; עס חלומען די ווייכע, ווייכע ווינטעלעך, די נאַכט־מחשבות, די שטומע שאָטנס און די נאַכט־סודות; עס חלומט די נאַכט, עס חלומען די עלנטע, בידנע הייזעלעך פונעם שטעטעלע, עס חלומען די מענטשן — גאָטס וועלט חלומט.

עלנטע, פאַרביטערטע איינוווינער פון דעם יידישן קליין שטעטעלע! בייטאָג זענט איר וואָך געווען. דעם טאָג איז שווער געווען צו נאַרן אייך, און די ווייכע, צאַרטע, ווייבלעכע נאַכט דערציילט אייך חלומות. אייך חלומט?

ווייך, שטיל און פאַרכשופט איז די נאַכט, ווייך און שטיל זענען די הימלען, שטיל איז די ערד, און צאַרט און שטיל איז אַלץ, וואָס צווישן הימל און ערד — ווייך, שטיל און פאַרכשופט.

די נאַכט דערציילט חלומות.
און גאָטס וועלט חלומט.

א ל ו ל

I.

אַן עניוות ציטערדיקע שטימע האָט זיך אין דער וועלט צעגאָסן.

אין די ייִדישע שטעט און שטעטלעך, אין די מנינים און שטיבלעך, בתי־מדרשים און שולן מיט דער אַלטער פּראַגער שול, צפתער בתי־מדרשים און ווילנער און קאָוונער שולן בראש האָט מען שופר געבלאָזן. און די שופר־שטימען האָבן זיך צעגאָסן איבער דער וועלט. האָבן זיך געצויגן איינס צום צווייטן דורך טאָלן און בערג, דורך פעלדער און וועלדער, האָבן זיך באַהעפט איינס מיט אַנדערן און זייער אָנזאָג און סוד צווישן הימל און ערד געבראַכט — היינט איז דער ערשטער טאָג אלול.

האָט די ווייסע בעריאָזע ביים לישנער בית־המדרש, תיכף נאָך שופר־בלאָזן, אייניקע געלע בלעטער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן. ר׳ שמואל דער וואַלד־סוחר, מיט אַ הרחבתדיקן פנים, מיט אַ שיינער שוואַרצער באָרד, אין וועלכער עס וואַרפט זיך דורך ערטערווייז אייניקע זילבער ווייסע, זיל־בערנע האָר, מיט אַ ברייטקייט פון תורה און נגידות אין די קאַרע אויגן, וועלכע זיצן אויף פולבלעכע ביילעך אונטער זיי, און אַ זיידענע יאַרמולקע אויפן קאָפּ און אַ סורדוט און גאַרטל ביים דאַוונען, שטייענדיק אויף זיין אָרט אין בית־המדרש, אין מזרח־וואַנט, ביים פענצטער, האָט ער באַמערקט און פאַרטראַכט זיך. און אין אַ ווײַלע אַרום אַ קער געטון זיך צום רב, נעבן וועלכן ער איז געשטאַנען:

— אַפילו די ביימער האָבן דעם אלול דערפילט. עס פאַלן געלע בלע־טער.

דער רב מיט אַ גרויער באָרד און פּיאות, מיט פרומע קנייטשן אויף די צוואָס איינגעפאַלענע באַקן און אויפן פרום פאַרטראַכטן שטערן, און שטיל

אַריבער קאָפּ, אויף דער שפּיציק סאַמעטענער יאַרמולקע ביז אויפן של ראש, האָט געזאָגט:

— אויך די ביימער אין וואַלד ווערן צום יום־הדין גערופן.

איז שוין ר׳ שמואל היינט נישט אַוועק, ווי אַלע מאָל, באַלד נאָכן דאַ־וונען אַהיים. און איז מיטן רב צוזאַמען געגאַנגען צום לאַנגן טיש ביים מערב־זייט אין בית־המדרש, נעבן אַלמער־ספרים, הערן דעם רבס אַלע־טאָגעדיקן שיעור משניות נאָכן דאַוונען.

ביים משניות זאָגן האָט דער רב פאַרפירט אַ שמועס וועגן אלול, ימים־נוראים, וועגן דעם עניין פון שופר־בלאָזן, וועגן גאָט, וועגן דער וועלט און וועגן ייִדן.

דער רב האָט געענדיקט זיין שיעור משניות. האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש. נאָך אים ר׳ שמואל און ר׳ יונה דער רוכוואַרג־הענדלער, אַ פולב־לעבער, רירעוודיקער יונגערמאַן מיט לעבעדיקע קליינע אויגן פול מיט געשעפט און מיט אַ העל בערדל, וועלכע שפּראָצט בינטלעכוויז נאָר אין צוויי־דריי ערטער. זיי זענען אַוועק אין מזרח־וואַנט צו. זייערע ערטער איינס נעבן צווייטן. האָבן גענומען צונויפלייגן זייערע טליתים און תפילין. ר׳ יונה האָט זיך מיטן רב געטיילט:

— איך פאָר היינט צו דער באַן. אין נישזנע. מיין שותף רופט מיך אַרויס. עס ווילט זיך נישט פאָרן. אלול.

ר׳ יונה האָט געקוקט אויפן פרומען פנים פון רב און אין זיינע מסחור־אויגן איז אָקאָרשט, היינט, אויסער מסחור אַ נייע מחשבה געבוירן און פאַרבאַהאַלטן געוואָרן. ער האָט צוגעגעבן:

— אלול... איז דאָך אַ צייט צו מיישב זיין זיך ווי האַלט מען עס אין דער וועלט. און מען מוז האַוועןן.

דער רב האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, וועלכע זענען ערנסט און שטרענג ווען זיי זענען אַראָפּגעלאָזט און קוקן אַזוי גוט און ווייך בשעת זיי זענען אויפגעהויבן און קוקן אויף וועמען. האָט זיך צו ר׳ יונהן געווענדט:

— נו, ייִדן זענען אומעטום ייִדן. בתי־מדרשים זענען אין נישזנע אויך פאַראַן. און אלול איז אומעטום אלול.

ביים טיש, דאָרט נעבן אַלמער ספרים, זענען פאַרבליבן די הערער פון משניות און ר׳ יחיאל דער דין מיט אַ געדיכטער שוואַרצער באָרד און פולע שוואַרצע פּיאות, מיט אַ תמיד פאַרטראַכטן פּנים און אַ משונה תמימותדיקן שמייכל אויף זיינע ליפּן, האָט גערעדט וועגן דער חזקה פון רב, דעם ערשטן טאָג ראש־חודש אלול אַליין צו בלאָזן שופר. און האָט דער־ציילט:

— איך האָב געהערט אַ מעשה, ווי איינער פון די געהויבענע האָט אָפּגעריכט גלות. האָט ער אין וועג פאַרבלאָנדזשעט. איז ער געבליבן אין וואַלד נעכטיקן. געווען איז עס ראש־חודש אלול. איז ער אויפגעשטאַנען אינדערפרי, האָט זיך געשטעלט דאַווענען. באַלד ווי ער האָט אָפּגעדאַוונט האָט ער דערהערט ווי דיביימער מיט זייערע צווייגן און בלעטלעך און אַלע גרעזעלעך אין וואַלד האָבן אַ ציטער געטון. האָט ער פאַרשטאַנען: דאָס האָבן זיי דעם קול השופר דערהערט. איז ער אַריינגעפאַלן אין עצבות: די ביימער און די גראָזן האָבן געהערט דעם שופר־בלאָזן און ער נישט. איז ער חלילה קיין ייִד נישט? און האָט זיך פונאַנדערגעוויינט הויך, אויפן קול. האָט זיך צו אים באַוויזן איינער מיט אַ שופר אין האַנט און האָט צו אים געזאָגט: „דו וווּנדערסט זיך וואָס די ביימער און די גראָזן הערן דעם קול השופר. זענען זיי דען נישט מעשי ידיו? דער יום הדין איז פאַר אַלעמען, פאַר אַלע גאָטס באַשעפענישן און איך בלאָז עס שופר פאַר הימל און ערד, וועלדער און פעלדער, טייכן און ימים, געוויקסן און גראָזן. און אַזוי ווי דו האָסט קיינמאָל נישט דורכגעלאָזן דעם ערשטן מאָל שופר־בלאָזן איז דיין געוויין אָנגענומען געוואָרן. נאַ דיר אַ שופר״. און ווי נאָר ער האָט אָפּגעבלאָזן שופר, איז דער מענטש מיטן שופר נעלם געוואָרן.

אַלע זענען געבליבן זיצן ביים טיש פאַרטראַכטע.

און אַז דער רב, מיט אים ר׳ שמואל און ר׳ יונה, זענען אַוועקגייענדיק פון בית־המדרש דורכגעגאַנגען פאַרביי דעם טיש, ווו די הערער פון משניות זענען געזעסן פאַרטראַכטערהייט, זענען אַלע אויפגעשטאַנען לכבוד דעם רב, לכבוד התורה. זענען פון טיש אַרויס, אויך נאָכן רב אַוועק. און אַלע צוזאַמען פון בית־המדרש אַרויס.

דאָס שטעטל האָט זיך פון היינט אינדערפרי אָן אומגעענדערט. גלייך ווי דער קול פון שופר האָט אַ לייכטן, פאַרטראַכטן פאַרהאַנג אויף דאָס

שטעטל פֿאַרוואָרפֿן. די הייזער זענען מיט דעם סוד פֿון אלול פֿאַרצויגן געוואָרן. דיביימער דאָ און דאָרטן ביי אַ שטוב זענען געלער געוואָרן און ערנסטער. די זון לייכט מיט אַ טרויעריקן גלאַנץ. און דער סוד, וואָס דער שופֿר האָט מיט זיך געבראַכט, האָט זיך געצויגן און פֿאַרשפּרייט איבער די טונקל־געלע אָפּגעשניטענע פֿעלדער, אויף דעם שטילן, רויקן, שוין קאַלטן טייכל ביים שטעטל און צום וועלדל אַהין, דעם געלבלעכן, טרויעריקן, ביזן גרוי־בלוילעכן האָריזאָנט.

איז מען געגאַנגען פֿון בית־המדרש פֿאַרטראַכטע. געקלערט האָט מען וועגן אלול, וועגן די ימים־נוראים, וועלכע קומען אָן, וועגן דעם יום־הדין, וועגן גאָט און זיין וועלט, וועגן ייִדן און גאָט זייער פֿאָטער.

***

אַלע זענען זיך צעגאַנגען, יעדערער אין זיין שטוב אַריין. אין גאַס איז פּוסט. נאָר ר׳ יחיאל איז געבליבן שטיין אַליין נעבן זיין שטוב. ער שטייט מיטן טלית און תפֿילין אונטערן אָרעם, זיינע פּלייצעס איינגעבויגן. איין האַנט אָן דעם ריפּסענעם גאַרטל אָנגענומען און זיינע פֿאַרטראַכטע, שאַרפֿע, שוואַרצע אויגן קוקן אומרויִק אין אלולדיקן טאָג אַריין און ער טראַכט מיט שרעק:

— אלול... דער יום הדין...

איז ער אַן אומרויִק פֿאַרטראַכטער איבער דער גאַס אַוועק. איז צום רב אַריין.

דער רב קומענדיק פֿון שול איז גלייך מיטן טלית און תפֿילין אונטערן אָרעם צו זיך אין צימער אַריין. ראש־חודש אלול ביז נאָך האַלבן טאָג פֿאַסט ער. און באַלד האָט זיך דערהערט ווי דער רב לערנט שוין הויך, אויפֿן קול. האָט ר׳ יחיאל געטראָפֿן אין עסצימער ביים רב נאָר די רביצין. זי איז געזעסן ביים טיש אין איר זיידענעם שוואַרצן טשעפּטשיק אויפֿן קאָפּ, אין שפּאַקולן און פֿאַר איר אויפֿן טיש דער אַלטער, גראָבער קרבן־מנחה אָפֿן. נישט אַלץ נאָך אָפּגעזאָגט היינט.

— אלול... — האָט ר׳ יחיאל געזיפֿצט, ווי מיט זיך אַליין, שטייענדיק ביים טיש.

— אַז עס פליט — האָט די רביצין נאָכגעזיפצט, קערנדיק איר פּנים מיט די שפּאַקולן צו ר׳ יחיאלן — דאָס יאָר לויפט אַריבער אַזוי גיך. מען האָוועט און מען האָוועט ביז וואָנען מען כאַפּט זיך — שוין אלול. און אין וואָס איז מען אַזוי פאַרהאָוועט, אין דער נאַרישער וועלט? אָט אַז עס קומט אלול, כאַפּט מען זיך ערשט.

— יאָ, — האָט ר׳ יחיאל געזיפצט. זיינע פאַרטראַכטע אויגן האָבן זיך פאַרטיפט אין שרעק. און ער האָט זיך פאַרקלערט אין אַ מעשה.

אַ מעשה אויף איינעם פון די געהויבענע, וועלכער פלעגט ראש השנה און יום־כפור אַליין דאַוונען ביים עמוד. איז איינמאָל ראש־השנה, צו שחרית איז ער צוגעגאַנגען צום עמוד, האָט אַ געשריי געטון ווי זיין שטייגער איז געווען אַלע מאָל: המלך, און איז געפאַלן אין חלשות. אַז מען האָט אים אָפּגעמינטערט האָט ער זיך ביטער פונאַנדערגעוויינט און האָט גענומען שרייען: סטייטש, סטייטש, ווי באַלד אַז איך בין אַליין מודה, אַז ער איז אַ מלך, אַ קייסער, ווי אַזוי בין איך עס פריִער צו אים נישט געקומען.

ביי דער רביצין ווייזן זיך טרערן אין די אויגן. זי פאַרריכט ביי זיך די שפּאַקולן. נעמט דעם קרבן־מנחה פון טיש אין די הענט אַריין און הייבט אָן מיט אַ טרויעריקן ניגון דערזאָגן דעם תהילים פון היינטיקן טאָג.

ר׳ יחיאל שטייט אַ ווייַלע אַ פאַרטראַכטער נעבן טיש. גייט אַוועק פון טיש, פון רבס שטוב אַרויס און גייט אַ פאַרטראַכטער איבער דער גאַס אַוועק.

פון ר׳ ברוך מלמדס הויז, דורכן אָפענעם פענצטער, הערט זיך ווי די קינדער לערנען דאָרט. און אין די קינדערשע קולות הערט זיך שוין דער אָפּקלאַנג פון ימים־נוראים־תפילות. און מיט עטלעכע הייזער ווייטער זיצט ביי זיך אין שטוב, ביים אָפענעם פענצטער, ר׳ מרדכי, דער אַלע־יאָריקער ימים נוראים־חזן, און האָט געצויגן פאַרטראַכט און פאַר זיך, האַרציק און פאַראומערט:

— הנש־מה לך והגוף ש־לך...

און האָט זיך פאַרטראַכט אין אייגענעם שטייגער, אין אַ וואָלעכל אָן ווערטער, געוועבט אין האַרציקע מחשבות.

הערט ר׳ יחיאל ר׳ מרדכיס וואָלעכל, פאַרשטייט אים און טראַכט מיט אים צוזאַמען:

— יאָ, די נשמה איז דיינע, גאָט, און דער גוף איז דיינער. אַלץ איז דיינס. און גוט איז פון דעם. גוט ביז זיסקייט. און דו קענסט זיך מרחם זיין אויף אונדזער נשמה, דיינער, אויף אונדזער גוף, דיינעם. די נשמה איז דיינס, גאָט גרויסער, דער גוף איז דיינס. גאָט האַרציקער. און וואָס איז אונדזערס צווישן הימל און ערד, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט? גאָרנישט האָבן מיר. אָרעם און געפּאַלן זענען מיר. פאַרוואָס זענען מיר אַזוי אָרעם, גאָט האַרציקער? אַלץ איז דיינס, אַלץ איז דיינס... און אַ שרעק נעמט אָן... און צי האָבן מיר ציכטיק דיין גוף געהאַלטן, צי זענען מיר קעגן דיר געגרעכט?... אַלץ איז שוין געקומען... אַלץ...

ר׳ יחיאל גלייכט זיך אויס מיט דעם אָפענעם פענצטער פון ר׳ מרדכיס הויז. ביידע כאַפּן זיך אויף פון זייערע מחשבות. באַגריסן זיך מיט די קעפּ איינס מיטן צווייטן און ר׳ יחיאל גייט צו און שטעלט זיך אַוועק נעבן פענצטער.

— איך ווייס גאָר נישט — קלאָגט זיך ר׳ מרדכי און אויף זיין פרומען, איידל מאַטאָוון פנים מיט אַ ווייכער, שוואַרצער באָרד באַוואַקסן איז אַן אומבאַהאָלפנקייט אויסגעגאָסן. — איך ווייס גאָר נישט, ווי וועל איך הייאָר דאַוונען. הייזעריק בין איך, אָבער גאָר הייזעריק.

ר׳ מרדכי האָט זיך פאַרגעסן אַז אי פאַראַיאָרן, אי פאַרצווייאָרן, אויך פאַרדרייאָרן, אַלע יאָר קלאָגט ער זיך דאָס זעלבע. און ווי עס קומט אלול, כאַפּט אים אָן אַ שרעק, צי איז ער כדאי און הגון אויף צו זיין אַ שליח ציבור צווישן ייִדן און גאָט און טענהט:

— איך בין הייזעריק, הייזעריק.

— ייִדן דאַוונען דען מיטן קול — האָט ר׳ יחיאל געזאָגט — מיטן האַרצן דאַוונט מען דאָך. איר האָט פאַראַיאָרן מיטן האַרצן געדאַוונט און וועט הייאָר אַזוי דאַוונען.

האָט זיך ר׳ יחיאל מיט ר׳ מרדכין פונאַנדערגערעדט וועגן די ימים נוראימדיקע תפילות בכלל און וועגן דעם, אַז די געהויבענע, גרויסע ייִדן האָבן געקענט אַ סך פועלן ביי גאָט מיט זייערע תפילות, מיט זייערע טענות פאַר גאָט. האָבן זיי זיך ביידע פאַרטיפט אין אַ מעשה:

געווען איז אַמאָל אין אַ שטאָט אַ געהויבענער רב. פון די גדולים. האָט דער דוכס פון שטאָט געהאַט אַ תביעה צו אַ ייִדן. גייט דער דוכס מיטן

יידן צום רב, ער זאָל פּסקנען צווישן זיי. הערט דער רב אויס ביידנס טענות. איז דער ייִד על פּי דין גערעכט. פּסקנט דער רב ווי דער דין איז און דער דוכס ווערט אָן זיין תביעה. גייט דער דוכס אַוועק פון רב מלא רציחה און גיט אַרויס אַ גזר, אַז מען זאָל דעם רב די האַנט אָפּהאַקן דערפאַר וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ פּסק דין. קומען צולויפן צום רב, אין שרעק, די חשובי העיר, דערציילן אים דעם דוכסעס גזירה און פרעגן אים:

— סטייטש, רבי, וואָס האָט איר עס געטון?

האָט דער רב זיי געענטפערט:

— נו, און אַז מען וועט מיר די האַנט אָפּהאַקן, וועט דען דאַן דער דין אַנדערש ווערן?...

האָט דער רב געמוזט באַהאַלטן זיך פון דוכס און איז אַוועק גלות אָפּריכטן. האָט ער יאָרנווייז געוואַנדערט איבער דער וועלט, פאַרשטעלטערהייט, ביז ער איז אַלט געוואָרן און האָט שוין מער קיין כוח נישט געהאַט אַרומצוגיין איבער דער וועלט. איז ער געקומען צו ראש השנה אין דער שטאָט, וווּ ער איז רב געווען. אין שטאָט האָט מען אים נישט דערקענט, וואָרום ער איז געווען אָנגעטון קרוע־בלויה, ווי אַן אָרעמאַן אַ נע־ונדניק. איז פאַרגאַנגען אין בית־המדרש, נעכטיקט דאָרט, ווי אַלע אָרעמע לייט, דורכגייער. און דעם ערשטן טאָג ראש־השנה, נאָך תקיעות, גייט ער אַרויף אויף דער בימה, גיט אַ קלאַפּ איבערן טיש און ווענדט זיך צום עולם:

— רבותי, הייליקע יידישע עדה, איך בעט פון אייך מחילה. איך האָלט אָפּ דעם מוסף דאַוונען. איך רוף דעם היגן דוכס צום דין־תורה פאַרן בית־דין של מעלה. איך בין זיך פאַר אייך מגלה; איך בין אייער רב. און פאַר אַ דין צדק וואָס איך האָב געפּסקנט צווישן דעם דוכס און אַ יידן האָב איך געמוזט נע־ונד זיין. איצט גייען שוין אויס מיינע כוחות. איך קען מער נישט און אַזוי ווי היינט איז דער יום הדין פאַר דער גאַנצער וועלט און פאַר אַלעמען, רוף איך דעם דוכס צום דין פאַרן בית דין של מעלה און איך שטעל אייך, הייליקע עדה, פאַר אַן עדות. און זאָל דער בית דין של מעלה משפּטן ווער איז גערעכט, איך צי דער דוכס...

אין שול איז מען געבליבן שטיין שטילע, שטומע. דער רב האָט אַריבערגעוואָרפן דעם טלית אַריבערן קאָפּ און איז פאַרגליווערט געוואָרן

אין פחד פאַרן דין. אַ צייט האָט אין שול געהערשט אַן אימהדיקע שטילקייט. נאָכדעם האָט דער רב אויפגעהויבן דעם טלית פון קאָפּ. האָט געזאָגט:

— איך בין בטוח, אַז דער בית דין של מעלה האָט געפּסקנט אַ דין צדק. מען קען שוין דאַוונען מוסף.

און איז פון בימה אַראָפּ.

אויף מאָרגן נאָך ראש השנה איז דער דוכס אויף יאַגד געפאָרן. איז ער אַראָפּגעפאַלן פון זיין פערד און איז געשטאָרבן. און דער רב האָט זיך מתגלה געווען פאַר דער גאַנצער וועלט.

ביידע, ר׳ יחיאל און ר׳ מרדכי האָבן זיך פאַרקוקט, פאַרטראַכטערהייט איבער די הייזער און איבער די געלע אָפּגעשניטענע פעלדער נאָך די הייזער, אַהין צום אלולדיקן גרוי־בלווילעכן האָריזאָנט.

און נישט ווייט פון ר׳ מרדכיס הויז, אויף דער צווייטער זייט גאַס, איז אויף ר׳ שמואלס אַלטן רייכן גאַניק זיין יונגע שנור אַרויס. ערשט שבת נאָך שבועות חתונה געהאַט. אין איר יונגער, רירעוודיקער, שלאַנקער פיגור, אין אירע שוואַרצע, שטיפערישע און נגידישע אויגן און אין די ווינקלען פון אירע חנוודיקע ליפּן זענען נאָך פאַרבליבן די תמימותדיק־מיידלשע חלומות. זי האָט זיך עפּעס אין שטוב אָט ערשט הויך פונאַנדערגעלאַכט. האָט די שוויגער, ר׳ שמואלס ווייב, איר באַמערקט: „קינד מיינס, אַזוי לאַכן, עס איז אלול, עס גייט אַזאַ יום הדין...״ האָט זי באַלד דערפילט אַז זי איז אומגערעכט און איז אויפן גאַניק אַרויס. זי זעצט זיך אויפן בענקל פון גאַניק, קוקט פאַרויס זיך אין דעם געלבלעכן אָנגעקומענעם אלול און טראַכט:

— איך בין שוין אַ ווייבל. שוין אונטער דער חופּה געשטאַנען. אלול קומט אָן... ראש השנה און יום כפור גייען... פרום, פרום דאַרף אַ ייִדישע טאָכטער זיין... אַ קרבן־מנחה דאַרף מען קויפן. אין ווייסן וועל איך זיך אָנטון ראש השנה און יום כפור. און ריין און ווייס פון זינד דאַרף די נשמה זיין אַזוי ווי דאָס זיידן ווייסע קליידל און בלוזקע... דער שוויגער וועל איך ערלעך פאָלגן און אַלץ וואָס זי וועט מיך לערנען... אלול... ראש השנה און יום כפור קומען אָן...

ר׳ יחיאל פאַרלאָזט שטום און פאַרטראַכט ר׳ מרדכין, ביים אָפענעם

פענצטער, אויך אַ שטומער און אַ פאַרטראַכטער, און גייט איבער דער גאַס אַוועק צו זיך אַהיים.

אין דערהיים באַגעגנט אים ווייך זיין ווייב שרה, אַ שטילע גאָטס־פאָרכטיקע ייִדענע:

— שוין איינס אַזייגער. דער וואַרמעס ווערט קאַלט.

ר׳ יחיאל קוקט מיט זיינע פאַרטראַכטע אויגן אין זיין עס־צימער אַריין. אַנדערש זעט ער היינט אויס. אַן איינגעהאַלטענע שטילקייט רוט אין אים. אין די ווינקלען טוליען זיך אלולדיקע שאָטנס. דער קליינער, אַלטער, עטוואָס קרומלעכער, הילצערנער זייגער אויף דער וואַנט קלאַפּט מיט זיין היך־הער און רופט איינטאָניק:

— א־לול, א־לול, א־לול...

— סיי ווי — רעדט ר׳ יחיאל ווי פאַר זיך — ראש חודש אלול, פאַר האַלבן טאָג עס איך דאָך נישט.

— דער וואַרמעס וועט קאַלט ווערן — פאַרדריסט אַלץ שרהן.

קוקט ר׳ יחיאל אויף שרהן פאַרוואונדערט, הייסט עס: גייט עס דען אין דעם? עס איז אלול, עס גייט אַזאַ יום הדין, איז עס דען נוגע וואָס פאַר אַ וואַרמעס עס וועט זיין?...

— עס איז אלול, שוין אלול, שרה, — טיילט זיך ר׳ יחיאל ערנסט מיט זיין ווייב שטייענדיק נאָך אַלץ מיטן טלית און תפילין אונטערן אָרעם — איך געפין זיך קיין אָרט נישט... אַזאַ פחד... אלול, מיט וואָס קומט מען פאַר גאָט?...

נאָכן וואַרמעס זיצט ר׳ יחיאל אַ צייט נעבן טיש אַ פאַרטראַכטער, אַן איינגעבויגענער. שטייט אויף, נעמט אַרויס פון זיין אַלמער ספרים אַ מוסר־ספר. זעצט זיך צוריק ביים טיש. און מיט טרערן אין די אויגן פאַרטיפט ער זיך אין ספר אַריין.

צו מנחה איז שוין היינט אין בית המדרש פולער ווי אַלע מאָל. און נאָך מנחה בלייבט מען אין שול וואַרטן אויף מעריב. זיצט מען ביים גרויסן טיש, אין מערב־זייט, נישט ווייט פון אַלמער ספרים. ר׳ יחיאל זיפצט ביי־טער. דער רב דערציילט אַ מעשה:

— איינער פון די געהויבענע האָט אין וועג פאַרבלאָנדזשעט. געווען איז עס אין אלול. האָט ער ביינאַכט אין פעלד גענעכטיקט. אויף מאָרגן

האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט זונען־אויפגאַנג. הערט ער אַ שמועס צווישן די גרעזער. איינס אַ צעוויאַנעט גרעזל קלאָגט זיך פאַר דעם צווייטן, נאָך אַ גרינס, אַ פרישס:

— עס איז שוין אלול. איך ווער צעוויאַנעט און איך וועל צום יום־הדין נישט זיין.

טרייסט עס דאָס צווייטע:

— דער יום הדין איז אַ שרעקלעכער. ווי קען מען עס קעגן איםביישטיין. אָט איך וועל דאָך אים דערלעבן. איך בין דאָך נאָך גרין און פריש. און ביזן קלענסטן וואָרצל מיינעם אין דער ערד בין איך פול מיט ציטער און שרעק.

קלאָגט זיך ווידער דאָס ערשטע:

— פול מיט דאַנק צו גאָט דעם הערשער, וואָלט איך דעם שרעק אויף זיך גענומען, אָבער מיט אַלעמען צוזאַמעןביים יום הדין זיין. צוזאַמען מיט אַלעמען...

איז אַ בת קול אַרויס:

— מיין קליינינקע, מעשי ידי. איך וועל אויף דיר אַ געל בלעטל פון בוים אַרויפוואַרפן, אונטער אים וועט דיר וואַרעם זיין און דיין חיות וועט דערהאַלטן ווערן און מיט אַלעמען צוזאַמען וועסטו צום יום הדין קומען.

האָט זיך דאָס געלע בלעטל גענומען קלאָגן:

— שעפער פון דער וועלט, דאָס גרינע גרעזל, וואָס איז קלענער פאַר מיר, וועסטו יאָ זיין חיות דערהאַלטן ביז צום יום־הדין און מיך נישט? איך וויל מיט יעדן צוזאַמען צום יום הדין גיין. מיט אַלעמען צוזאַמען.

איז אַ בת קול אַרויס:

— איך וועל אַלע טאָג אַ שטראַל פון דער זון אויף דיר וואַרפן, וועלכער וועט דיך וואַרעמען און אויך דיין חיות וועל איך דערהאַלטן ביז צום יום הדין צו...

די זון האָט זיך שוין דאָרטן, חוצן שטעטל, אַראָפּגעלאָזט אונטן אַראָפּ און האָט געשיקט איר לעצטן שטראַל אין דעם אלולדיקן שטעטל אַריין. אין שול האָבן זיך שוין גענומען וועבן די אָנגעקומענע נאַכט־שאָטנס. איז מען געזעסן און געהערט ר׳ יחיאלס ביטערע זיפצן פון צייט צו צייט. מען האָט געהערט דעם רב און פאַר די אויגן זענען געווען וועלדער און פעל־

דער, בערג און טאָלן, ימים און טייכן, גרעזעלעך און בלעטעלעך און אַלץ, אַלץ גרייט זיך, צוזאַמען מיטן מענטשן, צום יום הדין.

II.

ווערן די פעלדער אַרום און אַרום פון טאָג צו טאָג טרויעריקער. דאָס וועלדל ביי לישנע געלער. דער האָריזאָנט גרויער. דאָס ווינטל פינצטערער, קילער, פייכטער און דערציילט:

— אַ גאָט איז דאָ. גרויס איז זיין ממשלה. גרויס איז גאָט. די גאַנצע באַשעפעניש ווייס עס און פילט עס. און ראש השנה און יום כפור קו־מען אָן.

דער בית המדרש ווערט פון טאָג צו טאָג פולער און פולער ביים דאַווענען אין דער פרי און צו מנחה און מעריב פאַרנאַכט. דאַרף ווער פאָרן אין וועג אַריין: אַ קרעמער נאָך סחורה אין אַ שטאָט דערביי, אַ סוחר וועגן זיינע געשעפטן צו דער באַן, פאָרט מען אַרויס נאָכן דאַווענען. האָט ווער וואָס אין אַ דאָרף דערביי אַריבערצוגיין, קומט מען אָבער צו מנחה און מעריב צוריק, מיט אַ מנין דאַווענען אין בית־המדרש אַריין. און חיים דער קאַראַבייניק, דער מגושמדיקער עם הארץ, מיט גראָבע ליפּן און מיט אַ רויטן פאַרוואַקסענעם פּנים קומט טאַקע פון דאָרף האָרט צו מנחה מיטן פערד און וואָגן צום בית המדרש צו. פאַרבינדט ער דאָס פערד צום גאַניק פון בית המדרש און בלייבט אין שול ביז איבער מעריב. זעט ער, דורכן פענצטער, ביי קדושה פון מנחה, ווי אַ ציג שלעפּט היי פון זיין וואָגן, טראַכט ער לאַנגזאַם און שווער:

— ווי מיט דעם ביסל היי אַזוי אָן דעם ביסל היי, עס איז דאָך אלול און קדושה זאָגט מען איצט.

ר׳ יחיאלס פּלייצעס ווערן פון טאָג צו טאָג איינגעבויגענער, זיינע פאַרטראַכטע אויגן קוקן אַרום זיך און פאָרויס זיך מיט אומרו און שרעק. ער דאַווענט האַרציק, ביטער און אומרויִק. ער קען נישט רויִק טראַכטן וועגן גאָט. אין שטוב קען ער נישט איינזיצן, איז ער ביים רב, זיצט ביי ר׳ שמואלן אָדער ביי מרדכין. גייט פריִער פאַר אַלעמען איין שול אַריין און שפּעטער פאַר אַלעמען פון שול אַרויס. און גייענדיק אַליין אין גאַס

בלייבט ער שטיין אַ פֿאַרטראַכטער, קוקט פֿאָרויס זיך מיט שרעק און רעדט צו זיך אַליין:

— אַזאַ פּחד, אַזאַ פּחד...

איז אַ מגיד געקומען. אַן אַלטער, מיט אַ שוואַכן, נישטיקן גוף, מיט פֿאַרוואַקסענע, ווייכע, צעפּלאָנטערטע באָרד און פּיאות. מיט אַ גרויסן, בולטן, צעקנייטשטן שטערן און מיט פּייכטע, אויסגעשטעלטע, הייסע אויגן. האָט ער ביי מנחה, פֿון גרויען האָריזאָנט, פֿון דעם געלן וועלדל איז ער אָנגעקומען, אויף אַ טרייסלדיקער, אָרעמער פֿור. איז פֿאַרפֿאָרן צום רב. און שוין נאָך מנחה אין בית המדרש געזאָגט. האָט ער אין אָנהויב דורך אַ משל די וועלט געגליכן צו אַ ים. דעם מענטשנס לעבן צו אַ שיף אויפֿן ים. און דעם מענטשן אַליין צו אַ קאַפּיטאַן אויפֿן שיף. איז דער קאַפּיטאַן, דער מנהיג פֿון שיף, ערלעך, פֿירט ער די שיף גוט און האָט נישט קיין מורא פֿאַר די כוואַליעס פֿון ים. און איז אַריבער צו דעם, אַז גאָט האָט דעם מענטשן אַ מתנה געגעבן. ער האָט ביי אים מפֿקיד געווען אַ נשמה, אַ קלאָרע, אַ ציכטיקע, אַ ריינע, אַ ליכטיקע. האָבן דאָך מענטשן געדאַרפֿט שטיין טאָג און נאַכט אין טלית און תּפֿילין מתפּלל זיין און דאַנקען און לויבן גאָט פֿאַר זיין ליכטיקער מתנה. און ריין מוז זי זיין, ציכטיק, קלאָר און ליכטיק דאַרף זי צוריקקומען אויף יענער וועלט, צו גאָט, דעם גרויסן שעפּער. און האָט זיך געבעטן מיט טרערן און געשריִען מיט ביטערע קולות, אַז ריין און ציכטיק זאָל דער מענטש זיין, שיין און ליכטיק. און גאָט רופֿט צום משפּט זיין וועלט. אלול איז געקומען. ראש השנה און יום כּפּור קומען אָן. האָט ער דעם גיהנום געמאָלט מיט שרעקלעכע, פֿינצטערע, זודיקע פֿאַרבן און זיינע אויגן האָבן געברענט מיט פֿינצטערן פֿייער. און האָט דעם גן עדן מיט הערלעכן ליכט געמאָלט און זיין שטימע האָט אַזוי פֿיל ליכט צוגעזאָגט פֿאַר די, וועלכע פֿאַרדינען עס.

הערט מען אָט דעם בייזן מוכיח פֿון גרויען, אלולדיקן האָריזאָנט גע־קומען, וועלכער שרייט, שטראָפֿט און שעלט. שרעקט יעדער גליד, יעדער אָבער פֿאַרן פֿינצטערן גיהנום און מען בענקט ביז טרערן נאָך דעם ליכטיקן גן־עדן. און אַ שנאה איז אין האַרצן צו זיך, צום חומר, צו דעם זינדיקן נישטיקן גוף. און אַ תּפֿילה רייסט אין האַרצן:

— ריין זיין, ריין און ציכטיק, ריין זיין...

שוואַך און צעבראָכן, מיט פאַרוויינטע אויגן גייט דער מגיד פון בימה אַראָפּ. שטעלט זיך נעבן רב. דער רב באַמערקט אומצופרידן:

— אַזוי מוכיח זיין ייִדן דאַרף מען האָבן אַ כוח. פאַרקערט, מען דאַרף דן לכף זכות זיין. מען דאַרף, כביכול, פון אים מאָנען... עס איז אַזוי שווער, אַזוי שווער צו דינען אים... און וואָס איז אַ מענטש?... האָט דאָך גאָט אַליין אים באַשאַפן מיט אויגן וואָס זעען אַלץ, מיט אַ האַרץ וואָס גלוסט אַלץ... ר' לוי בערדיטשעווער, זכותו יגון עלינו, האָט דאָך געזאָגט, אַז „איך וואָלט געכאַפּט פאַר די האָר דעם שטן המקטרג אויף מענטשן בשעת יום הדין און וואָלט אים פאַר אַלעמען געוויזן, וואָלטן אַלע געזען ס'אַראַ מיאוסן פּנים ער האָט..."

— און אַזוי פיל — רעדט דער רב מיט ווייטיק — מלאכי חבלה, אַזוי פיל מקטרוגים זענען דאָ אויף מענטשן... רחמים דאַרף גאָר דער מענטש האָבן... טרייסטן דאַרף מען אים... טרייסטן... און נישט געבן חלילה קיין פּתחון פּה צום יום הדין פאַר די קעגנער פון מענטשן...

— אָבער, רבי — טענהט דער מגיד און טרערן גיסן זיך פון זיינע אויגן — ווי ווייט די וועלט איז פון גאָט... רבי, מענטשן זענען פאַרזונקען אין קויט און בלאָטע, אין מיסט און שמוץ... וואָס וועט עס זיין?... און אַז עס קומט אלול, מעורר זיין, מעורר זיין... זאָל מען זיך אויפכאַפּן...

קלייבט מען זיך אַרום דעם רב און דעם מגיד און טרויעריקע, מיט פאַרקלעמטע הערצער הערט מען זיך צו צום וויכוח צווישן דעם רב און דעם מגיד.

— יאָ, יאָ — שאָקלט דער רב אומצופרידן מיט זיין אַלטן קאָפּ, מיט זיינע גרויע באָרד און פּיאות — מעורר זיין קען מען מיט אַ דבר תורה, מיט אַ וואָרט... אָבער... אָבער מוכיח זיין ייִדן... שטראָפן מענטשן... דאַרף מען האָבן אַ האַרץ...

ווערט דעם מגידס פּנים בייז, זיין שטערן פינצטער און זיינע אויגן ברענען און ער טענהט:

— ניין, רבי, ניין... מענטשן פאַרגעסן אָן גאָט, מען איז שמוציק, זינ־דיק, קריעה דאַרף מען רייסן, שטראָפן דאַרף מען מענטשן, שעלטן, שעלטן... מענטשן זענען זינדיק, זינדיק...

לויפט דורך אַלעמענס לייבער אַ ציטערדיקע קעלט.

גלייכט אויס דער רב זיין אַלטן גרויען קאָפּ און האַלט אָפּ דעם מגיד:

— ניין... נישט אמת... נישט אמת... ר׳ ברוך מעזיבעזשער האָט זיך פאַר דער פטירה געזעצט אויפן בעט און האָט געזאָגט: איך האָב קיינמאָל קיין דבר שקר נישט געזאָגט. נאָר איין ליגן האָב איך געזאָגט: אשמנו... מיר האָבן געזינדיקט... איר הערט?... ווארום מענטשן, מענטשן זינדיקן נישט. מענטשן זינדיקן נישט... ער... כביכול, זינדיקט קעגן מענטשן...

דאָס רעדל אַרום דעם רב און דעם מגיד ווערט ענגער, גלייך מען וויל זיך צוטוליען צום רב, זיין באַשיצט פון אים.

און ר׳ יחיאל שטייט אויף זיין אָרט, אין מזרח, נעבן רב נאָטען און זיפצט פאַר אים:

— עס איז אַ שרעק... אַ שרעק... ראש־השנה און יום כפור...

ר׳ נאָטע, דער גרויסער מקורב ביים רבין, מיט זיין תמיד יום־טוב־דיקן פנים און זיין ריפּסענעם סורדוט און גאַרטל, טוט אַ קוק אויף ר׳ יחי־אלן, מיט זיינע הייסע שוואַרצע אויגן. וווּנדערט זיך:

— אַ שרעק... אַ שרעק איז עס?... אַ שמחה... אַ שמחה... מען ווערט מיט אים נענטער, מען מוז מיט אים ווערן נענטער... ער רופט צום משפט, מוז מען דאָך צוגיין צו אים נענטער, שטיין מיט אים אין איין מחיצה... און ווער רופט? ער, כביכול, רופט זיינע קינדער... אַ יום־טוב איז עס, אַ שמחה...

ר׳ יחיאל טוט אַ קוק אויף ר׳ נאָטען, פאַרווונדערט זיך אַליין וואָס ער האָט עפּעס פאַרגעסן אָן ר׳ נאָטען, נעבן וועלכן ער שטייט. גלייך ווי ער האָט אים נישט געזען די לעצטע צייט. ווי פון אַן אַנדער וועלט, אַ פרעמ־דער איז ער. און אַזוי געהויבן שיינט זיין פנים. ווילן נייע מחשבות אַ בליץ טון ביי אים אין מוח, אין האַרצן. איז אָבער דער פחד פאַר גאָט גובר. און ער קלאָגט זיך:

— עס איז אָבער אַזאַ פחד פאַר גאָט. אַזאַ פחד...

ר׳ נאָטע מאַכט מיט די הענט ווי אַ גרויסער פויגל מיט זיינע פליגלען.

— עבודה צו גאָט פון פחד איז אַ קליינע מדרגה. אַ קליינע מדרגה... דינען גאָט דאַרף מען מיט שמחה און מתוך שמחה... דער האַרנאָסטאַפּאָ־ליער, זכותו יגון, פלעגט קיינמאָל נישט זיפצן און וויינען ראש־השנה און יום־כפור. ער פלעגט נאָר זינגען... אמת, זיינע ניגונים פלעגן רייסן דאָס

האַרץ. און טאַקע פון שמחה פלעגט רייסן דאָס האַרץ... און דאָס דאַרף מען טאַקע, עס זאָל רייסן דאָס האַרץ פון שמחה, וואָס מען פילט אים, מען פילט גאָט...

ר׳ נאָטע שאָקלט זיך היציק פונאַנדער. זיינע הייסע אויגן טוען אַ בליק, הייבט אָן צו זינגען און גייט אַוועק, מאַכנדיק מיט זיינע הענט ווי מיט פליגל, הין און צוריק, זינגענדיק איבערן טונקל־באַלויכטענעם פאַר־מעריבדיקן בית המדרש.

ר׳ יחיאל בלייבט שטיין אויף זיין אָרט אַן איינגעבויגענער און רעדט ביטער מיט זיך אַליין:

— ניין... עס איז אַ שרעק... גאָט... גאָט... עס איז אַ שרעק... אַ שרעק...

***

פרייטיק ביי טאָג, האַרט צום מרחץ גיין, איז אויף שבת אַ בעל־משפיע געקומען. מיטן אָנזאָג פון שבת איז ער אַריינגעפאָרן. מיט אַ פּנים פון שבתדיקע התבוננות. אָנגעשפּאַרט מיט איין עלנבויגן דעם זייט אָן וואָגן, מיט דער אַנדער האַנט געהאַלטן זיין שוין שיוולעכע, ברייטע, ריינע באָרד אין מויל אַריין. פאַרטראַכט מיט זיינע קאַרע, גרויסע אויגן אין גאָטס וועלט אַריין. און מיט אַן אַלטן רימענעם סעפעט נעבן זיך, איז ער צום רב צוגעפאָרן. און גייענדיק איבערן שטעטל מיטן רב צוזאַמען אין מרחץ אַריין האָט דער בעל־משפיע אַ מעשה דערציילט:

— הצדיק ר׳ אַברהם יהושע־העשיל מאַפּטע, זכותו יגון, איז אַמאָל, אין אלול־צייט אין וועג געווען. נישט ווייט פון מאָהילעוו. געפאָרן איז ער דאָך נישט אַליין. עס איז דאָך געווען אַרום אים פול. האָט ער אַ זאָג געטון: „לאָמיר פאָרן אין מאָהילעוו מקבל־פּנים זיין די צדקת מרים ר׳ שמעלקעס שוועסטער". טוט מען דאָך מסתמא אַזוי. דערוויסט מען זיך דערווייל פון דעם אין מאָהילעוו. און אַז ער איז געקומען, איז שוין די שטוב פול מיט דער גאַנצער שטאָט. בעט דער אַפּטער, אַז מרים זאָל דערציילן עפּעס פון איר הייליקן ברודער. דערציילט זי: „עס איז דאָך באַוווסט, אַז מיין ברודער, ר׳ שמעלקי, פלעגט נעכט נישט שלאָפן און פלעגט זיצן און לערנען. און אַז נאָך אַ סך נעכט אָן שלאָף פלעגט אויף אים גובר זיין דער שלאָף,

פלעגט ער אַנדרימלט ווערן, אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אויף אַ גלאָז מיט קאַלט וואַסער, כדי ער זאָל צו לאַנג נישט שלאָפן. איינמאָל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, ערשט די ליכט האָט זיך פאַרלאָשן. און פון גרויס עגמת נפש האָט ער אַליין נישט געוווּסט וואָס ער טוט, געכאַפּט די ליכט אין האַנט, אַרויסגעלאָפן פון זיין סאַלקע אויפן גאַניק אַרויס. אין גאַס איז שטיל, פינצטער, אַלע שלאָפן. ערשט איינער האָט אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט מיט אַ ברענענדיקע ליכט און זאָגט צו אים: „נאַ צינד אָן דיין ליכט און גיי לערנען". טוט ער אַזוי. ערשט צו אין דערפרי האָט ער זיך גענומען וווּנדערן, ווי אַזוי האָט עס געקענט ווער דערלאַנגען אים אַן אָנגעצונדענע ליכט פון דער פינצטערער שלאָפעדיקער גאַס. און די סאַלקע און דער גאַניק זענען זייער הויך פון דער ערד. האָט עס אים נישט געלאָזט רוען. האָט מען אים מודיע געווען משמים, אַז אויף די הימלען איז געוואָרן אַ גרויסער רעש וואָס עס פעלט זיין לערנען און מען האָט אים תיכף געשיקט אליהו־הנביא, ער זאָל אים זיין ליכט אָנצינדן. און אַז מיין הייליקער ברודער האָט זיך עס דערוווּסט, האָט ער אָנגעהויבן צו וויינען און האָט וואָכנווייז געוויינט ביטער, פאַרוואָס צוליב אים האָט מען מטריח געווען אליהו־הנביא".

אַזוי האָט דערציילט מרים ר' שמעלקיס שוועסטער. און אַז זי האָט געענדיקט האָט דער אַפּטער אָנגעהויבן צו וויינען און צו שרייען:

— איר האָט געהערט דעם גרויסן חטא פון רבינו ר' שמעלקי, אויף וואָס ער האָט אַזוי געוויינט. היינט ווי דאַרפן מיר וויינען און קלאָגן פאַר אונדזערע אמתע גרויסע זינד?

און ביי אַלעמען, וועלכע האָבן עס געהערט, זענען די הערצער צעגאַנגען פון געוויין און פון תשובה.

דער רב האַלט אונטערן אָרעם זיין ווייסע העמד, אָנצוטון עס אין מרחץ, לכבוד שבת. באַמערקט שטיל, פאַרטראַכט ווי צו זיך אַליין:

— ביי זיי, ביי די גרויסע, איז טאַקע נישט געווען קיין מחיצה צווישן דער ערד און די הימלען. די וועלט און יענע וועלט. אַלץ איין וועלט... איין ליכטיקייט... פאַרלעשט זיך די ליכט ביי ר' שמעלקין, ווערט אַ רעש אין די הימלען. שיקט מען אים ר' אליהו־הנביא. איז מען פון די הימלען מטריח אליהו־הנביא, ווערט אַ רעש ביי ר' שמעלקין אין האַרצן...

נאָכן מרחץ, בשעת טיי טרינקען, ביים שוין צוגעגרייטן טיש, צום שבת,

מיט חלה און לייכטער צום ליכט בענטשן, האָט זיך דער בעל־משפיע געקרייזלט מיט דער האַנט זיינע שיוולעכע, קיילעכדיקע פאַרקרייזלטע פיאות און האָט זיך געשמועסט מיטן רב:

— זיי, די גרויסע, די צדיקים, זכותם יגון עלינו. און בפרט ראש־השנה און יום כפור איז טאַקע נאָר זייער זכות קען ביישטיין. זיי האָבן טאַקע געקענט אַלץ טון פאַר דער וועלט, פאַר יידן, אין די גרויסע טעג פון יום הדין. געגוג זענען געווען זייערע הייליקע ווערטער אַליין. ר׳ זוסיע אַניפּאָ־ליער פלעגט דאָך זאָגן, אַז עס איז געגוג איין וואָרט, וועלכע קען מקרב זיין די גאַנצע וועלט צו גאָט. מיט איין וואָרט קען מען מטהר זיין. ריין און ליכטיק מאַכן די גאַנצע וועלט. אויך פלעגט ער זאָגן, אַז ווען אַ מענטש דערזעט מיט אַמאָל מתוך שמחה פון אַ דבר מצווה, אָדער מתוך התעוררות פון דער מחשבה, אַז עס איז דאָ אַ גאָט, אָדער פון אַ צדיקס אַ גרויסן וואָרט אַמאָל, אַז די וועלט איז טאַקע אַ ליכטיקע, אַ שיינע, הייסט עס נישט, אַז עס איז געוואָרן אַ שינוי אין מעשה בראשית, נאָר דער מענטש איז געקומען דאַן צו אַזאַ מדרגה, אַז ער האָט זוכה געווען צו קענען זען די וועלט אין איר שטענדיקן, אמתן אור. אין גאָטס ליכטיקייט וואָס איז שטענדיק זרוע אויף דער וועלט.

— איך האָב עס געהערט פון ר׳ זוסיע אַניפּאָליערס וועגן אַנדערש — באַמערקט דער רב, אויפהויבנדיק זיך פון טיש מיט זיין אַלטן גרויען קאָפּ און נעמענדיק אַריינשטעלן אין די לייכטער ליכט צום ליכט־בענטשן — ער פלעגט זאָגן, אַז אַ וואָרט מיט זיין גרויסער מחשבה, מיט די גרויסע, טיפע און הייליקע סודות, מיט זיינע צירופי שמות, וועלכע זענען אין אים באַהאַלטן, קען טאַקע אַמאָל מתקן זיין די וועלט, טאַקע משנה זיין, כביכול, די מעשה בראשית. און אויפהויבן עס אין אַ העכערער מדרגה...

צו שלש־סעודות קלייבט מען זיך צונויף צום רב און דער בעל־משפיע זאָגט חסידיש. הייבט ער אָן וועגן דעם ענין התעוררות. אַז עס איז פאַראַן אַ התעוררות דלעילא און אַ התעוררות דלתתא. עס טרעפט, אַז אַ מענטש איז זיך מתעורר פון התעוררות דלעילא, דהיינו, די זון איז מאיר, איז מען זיך מתעורר פון רוב אורה, און מען איז פול מיט אהבה און מיט תורה צו גאָט ברוך הוא, הודו לד׳ כי טוב, כי לעולם חסדו. און עס טרעפט אַ התעור־רות דלתתא, אַז עס קומט רחמנא לצלן אַן עת צרה, צי אויפן פרט, צי אויפן

כלל און מען ווענדט זיך צו אים נאָך זיין רחמים, נאָך זיינע חסדים, ממעמ־קים קראתיך ד׳. איז די ערשטע התעוררות אַ העכערע מדרגה. האָט גע־בראַכט בדרך משל, אַז די וועלט איז געגליכן צו אַ פּאַלאַץ מיט אַ סך צי־מערן, וועלכע פירן צום גרעסטן און שענסטן צימער, ווו דער מלך אַליין זיצט דאָרט ברוב הדרו. און מענטשן בלאָנדזשען אַרום אין די צימערן און קענען דעם וועג נישט געפינען צו אָט דעם צימער, ווו דער מלך אַליין זיצט. איז אָבער ווי באַלד, אַז מען זוכט דאָך יאָ דעם דרך האמת, און דער פּאַלאַץ איז דאָך זיין פּאַלאַץ, מען איז דאָך אין היכל ד׳ כולו אורה — איז שוין דאָס אַליין אַ הויכע מדרגה. דערצו באַשיינען דאָך די וועלט און דעם מענטשן די עשר ספירות, חכמה, בינה, תפארת וכול׳. און דער חלק אלוה ממעל וואָס איז אין מענטשן גופא. אויך האָט דאָך גאָט מיט חכמה אַזוי באַשאַפן די וועלט, אַז אנה אלך מרוחך — ואנה מפניך אברח, ווו קען מען אַוועקגיין פון גאָטס גייסט, ווו קען מען פון אים אַנטלויפן. אויב מען שוועבט אין די הימלען, דאָרט איז ער. אויסציִען זיך, באַהאַלטן זיך אין גרוב, איז ער אויך דאָרטן. זאָל מען זיך אַוועקטראָגן אויף די פליגלען פון מאָרגנטאָג, זאָל מען רוען אין ענדע פון ים — אויך דאָרטן זיין האַנט פירט אונדז, זיין רעכטע האַנט האַלט אונדז אָן. וואָלט מען זיך אין פינצ־טערניש באַהאַלטן און די נאַכט זאָל זיין דער טאָג פאַר אונדז, איז דאָך דאָס פינצטערניש נישט פינצטער פאַר אים און די נאַכט לייכט פאַר אים ווי דער טאָג. וואָרום דאָס פינצטערניש איז דאָך גלייך פאַר גאָט ווי דאָס ליכטיקס. איז דאָך אומעטום אתה עמדי. אומעטום איז גאָט. האָט אויך גערעדט וועגן דעם, אַז דאָס אַלץ וואָס מיר מענטשן זעען, איז עס אַלץ נאָר בבחינות לבוש. און דער תוך תוכן איז דאָך אַזאַ אור, אַזאַ ליכטיקייט, וואָס נאָר אור זרוע לצדיק. און האָבן אין די ליכטיקייט אַ השגה קען מען נאָר דורך דביקות מיט אהבה און עושה מעשי בראשית. און דאַן איז מען ערשט משיג דעם כולו אור, כולו שבת, כולו יום־טוב... און האָט גערופן, אַז אַזוי ווי עס איז אלול געקומען, איז על כל שכן דאַרף מען זיך באַהעפטן און איבערגעבן זיך דעם כולו אהבה, כולו טוב, כולו קודש, כולו אור...

שבת צונאַכט איז מען צוזאַמען מיטן בעל־משפיע מלווה מלכה ביים רב. די רביצין אין איר שוואַרצן, זיידענעם טשעפּטשיק, אין איר שוואַרצער זיידענער שבתדיקער קלייד דערלאַנגט צום טיש חלות, אַ פּאַלומעסיק פיש

און אַ פּאָר טעלער ראַזשינקעס מיט פלוימען. וואַשט מען זיך, צוליב גאָטס וועגן הייליק און פרום. מען זעצט זיך ביים טיש מיטן אַלטן רב, מיט זיינע גרויע באָרד און פּיאות בראַש. אָנגעטון איז מען נאָך שבתדיק. מיט די זיידענע סורדוטן און ריפּסענע גאַרטלען און מיט פּנימער הייליקע, פרומע, מיט מחשבות מיט גאָט פאַרנומען און מיט אויגן נאָך אין שבת פאַר־בענקטע. זינגט מען מוצאי שבתדיקע זמירות. זאָגט מען ווערטלעך און מען דערציילט מעשיות פון די געהויבענע בנוגע אלול און ימים נוראים. הייבט אויף דער רב זיינע שטרענגע, ערנסטע אויגן, וועלכע זענען אַזוי ווייך און גוט ווען זיי קוקן אויף וועמען און דערציילט:

— ר׳ יוסף יאַמפּאָליער און ר׳ ברוך מעזיבוזשער זענען געווען מחו־תנים. ר׳ יוסף יאַמפּאָליערס זון, ר׳ איציק, איז געווען ר׳ ברוך מעזיבו־זשערס אַן איידעם. און אַ חזקה האָט געהאַט ר׳ יוסף יאַמפּאָליער צו זיין אין אלול אויף אַ שבת ביי ר׳ ברוך מעזיבוזשער. און נאָך שבת פלעגט ר׳ ברוך מעזיבוזשער צוזאַמען מיט ר׳ איציקן מיט אַלע זיינע חסידים אינאיינעם באַלייטן אים חוצן שטאָט. אין יאָר תקע״א איז, ווי אַלע יאָר, געקומען ר׳ יוסף יאַמפּאָליער, אין אלול, אויף שבת, צו ר׳ ברוך מעזיבו־שזער. נאָך שבת, ווען דער יאַמפּאָליער האָט געדאַרפט אַוועקפאָרן, זאָגט אָן דער מעזיבוזשער, אַז היי־יאָר זאָל חוץ אים קיינער נישט פאָרן באַלייטן דעם יאַמפּאָליער. אַפילו ר׳ איציק אויך נישט. האָבן זיי זיך ביידע, דער מעזיבוזשער און דער יאַמפּאָליער, געזעצט אויף אַ פור און זענען אַוועק־געפאָרן. זענען זיי געפאָרן ביז צום וואַלד, נישט ווייט פון שטאָט. האָבן אָפּגעשטעלט די פור. זענען פון פור אַראָפּ און זענען אין וואַלד אַריין. ר׳ איציק אָבער האַלט זיך נישט איין. נעמט אַ פור און פאָרט נאָך זיי. דעריאָגט ער זייער פור און שטעלט זיך אויך אָפּ. גייט אויך אין וואַלד אַריין. זעט ער ווי אין וואַלד ביי אַ בוים שטייט זיין טאַטע דער יאַמפּאָליער און זיין שווער דער מעזיבוזשער און שמועסן. באַהאַלט ער זיך שטיל, בגניבה אונטער אַ צווייטן בוים. הערט ער ווי דער מעזיבוזשער זאָגט צו דעם יאַמפּאָליער:

— מחותן, עס איז אין די עולמות העליונים אַ גרויסער קטרוג אויף דער וועלט, אויף כלל ישראל. און דער מקטרוג פירט אויס. מען זעט דאָך עס. מען שטראָפט מענטשן פון דער פולער האַנט. און מען קען דאָך שוין

מער נישט אַריבערטראָגן די צרות העולם. איז נישטאָ קיין אַנדער עצה רק, אַז עס זאָלן נסתלק ווערן פון דער וועלט צוויי צדיקי הדור. און זיי זאָלן קומען אויף יענער וועלט, מאַכן אַ טומל, אַ רעש, פאַלן צום כסא הכבוד און זען, אַז עס זאָל ווערן אַנדערש. נישט לאָזן מער. אַ סוף זאָל עס נעמען. אַ רחמנות אויף מענטשן. און געפאַלן איז עס אויף אונדז ביידן. איך זע נישט קיין אַנדערע. איז איך מצידי בין גרייט צו דעם און איך בעט אייך אויך מסכים זיין.

האָט דער יאַמפּאָליער אים געענטפערט, אַז ער קען אויף דעם נישט מסכים זיין. ער קען נישט. און זאָל מען זען אַנדערע עצות. האָט אים דער מעזיבוזשער געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדערע עצות. און האָט גע־נומען בעטן דעם יאַמפּאָליער, אַז ער זאָל מסכים זיין. און האָט געפּועלט. דער יאַמפּאָליער האָט מסכים געווען.

און אין דעם זעלבן יאָר זענען זיי ביידע, זכותם יגון עלינו, נפטר געוואָרן.

— אַזאַ כוח האָבן אין זיך די גרויסע געהאַט — גיט צו דער רב און באַהאַלט זיין אַלטן גרויען קאָפּ אין ביידע הענט, אָנגעשפּאַרט אָן טיש.

פּאַרפּירט דער בעל־משפּיע אַ שמועס וועגן די צוויי דרכים אין עבודה ביי די צדיקים אום ראש־השנה און יום כפּור. איינע פלעגן נאָר זיפצן, וויינען און קלאָגן אין די ימים נוראים. און מען פלעגט זיי דאַרפן מינטערן אַלע ווייַלע, וואָס זיי פלעגן חלשן פון שרעק פאַר גאָט. און ר׳ נאָטע בעלעמער פלעגט יום כפּור שטיין אויף זיין אָרט דעם גאַנצן מעת־לעת, נישט אַ מאַך טוענדיק מיט אַן אבר אַזוי ווי אַן אבן דומם. ווייל מתוך יראה ופחד פלעגט ער מורא האָבן אַ ריר צו טון מיט אַן אבר.

אַנדערע, פאַרקערט, פלעגן ראש־השנה און יום כפּור זינגען און טאַנצן. אָבער טאַקע זינגען פריילעכס און טאַנצן רעדלעך פון פרייד און שמחה, וואָס מען מוז מיט גאָט אַזוי נאָענט זיין, מען מוז מיט אים אין איין מחיצה זיין, ווייל מען האָט מיט אים אַ משפּט. און אַ מעשה פון ר׳ מאיר מאַפּטע, וואָס דרכו הקודש איז דאָך געווען אויפפלאַקערן די ייִדישע הער־צער צו גאָט מתוך שמחה עצומה:

— איינמאָל, ערב יום כפּור, ווען דער עולם האָט זיך שוין געקליבן אין שול צו כל־נדרי, לויפט ער אַריין אין בית המדרש און נעמט רופן:

„ייִדן, לאָמיר איבערבעטן אונדזער הייליקע תורה, וואָס מיר פעלשן אין איר. לאָמיר איבערבעטן אונדזער גרויסן גאָט, וואָס מיר פאָלגן אים נישט". און גייט צוריק אַוועק אַהיים. און אַז ער איז געקומען צו כל־נדרי אין שול אַריין, האָט ער געפונען ווי אַלע וויינען ביטער און קלאָגן. האָט ער אַ גע־שריי געטון: „ייִדן, נישט דאָס האָב איך געמיינט... עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און איר וויינט... מיר דערנענטערן זיך היינט צו אים, מיר שטייען מיט אים אין איין מחיצה און איר קלאָגט?... נאָר בשמחה דאַרף מען זיך אומקערן צו אים. נאָר מיט פרייד דאַרף מען טראַכטן פון גאָט". און האָט אָנגעהויבן צו זינגען האדרת והאמונה מיט אַזאַ התעוררות, מיט אַזאַ חדוה ביז אַלע האָבן אויפגעהערט צו וויינען. מען האָט אַרויפ־געלייגט הענט אויף הענט און מען איז אַוועק פאַר גאָט אַ טאַנץ, מיט שמחה, מיט התלהבות, מיט געזאַנג און מיט היץ...

דערמאָנט מען ר' לויק בערדיטשעווער, וועלכער האָט פון אַלע דרכים און עבודה צו גאָט געוווסט. פלעגט טרעפן, אַז ער פלעגט פאַלן אין חלשות יום־כפור ביים דאַוונען. אַז מען פלעגט אים אָפּמינטערן, פלעגט ער טענהן:

— סטייטש, איך שטיי אין איין מחיצה מיט אים, מיט גאָט, איך בין עס נישט ווערט... איך קען עס נישט. איך בין מער נישט ווי אַ בשר ודם. און זאָל ער מיך צורו לאָזן... וואָס וויל ער פון מיר?... איך קען עס נישט אַריבערטראָגן... איך וויל נישט... איך וויל נישט און איך קען נישט...

— און ווי קען מען עס טאַקע אַריבערטראָגן — זיפצט ביטער ר' יחיאל פאַר ר' נאָטען, נעבן וועלכן ער זיצט — ווי קען מען עס אויסהאַלטן?... עס איז אַזאַ שרעק... אַזאַ פחד...

פאַרזינגט מען זיך אַלע אינאיינעם, טיף און האַרציק אין אַ ניגון אָן ווערטער.

און ר' יחיאל און ר' נאָטע גייענדיק צוזאַמען אַהיים פון מלוה־מלכה רעדן זיך צונויף גיין מאָרגן צום רבין. אויפגעטון האָט עס ר' יחיאל, קלאָגנדיק זיך:

— איך קען נישט רוען. איך קען זיך קיין אָרט נישט געפינען...

ר' נאָטע איז מסכים:

— יאָ, יאָ, צום רבין. פריילעכער, לעבעדיקער, לעבעדיקער...

און אויף מאָרגן נאָכן דאַוונען מיט טליתים און תפילין אונטערן אָרעם גייט ר׳ יחיאל און ר׳ נאָטע צום רבין אַוועק. זיי גייען פון שטעטל אַרויס און גייען אַוועק מיטן וועג, וועלכער פירט דורך געלע צעוויאַנעטע פעלדער אַרום און אַרום, אַהין צום געלן וועלדל דאָרט ביים אלולדיקן האָריזאָנט. גייען זיי אין געלן וועלדל אַריין. זעצן זיך ביי אַ בוים אַ ווײַלע אָפּרוען.

אַ קאַלטער, אַ פייכטער ווינטל שמועסט זיך מיט די ביימער דורך. מיט די בערגלעך געלע בלעטער דאָ און דאָרט ביי אַ בוים. מיט די שוואַכע, בלייכע גראָזן, מיט דעם גרויען, פייכטלעכן וועג, וועלכער שלענגלט זיך סודותדיק, צווישן די ביימער, נישט צו וויסן וווהין און נאָך וואָס. און דער ווינטל דערציילט יעדן בוים און ביימל, יעדן גרעזעלע און בלימעלע:

— אלול... גאָט וויל אַזוי און ווער קען זיך קעגן אים שטעלן. אלול. ראש־השנה און יום־כפּור קומען אָן. לאָזט אײַערע באַפּוצונגען. לאָזט אײַער שיינקייט. גאָט רופט...

זיצן זיי ביידע אויף אַ בערגל געלע בלעטער ביי אַ בוים. ר׳ יחיאל קלאָגט זיך:

— אנה אלך מרוחך ואנה מפניך אברח. ווו אַנטלויפט מען פון אים און ווו קען מען זיך פון אים באַהאַלטן...

ר׳ נאָטע טענהט:

— איז דאָך אַדרבה... אַז אומעטום איז ער... גם כי אלך בגי צלמות לא אירא רע, כי אתה עמדי... אומעטום איז דאָך ער... אומעטום איז דאָך גאָט... איז דאָך גוט... גוט... אַ שמחה... אַ פרייד...

— איך געפין זיך קיין אָרט נישט פאַר שרעק — קלאָגט זיך אַלץ ר׳ יחיאל — עס איז אַ שרעק... און מיט וואָס קען מען פאַרדינען, אַז ער זאָל מוחל זיין אונדז... וואָלט זיך מאַכן אַ מסירת נפש... מיט וואָס קומט מען צום יום־הדין?... אַזאַ פּחד...

ר׳ נאָטע שאָקלט זיך היציק פונאַנדער. פאַרבאָמקעט זיך אין אַ חסידישן ניגון. הויך אויפן קול. דער געלער וועלדל העלפט אים אונטער מיט זיין עכאָ.

ר׳ יחיאל וויינט זיך פונאַנדער, הויך און ביטער:

— איך בין מקנא די ביימער אין וואַלד, יעדן קלענסטן גרעזעלע אין פעלד. גאָט האָט זיי געהייסן עלה וצמח, גיי אויף און שפּראָץ, וואַקסט עס און בליט און שפּראָצט נאָך זיין באַגער נאָך... אָבער אַ מענטש... אַ מענטש...

אין דער הויך איבערן וועלדל פליען אַ מחנה פייגלעך. זיי פליען ווו, זוכן וואָס אין אלולדיקן רוים. זינגען, רעדן צווישן זיך און זאָגן אָן איינס דעם צווייטן:

— אלול... ראש־השנה און יום־כפור קומען אָן...

III.

האָט אין אַ פרימאָרגן אַ שיין געטון גאָטס זון, אַזוי ווי געוואָלט פאַר־געסן אָן אלול, ראש־השנה און יום־כפור. אַ ווייכער, ליכטיקער ווינטל האָט אַ בלאָז געטון איבערן טייכל ביים שטעטל, איבערן געלן וועלדל דאָרט ביים האָריזאָנט, פאַרביי די פּוסטע, געלע פעלדער אַרום שטעטל און איז דורך די איינגעבויגענע, האַלב־צעוויאַנעטע בולבע־גראָזן אויף די גער־טענער הינטער די הייזער. און דאָס שטעטל האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן. דער רב גייענדיק פון שול, מיט זיין ריפּסענעם מאַנטל אויף די פּלייצעס, זאָגט צו די אַרומיקע, מיט וועלכע ער גייט צוזאַמען:

— גאָר נישט ווי אלול... דערהויפּט איז בטחון... ער איז דאָך אַ בעל־רחמים...

חיים דער קאַראַביינִיק לויפט נאָך מיט זיין גאַנצן אימפּעט און פאַר־טרייבט אַ ציג פון זיין גאָרטן, דורכן גאָרטן און דורך די גאַס און שרייט מיט זיין שווערער שטימע:

— דעם גאָרטן האָט זי מיר געפּטרט. אַ שוואַרץ, פינצטערער, ביטע־רער יאָר אויף איר.

און ר' שמואל, קומענדיק פון שול און טרעפנדיק ביי זיך אויפן גאַניק זיין יונגע שנור מיט זיין זון ווי זיי ווערטלען זיך איבער חיים דעם קאַראַ־ביינִיק מיט דער ציג, נאָך וועלכער ער לויפט נאָך, שטעלט זיך אויך אָפּ אויפן גאַניק און אַ שמייכל באַווייזט זיך אויף זיינע ליפּן:

— זי פּטרט אים דעם גאָרטן און איר לאַכט.

אויף די ליפּן פון אַלע דריי שיינט אַ שמייכל, ווי דער שמייכל פון דער זון אויף די פעלדער אַנטקעגן.

אָבער נאָך האַלבן טאָג האָט אלול גובר געווען. דאָס וואַרעמע, ווייכע, ליכטיקע ווינטל איז גלייך ווי נאַר דערקונדיקן זיך וואָס געקומען און איז פאַרשווונדן. און דער האָריזאָנט האָט זיך איינגעבויגן צוריק אלולדיק צום געלן וועלדל צו, צו די געלע, פּוסטע פעלדער אַראָפּ. דאָס טײַכל האָט זיך ווידער קאַלט איינגעקאָרטשעט אין זיך. און די זון האָט פאַר־שטאַנען:

— אלול...

און דער קומענדיקער פרימאָרגן איז געווען אַ טרויעריקער, אַ קאַל־טער. ווען די נאַכט האָט נאָך אירע טונקעלע פליגל געלאָזט צווישן הימל און ערד, האָט אַ קאַלט ווינטל מיטגעבראַכט מיט זיך, פון מזרח־האָרי־זאָנט, אַ פייכטע, טרויעריקע ווייסקייט. האָט זיך דאָס ווייסקייט, פון מזרח אָנגעקומען, קאַלט געצויגן אין דער וועלט אַריין, אויף די געלע, פייכטע פעלדער, איבערן געלן וועלדל, איבערן קאַלט איינגעקאָרטשעטן טײַכל. האָט דאָ און דאָרטן אַ ציג ביי אַ גאַניק פון שטוב פון איר דרעמל זיך אויפגעוועקט. האָט זיך די ציג אויפגעהויבן, אומצופרידן אויסגעגלייכט אירע גלידער און מיט אומצופרידענע מחשבות אַוועק איבער דער שלאָפנ־דיקער, טרויעריקער גאַס. חיים דעם קאַראַבייניקס פערד, אַן אַלטער מיט אַ פאַרפלאָנטערטער, געדיכטער גריווע איז אויפגעשטאַנען אין זיין האַלב־רוינירטער סטאַדאַלע. האָט אומרויק אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ פאַרויס, האָט אַ זיפץ געטון און האָט זיך פאַרטראַכט מיט זיין אַראָפּגעלאָזענער, אונטערשטעטער ליפּ. און די מזרח־ווייסקייט האָט זיך געצויגן און פאַר־שפּרייט אַלץ מער און מער און האָט דערציילט:

— באַלד וועט די זון קומען, אָבער אַן אלולדיקע. עס איז דאָך אלול.

האָט דאָס ווינטל איינגעהאַלטן אין זיך אַ ווײַלע דעם אָטעם, ווי גע־וואַרט אויף וואָס צו זען ווי דאָס וועט פאַסירן. און די זון איז אָנגעקומען. אַזוי טאַקע ווי דאָס ווינטל און די ווייסקייט פון מזרח האָבן דערציילט: אַ קאַלטע, אַ טרויעריקע. האָט דאָס ווינטל ווידער גענומען אָטעמען קאַלט און פייכט.

האָט זיך פּרי, פאַרן דאַוונען, אויפן גאָרטן ביי זיך חיים דער קאַראַ־בייניק באַגעגנט מיט זיין שכן שמערל דעם קרעמער. אַ דאַרער, מיט אַ שוואַרץ שפּיציק בערדל. ביידע זענען געקומען באַטראַכטן זייערע גערטנער וועגן די בולבע אַרויסנעמען. קוקט שמערל פאַרטראַכט צום גראָען האָ־ריזאָנט צו און רעדט ווי מיט זיך אַליין:

— אַז עס קומט אלול, כאַפּט מען זיך, אַז מען איז אַ נאַר.

— אַלע נאַראָנים, אַלע — קלאַפּט חיים דער קאַראַבייניק מיט זיינע גראָבע ליפּן.

— נאָך פּסח האָבן מיר זיך געקריגט פאַרן שטיקל ערד, וואָס דו האָסט ביי מיר פאַרכאַפּט — ציט ווייטער שמערל זיינע מחשבות — פאַרוואָס מענטשן קריגן זיך?... פיר איילן פאַר אַ קבר איז פאַר יעדערן גענוג...

— אַוודאי... איך בין גערעכט — זאָגט חיים דער קאַראַבייניק שווער — און וועלן מענטשן זאָגן, אַז איך בין אומגערעכט, גיב איך אָפּ דאָס שטיקל ערד מיט מיינע פאַרזייטע בולבע אַפילו. וואָרעם וואָס איז אַ מענטש? ער־גער פון אַ בולבע אפילו. אַ בולבע אַז מען פאַרגראָבט קומט צו נאָך, און אַ מענטש אַז מען פאַרגראָבט, איז קאַפּוט און אַן עק...

דערווייל האָבן זיך איבערן הימל באַוויזן און געגומען בלאָנקען וואָלקנס, האַלב צעריסענע, טונקעלע אין טרויער פאַרטראַכט. זיי וואַרפן זייערע שאָטנס אויף דער ערד. קאַלטע, פייכטע. זוכן וואָס אין רוים, צ:יען זיך דאָ, דאָרטן פאַרקלעמטע אין אַ מחשבה:

— אַלץ איינס. אַהער געשוועבט, אַהין זיך געצויגן, קיין שום מקום מנוחה נישט צו געפינען און פון זיך נישט צו אַנטלויפן. זענען דאָך אַלע ביי דיר, גאָט, אין די הענט.

האָט זיך סאָשע די בעדערין צעקריגט ביי דער שטוב מיט איר שכנה ציפּע די מילכיקערין. די מענער זייערע מישן זיך אַריין. ווערט אַ געשריי, אַ זידלעריי אין גאַס. קלייבט מען זיך צונויף, זען ווער קריגט זיך עס אין אַזאַ צייט, אין אלול. מישט מען זיך אַריין:

— סטייטש, אלול און אַזוי קריגן זיך? מען איז דאָך גאָר ביי גאָט אין די הענט...

זענען אָבער ביידע צדדים צעהיצט און טענהן איינס אויפן צווייטן:

— איר ווייסט נישט וואָס מיר ליידן פון זיי.

טענהט דער עולם:

— אָבער זעט, עס איז דאָך אלול... אלול אויף דער וועלט...

באַמערקן טאָקע ביידע צדדים די געלע פעלדער אַרום זיך, דאָס געלע וועלדל דאָרט ביים האָריזאָנט, די קאַלטע אלולדיקע זון, די האַלב־צעריסענע, טונקעלע, טרויעריקע וואָלקנס אויפן הימל, מיט זייערע טונקעלע שאָטנס אויף דער ערד און דאָס קאַלטע, פייכטע ווינטל און מען זאָגט שוין מיט אַ פחד אין האַרצן איינס צום אַנדערן:

— זאָל אייך גאָט מוחל זיין, ווי מיר זענען אייך מוחל.

און ציפּע כאַפּט פאַרן אַרבל סאָשען און בעט זיך:

— ניין, ניין, אָבער זאָגט מיטן פולן מויל, אַז איר זענט מוחל.

און סאָשע מאָנט פון איר קעגנעריז:

— אָבער איר זענט אויך מוחל. מיטן פולן האַרצן... זאָל גאָט געבן אַלעמען אַ גוט יאָר.

ביים דאַוונען הערן זיך ביטערע זיפצן און קרעכצן. ר׳ יחיאל און ר׳ נאָטע זענען שוין פון רבין געקומען. שטייען זיי איינס נעבן אַנדערן און דאַוונען. ר׳ נאָטע שאָקלט זיך אין באָמקעט זיך און זינגט הייס און ר׳ יחיאל שטייט איינגעוויקלט אין טלית איבערן קאָפּ, איינגעקאָרטשעט אין זיך פון שרעק און קרעכצט ביטער.

באַוויזט זיך אין גאַס נאָכן דאַוונען ר׳ יואל דער שמש און דער קברות־מאַן, מיט דער שמעק־טאַבעק־פושקע און שטעקן אין האַנט, מיט זיין קאַלטן פּנים, אויף וועלכן ס׳איז באַהאַלטן דער רויִקער, קאַלטער סוד פון טויט. נאָך אים אַ קופּקע מענער און ווייבער. פון די אַרומיקע שטעט־לעך איז מען צו קבר־אבות געקומען. מען וויל האָבן אין אַזאַ צייט פאַר־בינדונגען מיט די פריִערדיקע דורות. יעדער דור איז דאָך נאָר אַ רינג פון דער גרויסער קייט זינט גאָט האָט דעם מענטשן באַשאַפן. וויל מען דעם גרויסן יאָך פון גאָט און לעבן צוזאַמענטיילן מיט די פריִערדיקע דו־רות, צוזאַמען מיטן עבר... פירט זיי איצט ר׳ יואל אויפן הייליקן אָרט. באַוויזן די ערטער...

און אויף אייניקע גערטענער, הינטער די הייזער נעמט מען בולבע אַרויס. דער אַקעראייזן שניידט די ברוסט פון דער ערד. די ערד עפנט זיך, פאַלט אָן אַ זייט אַ ווייכע, אַ ריכלע, איבערקערנדיק מיט זיך די שוין

צוויאַנעטע געלע בולבע־גראָזן און באַווייט און אַנטפּלעקט איר וווּנדער און שאַפן; אַ פול האַרץ מיט שפּייז פאַר מענטשן. גייט מען נאָך — ווייבער און מענער — נאָכן אַקער, מען פאַרנעמט דעם פייכטן אָטעם פון דער שוואַרצער ערד. מיט שוואַרצע פון ערד הענט נעמט מען די בולבע פון דער ערד אַרויס. און אַ מחשבה פרעסט דאָס האַרץ:

— יאָ, אַ געראַטעניש. אַ דאַנק גאָט. אָבער זאָל ער אָנחתמענען ביים יום־הדין הייאָר אַ גוט יאָר. מען זאָל געזונט זיין און מען זאָל לעבן...

וואַרפט מען די אויגן אַרום; געלע צוויאַנעטע גערטענער. און ווייטער, געלע צוויאַנעטע פעלדער און אויף דעם געלן צוויאַנעטן בערגל דאָרט שטייען אייניקעביימער שוין האַלב־הוילע, געל און צוויאַנעט און מען ציט ווייטער די מחשבות:

— יאָ, אַ געראַטעניש. און אין דער זעלבער ערד ווערט מען באַגראָבן... וועט ער אָנחתמענען הייאָר אויף לעבן?... עס איז אלול... אלול... גאָט... גאָט... גאָט...

צו פאַרנאַכט ווערן די וואָלקנס פון הימל פאַרשוווּנדן. גלייך זיי זענען אין די הימלען אַריין. און דער הימל איז געוואָרן טונקל און קאַלט. די געלע פעלדער ווערן גרוי. און דער פאַרנאַכט גייט אַ שווערער, אַ קאַלטער, אָנגעזאַפּט מיט פחד, וואָס נאָר די אלולדיקע האָריזאָנטן ווייסן זיין סוד.

און ביי מנחה און מעריב אין שול זיפצט מען:

— שבת־צונאַכט שוין די ערשטע סליחות...

און ר׳ יחיאל גייענדיק פון שול, פון מעריב, בלייבט שטיין אַליין ביי זיך, ביי דער שטוב, קוקט מיט שרעק אויף דעם אלולדיקן קאַלטן נאַכטישן הימל מיט זיינע קאַלטע שטערן. קוקט אין דער נאַכט אַריין, וועלכע איז פאַרנומען מיט זיך אַליין, מיטן אייגענעם סוד, מיטן אייגענעם אלול. און טראַכט מיט פחד פאַרן גרויסן גאָט:

— שבת־צונאַכט די ערשטע סליחות. די ערשטע סליחות... גאָט, דאַרפסטו דען אונדזער טויט?... אמת, מיר זענען זינדיק, זינדיק... דאַרפסטו אָבער אונדזער טויט?... עס איז אַ שרעק... אַ שרעק... גאָט!...

IV.

האָט זיך אין דער פייכטער, שווערער, פינצטערער נאַכט אַ שטומער,

טעמפער קלאַפּן אין די לאָדן דערהערט. ר׳ יואל דער שמש, איינגעקאָר־טשעט אין זיך, אין דער שווערער, פינצטערער נאַכט אַריין, האָט ווי אַ נאַכט־געשעעניש געאיילט פון איין שטוב צו דער צווייטער. האָט אין די לאָדן געקלאַפּט:

— שטייט אויף צו סליחות... צו סליחות...

האָט זיך באַלד אין די הייזער פייער באַוויזן און אין אַ ווײַלע אַרום ווידער פאַרלאָשן געוואָרן. האָט מען די טירן פון די הייזער, טעמפּ, נאַכ־טיש, אָפּגעשפּאַרט, געעפנט און נאָך זיך ווידער פאַרמאַכט. און איילנדיק האָבן זיך מענטשן איינציקווייז געצויגן דורך דער פינצטערער נאַכט אין בית־המדרש אַריין.

ערנסט, פרום, איינגעבויגן זיין אַלטן קאָפּ מיט דער גראָער באָרד און פּיאות איילט זיך דער רב און זיין אַלטער קאָפּ טראַכט:

— אין מיטן דער נאַכט שטייט מען אויף, ביי גאָט בעטן... סליחות...

ר׳ נאָטע לויפנדיק, אין דער פינצטער, פאַרביי דעם איינגעקאָרטשעטן ר׳ יחיאלן שעפּטשעט צו זיך אַליין:

— צו סליחות, צו סליחות...

ר׳ יחיאל בלייבט שטיין אין מיטן גאַס. שווער און שטום איז די נאַכט. און אָנגעזאַפּט איז זי מיט שרעקלעכע סודות. און זיי שוועבן שווער און שטום פון אַלע עקן פינצטערניש, פון די פינצטערע הימלען, פון דער פינצטערער ערד. און זיי רוען און שוועבן אין דער גאַנצער פינצטערער נאַכט. דוכט זיך אים, אַז די מענטשישע זינד האָט זיך עס צונויפגעקליבן און האָט אָט די פינצטערע נאַכט באַשאַפן. און עס עקבערט און דריקט די הימלען מיט דער ערד. וויל תשובה און שרעקט זיך פאַר זיך אַליין. און אַ מחשבה עקבערט ר׳ יחיאלס מוח:

— וואָס טוט מען?... און אַז דער מענטש איז יאָ זינדיק און גאָט איז אים נישט מוחל, איז פאַרפאַלן... ווען גאָט איז גוזר אויף אַ מענטשן אַ גזירה... ווען ער חתמעט אָן נישט־לעבן... שטאַרבן... איז פאַרפאַלן... קען מען גאָרנישט העלפן... גאָרנישט העלפן...

ער לאָזט זיך לויפן פאַר שרעק איבער דער פינצטערער נאַכט. ער לויפט פון שרעק פון דער נאַכט, פון זיך, פון גאָט... ער לויפט פון שטעטל אַרויס... ער לויפט...

איינגעמאַטערט, אָן כוחות וואַרפט ער זיך צו אַ בוים אַ פינצטערער ווי די נאַכט אַליין. בלייבט שטיין נעבן אים. שפּאַרט זיך און טוליעט זיך צו אים, גלייך ער וויל ביי אים הילף געפינען. ער קוקט מיט זיינע אויגן פול מיט שרעק אין דער פינצטערער נאַכט אַריין און דערזעט, ער שטייט חוצן שטעטל, אין פעלד, ביי אַן איינזאַמען בוים און ער פרעגט זיך מיט שרעק:

— וווהין לויף איך?... און פון וועמען לויף איך?... פון גאָט... פון גאָט?... וווהין קען מען אַנטלויפן?... ביי וועמען קען מען זיך באַהאַלטן?...

ער שטייט און טרייסלט זיך אין גאַנצן פון שרעק און פחד. און איינגעבויגן און איינגעקאָרטשעט אין זיך גייט ער צוריק אין שטעטל אַריין. גייט צום בית־המדרש אַוועק. קומט צום בית־המדרש.

שווער, פינצטער און שטום איז די נאַכט. און אין מיטן דער שטומער פינצטערניש שטייט דער בית־המדרש פול מיט ליכט, מיט פייער און מיט הויכע, געשריי־תפילות. איז עס גלייך, די גאַנצע זינד פון דער וועלט און מענטשן האָבן יידן אויף זיך גענומען, טראָגן עס אויף זיך, אויף זייערע פּלייצעס. איז מען אין מיטן דער נאַכט אויפגעשטאַנען. האָט מען ליכט אין מיטן דער פינצטערער נאַכט אָנגעצונדן, אָפּשטופן דאָס פינצטערניש פון איר געוועלטיקייט. האָט מען דעם בית־המדרש מיט פייער באַלייכט. שטייט מען אין פייערדיקן בית־המדרש. מען וויינט, מען שרייט צו גאָט און מען בעט פאַר דער וועלט, פאַר מענטשן... און עס טראָגט זיך פון פייער־ליכטיקן בית־המדרש אַ געזאַנג און אַ געבעט:

— גרויס איז גאָט און זייער געלויבט. און צו זיין גרויסקייט איז בישטאָ קיין פאָרשונג... נישטאָ אַזאַ ווי דו, גאָט. גרויס ביסטו און גרויס איז דיין נאָמען און דיין שטאַרקייט... צו דיר געהערט דער טאָג, אויך דיינע איז די נאַכט. דו האָסט צוגעגרייט אַ ליכטיקייט און די זון... ווער קען גאָר אויסרעדן די גבורות פון גאָט. מאַכן הערן גאָר זיין לויבונג. דיינע, גאָט, איז די גרויסקייט, די שטאַרקייט, די שיינקייט, די אייביקייט און די הערלעכקייט, וואָרעם אַלץ וואָס אין די הימלען און אויף דער ערד געהערט עס דיר, גאָט, די הערשונג...

און מיט אַ געשריי און געוויין טראָגט זיך אַ געבעט פון בית־המדרש:

— די נשמה איז דיינס און דער גוף איז דיינס, האָב רחמנות אויף דיין אַרבעט...

ר' יחיאל שפּאַרט זיך אָן אויפן גאַניק פון בית־המדרש. וויינט ביטער:

— גאָט, גאָט, דיינס, דיינס איז אַלץ. אמת. אמת... אָבער וואָס איז אונדזער צווישן הימל און ערד?... האָב רחמנות אויף אונדז... האָב רחמנות אויף מענטשן...

אַ פאַרוויינטער גייט ר' יחיאל אין בית־המדרש אַריין און נאָך אַ בי־טער וויינענדיקער קול באַהעפט זיך צוזאַמען מיט אַלע קולות, וועלכע וויינען, שרייען, בעטן מיט תחנונים און אויך שוין מיט כעס צו גאָט. וואָס וויל ער פון מענטשן? פון ידן? גענוג, גענוג... שוין צייט אַז אַן עק זאָל עס נעמען, אַ סוף זאָל עס נעמען:

— הער צו אונדזער קול, גאָט, אונדזער גאָט. דערבאַרעם זיך און האָב רחמנות אויף אונדז. און נעם אָן מיט רחמים און מיט רצון אונדזערע תפילות.

און פול זענען די הערצער מיט ווייטיק פון לעבן. און פול איז מען מיט פּיין פון דעם אומגליק פון אייגענעם פאָלק, אַ פאַריאָגטער און פאַר־טריבענער אין גאַר דער וועלט, אין אַלע עקן פון דער וועלט און שוין אַריבער דער מאָס געשטראָפט פון גאָט. יאָ, מען האָט געזינדיקט. מען איז זינדיק. אָבער ווער איז אין דעם שולדיק?... נישט נאָר מענטשן אַליין, ביין... און מען מאָנט מיט געוויין און געשריי...

— קער אונדז אום דו אַליין, גאָט, צו זיך, וועלן מיר זיך צו דיר אומקערן...

ענדיקט מען די סליחות. אָנגעמאַטערטע פון בעטן, וויינען, שרייען און קלאָגן. און מידע און צעבראָכענע פון דעם גרויסן גאָט דאָרט אין די הימלען ווערט מען אַנטשוויגן.

ווערט געבוירן אַ בלאַסער, פייכטער, טרויעריקער סליחות־פרימאָרגן. פאַרשפּרייט זיך אויף דער אלולדיקער וועלט און ציט זיך אין בית־המדרש אַריין. פאַרלעשט מען אין בית־המדרש די ליכט. איילן זיך אַנדערע אין חדר שני, דאַוונען מיטן ערשטן מנין. דער רב קלייבט זיך אין וואַסער גיין, רייניקן זיך און אַ ריינער שטיין פאַר גאָט און דאַוונען. ר' יחיאל שטייט אויף זיין אָרט איינגעבויגן, איינגעקאָרטשעט און וויינט. און ר' באָטע

האָט אַריינגעוואָרפן זיין קאָפּ איןביידע הענט, אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגן אָן וואַנט און האָט זיך פאַרטיפט אין אַ חסידישן ניגון. זיין האַרץ ציט אַ ניגון אָן ווערטער, וועלכער רייסט זיין דמיון אַלץ טיפער און העכער, העכער. און אַ געבעט זינגט זיין האַרץ און אַ מאָנונג:

— באַ־באַ־באַ־באַ־באַם... באַ־באַ־באַ־באַם... באַ־באַ־באַ־באַ־באַם־באַם־באַם... אַ־באַ־באַ־באַם באַם באַבאַ־באַם... אַם באַם באַ אוה־באַם... אַ־באַ־באַ־באַם.

ער ווערט אַלץ מער פאַרטיפט, העכער און היציקער אין דעם אַלטן חסידישן ניגון און זיין גאַנצער מהות, זיין גאַנצער וועזן רייסט ווו, ציט ווו און ער גיט אַ מאַך מיט זיינע פליגלען, הייבט זיך אויף, שוועבט און פליט אַוועק ווו, ווייט, הויך, אין רוים און אַריבער אלול און אַריבער דער גאַנצער וועלט.

— אַ־באַ־באַ־באַ־באַם... באַם־באַם באַ־באַם... פליט ר׳ נאָטע. און פול מיט געזאַנג און לויבונג איז זיין גאַנצער מהות, ווייל גרויס איז גאָט. און די נשמה, דער מענטש איז אַ טייל פון גאָט... דער מענטש איז מיט גאָט באַהעפט... און אין דעם איז דער גרויסער סוד... און מיט דעם ניגון און דורך דעם ניגון ווערט מען באַהעפט און מען קומט אין אַזאַ וועלט, אין אַזאַ מדרגה, וואָס איז כולל אַלץ, רעיון און מחשבה... און נאָך העכער פאַר מחשבות... הויה אַליין... און פון שטאַרקע מתיקות גייט אויס די נשמה אין ניגון...

— אַ־באַ־באַ־באַם... פליט און צוגיסט זיך זיין נשמה צו גאָט...

און צום בית־המדרש איילט זיך מיט אַלטע טריט אַן אַלטיטשקע ייִדענע. קליין און איינגעבויגן שוין צו דער ערד. מיט אַ קרומלעכן, שוין פון אַלטקייט, קאָפּ. מיט ערדישע שוין אויגן און מיט אַן אַלטן קרום צעקנייטשטן פּנים, וועלכער קוקט מיט אַ רויִקן, אַלטן, קאַלטן, ביטערן שמייכל און דערציילט:

— האַ?... וועגן לעבן?... פרעגט מיך. פרעגט מיינע ערדישע קנייטשן אויפן פּנים, פּע!...

זי איז געווען צו סליחות. אַוועק אַ ווײַלע אַהיים און איילט צוריק אין בית־המדרש מיט אַ מנין דאַוונען און אין איר אַלטן מוח שוועבט אַ מחשבה:

— דאָרטן, דאָרטן... אויף יענער וועלט... איז אַ גן עדן דאָ... מען דאַרף בעטן... מען דאַרף בעטן... או־וואַ, אַ גן־עדן... כאָטש תיכף גרייט אין גרוב אַריין און דורך דער פינצטערער ערד צום ליכטיקן קומען...

V.

פעסט און מיט אַן אָנגעשטרענגטע ערנסטקייט איז היינט דער טאָג אויף דער וועלט געקומען. מיט יום־טובדיקע מחשבות איז ער געקומען, אָבער אָנגעזאָפּט מיט שרעק. איינגעבויגן זענען די געלע גראָזן אויף די פוסטע פעלדער אַרום און אַרום און צוגעפּאַלן זענען זיי צו דער קאַלטער ערד. און די זון, גלייך ווי שוואַרצע ליכט מיט זייער געל טונקעלן פייער, באַגלייט זי היינט אויף דער וועלט — ראש־השנה, דער גרויסער יום־הדין, איז היינט.

געהויבן און דאָך מיט צעבראָכענע נשמות, יום־טובדיק און מיט פּחד אין די הערצער גייט מען אין שול אַריין. ווערט פול דער בית־המדרש. וויקלען זיך די מענער איין אין טליתים, אַריבער קאָפּ. די ווייבער אויפן אויבערשטיבל, אין יום־טובדיקע צירונג באַפּוצט, אין פּערל און אַלט־מאָדישע אוירינגלעך זענען אין ווייסע זיידענע טיכלעך, אין ווייסע קלייד־לעך אָנגעטון. אַן אָנוויז און אַ געבעט צו גאָט, אַזוי זאָלסטו היינט ווייס, און ריין מאַכן, גאָט, אונדזערע נשמות פון זינד. ביים עמוד ברענען גרוי־סע ליכט מיט אַ געל טונקעלן פייער. און מיט שרעק און מורא, מיט צעבראָכענע הערצער און מיט צעווייטיקטע נשמות הייבט מען אָן ביי גאָט בעטן.

שטייט דער בעל־שחרית ביים עמוד אין ווייסן קיטל אָנגעטון. דער טלית אויפן קיטל און איבערן קאָפּ פאַרוואָרפן און מיט ביטערן געוויין דערציילט ער פאַר גאָט די שרעקלעכע מחשבה, וועלכע רייסט איצט יעדעס האַרץ:

— איך ציטער עפּענענדיק מיינע לעפצן, מיין געבעט אויסצוגיסן.

און יעדעס האַרץ ציטערט און יעדעס לייב טרייסלט, היינט איז ראש־השנה, דער גרויסער יום־הדין. מיט גאָט צום משפּט שטייט מען. און די אויגן גיסן טרערן:

— גאָט גרויסער, פון שרעק פאַרן דין טרייסלט מיין נשמה. צי איז מען ווערט צו בעטן ביי דיר, גאָט, דיין חסד? זענען דען ריין אונדזערע נשמות פון זינד, אַזוי ווי דו, גרויסער גאָט ווילסט עס און פאָדערסט פון אונדז? גאָט, גאָט, נאָר רחמנות, נאָר רחמנות האָב אויף אונדז, וואָרעם דו ביסט אַ גאָט פון רחמים, אַ גאָט פון חסד.

און ווי עלנטע, פאַרבלאָנדזשעטע, פאַרוואָגלטע אומבאַהאָלפענע קינ־דער בעט מען מיט אַ ביטער געוויין:

— דערמאָן אונדז צו לעבן, קיניג, וואָס וויל דאָס לעבן און שרייב אונדז אין בוך פון לעבן, צוליב דיר, גאָט פון לעבן.

לאַנג וויינט מען און מען בעט ביי גאָט, דער גאָט וועלכער זוייסט די הערצער פון מענטשן אין דעם טאָג פון דין, וועלכער טוט זיך אָן מיט גערעכטיקייט און האָט רחמנות אויף זיין אַרבעט אין טאָג פון דין. און נאָר רחמים, בעט מען ביי גאָט, רחמים פאַר זיינע באַשעפענישן, רחמים פאַר מענטשן.

ענדיקט מען שחרית. נעמט מען אַרויס פון ארון־הקודש די ספר־תורה, אין אַ סאַמעטענעם מענטל איינגעהילט, מיט אַ זילבערנער קרוין באַ־פוצט. קושט מען דאָס הייליקע מיט ליבע און דורשט צו איר. אויפן בימה טראָגט מען זי אַרויף. מען עפנט זי אויף. ווערן די הערצער שטאָלצער. אַ הייליקע, אַ ליכטיקע תורה האָבן מיר. פון גאָט צו אונדז, מענטשן געגעבן. פון פייערדיקן באַרג סיני האָט אונדז גאָט אַ מתנה געשיקט. און מיר היטן זי, פון דאַן אָן, ווי דאָס אויג פון קאָפּ. אין אַלע אומ־שטענדן און אומגליקן ביים האַרצן זי געדריקט. די קרוין פון אונדזערע נשמות איז עס.

שטייט דער רב אויפן בימה ביי דער אָפענער ספר־תורה. אַלעמענס אויגן און הערצער זענען צו אים מיט דער תורה געווענדט. דער רב שטייט מיטן טלית אַריבערן קאָפּ, פון וועלכן עס לייכט אַרויס זיין פרו־מער פנים מיט די גראָע באָרד און פיאות. זיין פנים שטראַלט מיט הייליקן שטאָלץ פאַר דער הייליקער גאָטס תורה און מיט באַוווסטזיין פון גאָט און יידן, פון הימלען און מענטשן. און ער לייענט די תורה. זיין נשמה זינגט דעם ראש־השנהדיקן קריאה־ניגון, פון וועלכן עס אָטעמט מיט ווייסע מזרח־היץ און פאַלמען־ריחות, וועלכער דערציילט פון אַ פאָלק

אַ יחוס־פֿאָלק אין זיידנס און סאַמעט אָנגעטון, אין ווייסע טליתים מיט בלאָע פּאַסן תכלת און זילבערנע עטרות. פֿון אַ פֿאָלק מיט שוואַרצע אויגן צום הימל פֿאַרוואָרפֿענע. און ער דערציילט גאָטס וווּנדער אין דער תורה מיט פּייערדיקע אותיות פֿאַרשריבן און פֿאַרחתמעט.

ענדיקט מען די קריאה. און הייליק און פֿרום גרייט מען זיך צו תקיעות, צום שופֿר־בלאָזן. איז מען שוין גרייט. שטיל. אַ שטומע שווערע שרעק הערשט אין בית־המדרש. אויפֿן בימה שטייט דער רב דורך אין טלית איינגעהילט, זיין קאָפּ פֿאַרוואָרפֿן איןביידע הענט אויפֿן בימה־טיש און ער וויינט ביטער. אַזאַ שליחות אויף זיין אַלטן, גראָען קאָפּ גענומען, ראש־השנה שופֿר־בלאָזן. וועט גאָט זיינע שליחות אָננעמען?... איז זיין האַרץ און נשמה איצט אין גאַנצן ריין... ריין און קלאָר פֿאַר גאָט... ביי איין זייט פֿון רב מיט דער ספֿר־תורה ביים האַרצן געדריקט אין זיינע ציטערדיקע אָרעמס, מיטן טלית אַריבער זיך שטייט ר׳ יחיאל און גייט אויס פֿון געוויין. ביי דער אַנדער זייט אין טלית אַריבערן קאָפּ פֿול מיט ציטער און שרעק שטייט ר׳ מרדכי דער חזן. שטייען די דריי איינגעבוי־גענע געשטאַלטן, אין די טליתים איינגעוויקלט, און אַ הייליקער סוד אָנגעזאַפּט מיט ציטער און שרעק שוועבט אַרום און אויף זיי. און מיט די טליתים אַריבער די קעפּ, און צו דער בימה געווענדט שטייען אַלע אין שול און וואַרטן מיט פּחד און אימה. און דער רב וויינט נאָך אַלץ, כליפּעט הויך, אויפֿן קול. זיין אַלטער גוף טרייסלט זיך פֿון ביטערן ווייטיק. און מיט אַ ציטערדיקער שטימע פֿון געוויין רופֿט דער רב אויס:

— למנ־צח לבני קרח מזמור...

אַ שוידער גייט דורך אַלע גלידער. און אַ ביטער, ווילדער געשריי, וועלכער וויל מיט זיין קראַפֿט הימלען רייסן, אָפּגרונטן עקבערן, רייסט זיך אַרויס פֿון אַלע הערצער:

— למנ־צח לבני קרח מזמור...

און די גאַנצע שול ווערט פֿול מיט אַ ביטערן יאָמער־געשריי.

ענדיקט מען למנצח. זיפֿצט מען און מען וויינט שטום, איינגעהאַלטן אין זיך. נאָר דער רב וויינט נאָך הויך און ביטער. וואַרט מען שטילע, שטומע. אָבער דער רב קען זיין געוויין נישט איינהאַלטן. איז ער קוים גובר זיך. און הייבט אָן מיט געוויין און געבעט:

— פון געדריקטקייט רוף איך דיך, גאָט...

מיט געוויין און ביטערן געשריי זאָגט מען נאָך נאָכן רב די פסוקים, וואָס פאַר שופר־בלאָזן. און ווידער ווערט אַ שווערע, שטילע שטומקייט אין שול.

דער רב איז שוין אויך שטיל געוואָרן. ער הייבט אויף זיין אַלטן קאָפּ פון בימה. ער קרעכצט אומגליקלעך און ביטער. ער שטרעקט אויס ציטע־ריק זיין האַנט נאָכן שופר, אויפן בימה־טיש. נעמט דעם שופר אין מויל אַריין. די שרעק, אין בית־המדרש און ביי אַלעמען אין די הערצער, ווערט געדיכטער, דער ציטער שווערער. וואָרעם פול איז די וועלט פון איין האָריזאָנט ביזן צווייטן, פון הויכן רוים ביז די אָפּגרונטן, מיט קעגנער פון דעם מענטשן. אומריינע ברואים פילן אָן די וועלט. זיי ווימלען אומע־טום, שנאָרן און קריכן אַרום אין יעדן אָרט. און קעגן זענען זיי דעם מענטשן, זיינע תפילות, קעגן זיין האַרץ און נשמה... פול איז די וועלט מיט שמוץ און טומאה און לאָזן דעם מענטשן פון זייער שליטה נישט אַרויס. און נאָר אָט דער שטילער, עניוותדיקער קול פון שופר פון די יידישע בתי־מדרשים און שולן פון גאַר דער וועלט דאַרף צונויפקלייבן די באַהאַלטענע, צעוואָרפענע ליכטיקייטן אין דער וועלט, באַהערשן די צרופי־שמות... און מיט זיי צוזאַמען דורכשלאָגן זיך, דורכרייסן זיך צווישן דער טומאה, דורך די מלאכי־חבלה, דורך די אומריינע ברואים און גרייכן אַהין, ווו ליכטיק און שיין איז, ווו ציכטיק און ריין איז. ווו אייביק איז שיין און הערלעך. ווו גאָט אַליין, דער ליכטיקער, דער שעפער פון דער וועלט איז אין די מענטשישע נשמה און האַרץ, מיט זיינע תפילות און געבעט, מיט זיין געזאַנג און געוויין און זיין גאַנצן ווען אַהין ברענגען און ווייזן עס פאַר גאָט אין דעם טאָג פון משפט צווישן גאָט און מענטש — גאָט גרויסער, וועט עס אין אונדזערע כוחות זיין?...

— תקי־עה — רופט אויס ציטעריק און מיט שרעק ר' מרדכי.

דער רב האַלט מיט זיין טרייסלענדיקער האַנט פון שרעק דעם שופר אין מויל. און עניוותדיק, אָנגעזאָפּט מיט געבעט, ריין און ציכטיק ציט זיך אַרויף, אין דער הויך דער קול פון שופר.

און אין די הערצער דריקט דער פחד:

— גאָט, גרויסער גאָט, וועט עס אין אונדזערע כוחות זיין?...

פאַרגייט שוין דער לעצטער שופר־קול און ווערט נעלם אין דער הויך, אין רוים אַרויף. שטיל. דער רב לייגט אַוועק דעם שופר אויפן בימה־טיש. און ווי אַ שטראַל פון זון, וועלכער גנבעט זיך אַרויס פון גע־דיכטע, שוואַרצע וואָלקנס, באַלייכט אַ ווײַלע די שווערע, געדריקטע הערצער. דער רב טרייסט, זינגט מיט אַ געקרייזלטן ניגון:

— ווייל איז דעם פאָלק, וואָס ווייסט שאַלן. גאָט, אין די ליכטי־קייט פון דיין פנים גייען זיי...

געענדיקט די תקיעות. די ספר־תורה האָט מען אין ארון־הקודש אַריינ־געשטעלט. דער רב שטייט שוין ביי דער מזרח־וואַנט אויף זיין אָרט. שטעלט מען זיך מוסף דאַוונען, מיט ר׳ מרדכי דעם חזן, אין ווייסן קיטל און טלית, ביים עמוד בראש. פאַרגייט מען זיך ווידער אין אַ שרעק־לעכן געוויין צו גאָט. אין אַ ביטער, האַרצרייסנדיק געשריי, וואָס נאָר אַ פאָלק, קעגן וועלכן גאָט האָט זיך אַזוי שרעקלעך באַגאַנגען, וואָס נאָר מענטשן, וועלכע פילן אַזוי אויף זיך דעם אומרעכט פון לעבן, הימל און ערד — קענען אַזוי תפילה טון צו זייער גאָט.

גייט אויס דאָס האַרץ פון ווייטיק. יוערן שוין אויסגעשעפּט די אויגן פון טרערן. ווערט מען שטיל. און ר׳ מרדכי אַליין בעט ביי גאָט פאַר אַלעמען. ער שטייט ביים עמוד. זיין פנים איז בלייך פון שרעק פאַר גאָט. און זיין שטימע גיסט זיך זיס און געשמאַק, האַרציק און בעטנ־דיק. ער זינגט, לויבט גאָט, דערציילט זיינע וווּנדער:

— דו האָסט זיך אַנטפּלעקט אין וואָלקן פון דייך כבוד צו דיין הייליקן פאָלק, צו רעדן מיט זיי. פון די הימלען האָסטו געמאַכט הערן דיין קול און דו האָסט זיך אַנטפּלעקט צו זיי אין וואָלקנס פון ריינקייט. אויך די גאַנצע וועלט האָט זיך אַ טרייסל געטון פאַר דיר און די באַ־שעפענישן פון אָנפאַנג אָן, זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, האָבן זיך דערשראָקן פאַר דיר, ווען דו האָסט זיך אַנטפּלעקט, אונדזער קיניג. אויף דעם באַרג סיני לערנען דיין פאָלק תורה און מצוות און דו האָסט זיי געמאַכט הערן דאָס גרויסקייט פון דיין קול און דיינע הייליקע ווער־טער דורך פלאַקערנדיקן פייער. מיט דונערן און בליצן ביסטו צו זיי אַנטפּלעקט געוואָרן...

און אין אַ ווײַלע אַרום קלאָגט זיך ר׳ מרדכי פאַר גאָט מיט זײַן האַרציקער שטימע און פאַרגייט פון געוויין וועגן דעם מענטשנס גורל. נישטיק און שרעקלעך איז דער מענטשישער מזל:

— אַ מענטש איז דאָך זײַן גרונט פון ערד און זײַן סוף איז צו דער ערד. מיטן לעבן ברענגט ער זיך זײַן שפּייז. געגליכן איז ער צו שערבל אַ צעבראָכענעם. צו אַ גראָז אַ פאַרטריקנטן און צו אַ שפּראָצונג אַ צע־וויאַנעטער, צו אַ שאָטן, וועלכער גייט פאַרביי. צו אַ וואָלקן, וועלכער ווערט נישט און צו אַ ווינט ,וועלכער בלאָזט אַוועק. צו אַ שטויב, וועל־כער ווערט אַוועקגעטראָגן און צו אַ חלום, וועלכער פאַרשווינדט...

העלפט אים שוין ווידער די גאַנצע שול און אַלע צוזאַמען שרייען צו גאָט מיט אַ ביטערן געוויין:

— אָבער דו ביסט דאָך אַ קיניג, אַ לעבעדיקער גאָט און אַן אייבי־קער...

און מען בעט און מען גייט אויס פון געוויין. רחמנות, רחמנות זאָל גאָט האָבן אויף מענטשן. זאָל ער שוין אויף זיי דערבאַרעמען זיך. און אין דעם גרויסן טאָג, אין דעם טאָג פון דין אָנשרײַבן אַ גרינגער, אַ גליקלעכער לעבן פאַרן מענטשן צווישן הימל און ערד.

קומט מען מידע, פאַרוויינטע פון בית־המדרש אַהיים. מען זעצט זיך ביי די יום־טובדיקע צוגעגרייטע טישן. אין יום־טובדיקע בגדים ·ענען די מענער, אין צירונג און אין ווייסע קליידער די ווייבער. די זון שיינט אין גאַס און אין שטוב אַריין מיט יום־טובדיקע מחשבות. אָבער גלייך ווי שוואַרצע ליכט מיט זייער געל טונקעלן פייער באַגלייט זי היינט און זי דערציילט:

— אַ גרויסער יום־הדין איז היינט צווישן מענטשן און גאָט, צווישן אַלץ וואָס אויף הימל און ערד און גאָט זייער שעפער.

עסט מען אָפּ און מען לויפט גיכער צוריק אין בית־המדרש :[א]ריין. מען קען נישט רוען היינט. אַ רגע וויל מען היינט נישט דורכלאָזן, נישט צו זײַן נאָענט צו גאָט און נישט שטיין אויף דער וואַך און בעטן, בעטן ביי גאָט. זאָגט מען תהילים. מען שטעלט זיך מנחה דאַווענען.

און אין אַלץ דערמאָנט זיך דער מענטש אין דעם שרעקלעכן טאָג פון יום־הדין מיט גאָט. ימים און טייכן זענען דאָ. איז עס אפשר דאָס מענ־

משישע וויגעלע. וואַקסט אפשר אונדזער שטאַם אַרויס פון די טייכן און ימים. אין זיי געבוירן און פון זיי אויף דער וועלט אַרויס... גייט מען נאָך מנחה צו תשליך, צום טייכל ביים שטעטל, נעבן די טייכן און ימים און צוזאַמען מיט זיי ביי גאָט פאַרן מענטשן בעטן.

שטייט מען ביי דעם שטילן, איינגעקאַרטשעטן אין זיך, טייכל, מיט אויגן פאַרוואַרפענע צום הימל. מען גיסט אויס דאָס שווערע, ביטערע האַרץ פאַר גאָט. און מען בעט, מען בעט צו אים.

VI.

גייען און ציִען זיך נאָך ראש־השנה צען פאַרכטיקע, פרומע טעג פון תשובה. מיט סליחות אין מיטן דער נאַכט, מיט ביטערע זיפצן און קרעכצן ביים דאַוונען. עס איז די לעצטע צען טעג פון תשובה, פון אַרומקוקן זיך, פון באַדאַכטן זיך און ריין מאַכן די נשמה, דאָס האַרץ פון מענטשן צו שטיין פאַר גאָט אין דעם גרויסן טאָג, יום־כפור. איז מען אין די טעג געדריקט. זענען די צען טעג שרעקלעכע.

און יום־כפור קומט אָן. שטיל, שטום, ערנסט און מיט ציטער פאַר־גייט די זון. גאָטס וועלט גלייך ווי איינגעהאַלטן אין זיך האָט זי איר אָטעם. און די ערד מיט אַלץ וואָס אויף איר, די הימלען מיט זייערע האָריזאָנטן זענען מקבל און גיבן זיך אונטער מיט אימה דער באַלד אָנגעקומענער נאַכט פון דעם פאַרכטיקסטן, גרעסטן און הייליקסטן טאָג — יום־כפור קומט אָן.

זענען שוין אַלע אין בית־המדרש. און פול איז דער בית־המדרש מיט ליכט. אויף די פענצטער, אויף די טישן שטייען קאַסטנס און קעסטלעך מיט זאַמד. אין די זאַמד ליכט אָנגעשטעלט. עס איז אַ ליכט — אַ נשמה. יעדערער פאַר זיין נשמה האָט אַ ליכט געבראַכט און אָנגעצונדן. איז פול דער בית־המדרש מיט ברענענדיקע מענטשישע נשמות. און אַלע זענען אָנגעטון אין ווייסע קיטלען און טליתים אויף די קיטלען. מען וויל אין גאַנצן פון שמוציקן לעבן אַוועק. דער הייליקער יום־כפור קומט אָן. דאַרף מען הייליק זיין. שיידט מען זיך אָפּ פון לעבן. מען וועט נישט עסן. מען וועט נאָר פאַר גאָט און מיט גאָט זיין. און קעגן דעם לעבן — דעם טויט

דערמאָנט מען. האָט מען זיך אין די ווייסע קיטלען, אין די טויט־קליידער אָנגעטון. און די שיך האָט מען פון די פיס אַראָפּגעוואָרפן. הייליק איז היינט גאָטס וועלט און מען טאָר נישט מיט שיך טרעטן אויף איר — יום־כפור איז אָנגעקומען.

שטייט שוין ביים עמוד מיט אַ צעבראָכן האַרץ ר׳ מרדכי דער חזן. אַרום אים דער רב און ר׳ יחיאל מיט ספרי־תורות געדריקטע מיט ציטער צום האַרצן. דער ארון־הקודש איז אָפן. און אַ הייליקע אימה און פּחד הערשט אין דעם פולן בית־המדרש מיט מענטשן און ליכט.

הייבט ר׳ מרדכי אָן שטיל און ציטערדיק מיט אַ ניגון פון דורות לאַנג, איין דור דעם צווייטן איבערגעגעבן, מיט אַ ניגון אַ פאַרבאַהאַלטע־נעם ביי זיך אין נשמה, מיט דער חתימה פון שפּאַנישע באַהאַלטענע קע־לער־בתי־מדרשים פאַרחתמעט:

— כל נד־רי...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ער גייט זיך אַוועק האַרציק פאַרקרייזלט, מיט בענקעניש און האַרץ־ווייטיק, מיט מתיקות און געבעט. לייכט און דאָך טיף אָט אַזוי ווי דער שיין פון אַ שטערן ביינאַכט. געזונגען און דאָך אַזוי האַרציק זיך געבעטן און געוויינט. עס איז אַ געזאַנג פון אַ ווילדן נאַכט־פויגל צווישן ווילדע בערג צונויפגעגאָסן צוזאַמען מיט דעם געזאַנג פון אַן אוראַלטן פאָלק אין סאַמעטענע מלבושים, מיט זיידענע גאַרטלען און אין פערל און אוירינגלעך באַצירט.

ציט די גאַנצע שול נאָך ר׳ מרדכין. אַלע זינגען מיט אים אינאיינעם, מיט הייליקן ציטער דעם אייגענעם נשמה־ניגון פאַר און צוליב דעם פאַרכטיקן, גרויסן שעפער פון דער וועלט. און מען גיט זיך איבער אין גאַנצן אין געבעט און תפילה צו גאָט.

גייט מען אַריבער פון זינגען נאָר צו וויינען און שרייען. מען שרייט אין דער שרעקלעכער נאַכט פון יום־כפור צו גאָט. מען בעט מיט ביטערן געוויין מוחל זיין דעם מענטשן. רחמים האָבן אויף אים און מוחל זיין. פאַרגעבן דעם מענטשן זיינע זינד.

און די נאַכט אויף גאָטס וועלט איז אַ שטומע. פאַרנומען איז די נאַכט מיט אירע הימלען און שטערן אין זיך און מיט זיך מיט איר אייגענעם

גורל. און דער מענטש איז אַזוי אַליין. אַליין און איינזאַם מיט זיין ביטערן גורל... שטייט מען אין בית־המדרש באַשיינט מיט פייער פון די ברענענדיקע נשמות־ליכט, פאַרהייליקט אין תפילות און טרערן און קיין הילף פון ערגעץ. און קעגן גאָט איז מען אַזוי שולדיק, אַזוי זינדיק און מען שרייט און מען בעט ביי גאָט:

— הער צו אונדזער קול, גאָט, אונדזער גאָט, דערבאַרעם זיך און האָב רחמנות אויף אונדז.

און אויף מאָרגן אין דער פרי, ווי נאָר די זון גייט אויף, קומט מען ווידער אין בית־המדרש. און אַ גאַנצן טאָג אָן שיך אויף די פיס, אָנגעטון אין די טליתים און קיטלען, אָן עסן און טרינקען, הייליקט מען זיך, מען טוט תפילה, מען וויינט און מען שרייט צו דעם שרעקלעכן, גרויסן, מוראדיקן שעפער פון דער וועלט און מענטשן.

האַלט שוין דער הייליקער טאָג, דער שרעקלעכער יום־כפור ביי אַוועקגיין. די זון וועט באַלד פאַרגיין. וועט מען באַלד די טויערן פון די הימלען פאַר דעם מענטשישן געבעט פאַרמאַכן. געבליבן נאָר די לעצטע שעה, דאָס לעצטע געשריי פאַר גאָט. איז מען גרייט די נשמה פון זיך אַרויסנעמען און פאַר גאָטס פיס זי וואַרפן.

שטעלט זיך ביים עמוד דער רב אַליין, מיט זיין אַלטן קאָפּ, מיט זיינע גראָע באָרד און פּיאות, נעילה זאָגן.

הייבט אָן דער רב דעם נעילה־קדיש מיט דעם אַלטן, פון דורות אָן ניגון. פול איז דאָס געזאַנג מיט מענטשישן עקסטאַז, מיט דביקות ביז צו די הימלען. מיט זיפצן און קרעכצן פון צער פון דעם לעבן. מיט הייסע בענקשאַפט נאָך וואָס באַהאַלטענעס פון דעם מענטשן. און מיט געשריי און געבעט צו דעם גרויזאַמען גאָט.

באַהעפט זיך די גאַנצע שול צום רב. די גאַנצע שול, אַלע זינגען צוזאַמען מיטן רב און מען שרייט און מען בעט ביי גאָט.

און דער טאָג גייט שוין אַוועק. די זון אָט באַהאַלט זי זיך. אין בית־המדרש קומען אָן און רוען שוין די נאַכט־שאָטנס. געל־טונקל ברענען אין די קאַסטנס אויף די פענצטער, אויף די טישן די באַלד אויסגעגאַנגענע ליכט. פול מיט אימה איז דער בית־המדרש געפּאַקט מיט די אָנגעטוענע

אין קיטלען און טליתים מענטשן. און פול איז יעדעס האַרץ מיט פּחד; די זון פאַרגייט... די לעצטע רגע געבליבן... אָט איצט, אָט איצט געלייטערט ווערן. ריין זיין, צוליב גאָט, צוליב גאָט דעם גרויסן...

און דער אַלטער רב שטייט ביים עמוד און בעט זיך פאַר אַלעמען מיט אַ ביטער, צעבראָכן האַרץ:

— דער טאָג גייט שוין אונטער. די זון פאַרגייט און פאַרבאַהאַלט זיך. לאָז אונדז אַריין אין דיינע טויערן...

און ער בעט, בעט זיך מיט געוויין:

— די טויערן פון הימל עפן. און דיין גוטן אוצר עפן אונדז.

און דער רב רעדט מיט גאָט, טענהט צו אים:

— און דו ווייסט דאָך, אַז אונדזער סוף איז ווערים. און וואָס זענען מיר? וואָס איז אונדזער לעבן? וואָס איז אונדזער לייטזעליקייט, אונדזערע צדקות, אונדזער העלפן? וואָס איז אונדזער כוח, אונדזער שטאַרקייט?... וואָרעם דאָס רוב פון מענטשישע מעשים איז פּוסט און זייער לעבן גאָר־נישט פאַר דיר... און קיין אונטערשייד פון דעם מענטשן ביז דער בהמה איז נישטאָ, ווייל אַלץ איז גאָרנישט...

און דער רב טענהט צו גאָט:

— דו האָסט אָפּגעטיילט דעם מענטשן פון אָנהייב אָן. און דו האָסט אים דערקענט שטיין און דינען פאַר דיר. וואָרעם ווער קען דיר זאָגן, פאַרוואָס טוסטו אַזוי? און אויב דער מענטש טוט יאָ גוט, איז יאָ גערעכט, וואָס קען ער דיר געבן?...

און די נאַכט־שאָטנס רוקן זיך, רוקן זיך אין בית־המדרש אַריין. די זון האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט דער וועלט און פאַרגייט. נעמט מען זיך אָן מיט די לעצטע פאַרבאָרגענע כוחות וואָס די מענטשישע נשמה פאַרמאָגט נאָר. מען שטייט אין גאַנצן מיט גאָט פאַרנומען. מען קומט צו אַזאַ מדרגה, וואָס ווייטער קען מען שוין נישט גיין. מער ריין זיין, פּחד האָבן פאַר גאָט, מער גרייט זיין אין גאַנצן אַוועקגעבן זיך גאָט און פאַר גאָט קען מען שוין נישט און מען שרייט פאַר דער גאַנצער וועלט:

— הער, ישראל, גאָט איז אונדזער גאָט, גאָט איז איינער!!!...

**
*

און געענדיקט האָט מען נעילה. זעצט מען זיך שוואַכע, שטילע, שטו־מע אויף די ערטער אַוועק. עס איז שוין נאַכט. טונקל ברענען די ליכט. באַלד, באַלד גייען זיי אויס. און אין האַרצן איז פול מיט מחשבות:

— האָט גאָט אָנגענומען די מענטשישע תפילות?... האָט גאָט פאַר־שטאַנען דעם מענטשן? האָט אים מוחל געווען און וועט מיט רחמים באַגיין זיך מיט אים?... און אויב נישט, אויב נישט?... שרעקלעך, שרעקלעך צו טראַכטן וועגן דעם...

און די מחשבות זענען שווערע. זיי דריקן אַזוי דאָס האַרץ, דעם מוח. נישטאָ קיין אויסוועג פאַרן מענטשן... שרעקלעך... שרעקלעך... פון וואַנען וועט קומען די הילף... די הילף צום מענטשן...

דערהערט זיך אין דערינען אין בית־המדרש אַ ניגון. אַ שטיל, קלאָר, פריילעך געזאַנג. פון דער טונקעלער מזרח־וואַנט גיסט עס זיך. ר׳ נאָטע האָט אָנגעהויבן צו זינגען אַ חסידישס, אַ פריילעכס. צעגיסט זיך דאָס גע־זאַנג אין בית־המדרש אַריין. ווערט פולער און פולער, פריילעכער און פריי־לעכער. גיסט זיך אין די מענטשישע הערצער אַריין. גלעט דאָרט וואָס און שאַפט דאָרט פלוצלונג אַנדערע מחשבות, נייע געדאַנקען:

— יאָ... אַן אויסוועג שיינט... נאָך אַ וועג איז דאָ צו גאָט... אַן אַנדער וועג... אַ נייער...

ר׳ יחיאל, וועלכער זיצט איינגעקאָרטשעט פון שרעק פאַר גאָט, נעבן ר׳ נאָטען, כאַפּט זיך אויף. הערט ווי ר׳ נאָטע זינגט און עפּעס ווילט זיך אים אַזוי נאָענט ווערן מיט ר׳ נאָטען. ער רוקט זיך צו נענטער צו אים.

ר׳ נאָטע זינגט זיין חסידישן ניגון און וואָס ווייטער אַלץ לייכטער, קלאָרער, גרינגער, פריילעכער. שטייט מען אויף אַלע פון די ערטער. מען קלייבט זיך צונויף אַרום אים אין טונקעלן מזרח. און גלייך ווי נאָר נאָך אַזוי ריין און געלייטערט זיין ווי איצט איז דער מענטש פאַר גאָט... נאָר דאַן קען מען דערגיין צו די נייע מחשבות, וואָס ר׳ נאָטעס ניגון שאַפט און מאַכט געבוירן אין די הערצער. און עס טראַכט זיך:

— ניין... מער קען שוין אַ מענטש נישט דערגיין צו גאָט דורך פּריערדיקע וועגן אונדזערע דורך געוויין און שרעק פאַר גאָט. מער האָט

שוין דער מענטש בכוח נישט. און איז עס גאָט נישט באַוויליקט — איז נישט אַזוינע וועגן איז ער אויסן... און אויב אַפילו גאָט איז יאָ אַזוינס אויסן — נישט דאָס איז אָבער דער אמתער וועג... נייך... אַנדערש... אַנדערש...

און די גאַנצע שול גיט זיך איבער ר׳ נאָטעס ניגון. און מיט ר׳ נאָטען בראש זינגען אַלע צוזאַמען דעם קלאָרן, חסידישן, פריילעכן ניגון... און פול ווערט דער בית־המדרש מיט אַ פריילעכן געזאַנג...

און נייעס ווערט געבוירן אין די מענטשישע הערצער. עס שאַפן זיך דאָרט מחשבות דורכגעדרונגען מיט געזאַנג. און אין די נשמות וועבט זיך אַ נייע ליכטיקייט דורכגעדרונגען מיט פריילעכן געזאַנג פאַר גאָט.

און ר׳ נאָטע זינגט און זינגט און די גאַנצע שול מיט אים צוזאַמען...

און מיט געזאַנג אין די הערצער צעגייט מען זיך נאָך מעריב אַהיים.

VII.

איז פאַרוואָרפן געוואָרן מיט ר׳ נאָטעס נאָך־נעילה־ניגון ביי יעדערן אין האַרצן אַ פריילעך געזאַנג צו גאָט. וועבט זיך עס און וואַקסט ביי יע־דערן אין נשמה.

נאָר ר׳ יחיאלן איז נאָך שווער באַפרייט צו ווערן פון זיין גרויסן פחד פאַר גאָט. זיפצט ער נאָך פון צייט צו צייט:

— גאָט... עס איז אַ שרעק... גאָט... הושענא־רבה גייט נאָך...

אָבער ר׳ נאָטעס נאָך־נעילה־ניגון הייבט אָן אויך אים גובר צו זיין.

רייסט דעם מענטשן צו וואָס נייעס. גרייט מען זיך צו אַ נייעם יום־טוב. ביידלעך מאַכט מען ביי די הייזער, סוכות. די הייזער, דאָס שטענדיקע וועט מען פאַרלאָזן און אין ביידלעך וועט מען וווינען. נענטער זיין מיט דער ברייטער, פרייער גאָטס וועלט... און אַלץ זאָל דערמאָנען אָן פרייד, אָן לעבן... קלייבט מען אויס דאָס תמיד לעבעדיקע, תמיד גרינע בוים, סכך־בוים און מיט דעם דאָס דאַך פון ביידל באַדעקן. און לייכט זאָל עס זיין באַדעקט, אַז דער הימל מיט די שטערן זאָלן זיך זען, אויס מורא, אויס פחד פאַר גאָט אין זיינע הימלען... פוצט מען אויס די סוכה אינעווייניק

מיט די בעסטע אויבסטן. מיט פרוכט און מיט לעבן זאָל אָטעמען אַרום און אַרום. און מען קלייבט זיך אין די סוכות אַריין.

גייט דער יום־טוב סוכות מיט פרייד און מיט שמחה. מען טוט תפילה פאַר גאָט פריילעך. הלל זינגט מען פאַר גאָט... און דאָס שענסטע און דופטיקע פרוכט, דעם אתרוג, צוזאַמען מיט אַ צווייג פון פיינסטן און תמיד גרינעם פאַלמע־בוים, דעם לולב, נעמט מען אין האַנט און מיט זיי צוזאַמען לויבט מען גאָט, זינגט מען פאַר אים הלל...

וואַקסט דער פריילעכער ניגון פאַר גאָט אין מענטשישן האַרץ און נשמה. מאַכט מען אַ יום־טוב פאַר גאָטס תורה, פאַר גאָט אַליין...

און עס קומט די נאַכט פון שמחת תורה. דער יום־טוב פאַר גאָט און זיין תורה.

פריילעך, מונטער, פול מיט יום־טוב שיינען די ליכט אין בית־המדרש. און פול איז דער בית־המדרש מיט מענטשן אין יום־טוב געקליידט. און די ווייבער איז היינט ענג צו זיין אין זייער ווייבער־שטיבל, זענען זיי אויך געקומען אַהער אין מענער־שול, אויסגעפּוצטע אין זייערע צירונג. שיינען זייערע צירונג, זייערע אוירינגלעך און פּערל צוזאַמען מיט זייערע אויגן און באַלייכטן נאָך מער דעם בית־המדרש.

נעמט מען די ספרי־תורות אַרויס פון ארון־הקודש און מען צעטיילט זיי. דריקט מען מיט פרייד די ספר־תורות צום האַרצן און מען גייט מיט זיי אַוועק מיט אַ תפילה־געזאַנג אַרום בימה מיטן אַלטן גראָען רב בראש. גייט מען די בימה אַרום. דער אַלטער רב שטעלט זיך אָפּ און פאַרוואַרפט זיינע אויגן אין הימל אַריין. שטעלן זיך אַלע אָפּ. טוט ר׳ נאָטע פעסט אַ דריק מיט הייסער ליבע זיין ספר־תורה צום האַרצן און הייבט אָן צו זינגען. זינגט ער און אַלץ ווייטער הייסער, טיפער, העכער. רייסט זיין נשמה צו שמחה פאַר גאָט און מיט גאָט. טוט ער אַ מאַך מיט זיינע פליגל, הייבט זיך אויף און פליט און טאַנצט און זינגט און זינגט...

ווערן אַלע הערצער פול מיט שמחה. ווערט מען אַקסל צו אַקסל. לייגן זיך הענט אויף הענט. און פליגלען ווערן ביי אַלעמען באַשאַפן. הייבן אַלע אָן צו זינגען. מען זינגט הויך מיט עקסטאַז. און מען טוט אַ מאַך

מיט די פליגלען און מען פליט, מען טאַנצט און מען זינגט. און וואָס ווייטער אַלץ הייסער, שטאַרקער, העכער. און מען זינגט פאַר גאָט:

— מיר זינגען און טאַנצן, גאָט, פאַר דיר און מיט דיר צוזאַמען... לעבן... לעבן... גאָט, ווי דו ביסט נישט גערעכט, ווי מיר זענען נישט זינדיק... לעבן... לעבן... לעבן... אויף יענעם זייט זינד און נישט זינד... אַריבער דעם און העכער פון דעם... איין וועלט איז דאָ... הימל און ערד אַלץ איינס.. גאָט און מענטש איין זאַך... איין וועזן... מיר טאַנצן, גאָט, פאַר דיר, מיר זינגען פאַר דיר און מיט דיר צוזאַמען, ליכטיק, ליכטיק... דורך איז הימל, דורך איז גאָט... זיין... זיין... זיין... און פול איז די וועלט מיט שמחה פון לעבן... זיין... זיין... זיין...

און מענטש, הימל און ערד פליען, טאַנצן און זינגען פאַר גאָט און מיט גאָט:

— ליכטיק איז... עס איז אַ שמחה... עס איז אַ פריידן!...

— זיין... זיין... זיין!!!...

עטעלע, די גאלדענע פאווע

אַ דראַמע אין פיר אַקטן

די פערזאָנען:

אַביציע, אַ מאַזשניק, אַ יאָר דריי און דרייסיק.
חנה, אַביציעס ווייב, אַ יאָר דרייסיק
קריינע, אַ ייִנגערע פאַר חנהן מיט אַ יאָר } שוועסטער
חיענע, אַ ייִנגערע פאַר קריינען מיט אַ יאָר
פיניע, קריינעס מאַן, אַ מאַזשניק, אַ יאָר דרייסיק.
חיים, חיענעס מאַן, אַ מאַזשניק, אַ יאָר צוויי און דרייסיק.
עטעלע, אַביציעס אַ קרובה, אַ מיידל אַ יאָר ניינצן.
יענטע, אַ מלמדיכע, אַ יאָר פופציק.
דער רב, אַ יאָר זעכציק.
מענער, ווייבער.

די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ ייִדישן שטעטל.

ערשטער אַקט

(ביי אַביציען אין שטוב. אַ גאַנץ גרויסער צימער. אַן עסצימער, אַ פּוס־טער, אַ פאַרלאָזענער, גאַנץ שמוציק. די געקאַלכטע ווענט פינצטער, פאַרלאָזן, ברודיק. ביי דער וואַנט, אַנטקעגן פובליקום, לינקס אַ באַנק. ביי דער באַנק אַ טיש, אַ לענגלעכער, אַ הוילער, אָן אַ טישטוך. ביי דער ברייט פון טיש ביי דער צווייטער וואַנט, לינקס פון פובליקום, אויך אַ בענקל. אַרום די איבעריקע זייטן פון טיש עטלעכע טאַבורעטקעס. אין וואַנט, לינקס פון פובליקום, אַ טיר גלייך פון גאַס אַריין. נאָך דער טיר אַנטקעגן טיש אַ פענצטער צו דער גאַס. אין וואַנט אַנטקעגן, נישט ווייט פון טיש, אַ טיר אין אַ צווייטן צימער. רעכטס אין וואַנט, קעגנאיבער דער גאַס־טיר אַ טיר אין קיך. דורך די קיך־טיר זעט זיך די הינטער־טיר אין הויף אַרויס. אין ווינקל ביי דער וואַנט צו דער קיך צו וואַלגערט זיך אַ בלעכענע מאָס פון מאַזש. ווייטער, נעבן קיך־טיר אַ מאַזשניצע. ביידע זענען שמוציק און אָנגעטרונקען אין מאַזש. פאַרנאַכט. אין צימער ווערט שוין טונקל. צייט: נאָך פסח).

(חנה זיצט אויף דער באַנק, נעבן פענצטער ביי דער ברייט פון טיש. נישט ווייט פון איר אויף דער באַנק ביי דער לענג פון טיש זיצט קריינע. נעבן קריינען זיצט חיענע. אַלע דריי שוועסטער זענען ענלעך איינע אויף די אַנדערע. שוואַרץ פנימדיקע. מיט אַ באַהאַלטענער מזרחישער תאווה אין די פנימער, אין די עטוואָס איינגעבויגענע רוקנס).

חנה: **שאַ.** (זי הערט זיך צו וואָס צו) **שאַ... דאַכט זיך מען פאָרט.**

(אַלע דריי שוועסטער הערן זיך צו אַ ווײלע).

קריינע: נייַן. עס דאַכט זיך. אפשר די קינדער אויפן הויף שטיפן.
חנה: די קינדער שלאָפן שוין. וואַרט... שאַ...

(די שוועסטער הערן זיך ווידער אַ ווײַלע צו).

קריינע: נייַן... עס דאַכט זיך. אַ מאָדנע זאַך. נאָך געדאַרפט נעכטן ביינאַכט קומען, אָדער היינט אין דער פרי. און נאָך אַלץ נישטאָ.
חיענע: איך האָב מײַנעם געזאָגט, אַז ער זאָל גאָר נישט פאָרן אויפן יאַריד. און זיי אַלע האָבן דאָך נייטיק געדאַרפט פאָרן אויפן יאַריד?... (שווײַגט אַ קליין ווײַלע) און אַלע מאָל, אַז מײַנער פאָרט אַוועק מיטן מאַזש אויפן דאָרף, איז אַז ער קומט בשלום, דאַנק איך גאָט.
קריינע: נאָר דײַנער?... און מײַן פּיניע פאָרט נישט אויפן דאָרף מיט מאַזש?...
חנה: אַזאַ פּרנסה איז שוין ביי אונדז אַלעמען.

(אַ קליינע פּויזע).

חיענע: מיר זאָגט דאָס האַרץ עפּעס. איך פּיל עפּעס נישט גוטס...
קריינע (אומרויִק, אויפגערעגט): דו... דו פּילסט דאָך אַלע מאָל... זײַנע תעניתים וועלן דיך אומברענגען. (צו חנהן) זי האָט דאָך שוין ווייטער אַ טעות געהאַט אין חשבון... אַ וואָך, אַז זי פּאַסט שוין...
חנה (פאַרדראָסיק צו חיענען): דו ווייסט דאָך אין דער „דער" אַריין מיט דײַנע תעניתים...
קריינע (אין איר שטימע הערט זיך אַ שכרות פון תאווה): ס'געהערט אַ ביסל?... פרעג ביי אַלע ווײַבער... אַ ייִדיש ווײַבל זאָל נישט וויסן איר צײַט?... נאָך אַ קימפּעט טרעפט אַ טעות... אָבער אַזוי זאָל מען נישט וויסן ווען יאָ און ווען מען טאָר נישט... מען זאָל נישט קענען ציילן...
חיענע: וואָס זאָל איך טון?... איך האָב געציילט... עס האָט נאָך נישט געדאַרפט זײַן... עס איז אפשר אַזאַ קרענק... וואָס זאָל איך טון? גאָט וויל אַזוי... הלוואי זאָל ער מיר מוחל זײַן מײַנע גרויסע זינד...
חנה: שיידט מען זיך אָפּ אויף אַ צײַט פון מאַן און מען קומט נישט צו אַ טעות...
חיענע: מען טאָר נישט... ער זאָגט אויך, אַז מען טאָר נישט...
קריינע (אויפגערעגט): אָט דײַנער מיט זײַן פרומקייט...

חיענע (צינדט זיך אָן): מיין חיימען ביסטו אַפילו נישט ווערט צו דערמאָנען זיין נאָמען.

קריינע (קרימט נאָך חיענען): נישט ווערט צו דערמאָנען זיין נאָמען. פּיש!... הייליק מיט די קאַלטענעס און מיט די געגלאַנצטע אויגן...

חיענע (צעהיצט): פונדעסטוועגן אין שטעטל איז טאַקע מיין חיים, זאָל געזונט זיין, ר׳ חיים און דיין פּיניע דער רויטער...

קריינע (שרייט): אַזאַ ליכטיק יאָר אויף מיר, ס׳אַראַ פּיניע דאָס איז. (ליידנשאַפטלעך) ס׳אַראַ פּיניע דאָס איז...

חיענע (צעהיצט, מיט כעס): נישט פּיניע, נישט אַביציע זענען נישט ווערט מיין חיימס מינדסטן נאָגל.

חנה (כאַפּט זיך אויף): מיין אַביציע?!... מיין אַביציע?!...

(עס עפנט זיך די הינטער־טיר. עס באַווייזט זיך אַ יונג מיידל פון אַ יאָר ניינצן מיט נישט אַ געווינלעכן שיינעם, צאַרטן, הייליקן אויסזען. דאָס פּנים איז איידל, שיין און צאַרט. אויגן שוואַרצע, גרויסע, גוטע, ריינע און פאַרחלומט. אָנגעטון נישט רייך, נאָר ציכטיק און איידל, מיט אַ לייכטן ווייסן שאַל אויפן קאָפּ. זי גייט צו דער קיך־טיר, וועלכע פירט אין עס־צימער אַריין. בלייבט שטיין אָן אויגנבליק אין קיך און גייט געשווינד צוריק פון שטוב אַרויס. אַלע דריי שוועסטער ווערן אַנטשוויגן, טוען אַ קער די קעפּ צו דער קיך צו, אָבער זייער בליק פאַלט אַהין ווען די הינטער־טיר האָט זיך שוין צוריק פאַרמאַכט. און זיי קוקן זיך אָן, שטומע, פאַר־וווּנדערט, איינע די צווייטע).

חנה: דאַכט זיך, דאָ איז געווען ווער?

קריינע: דאַכט זיך.

חיענע: יאָ. דאַכט זיך.

אַלע דריי צוזאַמען: עפּעס...

חנה (קוקט זיך פאַרוווּנדערט אַרום אין שטוב): עפּעס ווי אַ בליץ האָט געטון...

קריינע: ווי אַ שיין דורכגעלאָפן...

חיענע: יאָ... ווי אַ ליכט עפּעס...

(זיי קוקן אָן איינע די אַנדערע פאַרוווּנדערט. אַ קליינע פּויזע).

חיענע: דאָס האַרץ זאָגט מיר עפּעס...

(עס עפנט זיך די הינטער־טיר. עס גייט אַריין אַביציע. אַ הויכער, גאַנץ שטאַרק געבויטער ייִד, מיט אַ שוואַרץ בערדל, שיטערלעך געוואַקסן, מער אויף אונטן אַראָפּ. אויגן קלוגע, לעבעדיקע, מיט אַ באַהאַלטענע אומרויִקייט אין זיי. די הענט שוואַרצע פון מאַזש, שטענדיקע, לאַנגאַנעדיקע. אָנגעטון אין שטיוול און אין אַ לענגלעכן רעקל. דאָס היטל אויפן קאָפּ זיצט לייכט, אַ ביסל קרומלעך און אַרויפגערוקט אַרויף־צו. און אין האַנט האַלט ער אַ קוישל מיט נאָך אַ פּעקל, אין דער אַנדערער די בייטש. ער בלייבט שטיין ביי דער שוועל פון טיר, לאָזנדיק הינטער זיך די טיר אָפן און רעדט קערנדיק דעם קאָפּ אויף הינטן אין הויף אַרויס).

אַביציע: **דו שעמסט זיך?... דו שרעקסט זיך?... קום אַריין... אין שטוב... קום...**

(חנה, קריינע און חיענע שטייען אויף פון זייערע ערטער צופרידענע, לאָזן זיך פון טיש אַרויס).

אַלע צוזאַמען: **געקומען שוין... געקומען...**

חיענע: **מיין חיים אויך?...**

קריינע: **מיין פּיניע אויך?**

אַביציע (שטייענדיק ביי דער אָפענער הינטער־טיר, גוטמוטיק אין הויף אַרויס): **נו, קום־זשע אין שטוב אַריין.**

(אַביציע לאָזט דורך דורך די טיר און דורך זיך אין שטוב אַריין דאָס פּרויִער באַוויזענע מיידל און גייט מיט איר אין עסצימער אַריין).

קריינע (צו אַביציען): **מיין פּיניע איז געקומען?...**

חיענע: **און מיין חיים?...**

אַביציע (גוטמוטיק און פריילעך אַוועקשטעלנדיק דאָס קוישל מיטן פּעקל ביי דער וואַנט פון קיך): **געקומען, געקומען, לויפט מקבל־פּנים זיין...**

(קריינע און חיענע איילן צו דער טיר פון גאַס און נעמען די אויגן נישט אַראָפּ פון מיידל. זיי עפענען די טיר. בלייבן אַן אויגנבליק שטיין, וואַרפן אַן אומרויִקן בליק אויף דעם מיידל און גייען פון שטוב אַרויס. חנה שטייט אַ צעטומלטע, קוקט אויף אַביציען, אויף דעם מיידל).

אַביציע (צו חנהן): **וואָס קוקסטו אַזוי צעטומלט?... דאָס איז דאָך טעלע... אונדזער קרובס דאָרט... דעם ראש־ישיבהס... ר׳ נחמנס... האָב**

איך זי צו אונדז גענומען. שטעל, חנה, דעם סאַמאָוואַר. (צו עטעלען) **זעץ זיך, טו זיך אויס. איך וועל גיין די פערד אַריינפירן.**

(חנה גייט פון קיך אַרויס. נאָך איר אַביצל גייט דורך די קיך אין הויף אַרויס. עטעלע בלייבט שטיין אַ ווײַלע אַליין אין מיטן צימער. טוט אויס דעם מאַנטל, דעם שאַל פון קאָפּ. לייגט עס אַוועק אויף אירע זאַכן, וועלכע שטייען ביי דער וואַנט. גייט צו צום טיש און זעצט זיך ביי אים אַוועק. זי קוקט מיט נייגעריקע און עטוואָס שרעקנדיקע אויגן דאָס עסצימער אַרום. פון קיך הערט זיך ווי חנה מאַכט דאָרט דעם סאַמאָוואַר. באַלד קומט חנה פון קיך און גייט דורכן עסצימער אין צווייטן צימער אַריין. אין אַ ווײַלע אַרום קומט חנה צוריק מיט עטלעכע גלעזער און טעצלעך אין האַנט, מיט אַ האַנטוך, וועלכער הענגט ביי איר אויף דער האַנט. אָנגעטון איז זי אין אַן אַנדער קאָפּקע, אַ שבתדיקע. חנה שטעלט אַוועק די גלעזער אויפן טיש, נעבן זיי דעם האַנטוך, נאָכדעם נעמט זי פון פענצטער דעם לאָמפּ, שטעלט אַוועק אויפן טיש און נעמט אים אָנצינדן).

חנה (אָנצינדנדיק דעם לאָמפּ, צו עטעלען, ווי פאַרענטפערנדיק זיך): **אין שטוב גייט מען אָנגעטון, אַז עס איז טאַקע אַ חרפה צו קוקן אויף זיך. האָב איך אָנגעטון אַן אַנדער בלוזקע. שענער עפּעס...**

(עטעלע קוקט מיט גוטע אויגן אויף חנהן און שמייכלט).

חנה (נעמט אַרויס פון טיש־קעסטל אַ טישטוך. דעקט דעם טיש. נעמט איבערווישן מיטן האַנטוך די טעצלעך, די גלעזער. צו עטעלען): **וואָס איז מען עפּעס אַזוי שפּעט געקומען?**

עטעלע: **מען האָט געבלאָנדזשעט. מען איז אַרויסגעפאָרן פאַרנאַכט. איך מיטן פעטער און זיי נאָך אונדז. האָט מען פאַרבלאָנדזשעט.**

חנה (צעטראָגן): **פאַרבלאָנדזשעט?... זיי ווייסן דאָך אַזוי גוט דעם וועג...**

עטעלע (לאַכט): **איך האָב קיין מורא נישט געהאַט. אַז מען איז אַרויסגעפאָרן הינטער דער שטאָט, האָבן זיך צוגעשטעפּעט צו אונדז עטלעכע שכורע פּויערים. איז דער פעטער אַראָפּ פון וואָגן און האָט איינעם אַזאַ קלאַפּ געגעבן, אַז מיר האָט ביים האַרצן פאַרנומען, זענען זיי צעלאָפן. און איך האָב שוין קיין מורא נישט געהאַט. און אַריינפאָרנדיק אין וואַלד**

האָבן מיר געבלאָנדזשעט. אַ גרויסער, אַ געדיכטער וואַלד. אַ גאַנצע נאַכט געבלאָנדזשעט. איך האָב קיין מורא נישט געהאַט. (זי לאַכט).

חנה (צעטראָגן, ווי צו זיך אַליין): **אַביציע ווייסט אַזוי דעם וועג... געבלאָנדזשעט...**

(אַביציע גייט אַריין פון הויף מיט צווי כאָמוטן אויף דער פּלייצע. טראָגט זיי אין עסצימער אַריין. לייגט זיי אַוועק אין ווינקל ביי דער וואַנט פון קיך).

אַביציע (איינגעבויגענערהייט, ביי די כאָמוטן, רעדט צו זיך אַליין): **די כאָמוטן זאָלן אָקאָרשט אין שטוב זיין.**

חנה (צו אַביציען): **וואָס עפּעס אַזוי שפּעט געקומען? איר האָט גע־בלאָנדזשעט?...**

אַביציע (אויפהייבנדיק זיך פון די כאָמוטן): **אַ גאַנצע נאַכט... אַז דעם וועג ווייס איך פון שלאָף און האָב געבלאָנדזשעט... עפּעס אַ פּאַר־פירעניש פון שדים.**

עטעלע (לאַכט).

חנה (ווערט דערשראָקן. בעט אומרויִק): **אַנטקעגן דער נאַכט. דערמאָן עס נישט.**

אַביציע (לאַכט): **וואָסי, דו האָסט מורא?... אָט האָב איך מיט עטעלען אַ גאַנצע נאַכט געבלאָנדזשעט און מיר האָבן קיין מורא נישט געהאַט.** (צו עטעלען) **אמת?...**

עטעלע (לאַכט): **איך האָב קיין מורא נישט געהאַט.**

חנה (אומרויִק און פּאַרדראָסיק): **וואָס לאַכט איר, ווייס איך נישט.**

אַביציע (זעצט זיך ביים טיש): **ווי דער לאָמפּ ברענט היינט אַזוי ליכטיק. וואָס איז דאָס?**

חנה (אַלץ אומרויִק): **איך האָב שוין אויך געוווּנדערט זיך... נישט געדאַרפט היינט עסקן זיך מיט אים. גלייך אָנגעצונדן זיך, רויכערט נישט און ליכטיק.**

אַביציע (לאַכט): **צוליבן גאַסט.** (צו עטעלען) **ליכטיק איז מיט דיין קומען אין שטוב געוואָרן.**

(ביי חנהן פאַלט אַרויס פון האַנט אויף דער ערד אַ גלאָז, וועלכע זי האָט איבערגעווישט, און עס צעברעכט זיך).

חנה (צעטומלט און אומרויִק): **עפּעס פאַלט ביי מיר פון די הענט.**

אַביציע (גוטמוטיק): וואָס האָט געזאָלט זיין צו אונדז אַלעמען זאָל עס אויסגיין צום גלאָז. (הערט זיך צו צו דער קיך) דאַכט זיך, דער סאַמאָ־וואַר האַלט ביים זידן.

חנה (גייט אין קיך אַוועק).

אַביציע (צו טעלען): נו, זאָלסט זיך פילן ווי אין דער היים. מיר זענען פּראָסטע מענטשן, אָן חכמות. איך בין נישט קיין רב, נישט קיין ראש־ישיבה, נישט קיין שוחט, נישט קיין מלמד אַפילו, אַביציע דער מאַזש־ניק און גאָר. מיטן גאַנצן האַרצן האָב איך געבעטן דעם טאַטן ער זאָל דיך לאָזן צו אונדז. און אויב עפּעס נישט אַזוי, זאָלסטו זאָגן. (ער קוקט אַ ווײַלע אויף טעלען און אַ גוטער שמייכל צעגיסט זיך אויף זיינע ליפּן) איך ווייס נישט?... מיר האָבן געבלאָנדזשעט און מיך האָט עס נישט פאַר־דראָסן. עפּעס אין שטוב איז ליכטיקער געוואָרן. (ער שווייגט אַ ווײַלע און זאָגט ווי צו זיך אַליין) און דאָס פערד, וואָס איך האָב געקויפט, איז אַ מציאה... ס'אַראַ פּיס, אַ ברוסט און אַ קאַרק, ווי דאָס האַלט דעם קאָפּ, און אויגן קלוגע, ממזרישע — אַ צאַצקע... נישט אומזיסט פאַרדריסט עס פּיניען.

טעלע (קינדעריש, נאַיוו): פאַרוואָס פאַרדריסט אים?

אַביציע (לאַכט): ביסט אַ קינד און ווייסט אין דעם גאָרנישט. אַז איינער כאַפּט אַ מציאה, פאַרדריסט דעם צווייטן... אַי, פאַרדריסט עס... ווילט זיך פּיניען אַ חלק אין אים. איז וואָלט ער נישט געווען קיין פאַרד, איז אַנדערש... ער האָט זיך אָבער געשאַרט אַרום פערד עפּעס אָפּטון... פאַרסמען האָט ער עס געוואָלט... און מיט אַ פאַרד צו פירן גוטע פריינד־שאַפט האָב איך פיינט...

טעלע: פּיניע איז אַ שלעכטער?

אַביציע (אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט): נאָך אַ דאגה...

חנה (באַווייזט זיך פון קיך מיטן סאַמאָוואַר אין די הענט, טראָגט אים צום טיש).

אַביציע (שטייט אויף מיט כעס): וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז דעם סאַמאָוואַר זאָלסטו נישט טראָגן... אַביציע דער מאַזשניק האָט שטאַרקע הענט און חנה זיין ווייב איז אַ שוואַכערע פאַר אים און זי דאַרף די קינדער האָדעווען...

חנה (שטעלט אַוועק דעם סאַמאָוואַר אויפֿן טיש): **עס איז מיר נישט שווער. עס איז נישט שווער.**

אַביציע (גוטמוטיק): **הייב זיך אָן מיט די ווייבער. זיי דאַרפֿן וויזן, אַז אַלץ קענען זיי... אַז מען האָט אַ געזונטן מאַן, דאַרף מען נישט טראָגן אַליין דעם סאַמאָוואַר.**

(עס קומט אַריין אין שטוב פּיניע מיט קריינען. פּיניע איז אַ מיטלגעוווקסי־קער, מיט אַ קיילעכדיק געדיכט בערדל. אַ געלע ביז רויט. ליפּן פֿעסט פֿאַרמאַכטע. מאַכט אַן איינדרוק פֿון אַ שווייגנדיקן און אַן עקשן. דאָס היטל אויפֿן קאָפּ אָנגעטון פֿעסט).

קריינע (זעצנדיק זיך, צוזאַמען מיט פּיניען ביים טיש): **ווי ליכטיק עס ברענט ביי אייך היינט דער לאָמפּ! פּיניע זאָגט טאַקע: קום אַהין אַ ווײַלע.**

(עס קומט אַריין חיענע מיט חיימען. חיים, ווי קענטיק, האַלט פֿון זיך. מיט אַ שוואַרצער, נישט פֿאַרקעמטער באָרד, מיט פֿאַרפּרומטע אויגן, מיט פֿאַרלאָזענע קאַלטענעס הינטן).

חיענע (אַריינגייענדיק אין שטוב): **ס'אַראַ ליכטיקייט ביי אייך איז...**

(חיים און חיענע זעצן זיך ביים טיש).

חנה (נעמט אָנגיסן טיי פֿאַרן עולם).

עטעלע (שטייט אויף. צו חנהן): **גיט, איך וועל אייך העלפֿן.**

חנה (אומרויק): **ניין... ניין... איך קען אַליין... איך קען אַליין...**

אַביציע (צו עטעלען): **דו ביסט פֿון וועג און אַ גאַסט, דאַרפֿסטו אָפּרוען.** (דערלאַנגענדיק איר אַן אָנגעגאָסן גלאָז טיי) **זעץ זיך און טרינק טיי.**

חיים: **אַוודאי פֿון וועג.**

חיענע (טוט אַ קוק אומרויִק אויף חיימען): **איך האָב געזאָגט, אַז אַ הליאַך איז פֿאַראַן אין אויוון. וואָלסטו אָפּגעטרונקען טיי אין דער היים און אויסגערוען זיך...**

פּיניע (רוקט צו דעם צוקער נענטער צו עטעלען. זאָגט פֿאַרשעמט, די אויגן קוקן מאָדנע): **אָט איז דער צוקער.**

קריינע (שפּאַרט זיך אָן. ווערט בלייך): **ען... מען זאָל גאָר בלאָנ־דזשען... אַז פּיניע ווייסט דעם וועג אויסנווייניק, ווי אַ ייִד אשרי, זאָל מען בלאָנדזשען...** (צו פּיניען) **טרינק אָפּ טיי און קום אַהיים.**

חיענע (ווי צו זיך אַליין): **מען דאַרף קויפן מאָרגן אַ גרעסערן לעמפּל...**

קריינע: **איך וועל אויך קויפן. מיין לעמפּל רויכערט און איז פינצ־טער...**

חנה (ווי אומצופרידן): **עפּעס היינט ברענט ביי אונדז דער לאָמפּ אַזוי ליכטיק.**

אַביציע (לאַכט): **איז דאָך גוט. ליכטיק...**

טעלע (אָפּטרינקענדיק דאָס גלאָז טיי שפּאַרט זיך אָן אָן וואַנט, אַנגעמאַטערט).

אַביציע (צו טעלען): **דו ביסט אַנגעמאַטערט? גיי אין יענעם צימער, דאָרט איז פאַראַן אַ סאָפקע. לייג זיך אַ ווילע צו אויסרוען.** (שטייט אויף) **קום, איך וועל דיר ווייזן.**

חנה (שטייט אויף געשווינד פון אָרט): **איכ׳ל ווייזן איך... קום... קומט... קומט...**

אַביציע: **וואָס עפּעס אירצטו זי? אַזוי ווי איך... ווי צו אַן אייגן קינד... אויף דו...** (צו טעלען) **און דו, איר מומע, אַזוי ווי מיך, פעטער.** (ער זעצט זיך צוריק).

(טעלע שטייט אויף לאַנגזאַם ווייך, גוט. און גייט נאָך חנהן אין צווייטן צימער אַריין. אַלע קוקן נאָך טעלען. און זייערע בליקן בלייבן אויף דער טיר פון צווייטן צימער. חנה קומט באַלד און זעצט זיך ביים טיש. מען טרינקט טיי).

קריינע (צו חנהן ווייזנדיק מיטן קאָפּ אויף דער טיר פון צווייטן צימער): **וואָס, צו גאַסט געקומען?**

חנה (מאַכנדיק מיט די פּלייצעס): **איך ווייס נישט.**

אַביציע (טרינקענדיק דעם טיי): **גענומען זי צו זיך... אַ יתומה. דער טאַטע איז שוין בלינד... זעט כמעט גאָר נישט.**

חיים (פרום): **אַ ראש־ישיבה, אַ גרויסער למדן.** (צו חיענען) **אַביציעס אַ קרוב. כמעט אונדזערער אַלעמענס אַ קרוב.**

קריינע (צו חנהן): **בעסער געקענט געבן אים עפּעס...**

חיענע (שטיל): **אַוודאי...**

אַביציע (גלייך ווי נישט הערנדיק וואָס קריינע און חיענע האָבן געזאָגט): איך קום צו גיין. אַלע מאָל אַז איך בין אויפן יאַריד, פאַרגיי איך. ער קלאָגט זיך. ער זעט שוין כמעט גאָרנישט. וויל ער זיך גאָר באַזעצן אין שול און לערנען וויפל ער וועט קענען. איז צי וועט די שטאָט אים אויסהאַלטן? און עטלעך... זי איז ביי אים דאָס אויג פון קאָפּ. ערשט עטלעכע באַלעבאַטים זענען אַריין... האָב איך אויף זיי געשריגן... סטייטש, פאַרכעס, אַ ראש־ישיבה זאָל אַ שטאָט נישט אויסהאַלטן, אַז ער וויל באַזעצן זיך אין שול... איך האָב זיי געגעבן ווי אַביציע קען דאָ אויך אין שול דער „פּני", אַז זיי זענען ווערט... און עטלעכן, זאָג איך, נעם איך צו זיך... האָב איך זי אויסגעבעטן ביי אים. איינגעשפּאַנט די פּאָר פערד און אַהיים.

(אַ קליינע פּויזע. מען טרינקט טיי).

פּיניע (צו אַביציען): און פון פערד וועסטו מיר נישט געבן קיין חלק?

אַביציע (אָפּרוקנדיק פון זיך דאָס גלאָז רויק און פעסט): ניין.

חיים: על־פּי דין קומט אים. און מיר אויך. איך האָב געזען, ווי דו האָסט געקויפט דאָס פערד.

אַביציע: על־פּי דין דאַרף אַ ייִד און אַזאַ פרומער ייִד ווי איר נישט זאָגן קיין ליגן. און דו, פּיניע, וואָלסטו זיך נישט געשאַרט עפּעס אַרום פערד, ווייס איך נישט. אָבער איצט וויל איך נישט.

פּיניע (ווערט בייז, כאַפּט אַריין פון כעס, צונויפגעלייגט, דעם מיטלסטן פינגער אין מויל, בייסט אים און שרייט זיך פונאַנדער): מיר קומט אַ חלק!...

חיים (האַלט אָפּ פּיניען פאַר דער האַנט, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף דער טיר פון צווייטן צימער): שאַ... שאַ...

פּיניע (בייסט נאָך מער דעם פינגער אין מויל, שוין איינגעהאַלטענער): דיין גליק...

אַביציע (רויק): וואָס האָסטו געשאַרט זיך אַרום פערד?... אין שטאַל... אויפן יאַריד?...

פּיניע: יאָ, יאָ... איך האָב געוואָלט אים פאַרסמען... נישט דיר, נישט מיר... דיין גליק... צוליב איר (ער ווייזט אָן אויף דער טיר פון צווייטן צימער), צוליב איר האָב איך עס נישט געטון...

קריינע (אומרויק): צוליב וועמען?...

חיענע (הייבט זיך אויף): קומט אַהיים. קומט פון דאַנען...

(קריינע הייבט זיך אויך אויף, פּיניע און חיים נאָך איר און זיי גייען אַלע פון שטוב אַרויס).

אַביציע (ווי צו זיך אַליין): אַי, זענען מענטשן פּאַסקודניקעס... (צו חנהן) ס׳געהערט?... אַ פערד סמען... סמען אַ פערד... אַ!... ווי האָט מען עס אַ האַרץ...

(אין טיר פון צווייטן צימער באַווייזט זיך טעטלע און בלייבט שטיין אין טיר).

טעטלע: פּעטער, ווער האָט עס געשריגן? איך בין איינגעשלאָפן, האָט זיך מיר געחלומט, אַז מען שרייט.

אַביציע (לאַכט): דו האָסט מורא? דו ביסט נישט געוווינט געוואָרן מיט גראָבע מענטשן... האָסט מורא?...

טעטלע (לאַכט): ניין, פּעטער... ביי אייך האָב איך קיין מורא נישט...

חנה (צעטראָגן): פאַרוואָס זאָל זי מורא האָבן?...

טעטלע (גלייך זי דערמאָנט זיך אָן עפּעס): איך האָב גאָר פאַרגעסן. איך האָב דאָך געבראַכט אַ מתנה. מיין אויסגענייטן מזרח. (זי לויפט פריי־לעך צו אירע זאַכן, ביי דער וואַנט פון קיך. עפנט אויף דאָס קוישל, נעמט דאָרט וואָס אַרויס, לויפט צום טיש, ווייזט עס אַביציען און חנהן) איר זעט, איר זעט?

(אַביציע און חנה באַקוקן דעם מזרח).

אַביציע: שיין... זייער שיין...

חנה (קוקט אויפן מזרח. אומרויק): צו שיין פאַר אונדזער שטוב... צו שיין... נישט פאַר אונדז...

טעטלע (פאַרוווּנדערט): פאַרוואָס, פאַרוואָס?...

חנה: צו שיין פאַר אונדז...

אַביציע (צופרידן): גאָר אַ נייעס... גאָר אַ נייעס... אָט איבער דער סאָפקע. אין צווייטן צימער, אין זאַל. (צו טעטלען) דו וועסט דאָך דאָרטן שלאָפן. איבער דער סאָפקע אויפהענגען עס...

אַביציע און טעטלע (קוקן אויפן מזרח).

חנה (רוקט זיך אָפּ אַ ביסל. זיצט צונויפגעלייגט די הענט אויפן

האַרצן, קוקט פאַרויס זיך פאַרטראַכט, שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ און רעדט ווי צו זיך אַליין): **צו שיין פאַר אונדז... צו שיין פאַר אונדז...**
(דער פאַרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ).

צווייטער אַקט

(דאָס זעלבע צימער וואָס אין דעם ערשטן אַקט, נאָר ריין און ציכטיק אויסגעקערט. די ווענט ריינערער, ווייזט אויס אָפּגעווישטע. אויפן טיש ליגט אַ טישטוך. די פענצטער צו דער גאַס צו זענען אָפן. אַזייגער צוועלף בייטאָג).

(אַביציע זיצט אויף דער באַנק נישט ווייט פון טיש צו דער קיך צו. נעבן איס אויף דר'ערד ליגט איין כאָמוט. דער צווייטער כאָמוט ליגט פאַר אים אויף דער באַנק און ער פאַרריכט אים מיט אַן אָל און דראָטווע. חנה זיצט אין קיך ביי דער טיר, אין עסצימער אַריין מיטן פּנים צום פּובליקום. זי איז אָנגעטון אין דער שבתדיקער קאָפּקע. נעבן איר אַ טאָבורעטקע. אויף דער טאָבורעטקע בעבלעך מיט אַ טשוהונציק. זי קלייבט איבער די בעבלעך און וואַרפט די גוטע אין טשוהונציק אַריין).

אַביציע (ווי צו זיך אַליין): **אַי, האָט זיך היינט געשמאַק געדאַוונט... געשמאַק...**

חנה (שטיל): **אַז מען איז זייער אָרעם, פאַרהעלפט מען מיט וויפל מען קען... וויפל גאָט העלפט... אָבער נישט נעמען אַ מיידל צו זיך... צו זיך אין שטוב... עס איז פאַר איר אויך קיין תכלית נישט...**

אַביציע (טוט אַ קראַץ לייכט אין פאַטיליצע, פאַרקלערטערהייט): **וואָס רעדסטו עפּעס צו זיך אַליין?...**

חנה (אוועקלייגנדיקביידע הענט אויפן טשוהונציק, ביטער): **איך זאָג עס אַנטקעגן איר... אַנטקעגן עטעלען... פאַר איר איז אויך קיין תכלית נישט צו זיין ביי אונדז...**

אַביציע (טוענדיק זיין אַרבעט. שמייכלט): אַי, האָבן ווייבער האַלט אַ תּכלית...

(פּויזע).

אַביציע (פֿאַרשטעכט זיך מיטן אָל די האַנט): אוי!... אַהאַ... אַ שטאָך...

חנה (הייבט זיך אויף, לויפט צו אַביציען): וואָס איז?... וואָס איז?...

אַביציע (קוקט אויף דער האַנט): גאָרנישט. אַ שטאָך געטון זיך מיטן אָל.

חנה (דערשראָקן): מיטן אָל... טיף?... וואַסער לייגן...

אַביציע: גאָרנישט... זע, ווי דו האָסט זיך דערשראָקן... גאָרנישט, חנה, נישט טיף... מען דאַרף נישט קיין וואַסער. אַ שטאָך געטון. גאָרנישט.

(אַביציע נעמט זיך ווייטער פֿאַר זיין אַרבעט. חנה גייט צוריק אין קיך אַוועק).

חנה (גייענדיק צו דער קיך): עס איז דיר דאָ נישט צו דער האַנט צו פֿאַרריכטן, אי דו, אי דער כאָמוט אויף דער באַנק.

אַביציע (גוטמוטיק. מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן): פֿריִער אַז איך פֿלעג דאַרפֿן פֿאַרריכטן דעם כאָמוט, איז דעם כאָמוט אויפֿן טיש און איך אויף דער באַנק. זאָגט אָבער עטעלע, אַז מען דאַרף נישט אַזוי. און זי איז גערעכט. אויף אַ טיש עסט מען און פֿאַרן פֿערדס בגדים איז עס קיין אָרט נישט. גערעכט, גערעכט עטעלע... אַי, איז עס אַן עטעלע...

חנה (פֿון קיך, זעצנדיק זיך אויף איר אָרט. פֿאַרדראָסיק): און וויפֿל מאָל האָב איך עס דיר געזאָגט?...

אַביציע (לאַכט גוטמוטיק): אַ ווייבל, חנה, ביסטו אַ טייערע, אַ גוטע, אָבער נישט אַלץ געדענקסטו...

(פּויזע. אַביציע טוט זיין אַרבעט. חנה קלייבט איבער די בעבלעך. אין צווייטן צימער, אין זאַל, הייבט אָן עטעלע צו זינגען. זי זינגט אָפּגעצויגן, קענטיק זי טוט דאָרט וואָס. חנהס פּנים ווערט טרויעריק, אומרויִק).

עטעלע (זינגט):

עס קומט צו פֿליִען אַ גאָלדענע פּאַווע פֿון אַ פֿרעמדן לאַנד.\
פֿון אַ פֿרעמדן לאַנד.\
און האָט פֿאַרלוירן אַ גאָלדענע פֿעדער\
אין אַ פֿרעמדן זאַמד,

און האָט פאַרלוירן אַ גאָלדענע פעדער
אין אַ פרעמדן זאַמד.

אַביציע (רופט, האַלטנדיק זיינע אויגן אויף זיין אַרבעט): **עטעלע, עטעלע!...**

עטעלע (ווייזט זיך אין טיר מיט איר צאַרטן, פאַרטראַכטן פּנים און מיט אירע קלאָרע, ריינע, גוטע אויגן): **וואָס, פעטער, וואָס?...**

חנה (טוט זיך אינסטינקטיוו, אומרויִק אַ בייג צום עסצימער צו, וואַרפט פון צייט צו צייט אַ שרעקעוודיקן בליק אויף אַביציען).

אַביציע (הייבט אויף זיינע אויגן פון דער אַרבעט צו עטעלען): **דו קלייבסט אַלץ, עטעלע, צו דעם זאַל? דו ווילסט מאַכן ביי אונדז שענער?... נאַרעלע, אַביציע דער מאַזשניק וועט בלייבן אַביציע דער מאַזשניק...**

עטעלע (לאַכט קינדעריש־ריין): **וואָסי, מיאוס צו זיין אַ מאַזשניק?**

אַביציע (צונעמענדיק זיינע אויגן פון זיין אַרבעט. ציִענדיק די דראַטווע): **מיאוס?... ווער זאָגט?... אַז מען האָרעוועט און מען פאַרדינט ערלעך, איז דען מיאוס? נאָר ווייס איך! מען זאָגט, אַז אַ רב צו זיין איז נאָך שענער...**

עטעלע (לאַכט ריין און גוט ווי אַ קינד).

אַביציע (לייגט אַוועק דעם כאָמוט מיט דער אָל. שטרעקט אויס צו עטעלען די הענט און ווייזט זיי): **אָט זעסטו, עטעלע, די הענט זענען אין מאַזש. געפּרווט וואַשן, רייבן, גייט נישט אַראָפּ, איז עס שיין?...**

עטעלע (גייט אָפּ פון טיר נענטער צו אַביציען צו. פרעגט האַרציק, מיט מיטלייד און מיט פאַרדראָס): **מיט זייף אויך געפּרווט? מיט הייס וואַסער און מיט זייף... איך וועל אייך עס וואַשן...**

אַביציע (ערנסט): **מיט אַלץ... אַ גאַנצן פרימאָרגן, אַז איך האָב זיי געוואַשן, געריבן, געקאָכט מיט זודיקע וואַסער, מיט זייף — גאָר־נישט געהאָלפן... אַ מאַזשניק איז אַ מאַזשניק.** (ער קוקט אַ ווײַלע אויף עטעלען. אַ גוטער שמייכל ווייזט זיך אויף זיינע ליפּן) **און דו ווייסט?... דעם קוגל מאַכן מיר אויך פון מאַזש...**

עטעלע (ערנסט, נאַיִוו, פאַרוווּנדערט): **מיט מאַזש?...**

אַביציע (לאַכט הויך): **אַוודאי... פרעג ביי חנהן... פון מאַזש... פון**

מאַזש לעבן מיר, פון מאַזש טוען מיר זיך אָן, פון מאַזש עסן מיר און פון מאַזש מאַכן מיר קוגל...

עטעלע (לאַכט, אָפּטרעטנדיק עטלעכע טריט אויף הינטן צו דער טיר פון זאַל צו. זי שפּאַרט זיך לייכט אָן אַן קישאַק פון טיר. די הענט פאַרלייגטע אויף הינטן. פויזע. זי פאַרטראַכט זיך. איר פּנים ווערט מער פאַרטראַכט. די אויגן גרעסער, קלאָרע, ריינע, גוטע): **אָבער מען פאָרט זומער איבער פעלדער און וועלדער... אָט ווי מיר זענען אַהער געפאָרן...**

אַביציע (נעמענדיק זיך פאַר דער אַרבעט): **יאָ... דאָס פערד גייט זיך און דו זיצסט אין וואָגן אָנגעשפּאַרט אָן דעם פעסל מאַזש און טראַכסט אַליין נישט וויסנדיק וואָס... טראַכסט און טראַכסט און טראַכסט...** (ער פאַרקלערט זיך).

עטעלע: **און די פעלדער זענען גרין, דער וואַלד איז אַ גרינער. די זון שיינט... עס איז אַזוי גוט... אַזוי שיין... און ביינאַכט...**

אַביציע: **ביינאַכט בלייבט מען נעכטיקן אַמאָל אין מיטן פעלד...**

עטעלע: **נעבן אַ וואַלד. אַ גרויסן, געדיכטן, אָט נעבן אַזאַ, אין מען שפּאַנט אויס דאָס פערד און עס פיטערט זיך און אַליין אין וואָגן...**

עטעלע: **נעבן אַ וואַלד. אַ גרויסן, געדיכטן, אָט נעבן אַזאַ, אין וועלכן מיר האָבן געבלאָנדזשעט... און אין וואַלד, ביינאַכט, זינגט מען, מען טאַנצט...**

אַביציע (שמייכלט גוטמוטיק): **ווער?...**

עטעלע (פאַרחלומט): **איך ווייס?... ביינאַכט... אין וואַלד... זומער...**

אַביציע (אַלץ שמייכלענדיק): **שדים טאַנצן ביינאַכט אין וואַלד...**

חנה (שטייט אויף אומרויק, קומט אין צימער אַריין): **אַביציע, מען טאָר נישט דערמאָנען דעם נאָמען...**

אַביציע (לאַכט זיך הויך פונאַנדער): **וואָסער נאָמען?... שדים טאָר מען נישט זאָגן... אַי, חנה, ביסטו אַ נאַר.**

חנה (זעצט זיך ביים טיש. טרערן ווייזן זיך איר אין די אויגן. מיט פאַרדראָס און ביטער): **נו, בין איך אַ נאַר. אָבער אין אַ יידישער שטוב טאָר מען עס נישט דערמאָנען.**

אַביציע (לאַכט אַלץ. ווענדט זיך גוטמוטיק און ווייך צו חנהן): **נו, נו, גוט... איך וועל מער נישט דערמאָנען... גוט... גוט...**

(פון זאַל הערט זיך ווי אַ קינד פון אַ יאָר פינף רופט: „עטעלע, עטעלע, עטעלע״. עטעלע גייט אין זאַל אַוועק).

אַביציע (ווי פאַר זיך): **דודל דער שטיפער. אַי האָט ער זיך צו איר צוגעבונדן... לאָזט זי נישט אָפּ.**

(עס עפנט זיך די טיר, עס גייט אַריין יענטע די מלמדיכע. זי איז אַ קליי־בערקע פאַר אַרעמעלייט און בכלל אַ שטעטלשע קאָך־לעפל. מיט אַ פאַר־פרומטן פּנים).

יענטע: **אַ גוט מאָרגן. גאָט העלף.**

אַביציע און חנה: **אַ גוט יאָר, אַ גוט יאָר.**

אַביציע (הייבט אויף די אויגן פון זיין אַרבעט. צו יענטען): **זעצט זיך. געקומען מסתמא צוליב וואָס.**

חנה (רוקט זיך אַ ביסל פון איר אָרט): **זעצט זיך, יענטע, זעצט זיך.**

יענטע (זעצט זיך ביים טיש, רעדט געלאַסן, פרום): **נישט אַלע מאָל קומט יענטע נאָך עפּעס. דערביי, גייט מען אַריין.** (צו אַביציען) **געגומען דאָך ביי דיר נישט לאַנג אַ נדבה. און איצט דאַרף איך נישט. הייסט עס... ברוך־השם... פאַר וועמען מען דאַרף איז פאַראַן. נאָר איך זאָג דאָך אַלע מאָל: געלויבט איז דער אויבערשטער, אַז עס איז פאַראַן ביי וועמען צו נעמען. כאָטש... מאָלט אייך...** (דרייט מיטן קאָפּ אַ ווײַלע שטומערהייט) **צווישן אונדז זאָל עס בלייבן... ביי פּיניען און אַפילו ביי חיימען דעם פרומען... איך בעט גאָר אַפילו ביי זיי קיינמאָל נישט...**

(פּויזע).

יענטע (אַ רוק טוענדיק זיך, גלייך ווי פעסטער אַוועקגעזעצט זיך): **און אין שטעטל קלינגט. און אַז מען קלינגט, זאָגן קלוגע מענטשן, איז אַ חגא... עס קלינגט מיט אייער קרובה.**

אַביציע (טוט זיין אַרבעט און שווייגט).

חנה (אומרויק): **וואָס?**

יענטע: **אויף אַלדי גוטע יידן געזאָגט געוואָרן. מען זאָגט, אַז זי איז גאָר אַ פאַרשויץ... און אַזאַ איידעלע...**

חנה (אַלץ אומרויק): **נו, איז וואָס?**

יענטע: **די רביצין זאָגט מיר, אַז מען קוקט אויף איר, ווערט ליכ־**

טיק אין האַרצן. אַט ווי אויף אַ צדקנית... זאָגט די רביצין. גיי טרעף ווו די דערנער וואַקסן און ווו די קווייטן שפּראָצן.

אַביציע (לאַכט פאַר זיך. הייבט אויף דעם קאָפּ פון דער אַרבעט. צו יענטען): **איר ווייסט דאָך, יענטע, אַביציע איז אַביציע. האָט האָלט אַ ווערטל כאַטש אויף אַן אייגענעם טאַטן. און אַן אמת זאָגט ער אין די אויגן. דאָס ווערטל האָט נישט די רביצין געזאָגט, נאָר יענטע זאָגט... ס'מאַכט נישט אויס...**

יענטע (הייבט זיך אויף אַוועקצוגיין): **מען דאַרף גיין... אַ גוטן טאָג. אַי, קלינגט עס אין שטעטל... אַ גוטן טאָג.**

חנה און אַביציע: **אַ גוט יאָר, אַ גוט יאָר.**

חנה (באַגלייט מיט די אויגן יענטען ביז זי פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך. שווייגט אַ קליין ווײַלע. ווענדט זיך צו אַביציען): **דו האָסט געהערט וואָס זי זאָגט?... אין שטעטל קלינגט...**

אַביציע (גוטמוטיק): **זאָל קלינגען...**

חנה: **ניין. דו האָסט נישט געהערט... דו האָסט נישט פאַרשטאַנען... אַז מען קלינגט, זאָגט זי, איז אַ חגא... דו פאַרשטייסט?...**

אַביציע: **אַי, חנה, דורע מיר נישט אַ קאָפּ... איך הער דאָס שטעטל ווי דעם קאָטער...**

חנה (ביטער): **אָבער דאָס ווייב, דאָס ווייב דאַרף מען פאָלגן?...**

אַביציע (רויק): **אויב דאָס ווייב זאָגט אַ גלייכע זאַך — יאָ. אויב זי איז אָבער נישט גערעכט, טאָר מען איר נישט פאָלגן... אַפילו אַ ווייב...**

חנה (ביטער. מיט אַ געבעט): **זי... עטעלע... דאַרף דאָ נישט זיין... אַביציע...**

אַביציע (ווערט אַ ווײַלע אויפגערעגט): **וואָס דרייסטו מיר אַ קאָפּ?... וואָס טאַרעסטו מיך? וואָס ווילסטו?... (ווייך) חנה, וואָס האָסטו צו איר? ווו זאָל זי זיין? דער טאַטע איז אַ בלינדער. אין שול האָט ער זיך באַזעצט. זי האָט קיין היים נישט. וואָס האָסטו צו איר? מיט איר קומען איז דאָך ביי אונדז אין שטוב ריינער, ציכטיקער, שענער געוואָרן... חנה, וואָס איז מיט דיר?... דו ביסט דאָך אַ גוטע...**

(עס עפנט זיך די טיר. עס קומען אַריין פּיניע און חיים. ביי חיימען זענען די קאָלטענעס אַ סך קלענערע, פונאַנדערגעבאַרשטענע. ביי פּיניען דאָס

היטל אויפן קאָפּ זיצט אַ ביסל אָן אַ זייט. מעשה פּראַנט.ביידע זעצן זיך ביים טיש).

חיים (צו אַביציען): **מען האָט זיך געדאַרפט באַחשבונען צווישן זיך. אָט וועגן די צוויי פּעסער מאַזש, וועלכע מען האָט געקויפט בשותפות.**

אַביציע (אַרבעטנדיק): **יאָ, מען קען.**

פּיניע (שטיל, קענטיק ער האַלט זיך איין מיט אַלע קרעפטן רויִק צו זיין): **און וועגן פערד. וועגן מיין חלק אין פערד... וואָס וועט זיין?**

אַביציע (ענדיקנדיק צו פאַרריכטן דעם כאָמוט. רוקט אים אָפּ אַ ביסל פון זיך): **וואָס זאָל זיין... אָט האָב איך שוין פאַרריכט דעם כאָמוט. שפּאַן איך אים איין, עס אָפּ און פאָר אין דאָרף.**

פּיניע (שוין אויפגערעגט): **מיר פאָרן אַלע באַלד. אָבער מיין חלק וואָס איך האָב אין פערד...**

חיים (פרום): **טאַקע, מען דאַרף מאַכן אַ טאָלק. עס קומט דאָך אונדז.**

אַביציע (שטייט אויף. זאָגט רויִק צו חיימען): **איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז איר, חיים, זאָלט נישט לייגן. מען טאָר נישט לייגן...** (צו פּי־ניען) **און דו, פּיניע, ביסט אַ פּאַרך און געענדיקט.**

פּיניע (בייסט דעם פינגער אין מויל. קענטיק, ער האַלט מלחמה מיט זיך אַליין. האַלט נישט אויס, שטייט אויף, קלאַפּט איבערן טיש): **איך האָב אַ חלק אין פערד. איך וועל עס נישט שווייגן. אַזאַ פערד... דאָס פערד וועט ביי דיר נישט זיין...**

(אין טיר פון זאַל באַווייזט זיך עטעלע אַ דערשראָקענע און פאַרשווינדט צוריק אין זאַל. חיים און פּיניע באַמערקן זי. חיים כאַפּט פּיניען ביי דער האַנט).

פּיניע (ווערט בלייך, שרייט): **דיין נס... זי...** (ער ווייזט מיט דער האַנט אויפן זאַל, ווערט איינגעהאַלטן): **זי... צוליב איר...** (ער זעצט זיך אַוועק אַ בלייכער, אַ שטומער. אַ שווייס טרעט אַרויס אויף זיין שטערן. ער בייסט שטום און בייז זיין פינגער אין מויל).

(עס קומט אַריין קריינע, הינטער איר חיענע).

קריינע (בייז): **ען... גאַנצע טעג ליגט מען אָפּ דאָ. שוין גאָר דאָס פערד איינגעשפּאַנט, נאָר אָפּעסן און פאָרן אין דאָרף, איז ער אַהער אַנטלאָפן...**

חיענע (צו חיימען): טאַקע אַזוי... דאָס פערד שוין איינגעשפּאַנט. איך גרייט דאָך דיר שוין צום טיש...

חיים (פרום): נו, מיטן פערד דאַרף מען דאָך מאַכן אַ טאָלק.

קריינע: רבונו של עולם, האָט געזאָלט דאָס פערד פאַלן איידער מען האָט עס געקויפט... ען... אַן אָנשיקעניש... פערד, שמערד... וואָס פאַר־דרייט איר אונדז אַ מוח... ען... אַ מינוט זאָל אַ מענטש אין שטוב נישט זיין... אין אַן אייגענער שטוב זאָל אַ מענטש נישט איינזיצן...

(אַביציע נעמט די ביידע כאָמוטן אויף די פּלייצע און גייט דורך די קיך אין הויף אַרויס. פּיניע און חיים גייען אַוועק דורך די גאַס־טיר. קריינע און חיענע בלייבן. זיי זעצן זיך ביים טיש נעבן חנהן. אַ קליינע פּויזע).

קריינע (צו חנהן, בייז): ס'אַראַ פּנים דו האָסט געקריגן...

חנה (טרויעריק, ביטער): עפּעס שלאָפט זיך נישט ביינאַכט... איך שלאָף נישט גאַנצענע נעכט...

קריינע: אַלץ כדאי... איבער אַ מיידל, וואָס דער מאַן האָט גע־בראַכט. איך וואָלט זי אַרויסגעוואָרפן פון מיין שטוב...

חיענע (צו חנהן): דו זעסט טאַקע אויס אַ שרעק צו קוקן.

חנה (טרויעריק): און איר ביידע זעט בעסער אויס?...

קריינע: און אַלץ איבער איר...

חנה (ביטער, ווי צו זיך אַליין): וואָס האָב איך צו איר?... עס איז טאַקע אין שטוב געוואָרן שענער... און אַז זי זינגט, אַז זי רעדט, איז אַ מחיה צו הערן...

קריינע (קרימט נאָך חנהן): אַ מחיה צו הערן... פיש!... אַ מחיה צו הערן... עס איז דאָך גאָר אַ שד... פאַרוואָס עפּעס האָבן זיי געבלאָנדזשעט פאַרנדיק מיט איר?... און זי רעדט דאָך נישט ווי אַלע מענטשן... און איר פּנים איז נישט קיין מענטשישער... אַ חידוש, אַז זי איז שיין... און זינט זי איז געקומען איז געוואָרן אַ פאַרדרייעניש אין אונדזערע הייזער... זי מאַכט כלומרשט שענער אין שטוב... ווער בעט זי שענער מאַכן ביי אונדז... (צעקאָכט זיך מער) עס איז אַ שד...

חנה (בעט זיך): דערמאָן נישט דעם נאָמען... מען טאָר נישט דער־מאָנען דעם נאָמען אין אַ ייִדישער שטוב... מען טאָר נישט... (מיט שרעק

ווי צו זיך אַליין) איך האָב טאַקע אויך געטראַכט, אַז עס איז נישט גלאַטס...

חיענע (דערשראָקן): מען טאָר נישט דערמאָנען. (בלאָזט מיטן מויל) מיט רויך זאָל עס אַרויס און מיט ווינט זאָל עס אַוועק. מען טאָר נישט...

קריינע (צו חיענען בייז): דו הייבסט שוין אָן מיט דיין מאַנס פרומ־קייט... נישקשה... ער האָט שוין זיין קאַלטן גענומען פונאַנדערבאַרשטן... צוליב דער ווייב האָט מען עס נישט געדאַרפט... און ער וועט שוין נישט האָבן מיט דיר קיין טעות אין חשבון... ער וועט שוין נאָך דיר נישט איילן זיך...

חיענע (ביטער): דער קאַלטן איז דאָך נאָר אַ סגולה צו קאָפּ־ווייטיק. האָט שוין אויפגעהערט, קען מען, זאָגט ער, אים שוין פונאַנדערבאַרשטן... און ער זאָגט טאַקע, אַז איך קען קראַנק ווערן, מען דאַרף זיך היטן פון אַ טעות אין חשבון...

קריינע (לאַכט בייז): דער צדיק דיינער... אַהאַ... (צו חנהן) אַרויס־טרייבן פון שטוב דאַרפסטו זי...

חנה (ביטער): וואָס האָב איך צו איר... איך קען נישט...

קריינע (הויך): דו ביסט אָבער אַ מאַמע פון קינדער... דו ביסט זיכער?...

חנה (שווייגט).

קריינע (אַלץ הויך): דו ביסט זיכער?...

חנה (צו קריינען, ביטער): און דו ביסט זיכער?...

חיענע (צו חנהן): מען פרעגט דאָך אָבער ביי דיר...

חנה (צו חיענען): און איך פרעג ביי דיר. (צו זיי ביידן) און איך פרעג ביי אייך ביידן...

קריינע (שרייט): איך פרעג ביי דיר, צי דו ביסט זיכער?...

חנה (שווייגט).

קריינע (ווידער): איך פרעג ביי דיר צי דו ביסט זיכער?...

חנה (שווייגט אַלץ).

קריינע (טופּעט מיט די פיס און שרייט): איך פרעג אָבער ביי דיר און ענטפער. דו ביסט זיכער?...

(דורכן אָפענעם פענצטער צו דער גאַס רופט אַ פויערטע: „חיענקאַ, חיענקאַ,

אַ חיענקאָ!" חיענע הייבט זיך געשווינד אויף, גייט צום פענצטער צו. בייגט זיך אַריבער אין גאַס אַרויס. רעדט עפּעס בסוד עטלעכע ווערטער מיט דער פויערטע. שטרעקט די האַנט דורכן פענצטער אין גאַס אַרויס און גייט אָפּ פון פענצטער האַלטנדיק אין האַנט אַ טיכל מיט עפּעס גרינס).

קריינע (צו חיענען): וואָס איז דאָס?...

חיענע (בלייבט שטיין אויפן אָרט און שווייגט).

קריינע: וואָס איז עס?...

חיענע (גייט צו צום טיש. זעצט זיך, האַלט אויפן טיש מיט ביידע הענט דאָס טיכל מיטן ביסל גראָז. שטיל אָנלענענדיק זיך): **דאָס בין איך נעכטן דאָ צוגעגאַנגען צום דערפל... אַ באַקאַנטע גויע... וואַסיליכע... ווייסט זי אַזאַ גראָז... אַז מען... אַז מען נעמט...**

קריינע (מיט אומגעדולד): **וואָס קוועטשסטו זיך אַזוי?... דערצייל...**

חיענע (שטיל): **איז עס אַ סגולה, אַז דער מאַן... זאָל זיין איבער־געגעבן... זאָל האַלט האָבן... מען קען עס אין שטשאַוו אַריינלייגן... איך האָב היינט שטשאַוו געקאָכט... האָט זי מיר געבראַכט...**

קריינע (כאַפּט זיך אָן): **עס איז אַ סגולה... איך האָב אויך שטשאַוו געקאָכט...**

חנה: **איך אויך...**

(אַ קליינע פּויזע).

חנה (שטיל): **אָבער... איז עס חלילה נישט שעדלעך...**

חיענע: **אין דאַרף ווייסן עס אַלע... זיי זאָגן, אַז עס העלפט...**

קריינע (זיכער): **וואַסיליכע איז אַ ווייסערן...**

חנה: **איך האָב אָבער מורא...**

קריינע (בייז): **וואָס'טו מורא?... מען זאָגט דיר, אַז עס העלפט... וואָס דען שווייגן און אויסגיין פאַר צרות...** (צו חיענען) **צעטייל אַלעמען... אַלעמען גלייך... אָט דאַרפן זיי עסן, וועלן מיר עסן אין שטשאַוו... ווי מאַכט מען עס?...**

חיענע: **מען צעבראָקט עס מיט אַ מעסער אין טעלער שטשאַוו...**

קריינע (צו חיענען): **צעטייל... ניין... גיב, איך וועל צעטיילן...**

חיענע: **איך וועל צעטיילן...**

קריינע: **ניין, איך... אַלעמען גלייך...** (זי נעמט אַרויס ביי חיענען

פון די הענט דאָס טיכל מיט די גראָז, צעטיילט עס אויף דריי גלייכע חלקים. נעמט איין חלק זיך אין האַנט אַריין, איין חלק רוקט זי אָפּ צו חנהן. דעם דריטן חלק מיט דעם טיכל רוקט זי אַוועק צו חיענען. חיענע נעמט עס אין האַנט אַריין. חיענע און קריינע שטייען אויף און גייען גלייך פון שטוב אַרויס).

חנה (בלייבט זיצן אַליין ביים טיש. קוקט אויף דאָס ביסל גראָז. קענטיק, זי וואַקלט זיך און האַלט מלחמה מיט זיך אין האַרצן. ווײַנט זיך פונאַנדער): **רבונו של עולם, גאָט האַרציקער... פאַרוואָס שטראָפסטו מיך...** (זי שטייט אויף פון טיש. נעמט דאָס ביסל גראָז. גייט אין קיך אַוועק. זי פאַרעט זיך עפּעס דאָרט אַ ווײַלע. קומט פון קיך מיט ברויט און זאַלץ, אַ מעסער און אַ לעפל, לייגט עס אַוועק אויפן טיש. פאַרריכט דעם טישטוך און בלייבט שטיין אַ פאַרוויינטע ביים טיש).

(עס קומט אַריין אַביציע).

אַביציע (צו חנהן): **נו, איך קען שוין עסן?... שוין איינגעשפּאַנט...**

חנה (קוים איינהאַלטנדיק זיך פון געוויין): **יאָ, שטשאַוו וועסטו עסן?...**

אַביציע: **וואָס פאַר אַ קשיות?... וואָס פרעגסטו?... זייער גוט...** (ער גייט אין קיך. וואַשט זיך. קומט און זעצט זיך ביים טיש).

חנה (ברענגט פון קיך אַ טעלער שטשאַוו. שטעלט עס אַוועק נעבן אַביציען. זעצט זיך אויך ביים טיש).

אַביציע (נעמט אַ לעפל שטשאַוו. טוט אַ זופּ. פאַרקרימט זיך אַ ביסל): **עפּעס ביטער...**

חנה (שווייגט).

אַביציע (נעמט נאָך אַ פּאָר לעפל. שפּייט אויס): **עפּעס מאָדנע בי־טער... וואָס איז דאָס?...**

חנה (ווערט בלייך. שווייגט).

אַביציע (קוקט אַרום דעם לעפל): **אפשר דער לעפל...** (ער נעמט ווידער אַ לעפל שטשאַוו. דערשלינגט) **פע... וואָס איז עס?...** (ער פאַר־קרימט זיך) **נישט גוט.** (ער וואַרפט דעם לעפל. לויפט אין קיך קרעכצנ־דיק...).

חנה (ווײַנט זיך הויך פונאַנדער): **איך בין שולדיק... פאַרסמט, פאַר־**

סמט... (זי לויפט צו דער טיר פון גאַס, שרייט) **ראַטעוועט...** (לויפט צוריק אין קיך צו אַביציען און שרייט) **עטעלע, מענטשן, ראַטעוועט... ראַטעוועט...**

עטעלע (לויפט אַ דערשראָקענע פון זאַל אַרויס. טוט אַ קוק אין קיך): **אוי, פעטער, וואָס איז אייך?... פעטער, טייערער...** (לויפט צו אַביציען אין קיך).

(עס לויפן אַריין פון גאַס אַ פּאָר מאַנסבילן, ווייבער. זיי לויפן אין קיך. אין קיך איז אַ טומל, אַ גערודער, מען שרייט: „וואַסער...״ „וואַסער אַ ביסל...״ „פיניען אויך נישט גוט געוואָרן...״ „חיימען אויך...״ עס גייט אַריין פון גאַס־טיר יענטע, גייט נייגעריק אין קיך, רעדנדיק פאַר זיך: „זאָל גאָט נישט שטראָפן פאַר די רייד... צעשלאָגן זיך מסתמא... מאַזש־ניקעס...״ עס לויפן אַריין פון גאַס דערשראָקענע: קריינע, נאָך איר חיענע. זיי שרייען: „נישט עסן דעם שטשאַוו...״ „פיניען שוין גוט...״ „חיימען איז שוין גוט...״ זיי לויפן אין קיך און שרייען דערשראָקענע: „זאָל ער אויס־ברעכן...״ „אויסברעכן...״ עס הערט זיך אַביציעס קול: „גאָרנישט, גאָר־נישט... בעסער... ביטערער שטשאַוו...״).

עטעלע (פירט אַריין פאַר דער האַנט אַביציען פון קיך אין עסצימער אַריין. נאָך זיי גייען נאָך אַלע פון קיך אַהער אין צימער. זי זעצט אים ביים טיש אַוועק. שטייט נעבן אים, האַלט מיט איין האַנט אַביציעס האַנט, מיט דער אַנדער האַנט גלעט זי זי וייך, גוט, קוקט אויף אים): **וואָס, פע־טער... בעסער... בעסער איז אייך?...**

אַביציע (בלייך. קוקט אויף עטעלען): **בעסער... עטעלע... גאָר גוט...** (קוקט אַרום זיך) **וואָס איז עס פאַר אַ טומל... אויסגעבראָכן, ביטערער שטשאַוו... און גאָר.**

חנה (שטייט נעבן טיש און ברעכט די הענט אויפן קאָפּ): **איך בין שולדיק... איך... וואָס האָב איך דאָס געטון... רבונו של עולם, שטראָף מיך...**

קריינע (בלייך): **וואָס שולדיק?... ווער שולדיק?... מיר האָבן אַלע דריי געקויפט ביי איין גויע שטשאַוו. איז ביטערער שטשאַוו... און גאָר... און עס האָט דאָך קיינעם נישט געשאַדט... וואָס איז דאָ פאַר אַ טומל?... קיינער איז נישט שולדיק...**

אַביציע (קומענדיק מער צו זיך): **טאַקע, וואָס?... ביטערער שטשאַוו... מען דאַרף אים נישט עסן...**

חנה (וויינט און ברעכט די הענט איבן קאָפּ): **רבונו של עולם, רבונו של עולם... גאָט האַרציקער...**

טעלע (גייט צו צו חנהן. נעמט זי אַרום. זאָגט ווייך מיט פרייד): **מומע, וואָס וויינט איר?... דעם פעטער איז דאָך שוין גוט... מומע...**

(אַלע פאַרקוקן זיך שטום, שטיל אויף טעלען).

(דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ).

דריטער אַקט

(דאָס זעלבע צימער, וואָס אין די פאָריקע צוויי אַקטן. דאָס צימער האָט באַקומען אַן אַנדער אויסזען: קלאָר, ניי אויסגעווייסט, ריין, ציכטיק אויסגעקערט און צוגעקליבן. ביי דער וואַנט אַנטקעגן פובליקום, ווו די באַנק איז געשטאַנען, שטייט אַ סאָפקע מיט אַ קלאָר־ווייסן צודעק באַדעקט. דער טיש שטייט אין מיטן צימער, מיט אַ זויבערן טישטוך צוגעדעקט. אַרום טיש שטולן. אויפן אָפענעם פענצטער צו דער גאַס הענגט אַ קלאָרער, ווייסער פאָרהאַנג. אַזייגער זעקס פאַרנאַכט).

(טעלע שטייט אויף אַ שטול, נעבן סאָפקע צו דער טיר פון זאַל צו און הענגט אויף אויף דער וואַנט איר געבראַכטן מזרח. אין דער צייט גייט חנה אַריין פון קיך אין צימער און גייט אַרום ווי נישט געפינענדיק זיך קיין אָרט. חנה איז אָנגעטון אין דער שבתדיקער קאָפּטקע און אין אַ שבתדיקן קליידל).

טעלע (זינגט הענגענדיק אויף דער וואַנט דעם מזרח):

עס קומט צו פליען אַ גאָלדענע פּאַווע פון אַ פרעמדן לאַנד,
פון אַ פרעמדן לאַנד,
און האָט פאַרלוירן אַ גאָלדענע פעדער
אין אַ פרעמדן זאַמד,
און האָט פאַרלוירן אַ גאָלדענע פעדער
אין אַ פרעמדן זאַמד.

עטעלע (גייט אַראָפּ פון שטול. שטעלט אַוועק דעם שטול ביי דער וואַנט נעבן סאָפּקע. שטעלט זיך אין מיטן צימער אַוועק. קוקט צופרידן אַרום דעם צימער. קוקט אויפן מזרח. ווענדט זיך צו חנהן, וועלכע גייט אין דערינען אין צימער אַריין): **שיין, מומע, אמת?...**

חנה (שטעלט זיך אָפּ. וואַרפט אַ טרויעריקן בליק אויפן צימער, אויפן מזרח און שווייגט).

עטעלע (פריילעך, צופרידן): **יענץ צימער, דער זאַל איז אַזוי אויך שיין צוגעקליבן, האָב איך דעם מזרח אַהער גענומען. דאָ פּאַסט ער זיך מער. און אַז די זון וועט פאַרגיין, וועט איר שיין פאַלן אויף אים. אָט אַזוי ווי אין יענעם צימער, ווי אין זאַל. באַלייכט עס דעמאָלט אַזוי שיין... שיין, אמת, מומע?...**

חנה (זעצט זיך ביים טיש טרויעריק, שווייגנדיק).

עטעלע: **אַז איך בין געקומען דעם ערשטן מאָל אַהער אין שטוב אַריין, האָט זיך מיר געדאַכט עפּעס, ווי איך בין אין אַ שוואַרצן קעלער אַריין.** (זי לאַכט זיך קינדעריש־נאַיוו פונאַנדער) **און איצט ס'אַראַ ליכטי־קייט דאָ איז... ריין, זויבער, ציכטיק, שיין... אמת, מומע?...**

חנה (טרויעריק): **צו ריין... צו שיין פאַר אונדז...**

עטעלע (נאַיוו): **וואָסי?... עס איז דאָך גוט אַזוי... ריין... שיין... שיין...**

חנה (שווייגט).

עטעלע: **ביי פּיניען און ביי חיימען אויך אויסגעוויסט די הייזער. ריינער געוואָרן, שענער. איך בין היינט געווען ביי זיי.** (פּויזע) **פּיניע איז אַזאַ שטאַרקער. אַז ער גיט די האַנט, דריקט ער זי אַזוי, אַז עס ווערט צוטוויי. און ווען ער דערזעט מיך, גיט ער מיר די האַנט. מען דאַרף עס אַלע מאָל געבן די האַנט?... ער איז דאָך דאָ עטלעכע מאָל אַ טאָג. ער האָט מיר היינט, אַז איך בין אַריין צו זיי, אַזוי די האַנט אַ קוועטש געטון, אַז איך האָב שיער נישט געוויינט. קריינע האָט דערפאַר אויף אים געשריגן. האָב איך אויף אים רחמנות געהאַט און האָב אים פאַרענטפערט, אַז עס איז אומגערן. און חיים זעט נישט, אַז מען שטייט נעבן אים. שיער נישט געפאַלן איבער אים. אויפן פוס האָט ער מיר אַרויפגעטראָטן. חיענע האָט זיך אַזוי דערשראָקן, איז בלייך געוואָרן...**

חנה (זייענדיק פאַרטראַכט אין זיך, ווי נישט הערנדיק וואָס עטעלע רעדט, ווענדט זיך צו עטעלען): עטעלע, איך וויל ביי דיר וואָס פרעגן... זעץ זיך אַ ווײַלע.

עטעלע (זעצט זיך ביים טיש, פריילעך): וואָס, מומע, וואָס?

חנה: דיר איז דאָ גוט? דיר געפעלט ביי אונדז?

עטעלע (פריילעך): זייער, זייער. גוט, גוט איז מיר ביי אייך.

חנה: ביי אונדז הערט זיך אַוודאי מאָדנע אין שטוב. מיר זענען שוין געוווינט געוואָרן.

עטעלע: ניין. איצטער נישט. און אַז דער פעטער קומט פון דאָרף, הערט זיך גרינע גראָז... פרישער היי... זומערדיקע פעלדער און וועלדער... (זי לאַכט פריילעך, קינדעריש־ריין).

חנה: אַהיים בענקסטו גאָר נישט?

עטעלע (ערנסט, פאַרטראַכט): דעם טאַטן וויל איך זייער זען. ער חלומט זיך מיר אַלע נאַכט. ער איז אַזאַ גוטער. ער פלעגט מיר דערציילן מעשיות, שיינע, פון דער גמרא, פון צדיקים. דעם טאַטן וויל איך זען. ער האָט זיך דאָך באַזעצט אין בית־המדרש... דער פעטער זאָגט, אַז ער וועט אים רופן צו גאַסט אַהער...

חנה: טראַכסטו גאָר נישט וועגן אַוועקפאָרן פון אונדז?...

עטעלע (נאַיוו): ניין... פאַרוואָס, מומע?... עס איז מיר דאָ אַזוי גוט...

חנה (וועלכע האָט זיך אַלץ איינגעהאַלטן נישט צו וויינען, האַלט נישט אויס. טרערן ווייזן זיך אין אירע אויגן).

עטעלע (האַרציק, מיט אַ רחמנות־געפיל): מומע, וואָס איז אייך? וואָס וויינט איר?... איר זענט עפּעס אַזאַ טרויעריקע?... וואָס וויינט איר?...

חנה (וויינענדיק ביטער): איך בין שוין אַלט, מיאוס... (ווייזט אויף דער ברוסט) איינגעדאַרט... איך קען שוין נישט געפעלן...

עטעלע (שפּאַרט זיך אָן, שטייט אויף, גייט צו חנהן): מומע, וואָס איז אייך?... וועמען געפעלן?... איר זענט אַזאַ גוטע... אָן ערלעכע... מען דאַרף זיך צוזען... מילך טרינקען... (אַרומנעמענדיק חנהן) אייך איז אין האַרצן צוטוויי?... מומע...

חנה (איר פּנים ווערט אויף איין אויגנבליק שרעקלעך בייז, שטופּט אָפּ פון זיך עטעלען): לאָז... אַוועק...

עטעלע (דערשראָקן): מומע... וואָס איז אייך?... אייך איז נישט גוט?...

חנה (שטאַרקט זיך. קומט צו זיך. איר פּנים ווערט ווידער נאָר טרויעריק. זי קוקט אויף עטעלען מיט פּאַרדראָס, מיט חרטה): גאָרנישט... עטעלע... טייערע... גוטע... שיינע... מיר איז נישט גוט געוואָרן... איך האָב געמיינט, אַז עס איז אַביציע... איך האָב דיך אַ שטופּ געטון?... עטעלע... נישט דיך... (זי וויינט זיך ביטער פונאַנדער).

עטעלע (נעמט אַרום חנהן. גלעט איר איבערן קאָפּ): מומע, גוטע... וואָס איז אייך?... איר זענט נישט געזונט, מומע?... לייגט זיך אין בעט אויסרוען... באַלד וועט דער פעטער קומען. מ׳וועט רופן דעם דאָקטער. איר דאַרפט זיך צוזען, נישט האָרעווען אַזוי פיל... מומע...

חנה (טוליענדיק זיך צו עטעלען, ווישט די טרערן פון די אויגן): שוין בעסער, עטעלע... בעסער. זעץ זיך, עטעלע, מיר איז שוין בעסער... זעץ זיך עטעלע... נעבן מיר...

עטעלע (זעצט זיך אויף אַ שטול נעבן חנהן).

חנה: גיב עטעלע דיין האַנט... טייערע. (זי נעמט עטעלעס האַנט אין איר האַנט אַריין. וואַרפט אַ בליק אויפן צימער אַרום. קוקט אויף עטעלען. איר פּנים ווערט פריילעכער, ליכטיק) מיר איז שוין גוט... גאָרנישט, עטע־לע... (זי טוליעט צו איר קאָפּ צו עטעלען, קוקט פאַרחלומט אין צימער אַריין) און אין שטוב איז טאַקע ריין, ליכטיק, שיין... און דאָס האָסטו, עטעלע, אַלץ געבראַכט... מיט דיין קומען... און איך בין קיינמאָל אַזוי ריין נישט אומגעגאַנגען... (זי הייבט אויף דעם קאָפּ פון עטעלען, קוקט אויף איר) דו זעסט, אין שבתדיקע קליידער גיי איך דאָך איצט אַרום, אינדער־וואָכן... אויף שבת, עטעלע, ניי איך אַנדערע... גאָט וועט העלפן... און דו, עטעלע... ווי אַ צדקנית, אַז מען קוקט אויף דיר... אָן די אמהות דערמאָנט מען זיך, זאָגט די רביצין, אַז מען זעט דיך... אַזוי ריין, ליכטיק און שיין איז ביי אונדז געוואָרן מיט דיין קומען... גוט, אַ מחיה... איך האָב גאָר קיינמאָל נישט געחלומט, אַז ביי אונדז קען זיין אַזוי שיין... אַזוי שיין... אַביציע איז אַלע מאָל אַ גוטער... ער האָט אויף מיר קיינמאָל נישט גע־שריִען, נאָר איצט הער איך פון אים קיין בייז וואָרט נישט... כאָטש איך יאַדע אים און טאָרע אים... און ער האָט קיינמאָל אַזוי פיל ווי איצט מיט

די קינדער נישט געשפּילט זיך... און דאַוונט אַזוי גוט... פּיניע און חיים פּלעגן דאָ שטענדיק שרייען און וואַרפן זיך שלאָגן, איצט נישט... אַלץ דו, עטעלע... דו האָסט דאָס געבראַכט... מיט דיין קומען...

עטעלע (קינדעריש, נאַיוו): איז אייך שוין איצט גוט, מומע?... יאָ?... גוט...

חנה (ווייך): יאָ, עטעלע... גוט... גאָר גוט... זייער גוט... אַזוי גרינג אין האַרצן... ליכטיק... (שווייגט אַ ווײַלע פאַרטראַכט. צו עטעלען) דו האָסט דאָך זיך געקליבן גיין באָדן זיך... גיי, עטעלע, גיי.

עטעלע: איך וויל אייך אַליין נישט לאָזן. איך וועל זיין מיט אייך.

חנה (ווייך): ניין, עטעלע... גיי, איך בעט דיך... גיי, באָד זיך אויס. באַלד וועט דער פעטער קומען. גיי, עטעלע, גיי... איך בעט דיך...

עטעלע (שטייט אויף, גייט צו דער טיר פון זאַל צו): איך וועל נעמען דאָס ליילעך.

חנה (וואַרנט ווייך און גוט): די קינדער זענען שוין אין שטוב. זיי זענען דאָרטן. דודל וועט דיך נישט לאָזן אַוועקגיין, עטעלע... אַי, איז דאָס אַ חברהמאַן...

עטעלע (שוין פון זאַל): נישקשה, מומע. ער פאָלגט מיך. (זי קומט אין אַ ווײַלע אַרום פון זאַל אַרויס מיט אַ ליילעך אין האַנט) גיי איך, מומע, באָדן זיך... (זייענדיק שוין ביי דער טיר, פריילעך) און באַלד וועט דער פעטער קומען... אָט וועט זיין גוט... (גייט פון שטוב אַרויס).

חנה (באַגלייט זי מיט די אויגן און ווײנט זיך ביטער פונאַנדער): באַלד וועט דער פעטער קומען, האָט זי געזאָגט... דער פעטער... אויף אים וואַרט זי אַלץ... (זי כאַפּט זיך מיט די הענט פאַרן קאָפּ) נאַרישע יידענע... אַלטע, מיאוסע, נאַרישע יידענע... דו זעסט דען נישט?... דו פאַרשטייסט דען נישט?... דער פעטער וועט קומען... דיינע אויגן זענען דיר אויסגעקראָכן און דו זעסט דען נישט וואָס דאָ קומט פאָר?... וואָס אַרום דיר טוט זיך?... לאָזן אַ ווייב, אַ מוטער מיט קינדער צוליב אַ פּאָר שיינע באַקן... אַן אומגליק האָט מיך געכאַפּט... ווי איז מיר... ווי איז מיר... רבונו של עולם... (איר קאָפּ פאַלט אויפן טיש און זי ווײנט ביטער).

(עס קומט אַריין פון הויף־טיר אין קיך אַביציע, מיט דער בייטש אין האַנט, גייט אין עסצימער אַריין, שטעלט זיך אָפּ אַ דערשראָקענער).

אַביציע (דערשראָקן): וואָס איז?... וואָס האָט געטראָפן?... (לויפט צו צו חנהן) אַן אומגליק עפּעס?... ווו זענען די קינדער?... (ער לויפט אין זאַל, קומט באַלד צוריק) די קינדער זענען דאָרט... חנה, וואָס האָט געטראָפן?... וואָס איז דיר?... ווו איז עטעלע?... (ער גייט צו צו חנהן, וויל זי נעמען פאַר דער האַנט).

חנה (שטופּט אים ביז אָפּ פון זיך): אַוועק... ווו איז עטעלע... דיין קראַסאַוויצע... אָט דאָס נאָר ליגט אים אין קאָפּ... גאַנץ דיין עטעלע, גאַנץ... געגאַנגען באָדן זיך... צוליב דיין קומען... צוליב דיר...

אַביציע (דערשראָקן, צעטומלט): חנה, וואָס איז מיט דיר?... זאָג וואָס?... וואָס?... (ער וויל זי ווידער נעמען פאַר דער האַנט).

חנה (שטופּט אָפּ פון זיך אַביציען. שטייט אויף און גייט אַ וויינענדיקע אין זאַל אַוועק).

אַביציע (בלייבט שטיין אַליין. שטייט אַ ווײַלע אַ פאַרוווּנדערטער, אַ צעטומלטער. לאָזט זיך גיין אַ פאַרטראַכטער הין און צוריק איבערן צימער. רעדט מיט זיך אַליין): עפּעס אַ פּרא אדם געוואָרן... קלאָגט און וויינט... עפּעס, מסתמא, אַ דור אין מוח אַריין... (ער שטעלט זיך אָפּ. וואַרפט אַ בליק אַרום זיך, אויפן צימער. זאָגט צופרידן) ע, עס איז גאָר אַן אַנדער שטוב געוואָרן... ריין... ציכטיק... שיין... אַ מחיה... און דעם מזרח דאָ אויפגעהאָנגען... שיין... (ער גייט צו צום ווינקל פון דער קיך־וואַנט, שטעלט דאָרט אַוועק די בייטש) נו, מען דאַרף גיין דאָס פערד אַריינפירן. (ער לאָזט זיך צו דער קיך. גייט אָפּ אַ פאַרקלערטער אַ פּאָר טריט און קערט זיך אום צוריק מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן) ניין, פאַר דער בייטש איז איצט דאָ קיין אָרט נישט... (ער נעמט די בייטש אין האַנט) געווג פאַר דיר די קיך. (ער גייט אין קיך אַריין, לאָזט דאָרט די בייטש און גייט פון שטוב אין הויף אַרויס).

חנה (קומט פון זאַל אין עסצימער אַריין. דרייט זיך אַרום ווי נישט געפינענדיק קיין אָרט און זעצט זיך אַ פאַרווײנטע נעבן טיש).

(עס קומט אין שטוב אַריין פּיניע, נאָך אים חיים. ביי חיימען זענען שוין די קאָלטענעס כמעט אין גאַנצן פונאַנדערגעבאַרשטן. באַלד נאָך זיי קומט קריינע און חיענע).

קריינע (בייז צו פיניען): איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז מען איז שוין אַהער געלאָפן... אַהיים!... אַ סוף זאָל עס נעמען...

פיניע: וואָס שרייסטו דאָ... נישט שיין...

חיענע: טאַקע... ערשט געקומען, שוין... גיי, חיים, עסן...

חיים: מיר גייען שוין (צו פיניען) קום, פיניע.

(חיים און פיניע גייען פון שטוב אַרויס).

קריינע (צו חנהן): אַ סוף זאָל עס נעמען... גענוג...

חנה (ביטער): וואָס ווילסטו פון מיר?...

קריינע: זאָלסט זי פון שטוב אַרויסטרייבן... איר געדעכעניש זאָל דאָ נישט זיין...

חנה (מיט ווייטיק): זי איז דאָך אַ יתומה, אָן אַ מאַמען... מיט אַ בלינדן טאַטן... און וואָס האָב איך צו איר? זי האָט דאָך אַזוי שיין געמאַכט ביי אונדז... מיין שטוב... און דיין שטוב... פיניע, האָסטו דאָך מיר אַליין געזאָגט, שרייט שוין אויף דיר נישט אַזוי... און חיענע פאַסט דאָך שוין נישט... און חיים דיינער האָט דאָך שוין זיינע קאַלטענעס פונאַנדערגעבאַרשטן... איז ריין געוואָרן... וואָס האָבן מיר צו איר?...

חיענע (שטיל, אָבער פעסט און ליידנשאַפטלעך): בעסער פאַסטן אַלע טאָג, בעסער מיט קאַלטענעס און זיין זיכער, אַז דיין מאַן איז דיינער...

קריינע (הייס): זאָל פיניע, מיין פיניע אויף מיר שרייען. זאָל ער מיך שלאָגן, אָבער זאָל ער פאַר מיינע אויגן נישט זען זי... דעם שד... זי... אַ שענערע פאַר מיר... איך דאַרף נישט, אַז מיין שטוב זאָל זיין ריינער, שענער... איך דאַרף נישט... איך דאַרף נישט... מיר אַלע דאַרפן עס נישט...

חנה: אָבער וואָס האָב איך צו איר?... צו אַ יתומה?...

קריינע (שרייט): אָבער דו ביסט זיכער, אַז דיין אַביציע... דיינער... דיין אַביציע שלאָפט נישט מיט איר?... דו ביסט זיכער?...

חנה (ביטער): וואָס האָסטו צו מיין אַביציען?... מיין אַביציע איז אַן ערלעכער... אַ ליגן... (הויך) אַ ליגן!... און דו ביסט זיכער, אַז דיין פיניע? (צו חיענען) און דו ביסט זיכער, אַז דיין חיים?...

קריינע (טופעט מיט די פיס): איך פרעג דאָך אָבער ביי דיר... ענטפער... דו ביסט זיכער?... דו נאַר איינע, האָלץ איינע, דו ביסט זיכער?...

חנה (וויינט ביטער).

(עס קומט אַריין פון הויף אַביציע. ער גייט אין צימער אַריין, בלייבט שטיין נישט ווייט פון קיך־טיר אַ פאַרוווּנדערטער. אַלע דריי ווייבער ווערן שטיל אַ ווײַלע. אַ פויזע).

קריינע (ווייזט אויס, באַשליסט זיך אויף וואָס. גייט צו נענטער צו אַביציען. זאָגט פעסט): **איך וויל מיט דיר וואָס רעדן.**

אַביציע: **וואָס?**

קריינע (פעסט און בייז): **ווי לאַנג וועט זי דאָ זיין?**

אַביציע (פאַרוווּנדערט): **ווער?**

קריינע (ציט דאָס וואָרט): **עטעלע...**

אַביציע (צעטומלט): **וואָס?...**

קריינע (קלאָר, אָפּגעהאַקט): **איך פרעג ביי דיר: ווי לאַנג וועט דאָ נאָך זיין ביי אייך עטעלע?...**

אַביציע (אויפגערעגט): **וואָס האָט דאָס צו דיר?**

קריינע (פעסט): **עס האָט יאָ צו מיר...**

אַביציע: **וואָס האָט דאָס צו דיר, דייך ברויט עסט זי?...**

קריינע: **חנה איז מיינע אַ שוועסטער און אַז דער מאַן זעט נישט ווי זיין ווייב גייט אויס, קען איך עס נישט דערלאָזן... (שרייט) און מיר אַלע דריי גייען אויס...**

אַביציע (מיט כעס): **וואָס? וואָס שרייסטו? וואָס באַלעבאַטשעסטו?**

קריינע (שרייט בייז): **אַז עס איז דאָ אַ שיין מיידל אין שטוב, קוקט מען נישט אויף דעם ווייב...**

אַביציע (ווערט אָנגעצונדן פון כעס. ער שרייט): **וואָס?!... פּאַסקודע איינע... פּאַסקודע...**

קריינע (שרייט): **יאָ... יאָ... מען איז דיך חושד... מיט עטעלען... מיט דיין עטעלען...**

אַביציע (כאַפּט דערביי אַ שטול אין האַנט, הייבט אים אויף אין דער הויך, לויפט צו קריינען) **דעם קאָפּ וועל איך צעשפּאַלטן ווער עס וועט נאָר וואַגן אַ וואָרט צו זאָגן...** (ער האַלט איבער קריינעס קאָפּ דעם שטול און שרייט) **ווער איז חושד?... ווער?... זאָג...**

קריינע (דערשראָקן, אָבער דאָך שטייענדיק אויף איר אָרט): **אַלע... גאַנץ שטעטל... מיר... און חנה... דיין חנה... חנה...**

אַביציע (שרייט): **אַ ליגן... אַ ליגן...** (ער וואַרפט אַ שאַרפן בליק אויף חנהן).

חנה (קוקט אויף אַביציען, און עס דרייסט זיך ביי איר אַרויס שטיל, אָבער פעסט): **יאָ...**

אַביציע (בלייבט שטיין אַ צעטומלטער, אַ שטומער. ער לאָזט אַראָפּ אויף דער ערד לאַנגזאַם דעם שטול, שטעלט אים אַוועק. רעדט צעטומלט ווי צו זיך אַליין): **חנה?... חנה?... חנה?...** (ער קוקט ביטער אויף חנהן. ער נעמט זיינע אויגן אַראָפּ פון חנהן, טוט אַ קוק אויף קריינען מיט חיענען, און שרייט זיך אויף זיי פונאַנדער) **אָבער איר, פּאַסקודניצעס, אַרויס פון מיין שטוב... אַרויס... וואָן... אַרויס...**

קריינע (שרייט): **איך בין ביי מיין שוועסטער אין שטוב... נישט ביי דיר... ביי מיין שוועסטער...**

אַביציע (כאַפּט דעם שטול אין האַנט): **אַרויס... אַז איך וועל דאָ נישט זיין, וועט איר צו אייער שוועסטער גיין... אייער געדעכעניש זאָל דאָ נישט זיין... אַרויס... אַרויס...** (ער לויפט צו זיי מיטן שטול אין דער הויך).

קריינע און חיענע (לאָזן זיך געשווינד אַרויס פון שטוב, לאָזנדיק נאָך זיך אָפן די טיר).

אַביציע (פאַרמאַכט נאָך זיי די טיר שרייענדיק): **וואָן!... אַרויס!...** (ער קומט פון טיר, גייט צו צום טיש, זעצט זיך אַוועק. זיצט אַ שטומער).

חנה (זיצט אויך אַ שטומע און שווייגט).

אַביציע (הייבט אָן שטיל, ביטער): **חנה... דו... דו... ביסט חושד... חושד זיין... וועמען?... נו, מילא מיך... נו, אַביציע דער מאַזשניק... מער נישט ווי אַ מאַזשניק... אָבער איר... עטעלען... דער גוטער... דער שיינער עטעלען... עס איז דאָך אַ מלאך...**

חנה (שווייגט).

אַביציע: **דו... דו... חנה... דו ביסט חושד...**

חנה (שווייגט).

אַביציע: **חנה, פאַרוואָס שווייגסטו?... דו ביסט דאָך אַ גוטע... אַן ערלעכע... וואָס האָסטו צו איר?...**

חנה (שטיל, ביטער): איך האָב צו דיר גאָרנישט... איך האָב צו איר גאָרנישט...

אַביציע (דערפרייט זיך): אָט אַזוי... אָט אַזוי... אָ... אָ... וואָס די פּאַסקודניצעס רעדן... אָט אַזוי, חנה... זע, ס'אַראַ שטוב ביי אונדז איז געוואָרן. ליכטיק, ציכטיק, שיין... (ער שטרעקט אויס צו חנהן זיינע הענט) זעסטו, טאַקע אויסגעוואַשן זיך. פריִער זענען זיי געווען אין מאַזש, אין בלאָטע, אין קויט, איצט זענען זיי ריין... נאַרעלע, דיינע נאָזלעכער דאַרפן דאָך שמעקן דעם ריח פון זיי... און ווי איך היט זיך ריין צו זיין... און דו גייסט דאָך תמיד שבתדיק אָנגעטון... און פּיניע האָט דאָך שוין אויפ־געהערט צו וואַרפן זיך אַלע ווײַלע שלאָגן... חיים באַרשט דאָך שוין זייך קאַלטן... אַלץ איבער איר... צוליב עטעלען... שענער איז דאָך איבער איר געוואָרן אַרום און אַרום... ביי אונדז אין שטוב אין אַלע ווינקעלעך... ליכטיק...

חנה (הערט זיך צו אַלץ מער. איר פּנים ווערט אַלץ גרינגער, בעסער, פריילעכער).

אַביציע: דו פלעגסט, חנה, אויף מיר ברוגז זיין, וואָס איך מאַך אַוועק אונטער דער האַנט דעם דאַוונען... איצט, דו זעסט דאָך, איך דאַוון שוין ווי מען דאַרף... איך בין פרימער געוואָרן... איך דאַוון געשמאַק... און פריִער פלעג איך זיך נישט אַזוי איילן פון דאָרף אַהיים. איך פלעג פאָרן פּאַמעלעך. איצט שמייס איך דאָס פערד, אַהיים... גיכער צו מיין שטוב... אין דער היים איז גוט... ליכטיק... שיין... חנה איז אָנגעטון שבתדיק... און אַן עטעלע איז דאָ... אַן עטעלע ווי אַ מלאך...

חנה (איר פּנים ווערט מיט אַמאָל אָנגעצונדן, זי שרייט): אַהאַ!... אַליין געזאָגט... אַן עטעלע... אַ שיין מיידל... אַהאַ... פון וואַנען בין איך זיכער... אַן עטעלע... אַהאַ!...

אַביציע (צעטומלט און אויפגערעגט): וואָס שרייסטו?... וואָס „אַהאַ"?... וואָס „זיכער"?...

חנה (צעקאָכט זיך מער): יאָ... יאָ... איך בין זיכער... איך ווייס... איך ווייס... ביינאַכט פלעגסטו גיין כלומרשט דאָס פערד אַ קוק טון... פאַרביי דעם זאַל... ווו זי שלאָפט... וואָס, איך בין אַ בלינדע?... איך זע נישט, איך פאַרשטיי נישט?... איינמאָל האָסטו זי פאַרנאַכט אין שטאַל

גערופן, דאָס פערד כלומרשט ווייזן... איך האָב געהיט... איך בין נאָכגע־גאַנגען ווי אַ גנבטע און האָב אין אַ שפּאַלט געקוקט... מסתמא האָסטו באַ־מערקט, אַז איך זע, האָסטו גאָרנישט געטון... אָבער אין מיטן נאַכט, אַז דו פלעגסט גיין צום פערד קוקן, פאַרביי דעם זאַל... איר געדעכעניש זאָל דאָ אין מיין שטוב נישט זיין... צו איר פלעגסטו עס גיין... צו איר... צו דער חצופה... צו דער...

אַביציע (טוט זיך אַ שטעל אַוועק מיט כעס, קלאַפּט איבערן טיש): שטיל!... אַ וואָרט זאָלסטו אויף איר נישט וואַגן זאָגן... אַ וואָרט נישט... אויף מיר זאָג וואָס דו ווילסט... אָבער אויף איר... אויף איר... אויף עטעלען... איך וועל עס נישט דערלאָזן... קיינעם נישט... איך וועל דעם קאָפּ צעפּלעטן אַלעמען, ווער עס וועט נאָר אויף איר וואָס עס איז זאָגן... דו זאָלסט זיך נישט וואַגן אַ וואָרט צו זאָגן אויף איר... דו הערסט, (ער קלאַפּט איבערן טיש) דו הערסט, חנה...

חנה (שרייט נאָך העכער): אַהאַ... מען טאָר שוין גאָר נישט אָנרירן זי... הייליק, ווי אַ מזוזה... אַהאַ... איך וועל עס איר אַלץ אין די אויגן זאָגן... איר אין די אויגן...

אַביציע (כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ ווי פון גרויס שרעק): וואָס?... וואָס?... זידלען וועסטו זי... אין די אויגן... וואָס?... (ער הייבט אָן אַרומצוגיין איבערן צימער הין און צוריק, רעדט צו זיך אַליין) ניין... ניין... ווי דאָס אויג פון קאָפּ וועל איך זי אויסהיטן... (גלייך ווי ער כאַפּט זיך אויף וואָס, ווי ביי אים ווערט וואָס קלאָר. רעדט צו זיך אַליין) עטעלע דאַרף טאַקע נישט זיין צווישן מאַזשניקעס... ווי קומט עטעלע אין אַ בלאָטע... (ער גייט צו צום טיש, צו חנהן) ניין... ניין... דו וועסט שוין נישט האָבן וועמען צו זידלען... איך ווייס שוין וואָס צו טון... גענוג... אויס...

חנה (שרייט מיט שרעק): וואָס'טו באַשלאָסן?... וואָס'טו טון?... וואָס?...

אַביציע (ביטער): יאָ... מיר איז שוין אַלץ קלאָר געוואָרן... יאָ... מען וועט שוין צוריק קענען אָנכלאָבן זיך מיט קויט... מיט בלאָטע, מיט שמוץ, מיט מאַזש... אַ מחיה וועט ווערן... ווי די חזירים וועט מען צוריק זיך וואַל־גערן אין מיסט... יאָ... יאָ... דאָרט וועט איר זיך אָפּלעבן. אָט אַז פון מיינע הענט וועט קויט און מאַזש שמעקן, וועסטו זיך אָפּלעבן... יאָ... חזירים דאַרפן לעבן ווי חזירים...

(עס עפנט זיך די טיר, עס קומט אַריין דער רב פון שטעטל. חנה גייט געשווינד אַוועק אין זאַל אַריין. דער רב איז אין אַ ריפּסענעם סורדוט מיט אַ גאַרטל אַ ריפּסענעם. אין אַ ברייטן קאַפּעלוש, מיט אַ שטעקן אין האַנט).

דער רב: **גוט מאָרגן.**

אַביציע (מאַכט זיך אינסטינקטיוו צו רעכט, פאַרשפּיליעט זיין רעקל, גייט אַנטקעגן): **גוט יאָר, רבי, גוט יאָר!** (קומט מיטן רב צום טיש, ווייזט אויפן שטול ביים טיש אויבן אָן) **זעצט זיך, רבי, זעצט זיך.**

(דער רב זעצט זיך ביים טיש. אַביציע זעצט זיך אויך גרייט צו הערן נאָך וואָס דער רב איז געקומען. דער רב נעמט אַרויס פון וועסט־קעשענע זיין פּאַפּיראָסן־פּושקע, לייגט אַוועק פאַר זיך אויפן טיש. דערנאָך נעמט ער אַרויס פון הינטער־קעשענע פון סורדוט זיין טיכל און לייגט עס אויך אַוועק פאַר זיך אויפן טיש. נעמט אַ פּאַפּיראָס אַרויס פון פּאַפּיראָסן־פּושקע און פאַררויכערט. אַביציע זיצט גרייט צו הערן, אָבער קענטיק, אַז ער איז פאַרנומען מיט זיינע מחשבות).

דער רב (רויכערנדיק דעם פּאַפּיראָס, קוקט אַרום דאָס צימער): **אַ, געלויבט דער אויבערשטער, אַ פיינע איינקומעניש. שוין לאַנג געווען ביי דיר. פון מעות חיטים אָן... וואָס עפּעס צוגעבויט דאָ... עפּעס אַן אַנדער צימער דאָ געווען...**

אַביציע (אַלץ פאַרנומען מיט זיך): **ניין, רבי, דאָס זעלבע צימער. נאָר צוגעקליבן. ריינער, שענער געוואָרן...**

דער רב (קוקנדיק אַרום זיך): **פיין... פיין...**

(פּויזע).

אַביציע (שטיל, מיט דרך־ארץ): **וואָס, רבי, עפּעס אַ נייטיקע זאַך מסתמא. אַלייך מטריח געווען זיך...**

דער רב: **יאָ... און כמעט נישט... מען דאַרף טאַקע עטלעכע רובל פאַר משה דעם שוסטער. נעבעך אַן אביון גדול... פּשוט אַ מחוסר לחם... איז אָבער דאָס וואָלט איך קענען מיט עמעצן אָנזאָגן דיר. אַביציע, איך האָב האַלט צו זאָגן אין די אויגן, זאָגט זיך קיינמאָל נישט אָפּ, אַז מען דאַרף. נאָר עפּעס נאָך וואָס... איז צווישן מנחה און מעריב בין איך אַריין.**

אַביציע (נעמט פון קעשענע דעם טייסטער אַרויס): **וויפל, רבי?**

דער רב: ווייס איך?... פינף רובל. און אויב דו קענסט און דיר איז נישט שווער, גיב זעקס רובל... גאָט וועט העלפֿן...

אַביציע (געבנדיק דעם רב דאָס געלט): **איך קען. איך קען, רבי...**

דער רב: אויף אַזוינע זאַכן העלפט גאָט.

(פּויזע).

דער רב: נאָך האָב איך געוואָלט וואָס זאָגן (קוקט זיך אַרום) **קיינער נישטאָ?...**

אַביציע: זאָגט, זאָגט, רבי.

דער רב: אַביציע, איך האַלט דיך פאַר אַן ערלעכן... פאַר אַן ערלעכן ייִדן... און טאָמער זידלסטו וועמען אין שול, איז עס אויך פון דיין ערלעכקייט... דו האָסט האַלט אַן אמת... מען זאָגט אַפילו אַ ווערטל: „אַ ליגן טאָר מען נישט זאָגן און אַן אמת איז מען נישט מחויב צו זאָגן"... אָבער אַ ייִד דאַרף האַלט האָבן אַן אמת... דו ביסט אַן ערלעכער מענטש, אַביציע...

אַביציע (שמייכלט ביטער): **אַביציע דער מאַזשניק און גאַר...**

דער רב: הער מיך אויס, אַביציע... אין שטעטל מורמלט מען... מען זאָגט... אַ קרובה... אַ מיידל... עטעלע רופט מען זי... קיין שלום־בית איז נישטאָ... און אַ ווייב, שטייט אין גמרא, אשתך גוצך: אַז דיין ווייב איז אַ קורצע, גריין ולחש, בייג זיך איין צו איר אויער און פרעג ביי איר... הער זיך צו איר צו... און קיין שלום־בית, זאָגט מען, איז ביי דיר נישטאָ... דאָס ווייב דיינע איז חושד...

אַביציע (אויפגערעגט, נאָר ער האַלט זיך איין נישט אַרויס פון זיך): **רבי... וואָס חושד?... וואָס?... וואָס האָט עס פאַר אַ שייכות?... אַ קרובה... האָט נישט ווו צו זיין, אַ בלינדער טאַטע... און אַ טייער, אַ כשר קינד... אַ מלאך, רבי... וואָס חושד?... אַ מיידל... נו, אַ שיין מיידל, וואָס האָט עס פאַר אַ שייכות?... עטעלע איז עטעלע און אַ ווייב איז אַ ווייב... רבי, זייט מיר מוחל, איך רעד אַוודאי גראָב... איך בין אַביציע דער מאַזשניק... אָבער וואָס האָט עס פאַר אַ שייכות?... אמת, איך היט זי ווי אַן אויג פון קאָפּ... אַז איך גיי ווען אין מיטן נאַכט דאָס פערד זען, זע איך צי זי שלאָפט רויק... צי איז גוט דאָס פענצטער פאַרמאַכט נעבן איר, זי זאָל נישט פאַרקילן זיך... אמת... אָבער וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות צום**

ווייב מיט די קינדער... צו דיין ווייב, אַ מוטער פון דיינע קינדער... אַ ווייב איז אַ ווייב און עטעלע איז עטעלע...

דער רב: אַביציע, איך גלויב דיר... איך בין דיך נישט חושד... איך ווייס, דו ביסט אַן ערלעכער מאַן. זעסט דאָך, איך האָב דיך נישט גערופן צו מיר... איך בין געקומען מיט דיר רעדן, אַזוי... געבן דיר אַן עצה... איך גלויב דיר... אָבער שלום־בית... אַ רחמנות אויף דעם ווייב... וועסטו איר פאַטער, איך ווייס, אַ געהויבענער ייִד, געלט שיקן. ווו מען דאַרף, גיסטו אַלע מאָל... שלום־בית איז אָבער אַ זאַך... עס איז נישט קיין קליי־ניקייט... און דאָס שטעטל טומלט... מען דאַרף נישט ברענגען מענטשן צו לשון־הרע...

אַביציע (שטייט אויף פון אָרט, גייט איין מאָל אַריבער אין צימער הין און צוריק, שטעלט זיך נעבן טיש ביים רב און הייבט אָן רויִק און וואָס ווייטער אַלץ הייסער, ביטערער, האַרציקער): רבי... איך וועל אייך דעם אמת זאָגן... דעם גאַנצן אמת... ליכטיק איז געוואָרן ביי מיר אין שטוב מיט עטעלעס קומען... איר זעט, רבי, מיין שטוב, איר האָט זי נישט דערקענט... און אין האַרצן איז אויך אַנדערש געוואָרן... איך בין אַפילו פרומער געוואָרן... איך דאַוון געשמאַקער... דאַרף מען דאָך דאַנקען גאָט דערפאַר... איז עס אָבער צו גוט פאַר אונדז... צו שיין... צו ליכטיק... רבי, איך האָב היינט אַ סך פאַרשטאַנען... איך פאַרשטיי שוין... איך בין אַ פּראָסטער מענטש... אַ מאַזשניק... און היינט האָט זיך מיר מיין מוח געעפנט... ווי מען וואָלט מיר מיט אַ דובינע אין קאָפּ געגעבן און דאָרט האָט זיך וואָס געעפנט... צו שיין פאַר מאַזשניקעס אַזוי... און נישט נאָר פאַר מאַזשניקעס... פאַר אַלעמען, רבי... דאָס גאַנצע שטעטל טומלט... קיי־נער קען עס נישט אַריבערטראָגן... וואָס אַרט זיי, אַז עטעלע ווייזט זיך אין גאַס?... ווי אויף אַ צדקנית, האָט מען דאָך געזאָגט, איז צו קוקן אויף איר... נאָר ניין... מען קען עס נישט אַריבערטראָגן... צו שיין... צו ליכטיק... אָבער... רבי, נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן... מאָרגן פאָרט זי אַוועק צו איר בלינדן טאַטן... און מיינט נישט, רבי, ווייל איך האָב זיך דערשראָקן... איך שפּיי אויף דעם שטעטל... זייט מיר, רבי, מוחל... יאָ... איך שפּיי... אַביציע קען עס... און נישט מיין ווייב פאָלג איך... זי איז נישט גערעכט... און פאַר אַן אמת וועל איך אַלץ טון און אויסשטיין... נאָר

עטעלען זשאַלעווע איך... עטעלען... איך וויל נישט, אַז זי זאָל אַ קרום וואָרט הערן... צוליב איר... צוליב עטעלען...

דער רב (נעמט אַרויס דעם זייגער פון וועסטל־קעשענע, קוקט זיך איין, שטייט אויף): **נו, שוין באַלד צייט מעריב דאַוונען.** (צו אַביציען) **איך האָב געוווּסט, אַז דו ביסט אַן ערלעכער מאַן. איך ווייס... זאָל דיר גאָט העלפן. אַ גוטן טאָג.**

(דער רב גייט אַוועק. אַביציע באַגלייט אים ביז דער טיר, פאַרמאַכט נאָך אים די טיר. און הייבט אָן אומצוגיין אַ ביטער פאַרקלערטער הין און צוריק איבערן צימער. אין צימער הייבט אָן ווערן טונקעלער. עס קומט אַריין פון גאַס עטעלע אַ פריילעכע, מיט דער ליילעך אין האַנט).

עטעלע (פריילעך): **אָ, דער פעטער איז געקומען... לאַנג געקומען, פעטער?**

אַביציע (שטעלט זיך אָפּ. קוקט אַ ווײַלע אויף עטעלען): **יאָ, עטעלע, שוין לאַנג געקומען...** (ביטער) **בעסער וואָלט איך נישט געקומען...**

עטעלע (פאַרוואונדערט, צעטראָגן): **וואָס איז?...**

אַביציע (קוקט אַ ווײַלע אויף עטעלען טרויעריק): **עטעלע, ווו ביסטו געווען? געבאָדן זיך?...**

עטעלע: **יאָ. וואָסי?...**

(אַביציע שווייגט און קוקט טרויעריק אויף עטעלען. עטעלע קוקט אויף אים פאַרוואונדערט).

אַביציע: **עטעלע, זעץ זיך אַ ווײַלע, איך וויל דיר וואָס זאָגן...**

עטעלע (זעצט זיך ביים טיש מיט דער ליילעך אין האַנט): **וואָס, פעטער?...**

אַביציע (גייט אַריבער איין מאָל איבערן צימער הין און צוריק. שטעלט זיך נעבן עטעלען. ווײַזט אויס שווער אָנצוהייבן): **דו ווייסט... מיר פאָרן מאָרגן... צום טאַטן...**

עטעלע (פאַרוואונדערט): **ווער?...**

אַביציע: **איך און דו...**

עטעלע (נאַיוו): **צו גאַסט?...**

אַביציע: **ניין... אין גאַנצן...**

עטעלע (קינדעריש־נאַיוו): איר לאַכט עס, פּעטער... איר לאַכט פון מיר...

אַביציע (ביטער): ניין... וואָס דאַרפסטו דאָ זיין צווישן פּראָסטע, גראָבע מאַזשניקעס...

עטעלע (אַלץ נאַיוו): מיר איז דאָ... ביי אייך... זייער גוט... און אַ רחמנות אויפן טאַטן...

אַביציע (גלעט עטעלען אויפן קאָפּ): עטעלע... נישט אַלץ דאַרפסטו וויסן... נישט אַלץ וועסטו פאַרשטיין... מיר מאַזשניקעס וויסן אַלץ און פאַרשטייען... און נישט נאָר מאַזשניקעס... אַלע... אַלע זענען פּאַסקודניקעס... אָבער נישט דו... דו דאַרפסט עס נישט וויסן... דו וועסט עס נישט פאַרשטיין... פרעג נישט, עטעלע... מאָרגן פאָרן מיר אין דער פרי... מאָרגן...

עטעלע (אירע אויגן ווערן גרעסער. טרערן ווייזן זיך אין זיי און זי ווייַנט זיך פונאַנדער): וווהין פאָרן?... אויפן טאַטן אַ רחמנות... איך בין עפּעס שולדיק?... פּעטער... די מומע האָט היינט אויך געוויינט... (זי וויינט ביטער ווי אַ קינד) פּעטער... פאַרוואָס?... פּעטער...

אַביציע (שטעלט זיך הינטער איר, גלעט מיטביידע הענט איר קאָפּ): וויין נישט, עטעלע... פאַר גאָרנישט... ביסט אַ מלאך... וויין נישט... איך טו עס צוליב דיר... עטעלע... איך וועל נישט לאָזן דיר זאָל שלעכט זיין... עטעלע... וויין נישט...

עטעלע (האַלט זיך איין פון געוויין): איך וועל אייך פאָלגן, פּעטער... איר זאָגט, אַז אַזוי... אייך גלויב איך אַלץ... אייך וועל איך אַלץ פאָלגן... איך וויין נישט, פּעטער. (זי טוט זיך אַ קער צו אַביציען, קוקט זיך איין אין זיינע אויגן) פּעטער, איר ווייַנט אויך?... פּעטער, מען דאַרף נישט... וואָס איז, פּעטער?... וואָס איז געשען?... פּעטער...

אַביציע: איך וועל נישט וויינען, עטעלע... איך וועל נישט וויינען... אַביציע איז אַביציע... נו... עס וועט זיין גוט... נעם, עטעלע, עס עפּעס אָפּ.

עטעלע: איך וויל נישט, פּעטער... איך קען איצט נישט עסן... איר האָט געגעסן?...

אַביציע: איך וויל נישט עסן... איך קען נישט... (ער גייט צו צום פענצטער, נעמט דאָרטן דעם לאָמפּ, זעצט זיך ביים טיש, צינדט אים אָן)

נו, עטעלע, לאָמיר זיך נעמען איינפּאַקן... מיר וועלן מאָרגן פרי, פרי אַרויספאָרן...

עטעלע (פאַרחלומט): און מיר וועלן ווייטער פאָרן דורך יענעם געדיכטן וואַלד...

אַביציע: יאָ.

עטעלע (אַלץ פאַרחלומט): און מיר וועלן ווייטער בלאָנדזשען זוי דאַן...

אַביציע (פאַרטראַכט): עס קען זיין... נאָר איין מאָל, נאַרעלע, בלאָנדזשעט מען... איין מאָל...

עטעלע (טרויעריק): פאַרוואָס?

אַביציע: איך ווייס נישט. אַזוי איז עס שוין...

(פויזע. ביידע זיצן פאַרטראַכט).

אַביציע: נו, עטעלע, מען דאַרף זיך פּאַקן... אָדער... ניין, מאָרגן איינפּאַקן זיך, פאָרן... פאָרן... איצט עס עפּעס אָפּ און לייג זיך שלאָפן. מען דאַרף מאָרגן פרי אויפשטיין...

עטעלע: ניין, איך וויל נישט עסן...

אַביציע (קוקט אויפן מזרח): און דו זאָלסט נישט פאַרגעסן דעם מזרח נעמען מיט זיך.

עטעלע: איך האָב עס דאָך אייך אַ מתנה געבראַכט...

אַביציע: ניין, עטעלע... אָן דיר דאַרף מען עס דאָ נישט... עס וועט דאָ פאַרשמוציקט ווערן... ניין... (ער שווייגט אַ ווילע פאַרטראַכט) נו, עטעלע, גיי שלאָפן. שלאָף זיך אויס...

עטעלע: ניין... איך וועל דאָ אויפן סאָפקע ליגן אַ ווילע. דאָס פענצטער איז אָפן. עס איז דאָ גוט...

אַביציע (נעמט דעם לאָמפּ אין האַנט): און איך וועל גיין אין שטאַל. צוגרייטן זיך צום מאָרגנדיקן פאָרן. איך וועל איינשפּאַנען מאָרגן דעם שיינעם, דעם נייעם פערד... (ער הייבט זיך אויף און גייט אַוועק מיטן לאָמפּ אין האַנט, דורך די קיך אין הויף אַרויס).

עטעלע (בלייבט אַליין. זי זיצט אַ צייט אַ פאַרטראַכטע און ווינט זיך ביטער פונאַנדער. הייבט זיך אויף וויינענדיק פון איר אָרט, גייט צו

דער סאָפקע. לייגט זיך אַוועק. ליגט אַ צייט וויינענדיק און ווערט אַנ־דרימלט).

אַביציע (קומט מיטן לאָמפּ פון הויף אַריין. שטעלט אַוועק דעם לאָמפּ אויפן טיש. שטעלט זיך אַוועק נעבן סאָפקע. קוקט אויף עטעלען ביטער, טרויעריק. רעדט צו זיך אַליין): **איינגעשלאָפן... נעבעך... פאַרוואָס, פרעגט זי... טאָקע, פאַרוואָס?... צו שיין... צו ליכטיק... מלאך איינער...** (שטייט פאַרטראַכט. זאָגט שטיל) **מען דאַרף זי צודעקן... אַן אָפן פענצטער, מען קען זיך פאַרקילן...** (וויל פון זיך דאָס רעקל אַראָפּנעמען) **ניין... פע... פון מאָזש... נישט פאַר עטעלען...** (גייט אין זאַל אַריין, ברענגט פון דאָרט אַ פאַטשיילע, לייגט אויף איר צאַרט און פאַרזיכטיק אַרויף).

עטעלע (כאַפּט זיך אויף אַ דערשראָקענע): **וואָס?... ווער?...**

אַביציע (ווייך): **עטעלע, וואָס שרעקסטו זיך?... איך... איך האָב דיך צוגעדעקט...**

עטעלע (זעצט זיך אַוועק): **אַ דאַנק, פעטער... ווי איך האָב זיך דער־שראָקן... עפּעס געחלומט זיך, אַז מען לויפט נאָך מיר... מען וויל מיך שלאָגן...**

אַביציע (ווייך): **נאַרעלע, איך וועל נישט לאָזן... איך וועל נישט לאָזן...**

עטעלע (ווי זי דערמאָנט זיך אַן וואָס, טרויעריק): **פאָרן מיר מאָרגן, פעטער?...**

אַביציע: **יאָ... עטעלע... יאָ...**

(אַביציע זעצט זיך נעבן עטעלען אויף דער סאָפקע.ביידע זיצן און שווייגן פאַרטראַכטע. אַ שטומער, אַ ביטערער שווייגן הערשט אין צימער.

דער ווינט בלאָזט דעם פאָרהאַנג אויפן פענצטער).

אַביציע: **עטעלע...**

עטעלע: **וואָס, פעטער?...**

אַביציע: **ווי זינגסטו דיין לידל?...**

עטעלע: **וואָסער לידל?...**

אַביציע: **אָט מיט דער גאָלדענער פּאַווע... זינג, עטעלע... זינג עס...**

עטעלע (טראַכט אַ ווײַלע. טוליעט זיך איין אין זיך און הייבט אָן

זינגען פֿאַרטראַכט, לאַנגזאַם, טרויעריק. וואָס ווייטער ווערט אַלץ דער מאָטיוו טרויעריקער און האַרציקער. עס הערט זיך אין אים אַ געוויין):

עס קומט צופֿליִען אַ גאָלדענע פּאַווע פֿון אַ פֿרעמדן לאַנד.
פֿון אַ פֿרעמדן לאַנד.

(אין טיר פֿון זאַל דערזעט זיך חנהס קאָפּ. זי קוקט אומרויִק, בגנבֿה אַהער. גלייך זי היט זיך).

אַביציע (העלפֿט אונטער, שטיל, טרויעריק עטעלען):
און האָט פֿאַרלוירן אַ גאָלדענע פֿעדער
אין אַ פֿרעמדן זאַמד.
און האָט פֿאַרלוירן אַ גאָלדענע פֿעדער
אין אַ פֿרעמדן זאַמד.

(בשעתן זינגען די לעצטע סטראָפֿע לאָזט זיך דער פֿאָרהאַנג לאַנגזאַם אַראָפּ).

פֿערטער אַקט

(דאָס זעלבע צימער, וואָס אין די פֿאַריקע אַקטן. דאָס צימער זעט אויס איצט ווי אין דעם ערשטן אַקט, קוטיק, שמוציק. קיין פֿאָרהאַנג איז נישטאָ אויפֿן פֿענצטער. דער טיש איז אַ הוילער. ביים טיש נאָר אַ פּאָר שטולן, די איבעריקע טאַבורעטקעס. די סאָפֿקע שטייט נאָך ביי דער וואַנט אָבער דער צודעק אויף איר איז פֿינצטער, ברודיק. אָנהייב נאַכט).

(חנה, קריינע און חיענע זיצן ביים טיש. חנה איז אָנגעטון ווי אין דער ערשטער סצענע. דער לאָמפּ אויפֿן טיש ברענט שלעכט, רויכערט).

חנה (נעמט דעם לאָמפּ, פּרוּווט אים פֿאַרריכטן): **עפּעס אַן אָנשיקעניש אויף אים... געריייניקט אים, דעם קנויטל שוין פֿאַרריכט און ברענט אַזוי ווי אויפֿן האַרצן, פֿינצטער, פֿאַררויכערט... די אויגן עסט ער אויס.**

קריינע: **אַי, אונדזערע אַלע לאָמפּן זענען אַזוי... און ער, פֿיניע, שרייט נאָך: דער לאָמפּ ברענט שלעכט... וואָס קען איך העלפֿן? אַז ער ברענט פֿאַרט נישט... שרייט ער...**

חיענע: דיין פּיניע...

קריינע (בייז): בעסער פאַר דיין חיימען דעם צדיק... מיט די פאַר־גלאָצטע אויגן... וואָס אַרט דיך, אַזאַ יאָר מיר ס'אַראַ פּיניע דאָס איז.

חיענע (הייס): דיין פּיניע איז נישט ווערט זיין מינדסטן נאָגל. (צו חנהן) און דיין אַביציע דאַוונט דאָך גאָר נישט. איך האָב נעכטן אַליין געזען, אָנגעמאָסטן נאָר די תפילין און גאָר...

חנה (פאַרדראָסיק): מאָלט אייך, וועגן מיין אַביציען האָט אירביידע געמעגט שווייגן.

(פויזע).

חיענע (שטיל): חיים, זאָל געזונט זיין, פאַרלאָזט ווייטער דעם קאָלטן. שוין גאָר געוועזן פונאַנדערגעבאַרשטן. האָט אים, זאָגט ער, דער קאָפּ ווייטער אָנגעהויבן צו ווי טון. מען דאַרף ווייטער פאַרלאָזן אַ קאָלטן...

(פויזע).

קריינע: וויפל איז פאַראַן, אַז זי איז אַוועקגעפאָרן?...

חיענע: ווער?...

קריינע: עטעלע, מיין איך...

חנה (טרויעריק): שוין דריי וואָכן.

קריינע (פאַרטראַכט זיך): די צייט לויפט דאָך אַלע מאָל... און איצט דאַכט זיך, אַז עס איז שוין אַזאַ צייט אַריבער זינט זי איז אַוועקגעפאָרן...

חנה (פאַרטראַכט, ביטער, ווי צו זיך אַליין): יאָ... ערשט דריי וואָכן און אַביציע דאַוונט שוין נישט... פּיניע שרייט... חיים האָט דעם קאָלטן פאַרלאָזן... ערשט דריי וואָכן... אַזאַ מזל האָט זי... אַזאַ מזל האָט זי אין זיך געהאַט...

(חנה, קריינע און חיענע שווייגן פאַרטראַכטערהייט. פויזע).

(עס עפנט זיך די טיר. עס קומט אַריין יענטע די מלמדיכע).

יענטע: אַ גוטן אָוונט.

אַלע דריי (ווי זיי כאַפּן זיך אויף פון זייערע געדאַנקען): אַ גוט יאָר, אַ גוט יאָר.

חנה (שטייט אויף): זעצט זיך, יענטע, זעצט זיך.

יענטע (צוגייענדיק צום טיש, צו חנהן): באַמיט זיך נישט. זיצט, זיצט.

געקומען אויף אַ רגע. אַ בלעך געוואָלט לייען. ווייס איך? זעצן זיך אויף אַ רגע. (זי זעצט זיך ביים טיש. חנה זעצט זיך צוריק).

(פויזע).

יענטע: דער לאָמפּ רויכערט עפּעס. מען דאַרף פאַררוכטן דעם קנויטל.

חנה: שוין פאַרריכט. עס העלפט נישט.

יענטע (קוקט זיך אַרום, צו חנהן): וואָס האַלט איר דאָ די סאָפּקע?... אָן עבירה... דאָ וועט זי פאַרשמוציקט ווערן.

חנה: יאָ. מען דאַרף זי טאָקע צונעמען אין זאַל. דאָ איז אַזוי שמוציק. אַז מען איז אַ מאַזשניק. מען קומט פון דאַרף גלייך אין שטוב אַריין. אין דעם צימער. די כאָמוטן, די בייטש. יאָ. מען דאַרף טאָקע צונעמען...

(פויזע).

יענטע: און פון עטעלען האָט איר עפּעס ידיעות?... אַ, אַ בילד שיינע... מען האָט זיך שוין צו איר צוגעוווינט, פעלט זי איצט... אַלע אין שטעטל זאָגן עס... עס פעלט... מען זעט נישט עטעלען...

חנה (טרויעריק, ביטער, מיט פאַרדראָס): אַזאַ מזל האָט זי אין זיך... אַ מזל!...

קריינע: אַז גאָט גיט וועמען, איז שוין מיט דער פולער האַנט... אַלץ... (פאַרדראָסיק) יאָ... אַזאַ מזל...

חיענע (שטיל): יאָ... אַזאַ מזל...

יענטע: עפּעס אַז מען פלעגט זי זען, פלעגט מען זיך דערמאָנען אָן די אמהות... ווי אָן אַ צדקנית... די רביצין האָט טאָקע געזאָגט: „גיי טרעף ווו די דערגער שפּראָצן און ווו די קוויטן וואַקסן...“

קריינע (צינדט זיך אָן): וואָסי?... מאַזשניקעס זענען קיין מענטשן נישט?... ביי מאַזשניקעס טאָר נישט זיין אַזאַ ווי עטעלע?...

יענטע: גאָר... גאָר... ווער זאָגט עס?... אַדרבה... מאַזשניקעס קענען זיין נאָך פרימערע און בעסערע מענטשן ווי אַנדערע. גאָט איז מיט אייך... ווער זאָגט עס?... דאָס איז דאָך מער נישט ווי אַ גלייכווערטל... איר פאַר־שטייט?... אַ גלייכווערטל... איך זאָג מער נישט, אַז מען קען זי נישט פאַר־געסן... מען קען נישט פאַרגעסן עטעלען...

חנה (שטיל, פאַרטראַכט): יאָ... עטעלע...

קריינע (פאַרטראַכט, ווי פאַר זיך): עטעלע...

חיענע (שטיל, פאַרטראַכט): **יאָ... עטעלע...**

(מען זיצט. אַלע פאַרטראַכטע. פּויזע).

(פון הויף דערהערט זיך אַ טומל, אַ קריגערײַ. עס הערט זיך פּיניעס און אַביציעס קולות. דער טומל ווערט גרעסער. חנה, קריינע, חיענע און יענטע הייבן זיך אויף פון די ערטער).

יענטע (איילנדיק, פאַרקרייט): **איך וועל שוין מאָרגן קומען נאָכן בלעך.** (זי גייט גיך פון שטוב אַרויס).

(פון הויף הערט זיך ווי פּיניע שרייט: „איך וועל דיך הרגענען...” אַביציע שרייט: „פאַרך איינער...” און חיים שרייט: „עס קומט על־פּי דין...” דער טומל און די קולות אין הויף ווערן גרעסער. קענטיק, עס האָבן זיך דאָרט צונויפגעקליבן מענטשן. עס איז אַ טומל, אַ געשריי).

חנה (ביטער): **שוין אָנגעהויבן דײַן פּיניע און דײַן חיים.**

קריינע און חיענע (לויפן דורך די קיך אין הויף שרייענדיק): **דײַן אַביציע...**

חנה (בלייבט שטיין אַליין אין מיטן צימער): **רבונו של עולם, גאָט האַרציקער...**

אַביציע (קומט אַרײַן אַ צעהיצטער): **עז... שלאָגן וואַרפט ער זיך. מיט אַ האַליאָבליע... זײַן גליק, וואָס מען האָט אים נישט געלאָזן... איך וואָלט אים אויפן אָרט אַוועקגעלייגט.**

חנה (ביטער): **רבונו של עולם, גאָט האַרציקער... עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די האַרקערייען און די געשלעגן...**

אַביציע (צעהיצט): **ווײַטער דאָס פערד וויל ער... זאָג איך שוין אים: קום צו מענטשן... צום רב... ניין, דווקא דאָס פערד אים... ער וועט מיר אויסצאָלן, זאָגט ער, אָבער דאָס פערד אים... דאָס פערד... עס איז דאָך אַ צאַצקע, נישט קיין פערד... ער וועט צינדן... ער וועט שלאָגן... זאָגט ער אָבער דאָס פערד וועט ביי מיר נישט זיין... זאָל ער... מיר וועלן זען... עז, פּאַרך איינער...**

(דער טומל אין הויף, וועלכער איז אויף אַ ווײַלע שטילער געוואָרן, ווערט ווידער העכער, מיט געשרייען. פּיניע שרייט: „לאָזט מיך, לאָזט מיך, אין שטוב צו אים... לאָזט מיך...” קענטיק מען ראַנגלט זיך דאָרט. מען לאָזט אים נישט. עס הערט זיך ווי קריינע שרייט: „אַחיים... נישט דורכן שטוב...”

דער טומל און די קולות ווערן גרעסער, נענטער. עס רייסט זיך אַריין אין קיך און פון קיך אין צימער אַריין פּיניע. זיין פּנים איז רויט, די אויגן ברענען. עס רינגלען אים אַרום קריינע, עטלעכע מאַנסבילן און אַ פּאָר ווייבער פון גאַס אָנגעלאָפענע, ווייזט אויס אויפן טומל. חיים איז אויך אין רעדל. מיט אַ פאַרפרייט, כעסדיקן פּנים, מיט זיינע קאַלטענעס הינטן. חיענע איז נעבן אים. פּיניע רייסט זיך צו אַביציען: „לאָזט מיך... לאָזט מיך..." מען ראַנגלט זיך מיט אים, מען שלעפּט אים צו דער טיר. חיים שרייט אויך: „ער איז גערעכט..." „על־פּי דין קומט..." „על־פּי דין..." חיענע היט אַ דערשראָקענע חיימען. פּיניע לאָזט זיך נישט פירן צו דער טיר, ראַנגלט זיך און שרייט: „לאָזט מיך, לאָזט מיך..." אַביציע שטייט אויף זיין אָרט פעסט, זיכער און שרייט: „לאָזט אים, לאָזט אים, זאָל ער נאָר צוגיין און אויפהייבן אַ האַנט". חנה פאַרשטעלט אַביציען, ווי זי באַשיצט אים פון דעם ראַנגלענדיקן רעדל. מיט שווערן ראַנגלען זיך מיט פּיניען פירט מען אים פון שטוב אַרויס. חיענע שטופּט חיימען מיט אַלעמען צוזאַמען פון שטוב אַרויס. חיים שרייט צו אַביציען ביי דער טיר: „לײדאַק אײנער!... דו האָסט דאָך פאַר גאָט קיין מורא נישט... דו דאַוונסט דאָך נישט..." חנה פאַרשפּאַרט נאָך אַלעמען די טיר. אַביציע זעצט זיך ביים טיש. חנה קומט פון טיר און זעצט זיך אויך ביים טיש. אַ שטומע, אַ טרויעריקע. פּויזע).

אַביציע (נעמט אומרויִק דרייען דעם לאָמפּ, זאָגט בייז): **וואָס ברענט ער אַזוי... אין אַלדי שוואַרץ יאָר... ער וועט דאָך די אויגן אויסעסן.**

חנה: **וואָס קען איך העלפן... איך האָב שוין מיט אים אַלץ געטון... עס ברענט נישט... אַ בראָך אויף אים, רבונו של עולם...**

אַביציע (אַלץ אויפגערעגט): **דאַרף מען אים גאָר פאַרלעשן. בעסער אין דער פינצטער זיצן...**

(ביי חנהן ווייזן זיך טרערן אין די אויגן).

אַביציע (ווייך): **וואָס וויינסטו? ער האָט דאָך מיך נישט געשלאָגן... זאָל ער נאָר פּרוּוון... וואָס וויינסטו?...**

חנה (ביטער): **גאָרנישט...** (זי ווישט די טרערן).

(פּויזע).

חנה (שטיל, מיט אַ געבעט): **אַביציע...**

אַביציע: **וואָס?**

חנה: דו דאַוונסט שוין ווייטער נישט...
אַביציע (אויפגערעגט): איך דאַוון...
חנה: ניין... איך זע... און אַלע זעען... דו מעסט נאָר די תפילין אָן און גאָר...
אַביציע: איך דאַוון וויפל איך קען... וואָס זאָל איך טון?... (ער שוויגט אַ ווײַלע און זאָגט אויפגערעגט, מיט כעס, הויך) עס דאַוונט זיך מיר נישט... כאָטש צערײַס זיך... איך קען נישט... עס דאַוונט זיך מער נישט... מער קען איך נישט...
(עס הערט זיך פון אַ צווייטן צימער, דורכן זאַל אַ געוויין פון אַ קינד אַ יאָר פינף. ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט זיך מיט אַ ביטערן געוויין. חנה הייבט זיך אויף געשווינד און גייט אַוועק אין זאַל צום קינד אַהין. עס הערט זיך ווי דאָס קינד וויינט און וואַרפט זיך. חנה שטילט עס איין מיט גוטן, מיט בייזן. דאָס קינד שוויגט אַ ווײַלע און הייבט ווידער אָן צו וויינען).
אַביציע (זיצט נעבן טיש. פּרוּווט דרייען דעם לאָמפּ. פאַרריכט אים. שטעלט אים לסוף אַוועק. קוקט אַרום דעם צימער אַרום זיך און פאַרטראַכט זיך, טרויעריק, ביטער).
חנה (קומט אין צימער אַרײַן. דאָס קינד שרייט אַלץ דאָרטן).
אַביציע (צו חנהן): וואָס שרייט ער?... וואָס וויל ער?...
חנה (אויפגערעגט): רוכערט זיך... דודל... שרייט...
אַביציע: קענסטו דאָך אים אײַנשטילן... באַרויקן... וואָס וויל ער?...
חנה (שוויגט).
אַביציע: וואָס וויל ער?...
חנה (מיט כעס און ביטער): וואָס וויל ער?... אַ טעלערל פון הימל וויל ער... אַ טעלערל פון הימל...
אַביציע: שטיל אים איין... גיב אים... גיב אים וואָס... וואָס וויל ער?...
חנה (בייז): האָט זיך פונאַנדערגעוויינט פון העלער הויט... משוגע געוואָרן... עטעלען האָט זיך אים אין מיטן פאַרוואָלט... עטעלען וויל ער... רבונו של עולם, וואָס האָט ער צו מיינע יאָרן...
(אַביציע לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און שוויגט. חנה שטייט אין מיטן שטוב אַ פאַרלוירענע. פויזע. עס דערהערט זיך עפּעס פון הויף אַ טעמפּ קלאַפּן, ווי מען קלאַפּט עפּעס טעמפּ אין וואַנט פון שטאַל און אַ שווערן סאָפּען און

כאָרכלען פון אַ חיה. אַביציע הערט זיך צו אַ ווײַלע און קוקט אַ פּלוצים־דיקע מחשבה איז אין זיין מוח אַריין. ער שרייט אויס: „אוי". הייבט זיך אויף און לויפט אין הויף אַרויס. חנה ווערט דערשראָקן. בלייבט שטיין אויף איר אָרט. רופט: „אַביציע, וואוהין לויפסטו?" זי לאָזט זיך אויך נאָך אים. אָבער דאָס קינד וויינט שטאַרק, לויפט זי אין זאַל, צום קינד. די סצענע בלייבט פוסט. עס הערט זיך פון הויף אַ טעמפּ קלאַפּן, ווי אין וואַנט פון שטאַל. און ווי חנה וויל איינשטילן דאָס קינד מיט גוטן, מיט בייזן: „שטיל, שטיל זאָל ווערן... וואָס האָסטו צו מיינע יאָרן... זי איז אַוועקגעפאָרן... נישטאָ עטעלע... שטיל זאָל ווערן... נו, טייערער... וויין נישט... איך בעט דיך, דודל... איך, דיין מאַמע, וועל זיצן נעבן דיר... טייערער, גוטער... דודל..." דאָס קינד ווערט שטילער... עס הערט זיך נאָר דאָס טעמפּע קלאַפּן אין שטאַל פון וואַנט).

אַביציע (קומט אַריין אַ דערשראָקענער, אַ בלייכער).

חנה (קומט אים אַנטקעגן): **וואָס, וואָס האָט געטראָפן?...**

אַביציע (טוט אַ מאַך מיט דער האַנט. זעצט זיך אַ בלייכער ביים טיש. שוויגט).

חנה (זעצט זיך אויך ביים טיש, אַ דערשראָקענע): **וואָס?... וואָס פאַר אַן אומגליק?... זאָג שוין...**

אַביציע (דערשלאָגן, ביטער): **ער האָט דאָך עס פאַרסמט... דער גזלן... פאַרסמט דאָס פערד...**

חנה: וואָס?... וואָס?... פאַרסמט דאָס פערד?!... (וויל לויפן אין הויף).

אַביציע: גיי נישט... מען קען עס נישט זען... עס מאַטערט זיך... ווי אַ מענטש נעבעך... גיי נישט...

חנה (זעצט זיך צוריק, הייבט אָן וויינען): **פאַרסמט דאָס פערד... אוי וויי...**

אַביציע (ביטער): **ווי האָט מען עס אַ האַרץ... איך קען נישט זען ווי עס גייט אויס... ווי אַ מענטש... ווי אַ מענטש נעבעך... אַ צער בעלי־חיים... וואָס איז די „סקאַטינע" שולדיק... ווי האָט מען עס אַ האַרץ...** (ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָן די הענט אַ שטומער, אַ ביטערער).

חנה (וויינט ביטער): **אוי וויי... אוי וויי...**

(פון צימער דאָרט הערט זיך ווי דאָס קינד האָט זיך ווידער פונאַנדער־
גערעשריען).

דאָס קינד (וויינט און רופט ביטער): **עטעלע... עטעלע... ווו איז עטע־
לע!!!... עטעלע!!!...**

(דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ פּאַמעלעך).

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָווושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן ציטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. גודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די יידן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע יידן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (לידער) (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה) (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאַנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (פּאָעמע)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ח. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56) שלום אַש — פעטערבורג (ראָמאַן)
57) שלום אַש — וואַרשע (ראָמאַן)
58) שלום אַש — מאָסקווע (ראָמאַן)
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן) ערשטער באַנד
62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן) צווייטער באַנד
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64—65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע"
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנ־גרעס, בוענאָס איירעס 1951)
66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראָצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)

71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... **(אויספאַרקויפט)**
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע **(אויספאַרקויפט)**
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאַנד, מעקסיקע 1951)
73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען **(אויספאַרקויפט)**
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאַנד אין סאַו־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)
74) **ד"ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פּאַריז
און ליטעראַטור־פרעמיע פון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו **(אויספאַרקויפט)**
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך
82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער **(ראָמאַן)**
84) **יוסף אַקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85־86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד"ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג **(זכרונות)**
89) **מ. ד. גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן
90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

ד"ר עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלען געשיכטע
שמעון האָראָנטשיק — אין געוויש פון מאַשינען **(ראָמאַן)**
גרשם באַדער — מיינע זכרונות **(קראָקע)**
יאָנאַס טורקאָוו — פאַרלאָשענע שטערן **(זכרונות)**
פועה ראַקאָווסקי — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין

עס גרייט זיך צום דרוק:

ב. מיכאַלעוויטש — זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט
מנשה אונגער — חסידות אין פּוילן און גאַליציע
ד"ר יעקב וויגאָדסקי — זכרונות פון אָקופּאַציע־יאָרן
ד"ר גרשון לעווין — דאָס בוך פון מיין לעבן
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — אַמאָל איז געווען
אברהם לעוו — אַ ליד נאָך אייך
משה זאַנשיין — „יידיש וואַרשע"
מיכאל מ. באָרוויטש — אַרישע פּאַפּירן
ד"ר א. מוקדוני — וואַרשע—לאָדזש **(זכרונות)**
י. הירשהויט — נאַפט־מאַגנאַטן
דניאל טשאַרני — אַ ליטוואַק אין פּוילן
אליהו דיזשור — יידן לויפן פון פּוילן **(זכרונות)**

דאָס פּױלישע ײִדנטום

★

מ. שענדעריי שרייבט וועגן זלמן שזרס בוך „שטערן פאַרטאָג" („די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס, 11טער פעברואַר 1953):

אין פלוג איז עס נישט מער ווי זכרונות פון מחברס קינדהייט און יוגנט אין ליטווישן שטעטעלע שטויבץ. דוכט זיך באַקאַנטע פיגורן: גבירים און קבצנים, סוחרים און וואַסער־טרעגער, לומדים און פּראָס־טאַקעס, קרעמער און בעלי־מלאכות, רבנים און אַנדערע כלי־קודש. שוין פאַראַן אויך נייע פיגורן: ציוניסטן, בונדיסטן און אַסימילאַנטן. די פּאַ־סירונגען זענען אויך היפּש באַקאַנט: מחלוקת און סכסוכים, מלחמה צווישן אַלט און ניי, שרעק פאַר פּאָ־גראָמען און זיפּצן. אונטערן יאָך פון גלות, סאָציאַליסטישע סכאָדקעס און ציוניסטישע קאָנפערענצן. קורץ, דער גאַנצער לעבנס־קנויל פון די לעצטע יאָרצענדליקער אונטערן צאַרישן רוסלאַנד. וועגן דעם אַלעמען האָט מען שוין ביי אונדז אַ סך, גאָר אַ סך געשריבן און עס דאַכט זיך, אַז עס איז שוין געבליבן ווייניק־וואָס מחדש צו זיין.

אָבער דאָס איז אַזוי נאָר אין פלוג. אין תוך גענומען איז עס גאָר, טאַקע גאָר אַנדערש. זייער ווייניקע האָט

זיך איינגעגעבן אייך צו מאַכן פילן דאָס שטעטלשע לעבן. אונדז דער־לויבן אַריינצודרינגען אין זיין תוך, אין די סאַמע טיפענישן פון אָט דער אויסטערלישער דערשיינונג, וואָס

ברעכט־דורך די פּינצטערניש פון איר אויסערלעכער פאַרוואָרלאָזטקייט, מיטן שימער פון איר אינערלעכער גייסטיקער פּראַכט.

אפשר איז עס דערפאַר, וואָס זלמן שזר פילט און מאַכט פילן דאָס געזאַנג פון שטעטלשן לעבן. אַ ציוניסט, אַ משכיל, אַ חב״דניק, פילט ער אין זיין אייגענער נשמה דאָס ריזלען פון אַלע דריי שטראָמען, וואָס דוכטן זיך אַזוי אויבנאויפיק, אַזוי פאַרשיידן, אָבער אין סאַמע עצם קומען ווי פון איין מקור און פליסן צו איין ציל: דערהויבונג פון יידישן לעבן. דאָס קען מען מיט ווערטער שווער דערקלערן. דאָס קען מען אָבער איבערגעבן מיטן ניגון, וואָס קלינגט אַרויס פון צווישן די ווערטער. דערפאַר, אפשר, רעדט שזר אין זיינע זכרונות אַזוי פיל וועגן ניגון.

פאַראַן אין בוך אַ קאַפּיטל „מיין זיידנס מתנה״, וואָס איז מער ווי אַ שליסל צום מחברס איבערלעבונגען; עס איז אַ סימבאָל פאַר דער גאַנצער ענדערונג אין יידישן לעבן פאַר די לעצטע זעכציק־זיבעציק יאָר. ז. שזר פאַרט־אָפּ קיין ארץ־ישראל — אין דער ציוניסטישער ארץ־ישראל — און דער זיידע, אַ פרומער חב״דניק, גייט אַרויס אים באַגלייטן ביז הינטער דער שטאָט. דער זיידע ווייסט, אַז דאָס אייניקל גייט אויף אַנדערע דרכים. ער פילט אָבער, אַז כאָטש זיינע וועגן זענען פאַרשיידן, זענען זיי אָבער נישט פרעמד. עס איז ווייטערדיקער המשך, ווען אַפילו אויף אַן אַנדער, לאָמיר זאָגן, פּאַראַלעלער ליניע, און אין מיטן פון אַ תורה־שמועס אין נגלה און נסתר, פאַלט־איין דעם זיידן צו פרעגן:

— מיין קינד, דעם ניגון פון „אַלטן״ רבין קענסטו גוט?

און ער אַנטוויקלט אַ גאַנצע טעאָריע וועגן ענין ניגון. ניגונים זענען פאַראַן פרעמדע און אייגענע. דעם פרעמדן ניגון קען מען פאַרגעסן. מען קען אים אַפילו זינגען און נישט פילן קיין טעם אין אים. אָבער „עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז דער ניגון קומט אַרויף צו יעדער צייט, ווען דער מענטש רופט אים אַרויס. דערביי פאַרשאַפט ער הנאה דעם מענטש יעדעס מאָל, ווען דער ניגון קומט צו אים. דאָס איז אַ צייכן, אַז דער ניגון איז זיינער, אַז זיין נשמה־שורש איז גענומען פון זעלבן מקור, פון וועלכן עס ציט זיך דער וואָרצל פון באַגערטן ניגון״.

און דאָ קומט דער זיידע צום פּראַקטישן אויספיר פאַר זיין אייניקל, וואָס לאָזט זיך אַוועק אויף ווייטע וועגן:

„און איצט זאָלסטו וויסן: מיר האָבן אַ קבלה, אַז דער ניגון פון „אַלטן״ רבין איז פון יענעם נשמה־שורש, פון וועלכן עס שטאַמען אַלע

נשמות פון חב״דער חסידים, אַזוי זיי און אַזוי זייערע אייניקלעך און אוראייניקלעך ביזן סוף פון אַלע דורות. ווען עס טרעפט אָבער, אַז אַן ערלעכער חסיד אָדער זיין קינד ווילן זיך דערמאָנען אין דעם ניגון און דער הייליקער ניגון באַהאַלט זיך פון אים אויס, — איז אַ סימן, אַז אין דער מינוט זענען זייערע וועגן פון לעבן פאַרדרייט געוואָרן... דאַרף ער מפשפש במעשים זיין תשובה טון... נישט אומזיסט, מיין קינד, ווערט דער דאָזיקער ניגון פאַרגעסן פון האַרץ; ער איז פאַר אונדז אַ מתנה און אַ פּרווושטייך. געדענק עס גוט, מיין זון!״

און שזר גיט־צו: „און זיין וווּנדערלעכע מתנה — איז פאַר מיר אַ מתנה ביזן היינטיקן טאָג״. עס איז אַ בילד, וואָס דערגייט צו דער מדרגה פון אַ סימבאָל. דער זיידע דער חסיד, וואָס גיט־מיט זיין אייניקל, דעם ציוניסט, אויף זיין נסיעה אין דער אַלט־נייער פאָלקס־היים דעם ניגון פון „אַלטן״ רבין, טוט נישט מער ווי די שליחות פון דורות: צוזויפרינגלען אין איין גאַנצקייט אַלע יידישע דורות, פון די סאַמע עלטסטע ביז צו די, וואָס וועלן דערגיין ביז דער סאַמע אייביקייט, ווייל אַלע קומען זיי פון איין קוואַל, פון מקור, פון עכטן אייגנאַרטיקן יידישן לעבנס־געזאַנג.

איז שוין דערפאַר קיין חידוש נישט, וואָס די העלדין פון צווייטן קאַפּיטל, די אָפּגעפרעמדטע וויעראַ יאַקאָווליעוונאַ, אַ יידישע טאָכטער, וואָס ווערט אַ רוסישע אָפּעראַ־זינגערין און קומט שפּעטער אין שטעטל אַריין אַלס פּרווי פון אַ יידישן דאָקטער, געפינט גיך אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיטן שטעטל, ווען אַפילו זי פאַרלאָזט נישט איר רוסיש, אָבער זי נעמט גיך איבער דעם חסידישן ניגון.

אָט ווי שזר גיט־איבער די מערקווירדיקע דערשיינונג:

„מיט פאַרמאַכטע אויגן און יידישער דביקות, אָנגעלענט אויפן טיש — האָט זי געזונגען און דערביי צוגעקנאַקט מיט די פינגער, גלייך ווי זי וואָלט געווען אַ חסידיסטע מלידה ומבטן. און דער ניגון אַליין איז ביי איר אַרויסגעקומען אַזוי שטאַרק פאַרבענקט, אַזוי רופנדיק און צוזאָגנדיק — אַז די נשמה איז אויסגעגאַנגען ביים הערן״.

לאַנגע יאָרן דערנאָך האָבן מיר געזונגען דעם ניגון ביי דעם שבת־דיקן טיש און האָבן אים גערופן: „דער דאָקטערשעס ניגון״, און דער מאלאסטאקער ישיבה־בחור, וואָס האָט געגעסן שבת אין הויז פון שזרס עלטערן, האָט דעם ניגון קונציק אַריינגעפּאַסט אין די ווערטער פון תהילים:

צמאה לך נפשי,
כמה לך בשרי.
עס דורשט צו דיר מיין זעל,
עס לעכצט צו דיר מיין לייב.
און שזר גיט־צו:

„בין איך נשתומם געוואָרן דער־פון, וואָס דער דאָזיקער ישיבה־מתבודד האָט אַזוי וווּנדערלעך פאַר־שטאַנען צונויפצופלעכטן דעם ניגון מיט אָט די הייליקע פסוקים. און זיי האָבן זיך אַזוי אמתדיק אַריינגע־פּאַסט, גלייך ווי זיי וואָלטן לכתחילה געשאַפן געוואָרן, כדי מזווג צו זיין זיך מיטן איינציקן און טייערן ניגון פון ווירא יאַקאָווליעווּנאַ".

און פאַרוואָס טאַקע נישט? סוף־כל־סוף זינגען דאָך אַלע יידישע דו־רות, כל־זמן זיי האָבן זיך נישט אָפּ־געריסן פון קוואַל, דעם ניגון פון אוראַלטן רביך, וואָס האָט פאַרסמט זיינע אָפּשטאַמער ביז דער סאַמע אייביקייט אַריין מיט בענקשאַפט און לעכצונג נאָך געטלעכקייט און דער־הויבנקייט.

ביי שזרן איז דער ניגון נישט עפּעס אַ ביי־זאַך. ער הערט אים אַרויס פון יעדער דערשיינונג אין יידישן לעבן. איז ער דערצו עפּעס מסביר, טוט ער עס „מיט אַ האַר־ציקן ניגון, וואָס איז אַריין אין די הערצער פון די צוהערער". „זאָגט אַ מגיד — צי אין שטויבץ צי אין תל־אביב — איז עס אַלע מאָל יע־נער ניגון, אויף יעדן פאַל — פון יענער ניגונים־פאַמיליע, אַ גע־קרייזלטער ניגון, וואָס שלענגלט זיך דורך זיין וועג ביז צום תהום פון דער נשמה, אַ בעטנדיקער און שטראָפנדיקער, אַ התנצלותדיקער און גלייכצייטיק אַזאַ, וואָס באַהערשט דאָס האַרץ".

און דער מאָדערנער מטיף, וואָס וויל זיך שוין באַפרייען פון „אַלט־מאָדישן" ניגון, קען עס טון בלויז אין די ווערטער; דער ניגון זינגט אַרויס פון זיין שטימע, ווי שזר זאָגט עדות, ווען ער שרייבט: „מיר האָט עס טאַקע פאַרכאַפּט דאָס האַרץ מיט דער נשמה בעת ער האָט אַוועק־געשטעלט אַזאַ האַרבע פראַגע מיט זיין זינגעוודיקן קול".

זלמן שזר קען אויפנעמען נישט נאָר דאָס ליד פון געזאַנג, נאָר אויך דאָס געזאַנג פון אַרבעט. אָט ווי אַזוי ער גיט אַ באַזינג יידישע האַרעפּאַש־ניקעס, וואָס אַנדערע חברים זיינע האָבן צוליב פּאַרטיי־ליניע באַדאַרפט פאַרקוקן: אָט איז אַ שטעלע, וואָס דאַרף פאַרגעדענקט ווערן:

„ווען איך האָב געלייענט, וואָס חברים שרייבן וועגן דעם פּאַראַזי־טיזם פון די גלות־יידן — און וועגן דעם, אַז זיי זענען אַלע לויטער מעקלערס און מנחם מענדלס... אוי, ווי איך האָב געבעטן מחילה אין האַרץ ביי איך, מיינע טייערע יידן

פון די יוגנט־יאָרן! איך האָב זיך דערמאָנט אין אייך, אַרבעטער פון שטויבצער „רום" (אַ נאָמען פון אַ טייך). איר, „קאַנאַפּאַטניקעס", לע־כער־פאַרשטאָפּער אין די שיפלעך־ווענט מיט פלאַקס און מיט שטריק... איך געדענק, ווי אַזוי איר פלעגט ליגן אויסגעצויגן אויפן רוקן; אייער פנים איז געווען געווענדט אַרויף, די שיף איז געווען איבער אייך, און אין אייערע הענט האָט איר געהאַלטן גרויסע הילצערנע דלאָטעס און איר האָט נישט אויפגעהערט אַריינצו־שלאָגן די פלאַקס־שטריקלעך אינעם שיף־שפּאַלט, פון פאַרטאָג ביז שפּעט פאַרנאַכט, קלאַפּנדיק און זינגענדיק מיט די ווינטן פון דעם ברוינעם טייך".

שזר גיט נישט בלויז אַ בילד פון לעבן אין שטעטל; ער כאַפּט אויך אויף זיין ניגון ,דאָס געזאַנג פון דאָזיקן לעבן, אַ סימפאָניע פון מע־שים און פון מעשים־טובים, וואָס איז אַזוי ברוטאַל איבערגעריסן גע־וואָרן.

שזרס פיינער געהער פאַרנעמט און מאַכט פאַרנעמען דעם לייענער דעם לעבנס־ניגון אַפילו פון „דומ־מים", פון שווייגנדיקע זאַכן און אָר־גאַניזאַציעס. אַזאַ אויפטו איז זיין קאַפּיטל איבער דער יִיקאַ־טעטיקייט אין רוסלאַנד. די יִיקאַ־ביוראָ אין פּעטערבורג ווערט באַצייכנט אַלס „דאָס מיניסטעריום פאַר גלות־וואַנ־דערונג". און שזר מאָלט אַ פּרעכ־טיק בילד פון דער פאַרצווייגטער טעטיקייט, וואָס די רייכע שווייגנדי־קע „מומע־יִיקאַ" האָט געפירט אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פון יִידישן לעבן אין רוסלאַנד. און נישט נאָר דאָס בילד גיט שזר, ער גיט אויך דעם פאַרהוילענעם ניגון, וואָס מאַס־קירט זיך אין שווייגן און שטרעבט דאָך, אפשר גאָר אונטערבאַוווסטזי־ניק, צו אַריינוועבן זיך אין דער אַל־געמיינער צוקונפט־סימפאָניע. לויט אַ ציוניסטישן יִיקאַ־טוער איז אויס־געקומען אַזוי: „די גאַנצע יִיקאַ־אַר־בעט, האָט ער געהאַלטן, איז פאַק־טיש און היסטאָריש גענומען נאָר אַ גרויסע אָנשטרענגונג צוצוגרייטן די מלוכהשע אָרדענונג פאַר דער מאַסן־עליה קיין ארץ־ישראל, וועל־כע וועט זיין אין דער צוקונפט".

פאַרמאַכט מען, נאָכן איבערלייע־נען דאָס דאָזיקע אינטערעסאַנטע און, מען קען אַפילו זאָגן, מערקווירדיקע בוך, האָט מען דאָס געפיל, אַז מען הערט נאָך די אָפּקלאַנגען פון דער דאָזיקער וווּנדערבאַרער סימפאָניע, וואָס האָט געהייסן דאָס יִידישע לעבן אין מזרח־אייראָפּע. עס איז אַן אָפּ־קלאַנג פון לעצטן אַקאָרד, וואָס וועט נאָך לאַנג קלינגען און זיך ווייט אָפּ־רופן אין אונדזער יִידישן לעבן אור־מעטום.

דעם מחבר, דעם איבערזעצער און דעם פאַרלאַג קומט אַ גרויסער יישר־כוח פאַר דער פיינער מתנה, וואָס זיי האָבן אונטערגעטראָגן דעם בעסערן יידיש־לייענער, וועלכער קען ביים לייענען דאָס בוך נאָכאַמאָל הערן די לעצטעווידערקלאַנגען פון די לעצטע אַקאָרדן פון אַ וווּנדער־באַרן יידישן לעבן, וואָס איז געווען און איז נישטאָ מער.

ג. סאָפּאָזשניקאָוו שרייבט וועגן בוך „משהלעך, יאָסעלעך און ישראליקלעך״, פון יאַנוש קאָרטשאַק („דער האַלץ־אינדוסטריאַל״, בוענאָס־איירעס, יולי 1950):

יאַנוש קאָרטשאַק... ווו געפינט מען ווערטער אויף אויסצודריקן די גרויסע גייסטיקע שיינקייט פון דער דאָזיקער ליכטיקער פערזענלעכקייט; ווי גיט מען דערפילן דעם טיפן פיין וואָס עס רופט אַרויס די דער־מאָנונג פון זיין לעבן פול מיט מסירת נפש און פון זיין טויט אויף קדוש השם?...

דער גרויסער וואָרט־מייסטער שלום אַש האָט אין זיין הקדמה צום בוך אים אָנגערופן „דער הייליקער דאָקטער״; אָבער עס האָט אַ נישט־יידישן ביי־טעם דער דאָזי־קער עפּיטעט פון הייליקייט; די יידישע אָרעמקייט פון וואַרשע, וועל־כע דער ד״ר קאָרטשאַק פלעגט באַ־דינען אַלס מעדיקער און היילן קראַנקע מיט זיין גוט וואָרט און וואַרעם בליק מער ווי מיט זיינע רעצעפּטן, פלעגט אים רופן דער למד־וואָווניק. און דאָס וואָס דאָס פאָלק פאַרשטייט אונטער דעם באַ־



גריף ל״ו צדיקים, אין זכות פון וועלכע עס ווערט אויפגעהאַלטן די זינדיקע ערד און אַלץ וואָס לעבט

אויף איר, האָט אַממערסטן געפּאַסט צום ד״ר קאָרטשאַק.

יאַנוש קאָרטשאַק איז גרויס אַלס פּעדאַגאָג. ער האָט געשאַפן אַ נייעם מעטאָד אין דער דערציאונג און אַ גאַנץ נייעם צוגאַנג צום קינד; ער איז אויך טאַלאַנטפול אַלס שריפטשטעלער, וואָס האָט אַן אייגנאַרטיקן סטיל, אַ טיפן בליק און אַ שעפערישן אינטעלעקט; אָבער צוגלייך מיטן ליטעראַט און פּעדאַגאָג איז גרויס דער צויבער פון זיין פּערזענלעכקייט; זיין גרויסע מאָראַלישע קראַפט, זיין דערהויבענער גייסט, זיין לעבן געווידמעט דעם יידישן קינד און זיין מאַרטירער־טויט, וואָס האָט באַקרוינט דאָס אומשטערבלעכע ווערק פון זיין לעבן.

דער ביישפּיל פון זיין לעבן, און דער ביישפּיל פון זיין טויט, וועלן אויף אייביק אַריין אין דער טראַגיק פון אונדזער געשיכטע. עס קומט אַ יישר־כוח דעם פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום" פאַרן אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך און פאַר באַקענען די ברייטע מאַסן פון יידיש־לייענער מיטן נאָמען יאַנוש קאָרטשאַק, אַ נאָמען וואָס דריקט אויס די הויכע גייסטיקע שטרעבונגען, וועלכע אונדזער פאָלק האָט געירשנט; אַ נביאים־ירושה אויסגעטראָגן דורך אַלע דורות און נסיונות און וואָס איז צום אויסדרוק געקומען אין די גרויסע נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע, סאָציאַלע און קינסטלערישע באַוועגונגען פון פּוילישן יידנטום. די רעדאַקציע האָט דעריבער זייער גוט געטון מיטן פאַרזען דאָס בוך מיט דריי איינלייטונגס־ווערטער פון שלום אַש, יצחק גרינבוים און מאַרק טורקאָוו, וועלכע גיבן אַן אַלזייטיקע פאָרשטעלונג, אויף וויפל ס'איז נאָר מעגלעך צו געבן אַ פאָרשטעלונג פון אַזאַ קאָמפּליצירטער און גייסטרייכער נאַטור, ווי דאָס איז געווען דער שעפער פון „משהלעך, יאָסעלעך און ישראליקלעך".

דער נאָמען יאַנוש קאָרטשאַק איז נישט נאָר אַריין אין אונדזער קולטור־לעבן, נאָר איז אַריין אין אונדזער נשמה ווי אַ סימבאָל פון דעם טראַגיזם, וואָס האָט געשטעמפּלט אונדזערע טריט אין פאַרלויף פון די לעצטע יאָרהונדערטער. געבוירן ביי אַ רייכער אַסימילאַטאָרישער פאַמיליע, באַקומען אַ העכערע בילדונג, האָט אין זיך איינגעזאַפּט די פּוילישע און אייראָפּעאישע קולטור און האָט ליב געהאַט די פּוילישע שפּראַך מיט דער זעלבער תמימותדיקער און אויפריכטיקער ליבע ווי די יידישע קינדער פון זיינע קאָלאָניעס. דער נאָמען יאַנוש קאָרטשאַק גייט אַריין אין דער פּוילישער ליטעראַטור און באַקומט אַן אַלגעמיינע און באַגייסטערטע אָנערקענונג. עס פּאַסט אים

אָבער נישט דער רום פון אַ ליטע־ראַרישער קאַריערע, ער פילט די פרעמדקייט פון דער פּוילישער סביבה און עס ציט אים צום יידישן לעבן און צו יידישע קינדער.

זיין צאַרט־פילנדיק האַרץ האָט שטענדיק געקלאַפּט מיט אַ טיפן געפיל און מיט אַ טיפער פאַרשטענ־דעניש פאַר קינדער־דערציאונג און זיין האַרמאָנישער גייסט געפינט אַ תיקון אין יידישן קינד און ער ווידמעט זיך אינגאַנצן דער דער־ציאונג פון אָרעמע קינדער. זיין אידעאַליסטישע נאַטור, וואָס האָט געשטרעבט צו סאָציאַלער גערעכטי־קייט, פאַרווירקלעכט זיינע פּרינציפּן פון אַבסאָלוטן יושר און מענטשן־ליבע אין דער מערקווירדיקער קינדער־רעפּובליק פון בית־יתומים אויף קראָכמאַלנע 92 און אין די זומער־קאָלאָניעס פאַר אָרעמע יידי־שע קינדער.

אויף יאָרן־לאַנג פאַרשליסט זיך קאָרטשאַק מיט די קינדער פון יתומים־הויז, רייסט איבער מיט דער אויסערלעכער וועלט און ווערט אַ פאָטער־און־מוטער פאַר די, ביי וועלכע דער טויט האָט פריצייטיק צוגענומען זייערע עלטערן. נאָר מיטן כוח פון גרענעצלאָזער ליבע צום קינד האָט יאַנוש קאָרטשאַק גע־קענט אַזוי טיף אַריינדרינגען אין די קינדערישע הערצער, און זיינע דער־ציילונגען פון אינטערנאַט און פון די קאָלאָניעס. זיינע טיפע פּסיכאָלאָגישע באַאָבאַכטונגען, זיין פּשוטער און וואַרעם־האַרציקער סטיל, זיינע ווונ־דערבאַרע שילדערונגען פון קינדער־לעבן, האָבן פאַרפעסטיקט דעם פּרעסטיזש פון זיין הייליקן נאָמען אַלס אומפאַרגלייכלעכער לערער און פאָטער, אַ ליבער און האַרציקער פריינט פון יידישן קינד און אַלס גרויסער מייסטער פון... פּוילישן וואָרט.

אָבער זיין פּערזענלעכקייט וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ טיפער מענטשן־ליבע איז אַ יידי־שע, דער גייסט פון מסירת נפש פאַר די תינוקות של בית רבן און פאַר די יתומים איז אַ יידישער, זיין שטרעבונג צו גערעכטיקייט און פרייהייט ווי ער האָט עס פּראַקטי־צירט אין זיין קינדער־רעפּובליק איז אַ נביאיש־יידישע, און ענדלעך זענען זיינע העלדן יידישע קינדער, די טעמע איז די יידישע נויט, דאָס יידישע לעבן, מיט וועלכע קאָרטשאַק איז געווען פאַרבונדן דורך אַלע פיבער פון זיין האַרצן.

אַזוי שרייבט יאַנוש קאָרטשאַק. מיט די פּשוטסטע ווערטער ברענגט ער אַרויס די טיפסטע כאַראַקטער־שטריכן, מיט די איינפאַכסטע שטריכן מאָלט ער זיינע קינדער־טיפּן און מיר זעען פאַר זיך אין

פערספעקטיוו די צוקינפטיקע מענטשן. ער ווייזט ווי דער כאַראַקטער ווערט פאָרמירט, ווי ס׳ווערט קאָנסטרואירט די מענטשלעכע פערזענלעכקייט דורך דער ווירקונג פון די ירושה־עלעמענטן און דורכן איינפלוס פון דער אַרומיקער סביבה. און קאָרטשאַק שילדערט נישט זיינע קינדער, ווי אַ זייטיקער באַאָבאַכטער, נאָר ווי אַ טרייער פאָטער וואָס פרייט זיך שטיל מיט מעלות פון זיינע קינדער, וואָס ליידט פון זייערע חסרונות, וואָס פילט זייער ביטערע מערכה.

דערפאַר איז זיין שילדערונג אַזוי וואָרהאַפטיק און איבערצייגנדיק, און דערפאַר איז אַזוי ווירקנדיק זיין פעדאַגאָגישע סיסטעם, וואָס איז געבויט אויפן פרינציפ פון אַ פרייען און פריינטלעכן צוזאַמענלעבן, ווו יעדן יחיד ווערט געגעבן אַ געלעגנהייט אויף זיין אופן און מיט זיינע מיטלען צו זיין נוצלעך דעם קאָלעקטיוו.

ווען די נאַצי־בעסטיע האָט פאַראָרדנט צו ליקווידירן דעם יתומים־הויז, האָט קאָרטשאַק באַגלייט די קינדער אין די גאַז־קאַמערן און האָט אויפן וועג זיי געשטילט און באַרואיקט. ער האָט געקענט זיך ראַטעווען, נאָר נישט געוואָלט. מיט די יידישע קינדער האָט ער געלעבט, מיט זיי איז ער געשטאָרבן אויף קידוש־השם, האָט אַזוי אַרום געטיילט דעם גורל פון זיין פאָלק און איז ביזן סוף געגאַנגען דעם יידישן וועג פון „אויב נישט נאָך העכער” און דערגרייכט די העכסטע מדרגה...

איינער פון אונדזער פאָלק האָט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק „זיך מקריב געווען פאַר דער מענטשהייט” — האָט מען אים געמאַכט פאַר אַ גאָט; יאַנוש קאָרטשאַק האָט זיך מקריב געווען פאַר אַ קינדערישער טרער, ער האָט זיינע יתומים באַגלייט אויף זייער שוידער־וועג צום טויט און מיט זיין ליבע אויסגעקושט די טרערן פון די אומשולדיקע קינדערישע אויגן — ווער איז גרעסער?...

מיר זענען אומבאַהאָלפן געווען צו פאַרהיטן זיין לעבן. יאַנוש קאָרטשאַק איז אַוועק מיט די זעקס מיליאָן. געבליבן איז נאָר זיין נאָמען און זיין ווערק, וואָס קומט צוריק אין שויס פון פאָלק און וועט לעבן ווי אַ מאָנונג פאַרן אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט און ווי אַן אָנדענק עד סוף כל הדורות.

BANCO ISRAELITA del RIO DE LA PLATA

CORRIENTES 2348
BUENOS AIRES

בוענאָס־אײַרעס, דעם 10טן יאַנואַר 1953

צו דער לייטונג פון דעם פאַרלאַג בײַם
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע
שׂ מ אָ ט

ווערטע חשובֿע פֿרײַנד:

עס איז פֿאַר אונדז אַ פֿאַרגעניגן אײַך צו מעלדן, אַז אין הסכּם מיט דער פּראַפּאָזיציע פֿון אונדזער באַנק צו שטיצן דאָס ייִדישע קולטור־לעבן אין אַרגענטינע, האָט אונדזער דירעקטאָריום באַשלאָסן צו סובסידירן די אויסגאַבע פֿון די געזאַמלטע ווערק פֿון דעם מחבר פֿון ר׳ אַבאַ, דעם פֿאַר אונדז אומפֿאַרגעסלעכן פֿאָלקס־שרײַבער ז.י. אַנוכי. זײַנע ווערק וועט דאַרפֿן דערשײַנען אַלס 90סטער באַנד פֿון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום“, וואָס איר פֿאַרבאַנד גיט אַרויס.

דער עלטערער דור פֿון אונדזער ישוב דערמאָנט זיך גוט די גרויסע השפּעה, וואָס ז.י. אַנוכי האָט געהאַט אויף דער קולטור־אַנטוויקלונג פֿון אונדזער נאָך דאַן אַזוי יונגען ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע בעת זײַן באַזוך דאָ מיט העכער 30 יאָר צוריק. דער דאָזיקער באַזוך פֿאַלט זיך צונויף מיט דער פֿאַר אונדז אַזוי וויכטיקער דאַטע פֿון דער גרינדונג פֿון אונדזער ייִדישער פֿאָלקס־באַנק.

מיר האַלטן דעריבער, אַז דורך אײַער באַשלוס אַרויסצוגעבן די ווערק פֿון ז.י. אַנוכי דערפֿילט איר אַ וויכטיקע קולטור־שליחות צו דערמאָנען דעם באַליבטן שרײַבער דעם עלטערן דור אונדזערן און וועט מיט אים באַלײַכטיק באַקענען אונדזער יונגערן דור מיט דער ייִדישער יוגנט אויך די שפּעטער אײַנגעוואַנדערטע ייִדישע מאַסן.

עס פֿרייט אונדז דעריבער צו קענען ביטראָגן אונדזער חלק בײַם רעאַליזירן די דאָזיקע אַזוי וויכטיקע אויפֿגאַבע, וואָס איער פֿאַרלאַג האָט אויף זיך גענומען.

ווינטשענדיק אײַך דערפֿאָלג אין אײַער ווײַטערדיקער טעטיקייט, אַז איר זאָלט בקרובֿ פֿײַערן די אויסגאַבע פֿון דעם 100סטן באַנד פֿון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום“, פֿאַרבלײַבן מיט

גרוס און דרך־ארץ

[signature]
דוד הירש
פּרעזידענט

[signature]
משה הידערמאַן
סעקרעטאַר

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Tomo 90

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el Depósito que marca la Ley

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA CINCO DE JUNIO DE 1953 EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE GASCON 1231, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.

Z. I. ONOCHI

REB ABBA

OBRAS ESCOGIDAS

★

Editado por
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA

Buenos Aires ,1953